STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05628

DI HITLERISTISHE POLITIK FUN YIDN-FARNIKHTUNG IN DI YORN 1939-1945

Artur Eisenbach

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Malcolm & Estelle Newman
in memory of
Nathan & Clara Glotzer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אייזענבאַך

די היטלעריסטישע פּאָליטיק פון יידן־פאַרניכטונג אין די יאָרן 1939—1945 ווי אַן אויסדרוק פון דייטשישן אימפּעריאַליזם

יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין פּוילן

א. אײזענבאַך

די היטלעריסטישע פּאָליטיק פון יידן־פאַרניכטונג

אין די יאָרן 1939-1945

ווי אַן אויסדרוק פון דײַטשישן אימפּעריאַליזם

ערשטער באַנד

פאַרלאַג „יידיש בוך" ווארשע 1955

A. EISENBACH

HITLEROWSKA POLITYKA EKSTERMINACJI ŻYDÓW
W LATACH 1939 — 1945
JAKO JEDEN Z PRZEJAWÓW NIEMIECKIEGO IMPERIALIZMU

tom I

Redaktor: B. MARK

רעדאַקטאָר: ב. מאַרק

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 3622. Nakład 5.500 egz. Druk ukończono w czerwcu 1955 r. Drk. druk. 14.
Ark. wydawn. 12. Papier rotogr. VII kl. 61 x 86 cm. 65 g.
Druk RSW „Prasa“, Warszawa, Tarczyńska 8 B-6-50957

אַרייַנפיר־וואָרט

דער ציל פון דער דאָזיקער אַרבעט איז צו דערווייזן, אַז די היטלעריסטישע עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי די ייִדן אין פּעריאָד פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געווען איינע פון די דערשייַנונגען פונעם רויבערישן דייטשישן אימפּעריאַליזם. די אַרבעט באַשעפטיקט זיך מיטן פאָרשן און אויפקלערן די גענעזיס און די באַזונדערע עטאַפּן פון דער פעלקערמערדערישער פּאָליטיק פונעם דייטשישן פאַשיזם לגבי די ייִדן.

די גרונט־הנחה פון אונדזער אַרבעט איז די טעזע, אַז דאָס אונטעריאָכן און דאָס באַוווּסטזיניקע אויסראָטן פון גאַנצע פעלקער און ראַסן איז ענג פאַרבונדן מיטן וועזן און מיט די צילן פון אימפּעריאַליזם.

די געשיכטע פון קאָלאָניאַלע דעראָבערונגען אינעם ערב־מאָנאָפּאָליסטישן פּעריאָד קען פאַרשיידענע פאָרמען און רויב־מעטאָדן פון פעלקער־פאַרקנעכטונג און אויסראָטונג, מיט וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות האָבן זיך באַנוצט, בכדי צו דעראָבערן און פאַרשטאַרקן זייער הערשאַפט איבער פרעמדע טעריטאָריעס. די רויבערישע חיילות, אַרייַנרייַסנדיק זיך אין די קאָלאָניעס, האָבן דאָרט פאַרשפּרייט די „אייראָפּעישע ציוויליזאַציע" מיט פייַער און שווערד, זיי האָבן פאַרברענט ישובים, די אָרטיקע באַפעלקערונג אונטערדריקט אָדער פולשטענדיק פאַרטיליקט. מיט דער הילף פון אַזעלכע פאַרברעכערישע מעטאָדן האָבן ענגלאַנד, אַמעריקע, פראַנקרייַך און אַנדערע מלוכות אויסגעברייטערט די גרענעצן פון זייערע אימפּעריעס.

אָבער „די קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק פון די פריערדיקע סטאַדיעס פונעם קאַפּיטאַליזם — ווי וו. לענין האָט אויפגעקלערט — אונטערשיידט זיך אויף אַ וועזנטלעכן אופן פון דער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק פונעם פינאַנס־קאַפּיטאַל".[1]

[1] וו. לענין: אויסגעוויילטע ווערק (פּוילישע אויסגאַבע), ב. XXII, ז. 297.

אין דער מאָנאָפּאָליסטישער סטאַדיע פון קאַפּיטאַליזם, ווען די פאַנאַנדערטיילונג פון דער וועלט איז שוין פאַרענדיקט געוואָרן, שטרעבן די אימפּעריאַליסטישע מלוכות צו פאַרכאַפּן נישט בלויז קאָלאָניאַלע לענדער, נאָר אויך אינדוסטריעל־אַנטוויקלטע אייראָפּעישע לענדער און זייערע פעלקער צו אונטעריאָכן [2]. דער קאַמף פון די גרויסע מלוכות וועגן אַ נייער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פאַנאַנדערטיילונג פון דער וועלט שאַפט אַ גאַנצע ריי איבערגייענדיקע פאָרמען פון מלוכהשער אָפּהענגיקייט: „דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר דער דאָזיקער עפּאָכע זענען נישט בלויז די צוויי גרונט־גרופּן פון מלוכות, וואָס הערשן איבער קאָלאָניעס און די קאָלאָניעס גופא, נאָר פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען פון אָפּהענגיקע מלוכות, וואָס זענען פּאָליטיש פאָרמעל סוווערען און פאַקטיש אַרומגענומען מיט אַ נעץ פון פינאַנסיעלער און דיפּלאָמאַטישער אָפּהענגיקייט" [3].

דער דאָזיקער סיסטעם, וואָס ווערט פאַראַלגעמיינערט אין פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם, טראָגט אין זיך אַ גרויס געפאַר פאַר דער זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ פון די פעלקער. דער אימפּעריאַליזם האָט פאַנאַנדערגעטיילט די וועלט אויף אַ קליינער גרופּע מעכטיקע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות פון הערשנדיקע פעלקער און אויף אונטערדריקטע פעלקער — קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע מלוכות, וואָס ווערן אויסגענוצט דורכן פינאַנס־קאַפּיטאַל.

אין קאַמף פאַר אַ נייער וועלט־פאַרטיילונג איז דער קאַפּיטאַליזם ווייט אַרויס פון די ראַמען פון נאַציאָנאַלע גרענעצן און איינגעשטעלט אַ סיסטעם, לויט וועלכער איינציקע פעלקער אונטערדריקן אַנדערע. וו. לענין האָט אויפגעקלערט, אַז „דער קאַפּיטאַליזם, וואָס איז אין דער צייט פון קאַמף קעגן פעאָדאַליזם געווען אַ באַפרייער פון פעלקער, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אימפּעריאַליסטישן קאַפּיטאַליזם, וואָס איז דער גרעסטער אונטערדריקער פון פעלקער" [4]. די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע בורזשואַזיע האָט זיך געענדערט, זי איז געוואָרן רעאַקציאָנער, זי האָט פאַרוואָרפן די פאָן פון דעמאָקראַטישער פרייהייט און סוווערענער פעלקער־רעכט און צעטראָטן די פּרינציפּן פון גלייכע רעכט פון מענטשן און פעלקער [5].

---

[2] ד.צ.וו., ז. 307.

[3] ד.צ.וו., ז. 300.

[4] וו. לענין: סאָציאַליזם און מלחמה (פּוילישע אויסגאַבע), וואַרשע 1950, ז. 75.

[5] י. סטאַלינס רעדע אויפן XIX צוזאַמענפאָר פון ק.פּ.ר.פּ., 5.10.1952, „נאָווע דראָגי".

דער אימפעריאַליזם איז דעריבער די גרעסטע געפאַר פאַר דער אומאָפּהענגיקער עקזיסטענץ פון די פעלקער, פאַר זייער פרייהייט און סוווערעניטעט. „די פּאָליטישע איינשאַפט פונעם אימפעריאַליזם איז די רעאַקציע אויף דער גאַנצער ליניע און דאָס פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג“ [6]. די דאָזיקע אונטערדריקונג טרעט אַרויס אין פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען פון ראַסן־ און פעלקער־דיסקרימינאַציע, אין דער פּאָליטיק פון אונטערייאָכן און פאַרניכטן פעלקער. אין שייכות מיט דעם איז אין דער דאָזיקער פּעריאָד שטאַרק געוואַקסן די באַדייטונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דער לעניניזם טראַקטירט דערפאַר די נאַציאָנאַלע און קאָלאָניאַלע פראַגע נישט באַזונדער נאָר אין פאַרבינדונג מיטן פּראָבלעם פון אַראָפּוואַרפן דעם אימפעריאַליזם.

די סיבות און די קוואַלן פון דער אימפעריאַליסטישער פּאָליטיק אין די צווישנפעלקערישע באַציִונגען ווערן פאַר אונדז פאַרשטענדלעך אין ליכט פון דער ווירקונג פון דעם גרונטיקן עקאָנאָמישן געזעץ פון היינטצייטיקן קאַפּיטאַליזם, וואָס איז פאָרמולירט געוואָרן דורך י. סטאַלין. איינע פון זיינע כאַראַקטעריסטישע שטריכן איז דאָס פאַרזיכערן דעם מאַקסימאַלן קאַפּיטאַליסטישן פּראָפיט דורך אונטערדריקן און סיסטעמאַטישן באַרויבן פעלקער פון אַנדערע לענדער. „טאַקע די נויטווענדיקייט אַרויסצובאַקומען מאַקסימאַלע פּראָפיטן, — שרייבט י. סטאַלין אין „די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם אין פסס״ר“, — שטויסט דעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם צו אַזעלכע ריזיקאַלישע שריט, ווי דאָס אונטערייאָכן און סיסטעמאַטיש באַרויבן די קאָלאָניעס און אַנדערע אָפּגעשטאַנענע לענדער, ווי דאָס פאַרוואַנדלען אַ ריי אומאָפּהענגיקע לענדער אין אָפּהענגיקע, אָרגאַניזירן נייע מלחמות, וועלכע זיינען פאַר די רעדלפירער פונעם היינטצייטיקן קאַפּיטאַליזם דער בעסטער „ביזנעס“ אַרויסצובאַקומען די מאַקסימאַלע פּראָפיטן, און לסוף באַהערשן עקאָנאָמיש די וועלט“ [7].

דער אַלגעמיינער קריזיס פון דעם אַלוועלטלעכן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם האָט פאַרשאַרפט אַלע אויסערלעכע און אינערלעכע קעגנזאַצן פון די אימפעריאַליסטישע מלוכות. דער פינאַנס־קאַפּיטאַל האָט געזוכט אַן אויסוועג פונעם קריזיס אינעם פאַרשטאַרקן די פּאָליטישע רעאַקציע, אינעם איינשטעלן אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור, אינעם צוגרייטן אַ נייע רויב־מלחמה. דער פאַשיזם, וואָס איז אינעם צווישן־מלחמה־פּעריאָד אַנטשטאַ-

[6] וו. לענין: אויסגעוויילטע ווערק, ב. XXII, ז. 377.

[7] י. סטאַלין: עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם אין ראַטנפאַרבאַנד (פּוילישע אויסגאַבע), וואַרשע 1952, ז. 43.

נען אין איניקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אַלס פּועל־יוצא פֿון דער באַזונדערקייט פֿון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פֿון די דאָזיקע לענדער, האָט זיך באַפֿעסטיקט אַדאַנק דער אונטערשטיצונג פֿונעם גאַנצן לאַגער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע. די מערב־מלוכות האָבן געשטיצט דעם פֿאַשיזם, טראַקטירנדיק אים אַלס „גוטן קעגנגיפֿט" לגבי די „געפֿערלעכע" רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פֿונעם אַרבעטער־קלאַס און אַלס בעסטע מיטל צו דערשטיקן די באַפֿרייונגס־באַוועגונג פֿון די אָפּהענגיקע און קאָלאָניאַלע פֿעלקער.[8]

די אַנטוויקלונג פֿון פֿאַשיזם און די פֿאַשיסטישע דיקטאַטור נעמט אָן — ווי ס'האָט אויפֿגעקלערט דימיטראָוו אויפֿן VII קאָנגרעס פֿונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל — אין פֿאַרשידענע לענדער פֿאַרשידענע פֿאָרמען, אָפּהענגיק פֿון די היסטאָרישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, פֿון די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן און פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע פֿונעם געגעבענעם לאַנד. אויך די קוואַלן פֿונעם היטלעריזם דאַרף מען זוכן אין די ספּעציפֿישע אַנטוויקלונגס־באַדינגונגען פֿונעם דייטשישן אימפּעריאַליזם און אין זיינע ספּעציפֿישע כאַראַקטער־שטריכן. ערשט דעמלט וועט מען קענען פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס דער דייטשישער פֿאַשיזם איז צו יענער צייט געווען דער צוממיינסטן רויבערישער און מערדערישער, און זיינע האַנדלונגס־מעטאָדן די צוממיינסטן בעסטיאַלישע פֿון צווישן די אַנדערע מיטצייטלערישע שאַטירונגען פֿונעם אימפּעריאַליזם. דאָס איז אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט, בכדי אויסצוגעפֿינען די וואָרצלען פֿון דער היטלעריסטישער פֿעלקערמערדערישער פּאָליטיק, פֿון די אימפּעריאַליסטישע פּלענער אויסצוראָטן גאַנצע פֿעלקער און פֿאַרניכטן זייער קולטור.

דער היטלעריסטישער רעזשים איז איינגעפֿירט געוואָרן דורך די מאָנאָפּאָליסטישע דייטשישע גרופּן ביי דער פֿולער אָפּראָבאַטע פֿון די דעמלטיקע רעגירנדיקע קרייזן פֿון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות. דאָס פֿאַשיסטישע דייטשלאַנד איז געוואָרן דער וויכטיקסטער שטורעם־כּוח פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע אין אייראָפּע, עס איז געוואָרן די הויפּט־נעסט פֿון דער נייער מלחמה און פֿון פֿאַרשטאַרקטער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. די שטרעבונג צו הערשן איבער דער וועלט איז געוואָרן דער תּמצית פֿון דער פּאָליטיק פֿון פֿאַשיסטישן דייטשלאַנד. פֿון דער עקספּאַנסיע־פּאָליטיק פֿון דייטשישן אימפּעריאַליזם זענען אַרויסגעוואַקסן די מערדערישע פּלענער פֿון אונטעריאָכן אַלע אייראָפּעישע פֿעלקער. די פֿאַר-

[8] קורצער קורס פֿון אלקפּ(ב) (פּוילישע אויסגאַבע), וואַרשע 1949, ז. 378.

מען און מעטאָדן פון אונטעריאָכן פעלקער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן — צוליבן פאַרטיפן זיך פון די גרונטיקע קאַפּיטאַליסטישע קעגנזאַצן — אין אַ אַלגעמיינער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק.

בכדי צו פאַרלייכטערן זיך דאָס רעאַליזירן די אַוואַנטוריסטישע און מערדערישע פּלענער, וואָס זענען געווען געווענדט קעגן די סאָוועטנע איי־ראָפּעיִשע פעלקער, און בכדי צו באַרעכטיקן זיין כלומרשטע רעכט צו הערשן איבער דער וועלט, האָט דער דייטשישער אימפּעריאַליזם אויסגעשמידט אַ נייע אידעאָלאָגיש געווער, פון וועלכן די וויכטיקסטע עלעמענטן זענען געווען די ראַסיסטישע און געאָפּאָליטישע „טעאָריעס". מיט ענלעכע פעלקער־מערדערישע „טעאָריעס" באַנוצן זיך היינט די אידעאָלאָגן פונעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, בכדי צו באַגרינדן די פּרעטענסיעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו הערשן איבער דער וועלט.

דאָס, וואָס די דייטשישע אימפּעריאַליסטישע הערשער האָבן זיך אין דער אינערלעכער פּאָליטיק געמוזט באַנוצן מיט טעראָריסטישע מעטאָדן און אין דער אויסערן־פּאָליטיק — מיט אַוואַנטוריסטישע מעטאָדן, איז געווען אַ סימפּטאָם נישט פון כוח, נאָר פון שוואַכקייט. דער זיג פונעם פאַשיזם אין דייטשלאַנד — האָט י. סטאַלין אויפגעקלערט אויפן XVII צוזאַמענפאָר פון דער אלקפּ(ב) — דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס סימפּטאָם דערפון, אַז די בורזשואַזיע איז שוין נישט אימשטאַנד איינצוהאַלטן די מאַכט מיט דער הילף פון אַלטע מעטאָדן און איז געצוווּנגען זיך צו באַנוצן מיט בעסטיאַלישע מעטאָדן פון הערשן.[9]

דאָס פאַרטיפן זיך פון דער גרונטיקער אייגנשאַפט פון אימפּעריאַליזם — פון זיין פּאַראַזיטישן און פוילנדיקן כאַראַקטער — געפינט אין דער דאָזיקער פּעריאָד אַן אויסדרוק נישט בלויז אין דער מיליטאַריזאַציע פון דער עקאָנאָמיק, נאָר אויך אין דער מיליטאַריזאַציע פון דער וויסנשאַפט און טעכניק. אַלס סימפּטאָם פון דער פּאַראַזיטישקייט איז געווען דאָס אונטעראָרדענען און אויסנוצן דורכן דייטשישן פאַשיזם די וויסנשאַפט — ווי עס געשעט איצט אין אַ ברייטערן מאַסשטאַב אין די פאַראייניקטע שטאַטן — פאַר באַרבאַרישע מלחמה־צילן און פאַר אויסראָטן מיליאָנען מענטשן. די וויסנשאַפט און די טעכניק זענען מאָביליזירט געוואָרן אויסצואַרבעטן די בעסטיאַלישע מעטאָדן און מיטלען פאַר מאַסנווייזער פאַרניכטונג פון דער ציווילער באַפעלקערונג.

מיטן איינשטעלן די פאַשיסטישע דיקטאַטור אין דייטשלאַנד איז דעריבער פאַר פיל פעלקער אַנטשטאַנען אַ נייע ערנסטע סכנה פאַר זייער

[9] י. סטאַלין: פּראָבלעמען פון לעניניזם, וואַרשע 1947, ז. 400.

סוווערעניטעט און נאַציאָנאַלן לעבן, פֿאַר זייער פֿיזישער עקזיסטענץ, און קודם־כּל פֿאַרן פּוילישן פֿאָלק און פֿאַר אַנדערע סלאַווישע פֿעלקער. דעם היטלערישן דייטשלאַנד האָט זיך צייטווייליק פּאַקטיש איינגעגעבן צו אונטעריאָכן די סחווערהענע איראָפּעישע פֿעלקער. אין אַ גרויסער מאָס האָט דאָ צוגעהאָלפֿן דער רעאַקציאָנערער לאַגער און דער נאַציאָנאַלער פֿאַראַט פֿון דער בורזשואַזיע אין די אָקופּירטע לענדער.

„די דייטשישע דעראָבערער האָבן פֿאַרקנעכטעט די פֿעלקער פֿון איי־ראָפּעישן קאָנטינענט, — האָט י. סטאַלין געזאָגט אויף דער פֿייערלעכער זיצונג פֿון מאָסקווער דעלעגאַטן־ראַט, וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם 6־טן נאָוועמבער 1941. — פֿון פֿראַנקרייך ביזן באַלטיק, פֿון נאָרוועגיע, דענע־מאַרק, בעלגיע, האָלאַנד און סאָוויעטישן ווייסרוסלאַנד ביז די באַלקאַנען און סאָוויעטישער אוקראַינע, באַרויבנדיק זיי פֿון די עלעמענטאַרע דעמאָ־קראַטישע פֿרייהייטן, באַרויבנדיק זיי פֿון דער רעכט צו דעצידירן וועגן זייער אייגענעם גורל, צוגערויבט בײַ זיי דאָס ברויט, פֿלייש, רוישטאָפֿן און זיי פֿאַרוואַנדלט אין זייערע קנעכט. די דעראָבערער האָבן געקרייציקט פּוילן, טשעכיע, סערביע און געהאַלטן, אַז הערשנדיק אין איראָפּע, קאָנען זיי שוין אויך איינשטעלן די הערשאַפֿט פֿון דייטשלאַנד איבער דער גאַנ־צער וועלט. בײַ זיי האָט דאָס געהייסן „די נײַע אָרדענונג אין איראָפּע“[10]

אָבער דווקא דאָס פֿאַרקנעכטן פֿיל איראָפּעישע פֿעלקער דורכן דײַ־טשישן פֿאַשיזם און דאָס אָנווענדן פֿעלקערמערדערישע מעטאָדן, כּדי צו פֿאַרפֿעסטיקן זײַן מאַכט, האָט אין די דערמאָנטע לענדער אַרויסגערופֿן אַ קאָמפּראָמיסלאָזן באַוואָפֿנטן קאַמף קעגן די היטלעריסטישע אָקופּאַנטן, קאָנסאָלידירט די אַנטיהיטלערישע קאָאַליציע, בראש פֿון וועלכער עס איז געשטאַנען דער ראַטנפֿאַרבאַנד. דער היסטאָרישער נצחון פֿון דער העלדישער סאָוויעטישער אַרמיי האָט אָפּגעראַטעוועט פֿון פֿיזישער פֿאַר־ניכטונג הן דאָס פּוילישע פֿאָלק, הן די אַנדערע סלאַווישע פֿעלקער.

דאָס פֿאָרשן די קלאַסן־וואָרצלען פֿונעם דײַטשישן פֿאַשיזם, דאָס אויפֿ־דעקן די קוואַלן פֿון זײַנע רויבערישע פּלענער בנוגע די איראָפּעישע פֿעלקער און דאָס באַקענען זיך מיט זײַן פֿעלקערמערדערישער אידעאָ־לאָגיע גיט ערשט דעם שליסל צו פֿאַרשטיין די היטלעריסטישע עקסטער־מינאַציע־פּאָליטיק לגבי די ייִדן, וואָס איז רעאַליזירט געוואָרן דורך די צענטראַלע און אָרטיקע אָקופּאַנטישע מאַכט־אָרגאַנען בײַ דער אַקטיווער מיטאַרבעט פֿון דער פֿאַרברעכערישער ווערמאַכט. דער פּלאַן פֿון פֿאַר־

---

[10] י. סטאַלין: וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מלחמה אין ראַטנפֿאַרבאַנד, וואַרשע 1950, ז. 20.

טיליקן די יידישע באַפעלקערונג אין פוילן און אין אַנדערע אייראָפּעישע לענדער איז דאָך געווען אַן אינטעגראַלער טייל פונעם אַלגעמיינעם פּלאַן פונעם דייטשישן אימפּעריאַליזם, וואָס האָט געשטרעבט צו דעראָבערן אייראָפּע, צו אונטעריאָכן און פאַרטיליקן די פרייע פעלקער. די יידן האָבן געזאָלט ווערן — צוליב די סיבות, וואָס ווערן אויפגעקלערט אין דער פאָרגעלייגטער אַרבעט — דער ערשטער קרבן פונעם היטלערישן פעלקער־מאָרד. די יידן־ליקווידאַציע האָט געזאָלט זיין דער ערשטער עטאַפּ אינעם פּראָצעס פון אונטערדריקן און פאַרניכטן די סלאַווישע פעלקער.

די היטלערישע רעגירונג האָט איר פּראָגראַם פון דער יידן־פאַרניכטונג רעאַליזירט פון ערשטן מאָמענט, ווען זי איז געקומען צו דער מאַכט אין יאָר 1933. ס'זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן גענויע פּלענער און וואָס ווייטער — אַלץ ווירקזאַמערע פאָרמען און מעטאָדן פון פעלקער־מאָרד. אין ערשטן פּעריאָד האָט מען אויסגעשלאָסן די יידן פון אונטער דער געזעצלעכער שוץ, צעשטערט זייער עקאָנאָמישע באַזע, קאָנפיסקירט זייער גאַנץ פאַרמעגן, אויסגעמאַטערט זיי דורך הונגער, דורך איזאָלירן אין ענגע געטאָ־מויערן און אין לאַגערן, דורך צווינגען צו קנעכטישער אַרבעט א.אַז.וו. ערשט נאָך אַזאַ אופן פון פיזישער אָפּשוואַכונג, זענען די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען צוגעטראָטן צום טאָטאַלן פיזישן אומברענגען די יידן דורך מאַסנווייזע דערשיסונגען, נאָכדעם דורך פאַרגאַזעווען אין ספּעציעלע טויט־לאַגערן. די דאָזיקע פאַרברעכנס זענען אויסגעפירט געוואָרן ביזן לעצטן מאָמענט פונעם בלוטיקן היטלערישן רעזשים.

דאָס בעסטיאַלישע אומברענגען 6 מיליאָן אייראָפּעישע יידן דורכן דייטשישן פאַשיזם בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דאָס גרעסטע פאַרברעכן, וואָס עס קען אונדזער געשיכטע. „די געשיכטע קען נישט קיין גרעסער פאַרברעכן, וואָס זאָל זיין אויסגעפירט אויף אַזאַ קאָלאָסאַלער צאָל קרבנות מיט אַזאַ ראַפינירטער אכזריות..”, — האָט פעסטגעשטעלט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן נירנבערגער פּראָצעס איינער פון די ריכטער.

ס'איז שוין היינט אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז צווישן די מעטאָדן, מיט וועלכע עס האָט זיך באַנוצט דער היטלעריזם, בכדי פּאָליטיש און ווירטשאַפטלעך צו באַהערשן די אייראָפּעישע לענדער און אונטעריאָכן זייערע פעלקער, איז די יידן־פאַרניכטונג געווען איינער פון די הויפּט־מעטאָדן. דאָס געפינט אַ באַשטעטיקונג אין די ענונציאַציעס פון די היטלערישע פּאָליטישע גדולים און „טעאָרעטיקער” פון דייטשישן פאַשיזם. אין פאַשיסטישן דייטשלאַנד און אויך אין די סאַטעליטן־לענדער זענען געשאַפן געוואָרן אַ ריי פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן פאָרשן דאָס גאַנצע יידישע לעבן פון שטאַנדפּונקט

פֿון דער פֿאַשיסטישער דאָקטרין, מיטן צוגרייטן אַנטי־יידישע ליטעראַטור פֿאַר אַלע געזעלשאַפֿטלעכע שיכטן און מיטן באַאַרבעטן „וויסנשאַפֿטלעך" די יסודות פֿון מאַסנווייזער יידן־פֿאַרניכטונג. אויסער דעם, זענען ביי אַלע מיניסטעריומס, ביי אַלע צענטראַלע אַמטן, אין דער ליטונג פֿון דער היטלעריסטישער פּאַרטיי, אין דער עס־עס און אין דער פּאָליציי, אין אַלע אינסטיטוציעס פֿון די דערמאָנטע רעסאָרטן אין די אָקופּירטע געביטן געשאַפֿן געוואָרן ספּעציעלע אַמטן, וועלכע האָבן אויפֿן געגעבענעם אָפּשניט קאָנטראָלירט, צי די פֿעלקערמערדערישע פּאָליטיק פֿון דער היטלערישער רעגירונג ווערט דורכגעפֿירט.

ס'איז אָן ספֿק אַ וויכטיקע אויפֿגאַבע פֿון דער היינטצייטיקער היסטאָרישער וויסנשאַפֿט צו דערקענען די כּוחות, וועלכע זענען אין דער העלפֿט פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט געווען פֿעיִק צו אָרגאַניזירן אינעם האַרץ פֿון אייראָפּע דאָס גרעסטע פֿאַרברעכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע — דאָס פֿאַרברעכן פֿון פֿעלקער־מאָרד. באַזונדערס איז עס וויכטיק איצט, ווען אַנאַלאָגישע פֿעלקערמערדערישע אַקטן ווערן דורכגעפֿירט דורכן אַמעריקאַנער און ענגלישן אימפּעריאַליזם אין די קאָלאָניאַלע לענדער, ווען ביי דער אונטערשטיצונג פֿון די רעאַקציאָנערע ענגליש־אַמעריקאַנער קליקעס ווערט אין טריזאָניע צוריק אויפֿגעבויט דער דייטשישער מיליטאַריזם, די קריגס־אינדוסטריע און די נעאָהיטלעריסטישע ווערמאַכט. דאָס אויפֿקלערן די סיבות און די באַזונדערע עטאַפּן פֿון דער היטלעריסטישער פֿעלקערמערדערישער פּאָליטיק איז געוואָרן שוין נישט בלויז אַ וויכטיקער וויסנשאַפֿטלעכער, נאָר אויך אַ פּאָליטישער פּאָסטולאַט.

די באַציִונג פֿון די בורזשואַזע געשיכטע־פֿאָרשער אויף מערב צום פּראָבלעם פֿון דער יידן־פֿאַרניכטונג און צום פֿעלקער־מאָרד בכלל איז אַ פּועל־יוצא פֿון זייער וועלט־באַנעם, וואָס געפֿינט אַן אויסדרוק אין דעם נעגירן די מעגלעכקייטן פֿונעם אָביעקטיוון היסטאָרישן דערקענען די דאָזיקע עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע. אייניקע פֿון זיי האַלטן, אַז די טעמאַטיק פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז צו פֿריש און דורכגעווייקט פֿון נאָך נישט אָפּגעקילטן בלוט און דעריבער איז כּלומרשט נישטאָ מעגלעך די געשעענישן אָביעקטיוו אָפּצושאַצן. זיי האַלטן דעריבער, אַז דער פֿאָרשער דאַרף האָבן אַ באַשטימטן צייט־דיסטאַנס, אַן אַנטשפּרעכנדיקע פּערספּעקטיוו, איידער ער טרעט צו צו שאַפֿן אַ סינטעטיש בילד פֿונעם געגעבענעם פּעריאָד. אַנדערע ווידער שטעלן פֿעסט, אַז ס'פֿעלט נאָך די גענוגנדיקע דאָקומענטאַלע באַזע, אַז מיט דער צייט וועלן נאָך אויפֿגעדעקט ווערן נייע דאָקומענטן, און דעריבער איז די וויסנשאַפֿטלעכע באַאַרבעטונג

פון דער דאָזיקער טעמע נאָך א פּריצייטיקע. אייניקע זענען געווען בײ דער מיינונג, אז וועגן דער פּראָבלעמאַטיק פון דער יידישער געשיכטע אינעם פּעריאָד פון דער היטלערישער אָקופּאַציע קאָנען שרייבן בלויז די, וואָס האָבן דאָס אַליין איבערגעלעבט, ווייל נאָר זיי קאָנען פאַרשטיין דעם „קלימאַט", אין וועלכן דאָס אַלץ איז געשען, די „ספּעציפישע סיטואַציע" פון דאָזיקן פּעריאָד א. אז. וו.

לסוף דאַרף מען אונטערשטרייכן, אז אייניקע בורזשואַזע היסטאָריקער האָבן בכלל אויסגעדריקט ספקות וועגן דער מעגלעכקייט צו פאָרשן דעם דאָזיקן טראַגישן פּעריאָד. זיי האָבן פעסטגעשטעלט, אז „דאָ איז געשען אַזעלכעס, וואָס אונדזער אינטעלעקט קאָן דאָס בשום אופן נישט פאַרשטיין". אַנדערע ווידער, פּרוּוונדיק באַלייכטן דעם דאָזיקן פּעריאָד, האָבן זיך באַמיט די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און שולד אַרויפצוּוואַרפן בלויז אויף היטלערן און אויף זיין נאָענטסטער סביבה, אָדער האָבן געזוכט די סיבות פון די דייטשישע בעסטיאַלישקייטן און אַגרעסיע אין דעם מיסטישן אייביקן „דעראָבערונגס-גייסט פונעם דייטשישן פאָלק".

די דאָזיקע אַלע „אויפקלערונגען" פירן אין גרונט גענומען צו פאַטאַליסטיש טראַקטירן פאַרברעכנס און די שולד פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד און אויך פון אַנדערע אימפּעריאַליסטישע מלוכות, וועלכע זענען מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מלחמה, וואָס דאָס היטלערישע דייטשלאַנד האָט צעבושעוועט. פון דעם אַנטיווּיסנשאַפטלעכן צוגאַנג צו געשיכטלעכע פאָרשונגען שלאָגט זיך דורך א בולטע טענדענץ צו אַנטלויפן פון געשיכטלעכן אמת, א שטרעבונג דאָס פּראָבלעם פון דער יידן-עקסטערמינאַציע אָפּצוטיילן פון דער היסטאָרישער פּראָבלעמאַטיק און אויך צו באַגרענעצן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם צו צווייטראַנגיקע, אָפט עפּיזאָדישע, ענינים פון מאַרטיראָלאָגיע.

די דערמאָנטע איינשטעלונגען זענען א סימפּטאָם פון דער טענדענץ צו פעלשן די קוואַלן ווי אויך די געשיכטע פונעם פאַשיסטישן פעלקערמאָרד. דער היסטאָרישער אמת רעדט אָבער קעגן דער איצטיקער איינשטעלונג פון א טייל פון דער יידישער בורזשואַזיע לגבי דער מיליטאַריזאַציע פון מערב-דייטשלאַנד און לגבי די פּראָבלעמען פון קאַמף פאַר שלום און פּראָגרעס. די אידעאַליסטישע איינשטעלונגען טרעטן דאָ אַרויס אַלס אַן אידעיש קאַמפּס-געווער קעגן דער פּראָגרעסיווער וויסנשאַפט, קעגן דעם לאַגער פון שלום און סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע. זיי זענען אָבער נישט בכוח אויפצוקלערן די סיבות פון דער צווייטער וועלט-מלחמה און אויך נישט די פעלקערמערדערישע פּאָליטיק פון דער היטלעריסטישער רעגירונג. די דורכגעפירטע בעסטיאַלישקייטן זענען דאָך נישט געווען

קיין פּועל־יוצא פון „געשיכטלעכן פאַטאַליזם" און אויך נישט פון ביאָלאָגישן דעטערמיניזם, נאָר זענען ענג פאַרבונדן מיטן מהות פון אימפּעריאַליזם, אַ פּועל־יוצא פון דער ווירקונג פונעם גרונטיקן עקאָנאָמישן געזעץ פון היינטצייטיקן קאַפּיטאַליזם.

אין דער דאָזיקער אַרבעט איז געלייגט געוואָרן אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אויף די זיגזאַגן אין דער היטלערישער אַנטי־יידישער פּאָליטיק און אויף די שוועריקייטן, וואָס זענען אַנטשטאַנען בעתן רעאַליזירן די דאָזיקע פּאָליטיק. די פּלענער צו פאַרטיליקן די יידן האָבן אויך געהאַט אַ ווירטשאַפטלעכן אַספּעקט, וועלכן מען האָט געדאַרפט באַלייכטן ביים אויפקלערן די היטלערישע פּאָליטיק. ספּעציעל האָט דאָס אַ שייכות צום צווייטן פּעריאָד פון דער וועלט־מלחמה, ווען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם טאָטאַלן קריג, וועלכן דאָס היטלעריסטישע דייטשלאַנד האָט געפירט, האָבן די ווירטשאַפטלעכע פראַגן וואָס ווייטער אַלץ מער געווירקט אויף דער פּאָליטיק פון דער היטלערישער רעגירונג לגבי די אָקופּירטע לענדער. די ווירטשאַפטלעכע פראַגן האָבן דעריבער געמוזט ברייטער באַהאַנדלט ווערן, בכדי אויף קאָנקרעטע ביישפּילן אויפצווייזן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער פּאָליטיק און דער עקאָנאָמיק און אויך די קעגנזאַצן, וועלכע פליסן דאָ אויך אַמאָל אַרויס. דער אַנאַליז פון די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, אפילו אין גאַנץ אַלגעמיינע שטריכן — האָט צוגעהאָלפן ווי געהעריק צו פאַרשטיין און אָפּשאַצן די פּאָליטישע געשעענישן.

די איינשטעלונג, אַז די צוגרייטונגען צו דער יידן־עקסטערמינאַציע האָבן זיך כלומרשט אָנגעהויבן אין יאָר 1941 אָדער העכסטנס אין יאָר 1939, דאַרף מען, פּונקט ווי די איינשטעלונג, אַז די צוגרייטונגען צו דער היטלעריסטישער אַגרעסיע האָבן זיך אָנגעהויבן ערשט אין די יאָרן 1938—1939, האַלטן פאַר אַ נישט ריכטיקע. הגם די כראָנאָלאָגישע ראַמען פון דער פאָרגעלייגטער אַרבעט נעמען אַרום די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, הייבט זי זיך אָבער אָן מיטן באַקענען מיט דער סיטואַציע אין דייטשלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און מיטן באַקענען די אידעאָלאָגישע יסודות פון דער פאַשיסטישער רעאַקציע. די פּאָליטיק פון אויסראָטן די יידן און איר רעאַליזאַציע איז פאָרגעשטעלט געוואָרן אויפן פאָן פון דער אַלגעמיינער פאַרברעכערישער פּאָליטיק פונעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד און אין אַן ענגער קאָרעלאַציע מיט די באַזונדערע עטאַפּן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה.

די דאָזיקע אַרבעט איז אַ פּרווו פון אַן אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פון דער פעלקערמערדערישער פּאָליטיק פונעם דייטשישן אימפּעריאַליזם אין באַצוג צו די יידן. די ראַמען פון דער אַרבעט האָבן אָבער דיקטירט

די נויטווענדיקייט צו באַגרענעצן זיך צום באַהאַנדלען בעיקר די היטלערישע פּאָליטיק אויף די ציטווייליק אָקופּירטע פּוילישע געביטן. די דאָזיקע אַרבעט פּרעטענדירט אויך נישט פולשטענדיק אויסצושעפּן אַלע באַרירטע פּראַגן. די פּראָבלעמען: קנעכטישע אַרבעט, די יודענראַטן, קאָלאַבאָראַציע, ווידערשטאַנד-באַוועגונג א. א., זענען באַהאַנדלט געוואָרן בלויז אין אַזאַ מאָס, אויף וויפל ס'איז נייטיק געווען בולטער צו מאַכן די פאַרברעכערישע מעטאָדן פון דער אָקופּאַנטישער מאַכט, פאָלקספיינטלעכע איינשטעלונג פון דעם קאָלאַבאָראַציאָניסטישן טייל פון דער יידישער בורזשואַזיע, דעם באַוואָפנטן קאַמף פון דער יידישער באַפעלקערונג קעגן די היטלעריסטישע באַרבאַרן און קעגן דער אייגענער בורזשואַזיע.

דער לייענער וועט אַליין אָפּשאַצן אין וואָס פאַר אַ מאָס דעם מחבר האָט זיך איינגעגעבן אויסצופירן זיין אויפגאַבע, אין וואָס פאַר אַ מאָס ער האָט אויפגעקלערט, אַז די פעלקערמערדערישע פּאָליטיק פונעם היטלעריזם איז געווען איינער פון די דערשיינונגען פונעם דייטשישן אימפּעריאַליזם.

* * *

וועגן די איבערלעבונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּעריאָד פון דער היטלערישער אָקופּאַציע האָט מען אין די נאָכמלחמה-יאָרן פאַרהעלטנישמעסיק פיל געשריבן. עס איז שוין פאַראַן אַ רייכע ליטעראַטור, וואָס באַשטייט הויפּטזעכלעך פון טאָגביכער, כראָניק, באַשרייבונגען פון אייגענע איבערלעבונגען אין די געטאָס, בונקערס, לאַגערן א.אז.וו. די דאָזיקע ליטעראַטור נעמט הויפּטזעכלעך אַרום די מאַרטיראָלאָגיע און דאָס לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די געטאָס. אחוץ דעם, איז אויך פאַראַן אַ פאַרהעלטנישמעסיק רייכע ליטעראַטור וועגן דער יידישער ווידערשטאַנד-באַוועגונג, וועגן די באַוואָפנטע קאַמפן קעגן אָקופּאַנט אין די געטאָס און אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. ביז איצט איז אָבער נישטאָ קיין סינטעטישע מאָנאָגראַפישע אַרבעט און אויך נישט קיין פראַגמענטאַרישע אַרבעטן, וואָס זאָלן דינען אַלס בייטראַג צו דער געשיכטע וועגן דער פאַרברעכערישער היטלערישער פּאָליטיק לגבי די יידן און לגבי אַנדערע פעלקער. אויף דער דאָזיקער טעמע איז בלויז פאַראַן אַ קליינע צאָל אַרטיקלען, וואָס זענען אָבער געשריבן אָן אַן איינהייטלעכער מעטאָדאָלאָגישער אויפפאַסונג פונעם דאָזיקן פּראָבלעם.

דעם וויכטיקסטן מקור פאַר אונדזער אַרבעט האָבן געדינט די רייכע זאַמלונגען פון דייטשישע דאָקומענטן, וואָס זענען צונויפגענומען געוואָרן בעתן פּראָצעס קעגן די היטלערישע הויפּט-פאַרברעכער דורכן אינטער-

נאַציאָנאַלן קריגס-טריבונאַל אין נירנבערג און אויף די ווייטערדיקע 11 פּראָצעסן קעגן די קריגס-פאַרברעכער, וואָס האָבן זיך רעקרוטירט פון דיפּלאָמאַטישע, אינדוסטריעלע, מיליטערישע און עסעסישע קרייזן. די פּובליקירטע אַקטן פון די דערמאָנטע פּראָצעסן אַנטהאַלטן חוץ די אַמטלעכע דאָקומענטן אויך פּראָטאָקאָלן פון דערקלערונגען פון די באַשולדיקטע אָדער פון די עדות, וואָס דינען אַלס ווערטפולער פאָרשונגס-מאַטעריאַל פאַר אַלע פּראָבלעמען פון היטלעריסטישן אָקופּאַציע-פּעריאָד.

אחוץ דעם, האָט דער אויטאָר זיך באַנוצט מיט אַקטן פון די פּראָצעסן קעגן אַנדערע היטלעריסטישע פאַרברעכער, וואָס זענען אין די יאָרן 1946—1951 געמשפּט געוואָרן אין פּוילן, ווי צ. ב. גרייזער, העס, ביהלער, פישער, סטראָפּ, העפּנער, ביבאָוו און אַנדערע. די דערמאָנטע אַקטן אַנטהאַלטן אויך — אחוץ די דערקלערונגען פון די באַשולדיקטע און פון די עדות — פיל ווערטפולע דאָקומענטן, ווי פאַראָרדענונגען פון די צענטראַלע און לאָקאַלע אַדמיניסטראַטיווע און פּאָליציייִשע מאַכט-אָרגאַנען און זייער קאָרעספּאָנדענץ; די דאָזיקע דאָקומענטן זענען דעריבער א וויכטיקער מקור אויף צו באַקענען זיך מיט זייער פאַרברעכערישער פּאָליטיק אויף די אָקופּירטע געביטן.

צו די אָפיציעלע דייטשישע דאָקומענטן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף די דערמאָנטע פּראָצעסן, האָט מען זיך באַדאַרפט באַציען מיטן גרעסטן קריטיציזם, ווייל, ווי ס'איז באַקאַנט, האָבן די היטלערישע מאַכט-אָרגאַנען מאַסקירט — אפילו אין דער געהיימער אַמטלעכער קאָרעספּאָנדענץ — זייערע אַגרעסיווע און פעלקערמערדערישע פּלענער.

אַ וויכטיקער מקור, באַזונדערס פאַרן פּעריאָד פון פאַרן יאָר 1939, זענען געווען די דיפּלאָמאַטישע דאָקומענטן פון דירקסענס אַרכיוו, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורכן סאָוויעטישן אויסערן-מיניסטעריום אין דער אויסגאַבע „דאָקומענטן און מאַטעריאַלן פון ערב דער צווייטער וועלט-מלחמה", ווי אויך די פּוילישע פּובליקאַציע „די אַגרעסיע אויף פּוילן אין שיין פון דאָקומענטן". דער אויטאָר האָט חוץ דעם זיך באַנוצט מיט די אָפיציעלע פּובליקאַציעס פון דאָקומענטן:

„Dokumente der Deutschen Politik“.
„Documents on German Foreign Policy“.
„Documents on British Foreign Policy“.

די דאָזיקע אַמטלעכע פּובליקאַציעס, באַזונדערס די ענגליש-אַמעריקאַנער, וואָס זענען הויפּטזעכלעך געווידמעט די געשעענישן ביזן קריגס-אויסברוך אין יאָר 1939, רופן ארויס ערנסטע פאָרבאַהאַלטן צוליבן טענדענציעזן צוקלייב פון די דאָקומענטן. די דאָקומענטן זענען אַזוי צוגעקליבן

און איבערעדאַגירט געוואָרן, אַז זיי פֿאַרהוילן אָדער פֿעלשן פֿיל פֿאַקטן. דאָס איז אַ בולטע פֿאַלסיפֿיקאַציע פֿון די דעמלטיקע היסטאָרישע געשעענישן, בכדי פֿאַרצושטעלן די ענגליש-אַמעריקאַנער פּאָליטיק אין אַ וואָס גינסטיקערער שיין און ריינצוּוואַשן די דעמלטיקע רעגירונגס-פֿאַקטאָרן פֿון די דאָזיקע לענדער, וואָס טראָגן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער פֿאַשיסטישער אַגרעסיע און פֿאַר זייער מיטבאַטייליקונג אין די פּלענער פֿון דער ייִדן-פֿאַרניכטונג. די אויפֿגאַבע פֿון דער דאָזיקער אַרבעט איז דעריבער געווען אויפֿצודעקן די אָפּיציעלע פֿאַלסיפֿיקאַציעס פֿון די היסטאָרישע געשעענישן און אָנצווייזן אויף דער פֿאַקטישער שטעלונג פֿון די רעגירונגען אין די דאָזיקע לענדער אין יענעם באַהאַנדלטן פּעריאָד.

דער אויטאָר האָט אויך אויסגענוצט אַנדערע דאָקומענטן — פּובליקאַציעס, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער צווייטער וועלט-מלחמה, צווישן אַנדערע:

„Dokumenti obwiniajut", „Dokumenta Occupationis Teutonicae", I — IV, „La Persecution des Juifs".

אַ וויכטיקער מקור זענען אויך געווען די זכרונות פֿון די פֿאַשיסטישע דיפּלאָמאַטן, צווישן אַנדערע פֿון געבעלסן, שאַכטן, דירקסענען, קאָרדטן, ציאַנאָן, ווייצזעקערן, מייסנערן, שמידטן און פֿון הענדערסאָנען. די דאָזיקע טאָגביכער פֿירן אונדז אַריין אין אַן אַטמאָספֿער, אין וועלכער ס'זענען צוגעגרייט געוואָרן די פֿאַרברעכערישע פּלענער צו פֿאַרכאַפּן אייראָפּע, צו אונטערדריקן און פֿאַרניכטן גאַנצע פֿעלקער.

אַלס וויכטיקער מקור זענען פֿאַרן אויטאָר געווען די אויסערגעוויינלעך-ווערטפֿולע רייכע אַרכיוואַלע זאַמלונגען פֿונעם ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט און פֿון דער הויפּט-קאָמיסיע צו פֿאָרשן די היטלערישע פֿאַרברעכנס. זיי האָבן דערמעגלעכט אויפֿצוקלערן פֿיל ביז איצט נישט באַקאַנטע עלעמענטן פֿון דער עקסטערמינאַציע-פּאָליטיק לגבי די ייִדן, באַזונדערס אין באַצוג צו די צוויי גרעסטע ייִדישע ישובים אין פּוילן: וואַרשע און לאָדזש. צו דער פֿאַרגלייכנדער אַרבעט זענען אויך אויסגענוצט געוואָרן די אָפּיציעלע געזעץ-פּובליקאַציעס פֿון דייטשלאַנד (1944—1933), די פֿאַראָרדענונגען פֿון דער מאַכט אין דער גענעראַל-גובערניע, די אַזוי גערופֿענע טאָגביכער פֿון פֿראַנקן, די דעמלטיקע פּרעסע, די פֿאַר אונדז צוגענגלעכע אין צאָלרייכע היטלערישע ליטעראַטור און אויך פֿיל אַרבעטן וועגן דייטשישן אימפּעריאַליזם.

קאַפּיטל איינס

פּלאַנירונג פון אַגרעסיע און פעלקערמאָרד

1. די לאַגע אין דייטשלאַנד אין די יאָרן 1919—1933

די מפּלה פון דייטשלאַנד אין דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914—1918) האָט געבראַכט מיט זיך אן אָפּשוואַכונג פון דייטשישן אימפּעריאַליזם. עס זענען אָבער נאָך נישט אָפּגעפלאָסן קיין 10 יאָר, ווי דער דייטשישער אימפּעריאַליזם האָט צוריקגעוווּנען זיין אמאָליקע פּאָזיציע אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. דייטשלאַנד איז ווידער געוואָרן א גרויסע אימפּעריאַליסטישע מלוכה.

דער ווידערגעבורט פון דייטשישן אימפּעריאַליזם, די צוריקשטעלונג פון זיין מאַכט־פּאָזיציע איז געווען א רעזולטאַט סיי פון דער אינערלעכער אַנטוויקלונג פון דייטשלאַנד, סיי פון די אינטערנאַציאָנאַלע כוחות־פאַרהעלטענישן אינעם נאָכמלחמה־פּעריאָד.

די גרויסע אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געהאַט א מעכטיקן איינפלוס אויפן דייטשישן ארבעטער־קלאַס, האָט געשטאַרקט זיינע רעוואָלוציאָנערע כוחות און צוגעגעבן מוט צום קאַמף קעגן די דייטשישע אימפּעריאַליסטן. עס איז אַנט־שטאַנען א מאַסן־שטרייק־באַוועגונג פון א בולטן פּאָליטישן כאַראַקטער, וואָס האָט ארויסגערוקט די פאָדערונג צו שליסן א תיכּפדיקן שלום, צו רעזיגנירן פון וועלכע ס'איז אַנעקסיעס און צו באַזייטיקן די מלחמה־רעגירונג. אין אָנבליק פון דער דראָענדיקער מפּלה האָבן די דייטשישע גרויס־אינדוסטריעלער, כּדי צו ראַ־טעווען די פּאָזיציע פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל און פון די יונקערס, נאָך ענ־גער צוזאַמענגעאַרבעט מיט די רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער מיטן ציל אָנצוצייכענען מיט זיי דעם פּלאַן פון א געמיינזאַמער פּאָליטישער אקציע, וואָס זאָל אויסלאָדן די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען צווישן די מאַסן.

די נאָוועמבער־רעוואָלוציע אין 1918 יאָר אין דייטשלאַנד האָט זיך, אין רע־זולטאַט פון פאַראַט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער, נישט פאַרענדיקט

מיט א נצחון פון ארבעטער־קלאס. די הויפּט־אויפגאבן פון דער רעוואָלוציע: צעשמעטערן דעם אלטן מלוכה־אפּאראט, פארניכטן די באזע פון אימפּעריאליזם אין דייטשלאנד און שאפן די פאָרהנחות פאר דעמאָקראטיע און סאָציאליזם — זענען נישט דערפילט געוואָרן. די נאָוועמבער־רעוואָלוציע איז געבליבן בלויז א בורזשואזע רעוואָלוציע. אויפן אָרט פון דער מאָנארכיע איז געשאפן געוואָרן א בורזשואז־דעמאָקראטישע רעפּובליק, אין וועלכער עס זענען געבליבן ביי דער מאכט די גרויסע מאָנאָפּאָליסטן, באנקירן און יונקערס. די הויפּט־פאראנטוואָרט־לעכקייט פאר דער סיטואציע טראָגט די דייטשישע סאָציאל־דעמאָקראטיע, ווייל צוליב איר פאראט איז דער מאָנאָפּאָליסטישער קאפּיטאל געבליבן אויף זיינע פריערדיקע פּאָזיציעס. מען האָט נישט דורכגעפירט קיין עקספּראָפּריאציע פון די רעאקציאָנערע יונקערס, גרויס־אינדוסטריעלער און באנקירן, מען האָט נישט באשטראָפט די קריגס־פארברעכער, מען האָט נישט פארניכטעט דעם שורש פון רעאַקציאָנערן פּרייסישן מיליטאַריזם. מען האָט, אַלזאָ, באוווסטזיניק פארהיט די וואָרצלען פון דייטשישן אימפּעריאליזם. דער קאפּיטאל איז תיכף צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן אַ קאָנטר־אָפענסיווע קעגן אַרבעטער־קלאַס, אויף זיינע דערגרייכונגען.

די סיבה פון דורכפאל פון דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע אין דייטשלאנד ליגט אויך אין דעם, וואָס אין לאנד איז נאָך דעמאלט נישט געווען קיין מארקסיסטישע רעוואָלוציאָנערע פּארטיי פון נייעם טיפּ, וואָס זאָל זיך זיין באוווסטזיניק איר אָנפירנדיקער ראָל, וואָס זאָל פּאָליטיש דערציען די מאסן אין גייסט פון מארק־סיזם. די מערהייט פון ארבעטער־קלאס האָט נישט פארשטאנען די סיבות פון דער וועלט־מלחמה, די ראָל פון דייטשישן אימפּעריאליזם און די פונקציע פון דער קאפּיטאליסטישער מלוכה־מאכט אלס אן אפּאראט פון געוואלט אין דער האנט פון דייטשישן פינאנס־קאפּיטאל.

אין קורצן האָבן די דייטשישע גענעראלן, וואָס האָבן אין יאנואר 1919 אונ־טערן פּאטראָנאַט פון נאָסקע באקעמפט די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער, צוגע־טראָטן איינצושטעלן זייער דיקטאטור. עס איז אין בלוט דערשטיקט געוואָרן די ראטן־רעפּובליק אין בייערן. אויך אין אלע אנדערע רעוואָלוציאָנערע קאמפן, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין די ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן אין דייטשלאנד, האָט דער ארבעטער־קלאס געליטן א מפּלה. כדי אָפּצושוואכן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָנט, האָט די קאָנטררעוואָלוציע שוין אין די ערשטע וואכן פון דער ווייםארער רעפּובליק דורכגעפירט א שפּאלטונג פון ארבעטער־קלאס. די שפּאלטונג אין דער ארבעטער־באוועגונג און דער זיג פון דער קאָנטררעוואָלוציע אין דייטשלאנד זע־נען געווען די ערשטע סיבות פון ניצול ווערן און שפּעטער פון ווידערגעבורט פון דייטשישן אימפּעריאליזם.

דייטשלאנד, אויסגעשעפּט צוליב דער מלחמה, אָפּגעשוואכט צוליבן פאר־לוסט פון פיל ווירטשאפטלעך וויכטיקע געביטן, וואלט אָבער נישט געקאָנט מיט

אייגענע כוחות אַזוי שנעל זיך צוריק אויפבויען. מיט אַ באַדייטנדיקער הילף זענען אים אנטקעגנגעקומען די קאַפּיטאַליסטישע גרויסמאַכטן, די זיגער אין דער מלחמה, וואָס האָבן דעמלט אין אייראָפּע אונטערגעשטיצט אַלע קאָנטררעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. אמת, די דאָזיקע מלוכות האָבן געשטרעבט אָפּצושוואַכן דייטשלאַנד און עלימינירן אַלס קאָנקורענט אויפן וועלט-מאַרק, אָבער די דאָזיקע שטרעבונג איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך אַן אַנדערער טענדענץ, וואָס האָט איר שורש אין דער אַנטיסאָוויעטישער פּאָליטיק פון די מערב-מלוכות. מיטן מאָמענט פון אַנטשטיין פון דעם ראַטנפאַרבאַנד ווי אַ רעזולטאַט פון דער זיגרייכער אָקטאָבער-רעוואָלוציע איז דער אַנטיסאָוויעטישער קורס אין דער פּאָליטיק פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון-אַמעריקע געווען דער דאָמינירנדיקער. אויך די פּאָליטיק פון די דערמאָנטע מלוכות לגבי דייטשלאַנד איז געווען אונטערגעאָרדנט דעם הויפּט-ציל — דעם ווידערגעבורט פון אימפּעריאַליסטישן דייטשלאַנד, כדי אַריינצוציען דייטשלאַנד אין דער אָרביטע פון ענגליש-אַמעריקאַנער אַנטיסאָוויעטישן בלאָק. נישט קיין קליינע ראָלע אין ווידער-אויפבוי פון דייטשישן אימפּעריאַליזם האָבן געשפּילט די סתירות צווישן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות.

שוין אין ווערסאַל האָבן די דיפּלאָמאַטן פון די דערמאָנטע מלוכות זיך באַמיט צו שוינען דאָס באַזיגטע דייטשלאַנד. אָבער כדי דייטשלאַנד זאָל קאָנען ווערן אַ פאַרבינדעטער אין אַ מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד, איז נייטיק געווען צו העלפן צוריק אויפבויען דעם דייטשישן מיליטאַריזם. דאָס האָט באַדייט קודם-כל צו געבן הילף די דייטשישע מאָנאָפּאָליסטן און אויפבויען דעם דייטשישן ווירטשאַפטלעכן פּאָטענציאַל. דעריבער האָט דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל, דער עיקר אַמעריקאַנער, אין די נאָכמלחמה-יאָרן געהאָלפן צוריק אויפבויען און אַנטוויקלען די דייטשישע שווער-אינדוסטריע — די באַזע פון דער באַוואָפענונגס-אינדוסטריע.

אַ דעצידירנדיקע ראָל האָט דאָ געשפּילט דער א. ג. רעפּאַראַציע-פּלאַן פון דייוויס, וואָס האָט אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר אַ פּענעטראַציע פון אויסלענדישע קאַפּיטאַלן אין דער דייטשישער ווירטשאַפט. בענק און טרעסטן, דער עיקר אַמעריקאַנער, האָבן זינט 1924 יאָר צוגעשטעלט דער דייטשישער ווירטשאַפט קאָלאָסאַלע קרעדיטן, וואָס האָבן דערגרייכט צענדליקער מיליאַרדן דאָלאַר. לויט די אָנגאַבן פון אַזעלכע באַקאַנטע פאָרשער, ווי נאָרדען, סאַסולי, אַלעקסיעיעוו און אַנדערע,[1] האָבן די חובות פון דייטשלאַנד לגבי אויסלאַנד פאַר די גענומענע הלוואות איבערגעשטיגן 30 מיליאַרד מאַרק.

---

[1] אַלבערט נאָרדען: „וואָס לערנט אונדז דייטשלאַנדס געשיכטע“, וואַרשע, 1949; ר. סאַסולי: „אי ג. פאַרבען“, וואַרשע 1949; מ. מ. אַלעקסיעיעוו: „די קריגס-פינאַנסן פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, מקורים און מעטאָדן פון פינאַנסירן די II וועלט-מלחמה“ (רוס.), גאָספּאָליזדאַט 1949.

דער קאַלאָסאַלער צופֿלוס פֿון אַמעריקאַנער און ענגלישע קאַפּיטאַלן אין דער דייטשישער ווירטשאַפֿט האָט ווייטער געפֿירט צום אויסברייטערן און באַפֿעסטיקן די באַציונגען פֿון די אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָלן פֿון דיפּאָנט, מאָרגאַן, ראָקפֿעלער א. א. מיט די דייטשישע אימפּעריאַליסטישע קרייזן, צו א צונויפֿפֿלעכטונג פֿון זייערע ווירטשאַפֿטלעכע אינטערעסן מיט זייערע פּאָליטישע פּלענער. די דאָזיקע פֿאַרבינדונגען האָבן אויסגעטראָטן א וועג פֿאַר אן ענגערער צוזאַמענאַרבעט פֿון די עקסטרעם-רעאַקציאָנערע אַנגלאָ-אַמעריקאַנער ווירטשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע קרייזן מיט די אַנאַלאָגישע דייטשישע אין דער צייט פֿון היטלעריסטישן רעזשים.

די פֿינאַנסיעלע הילף פֿון אויסלאַנד האָט געשאַפֿן מעגלעכקייטן פֿאַר א צייטווייליקער סטאַביליזאַציע פֿון די פֿאַרהעלטעניש אין דייטשלאַנד, וואָס האָט געפֿונען אן אויסדרוק אין אָפּשטעלן די אינפֿלאַציע, אין צוריקשטעלן דעם סטאַבילן קורס פֿון רייכס-מאַרק און אין שנעלן ווידעראויפֿבוי פֿון דער דייטשישער אינדוסטריע. אַדאַנק דער הילף פֿון אויסלענדישן קאַפּיטאַל איז דורכגעפֿירט געוואָרן א מאָדערניזאַציע און ראַציאָנאַליזאַציע פֿון דער פּראָדוקציע, דער עיקר אין דער שווערער באַרג- און מעטאַלורגישער אינדוסטריע, וואָס איז די הויפּטבאַזע פֿאַר דער באַוואָפֿענונגס-אינדוסטריע. דער פּראָצעס האָט, אַלזאָ, געפֿירט צו א באַדייטנדיקן ווירטשאַפֿטלעכן וווּקס פֿון דייטשלאַנד, צום ווידערגעבורט פֿון זיין מלחמה-פּאָטענציאַל. אויף אַזא אופֿן זענען געשאַפֿן געוואָרן די פֿאָרהנחות פֿאַרן רעאַליזירן די היטלעריסטישע אַגרעסיע — עס איז אַנטשטאַנען די עקאָנאָמיש-מיליטערישע באַזע פֿון רוויבערישן דייטשישן אימפּעריאַליזם.

די פּאָליטיק פֿון „רעפּאַראַציעס" און לאָקירן אויסלענדישע קאַפּיטאַלן, דער עיקר אין דער שווערער באַוואָפֿענונגס-אינדוסטריע, איז געווען א פּאָליטיק פֿון רעמיליטאַריזירן דייטשלאַנד און ווידעראויפֿבויען זיין מלחמה-פּאָטענציאַל.

די ווירטשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונג פֿון דייטשלאַנד אין די צוואַנציקער יאָרן האָט געפֿירט — ווי אומעטום אין אימפּעריאַליסטישן פּעריאָד פֿון קאַפּיטאַליזם — צו א ווייטערדיקער קאָנצענטראַציע פֿון קאַפּיטאַל און פּראָדוקציע, צו א שנעלן וווּקס פֿון קאַרטעלן, טרעסטן און בענק. די דייטשישע מאָנאָפּאָלן האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַלץ א גרעסערע ראָל אין גייעם קאַרטעלן-סיסטעם. זיי נעמען אן אָנטייל אין די וויכטיקסטע אינטערנאַציאָנאַלע מאָנאָפּאָלן און האָבן זייער שנעל דעראָבערט די קאָנטראָל איבער וויכטיקע אינדוסטריע-צווייגן אין אַנדערע לענדער. די דייטשישע מאָנאָפּאָליסטישע פֿירמעס האָבן אָנגעהויבן פּראָדוצירן און אפֿילו עקספּאָרטירן באַוואָפֿענונגס-מאַטעריאַלן. מען האָט פֿאַנאַנדערגעבויט דעם האַנדלס-פֿלאָט. אַדאַנק דער פֿינאַנסיעלער הילף פֿון אויסלענדישן קאַפּיטאַל האָבן די דייטשישע טרעסטן און בענק צוריק דעראָבערט זייערע אַמאָליקע פּאָזיציעס אין אייראָפּע.

אדאנק דער מעכטיקער ווירטשאפטלעכער קאָנצענטראציע און וווקס פון דער עקאָנאָמישער מאכט האָט זיך נאָך מער געשטארקט די פּאָליטישע מאכט־פּאָזיציע פון דער דייטשישער גרויס־בורזשואזיע. מיטן וווקס פון איר פּאָזיציע איז פאָרגעקומען א וויטערדיקער פּראָצעס פון אונטעראָרדענען פון דער מלוכה־מאכט דעם מאָנאָפּאָליסטישן קאפּיטאל, א פּראָצעס, וואָס האָט זיך נאָך מער פארשטארקט בעת דער היטלעריסטישער דיקטאטור.

אָבער דער שנעלער און איינזייטיקער פאנאנדערבוי פון דער דייטשישער אינדוסטריע האָט גלייכצייטיק פארשארפט אלע אינערלעכע און אויסערלעכע סתירות פון דייטשישן אימפּעריאליזם. אלזאָ, די סתירה צווישן די אויסגעבריי־טערטע מעגלעכקייטן פון אינדוסטריעלער פּראָדוקציע און די באגרענעצטקייט פון אָפּזאץ אויף די אינטערנאציאָנאלע מערק, צווישן דער פארגרעסערטער נאָכ־פראגע פון דער דייטשישער אינדוסטריע אויף רוישטאָפן און דער באגרענעצט־קייט פון אייגענע רוישטאָף־קוואלן א. א. וו. אויף דער באזע האָבן זיך פאר־שארפט די קעגנזאצן צווישן דייטשלאנד און אנדערע קאפּיטאליסטישע מלוכות.

די דיספּראָפּאָרץ צווישן כוח און אימפּעט פון דייטשישן אימפּעריאליזם, צווישן זיין געוואלדיקן אויפבוי־טעמפּ און דער באגרענעצטקייט פון רוישטאָף־באזיס, האָבן פארשטארקט זיין עקספּאנסיוו, אגרעסיווקייט און געבוירן פאר־כאפּערישע פּלענער. אין נאָכמלחמה־פּעריאָד האָט דער דייטשישער קאפּיטאל שוין נישט געשטרעבט בלויז צום צוריקגעווינען די פארלוירענע קאָלאָניעס אין 1918, ווייל די גרענעצן פון 1914 י. האָט ער באטראכט פאר נישט גענוגנדיקע. דער דייטשישער אימפּעריאליזם גרייט זיך צום קאמף פאר דעראָבערן נייע מערק, צו א נייער פארטיילונג פון אייראָפּע, וואָס, ווי מיר ווייסן, פירט אין דער קאָנ־סעקווענץ צום קאמף פאר א וועלט־העגעמאָניע. היטלערס ווערטער „דייטשלאנד וועט אָדער זיין א וועלט־מלוכה, אָדער עס וועט בכלל זיין צו גאָרנישט" — זענען געוואָרן דער פּאָליטישער דעוויז פון דייטשישן אימפּעריאליזם אין פּעריאָד צווישןביידע וועלט־מלחמות. אזא פּאָליטיק האָט אין רעזולטאט געפירט צום צוגרייטן די צווייטע וועלט־מלחמה.

עס האָבן זיך אויך פארשארפט די קלאסן־קעגנזאצן אין דייטשלאנד גופא. די באפעסטיקונג פון דער מאָנאָפּאָליסטישער מאכט האָט געבראכט מיט זיך א וווקס פון דער רעאקציע, פון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אונטערדריקונג. דער דייטשישער קאפּיטאל האָט געשטרעבט אָפּצושאפן אלע דעמאָקראטישע דער־גרייכונגען, וועלכע דער דייטשישער פּראָלעטאריאט האָט אויסגעקעמפט אין 1918 יאָר, איבערוואַרפן די גאנצע לאסט פון צאָלן רעפּאראציעס (20 מיליארד מארק) אויף די פּלייצעס פון די ארבעטער־מאסן. עס האָט זיך פארשטארקט די עקספּלאָאטאציע פון ארבעטער־קלאס און פון די קליינבירגערלעכע מאסן דורך

די מאָנאָפּאָלן. דער אַלגעמיינער קאַפּיטאַליסטישער קריזיס (זינט 1929 יאָר), וועלכער האָט אויך שטאַרק געטראָפן די דייטשישע ווירטשאַפט, האָט נאָך מער פאַרערגערט די לאַגע פון אַרבעטער=קלאַס: פאַרקלענערט די לוינען, פאַרגרעסערט די אַרבעטסלאָזיקייט, אַרויסגערופן אַ ווייטערדיקע פּאָופּעריזאַציע פון די מאַסן. די אַלע מאָמענטן האָבן אָנגעזאָגט אַ ווייטערדיקע פאַרשאַרפונג פון קלאַסן=קאַמף, אַ רעוואָלוציאָניזירונג פון דער אינערלעכער סיטואַציע אין דייטשלאַנד, ווייל דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס האָט ביי אַ גרויסן טייל פון אַרבעטער=קלאַס אַרויסגערופן אַן אויסניכטערונג פון די סאָציאַל=דעמאָקראַטישע אילוזיעס.

אין זיין פּאָליטישן באַריכט אויפן 16 צוזאַמענפאָר פון אַלקפּ(ב) דעם 27=טן יוני 1930 י. האָט סטאַלין, אָפּשאַצנדיק דעם קריזיס פון וועלט=קאַפּיטאַליזם און זיינע פאָלגן, אונטערגעשטראָכן, אַז „דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער קריזיס וועט אין אַ ריי לענדער איבערוואַקסן אין אַ פּאָליטישן. דאָס הייסט, ערשטנס, אַז די בורזשואַזיע וועט זוכן אַן אויסוועג פון דער סיטואַציע אין דער ווייטערדיקער פאַשיזאַציע אין דער אינערלעכער פּאָליטיק, אויסנוצנדיק דערצו אַלע רעאַקציאָנערע כּוחות, בתוכם אויך די סאָציאַל=דעמאָקראַטיע. צווייטנס, הייסט דאָס, אַז די בורזשואַזיע וועט זוכן אַן אויסוועג אויפן געביט פון דער אויסערן=פּאָליטיק אין אַ נייער אימפּעריאַליסטישער מלחמה“.[2]

סטאַלינס קלאַסישע אָפּשאַצונג לאָזט זיך פולשטענדיק אָנווענדן אויך צו דער דערמאָנטער סיטואַציע אין דייטשלאַנד. די דייטשישע מאָנאָפּאָלן, וואָס האָבן מיטן אויסברוך פון קריזיס זיך געפונען אין אָנבליק פון זיך פאַרשאַרפנדיקן קלאַסן=קאַמף, האָבן געזוכט אַן אויסוועג דורך פאַרשטאַרקן די רעפּרעסיעס קעגן אַרבעטער=קלאַס, אין דער פאַשיזאַציע פון לאַנד, אין פאַנאַנדערבוי פון דער קריגס=אינדוסטריע און צוגרייטונג צו אַ נייער מלחמה, וואָס זאָל זיי ברענגען די וועלט=העגעמאָניע.

דער דייטשישער פאַשיזם איז געווען אַ פּראָדוקט פון אַנטוויקלונגס=פּראָצעס פונעם דייטשישן אימפּעריאַליזם. י. סטאַלין האָט די היטלערישע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך גערופן „נאַציאָנאַל=סאָציאַליסטישע“, באַצייכנט אַלס „פּאַרטיי פון אימפּעריאַליסטן, און דאָס פון די אַממייניסטן בלוטדורשטיקע און רויבערישע אימפּעריאַליסטן פון צווישן אַלע אימפּעריאַליסטן אין דער וועלט... די היטלערישע פּאַרטיי — איז אַ פּאַרטיי פון שונאים פון דעמאָקראַטישע רעכט, אַ פּאַרטיי פון מיטלאַלטערלעכער רעאַקציע און שוואַרצמאַהשע פּאָגראָמען“.[3]

---

[2] י. סטאַלין: געזאַמלטע ווערק (פּויליש), ב. XII, ז. 257.

[3] י. סטאַלין: „וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מלחמה פון ראַטנפאַרבאַנד“, וואַרשע 1945, ז. 17—18.

דימיטראָוו, אין זיין רעפעראט וועגן קלאסן־כאראקטער פון פאשיזם, וואָס ער האָט געהאלטן דעם 2־טן אויגוסט 1935 י. אויפן 7־טן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאל, האָט באטאָנט, אז דער דייטשישער פאשיזם איז דער רעאקציאָנערסטער מין פון פאשיזם. „דער דייטשישער פאשיזם, — האָט דימיטראָוו געזאָגט, — איז נישט בלויז בורזשואזער נאציאָנאליזם — דאָס איז חיהשער שאָוויניזם, דאָס איז א רעגירונגס־סיסטעם פון פאָליטישן באנדיטיזם, א סיסטעם פון פראָוואָקאציע און פייניקונגען, אָנגעווענדעט לגבי דעם ארבעטער־קלאס און לגבי די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון פויערטום, קליינבירגערטום און אינטעליגענץ; דאָס איז מיטלאלטערלעכער בארבאריזם, בעסטיאלישקייט און אומגעצוימטע אגרעסיע לגבי אנדערע פעלקער און לענדער.

דער דייטשישער פאשיזם טרעט ארויס אלס דער אוואנגארד פון דער אינטערנאציאָנאלער קאָנטררעוואָלוציע, אלס הויפט־העצער צו דער אימפעריאליסטישער מלחמה, אלס איניציאטאָר פון א קרייץ־צוג קעגן דעם ראטנפארבאנד — דעם גרויסן פאָטערלאנד פון די ארבעטער־מאסן אויף דער גאנצער וועלט“.[4]

עס שטעלט זיך דערביי די פראגע: פארוואָס האָט דער היטלעריזם דערפירט צום עקסטרעם די אלע טענדענצן, וואָס זענען בכלל כאראקטעריסטיש פאר יעדן אימפעריאליזם, ד. ה. אגרעסיווקייט, רויבערישקייט, חיהשקייט, א. אז. וו. כדי צו ענטפערן אויף דער ראָזיקער פראגע און אויפקלערן די סיבה פון דער פארשטארקטער אגרעסיווקייט פון דייטשישן פאשיזם, זיין בעסטיאלישקייט און פעלקערמערדערישע האנדלונגס־מעטאָדן סיי ביזן 1939 יאָר און בפרט בעת דער 2־טער וועלט־מלחמה, מוזן מיר כאָטש אין קורצע ווערטער אויפקלערן דעם אייגנארטיקן אנטוויקלונגס־וועג פון דייטשישן אימפעריאליזם, פון וועלכן עס איז ארויסגעוואקסן דער היטלעריזם.

מען דארף קודם־כל געדענקען, אז דייטשלאנד אלס קאפיטאליסטישע מלוכה האָט זיך אנטוויקלט פיל שפעטער, איידער אנדערע אימפעריאליסטישע לענדער, אָבער דערפאר האָט עס אין א קורצער צייט דערגרייכט דעם העכסטן עטאפ פון ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג, האָט איבערגעשטיגן אנדערע הויך־אנטוויקלטע אינדוסטריעלע לענדער און שוין אין אָנהייב 20 י״ה האָט עס פארנומען דאָס ערשטע אָרט אין אייראָפּע. די וועלט איז דעמלט שוין געווען פארטיילט צווישן אנדערע קאפיטאליסטישע מלוכות. דער יונגער, עקספאנסיווער דייטשישער אימפעריאליזם האָט נישט געקאָנט שלום מאכן מיט אזא לאגע און אָנגעהויבן שטרעבן צו א נייער וועלט־פארטיילונג. אלזאָ, דער פארשפעטיקטער כאראקטער פון דייטשישן אימפעריאליזם, וואָס האָט אָבער גלייכצייטיק ארויסגעוויזן א מעכ־

---

[4] ג. דימיטראָוו: „דער אָרבעטער־קלאס קעגן פאַשיזם“ (פּויליש), וואַרשע 1935, ז. 14.

טיקע עקספּאַנסיווקייט — דאָס איז דער ערשטער שטריך פון זיין ספּעציפישער אַנטוויקלונג.

די שנעלע ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון דייטשלאַנד האָט אויך דערפירט צו אַ קאָלאָסאַלער קאָנצענטראַציע פון דער אינדוסטריע, צו אַ שטאַרקערער איידער אין אַנדערע לענדער אַנטוויקלונג און אָרגאַניזאַציע פון מאָנאָפּאָלן, און דאָס האָט דערפירט צום וווּקס פון זייער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער מאַכט. דאָס האָט, צוו. אַנד., געפונען אַן אויסדרוק אין דער אַנטוויקלונג פון מלוכה־מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם.

אַ וויכטיקן שטריך פון דייטשישן אימפּעריאַליזם בילדעט ווייטער זיין יונקעריש־בורזשואַזער כאַראַקטער. די אַנטוויקלונגס־באַדינגונגען פון דייטשלאַנד האָבן באַגינסטיקט די פאַרבינדונג פון דער גרויס־בורזשואַזיע מיט די גרויס־יונקערישע עלעמענטן. די דאָזיקע צונויפפלעכטונג פון פינאַנס־קאַפּיטאַל מיטן יונקערישן קאַפּיטאַל האָט אויף דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם אַרויפגעלייגט אַ ספּעציפישן מיליטערישן און דעספּאָטישן חותם, מחמת דאָס פּרייסישע יונקערטום איז, ווי באַוווּסט, געווען אַ שיכט פון אַן אויסדריקלעך מיליטאַריסטישן כאַראַקטער.

די אַלע שטריכן פון דייטשישן אימפּעריאַליזם האָבן דערפירט דערצו, אַז ער איז געוואָרן דער אַממייסטן רויבערישער, דער אַממייסטן בלוטדורשטיקער, און זיינע האַנדלונגס־מעטאָדן זענען געווען די סאַמע בעסטיאַלישע אין פאַרגלייך מיט די מעטאָדן פון אַנדערע מיטצייטלערישע אימפּעריאַליסטישע מלוכות.

די ספּעציפישע אַנטוויקלונגס־וועגן האָבן דערפירט דערצו, אַז אין דייטשלאַנד האָבן זיך, מער ווי אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פאַרשאַרפט די יסודותדיקע קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען. נאָך מער האָבן זיך פאַרטיפט די קעגנזאַצן אין דייטשלאַנד אין דער צייט פון אַלגעמיינעם קאַפּיטאַליסטישן קריזיס. דער איינציקער אויסוועג פון דער אָנגעשטרענגטער סיטואַציע איז פאַר די מאָנאָפּאָליסטן געווען דער פאַשיזם. דאָס איז, נאַטירלעך, געווען אַן אויסדרוק פון שוואַכקייט און נישט פון כוח און מעכטיקייט פון דייטשישן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל. די גאַנצע געשיכטע פון דער ווייַמאַרער רעפּובליק איז געווען אַ לאַנגע קייט פון פאַרמאַסקירטע צוגרייטונגען פון די יונקערס און מאָנאָפּאָליסטן צו איבערנעמען די מאַכט, אָבער ערשט דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס האָט געשאַפן באַדינגונגען, וועלכע זיי האָבן אויסגענוצט, כדי איינצושטעלן אַ דיקטאַטור פון פינאַנס־קאַפּיטאַל. דער דייטשישער פאַשיזם האָט קאָנדענסירט אין זיך אַלע עקסטרעם־רעאַקציאָנערע טראַדיציעס פון פּרייסיש־דייטשישן, יונקעריש־בורזשואַזן אימפּעריאַליזם.

מען דאַרף נאָך אונטערשטרייכן, אַז הגם דער פאַשיזם אין דייטשלאַנד איז אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון אַן אייגנאַרטיקער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון לאַנד, האָט ער זיך איינגעפונדעוועט און געשטאַרקט אַדאַנק דער הילף, וועלכע

ער האָט באַקומען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע, און דער ערשטער ריי פון די רעאַקציאָנערע אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָלן. די לעצטע האָבן געזען אין דייטשישן פאַשיזם אַן אַנטשפּרעכנדיקן אינסטרומענט צו אונטערדריקן די פּראָגרעסיווע שטרעבונגען פון די פאָלקס-מאַסן, צו פאַרניכטן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי פון אַרבעטער-קלאַס און שאַפן אין דייטשלאַנד אַ סטראַטעגישע באַזע פאַר אַ צוקונפטיקער מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

ספּעציעל גינסטיקע זענען אויך געווען אין דייטשלאַנד די היסטאָרישע באַדינגונגען, וואָס האָבן דערמעגלעכט די רעאַקציאָנערע מאָנאָפּאָליסטישע גרופּן און דער היטלעריסטישער פּאַרטיי אויפצובויען זייער מאַסן-באַזע פאַר זייערע עקספּאַנסיע-פּלענער און צו פאַרסמען אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער געזעלשאַפט מיטן סם פון דער רעאַקציאָנערער, אַגרעסיווער און רויבערישער אידעאָלאָגיע.

די הויפּט-באַזע פון דער דייטשישער רעאַקציע איז געווען דאָס קליינבירגערטום. דאָס דייטשישע קליינבירגערטום, אין רעזולטאַט פון די מפּלות, וועלכע עס האָבן געליטן זינט דער העלפט פון 19 י"ה אַלע רעוואָלוציעס און פּראָגרעסיווע באַוועגונגען, איז געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון פיליסטערישקייט און דערצויגן אין משך פון לאַנגע יאָרן אין גייסט פון האַס צו קליינע און שוואַכע פעלקער. דאָס האָט געשאַפן אַ גינסטיקן באָדן פאַר אַלערליי דעמאַגאָגישע און נאַציאָנאַליסטישע לאָזונגען, וועלכע דער היטלעריזם האָט פאַרשפּרייט.

נאָך בעת דער צייטווייליקער ווירטשאַפטלעכער סטאַביליזאַציע אין דייטשלאַנד זענען באַדייטנדיקע מאַסן פון קליינבירגערטום געגאַנגען נאָך היטלערן און זיין פּאַרטיי, וואָס האָט איינגערעדט די מאַסן, אַז די סיבה פון אַלע שוועריקייטן און אומגליקן איז דער ווערסאַלער טראַקטאַט מיט זיינע אַנטשעדיקונגס-לאַסטן. דערביי האָט מען צווישן די מאַסן צעפלאַקערט נקמה-שטימונגען, צוזאָגנדיק דער באַפעלקערונג צוריקצושטעלן די אַמאָליקע גרויסקייט פון דייטשלאַנד, איר ווילשטאַנד א. אַז. וו.

ווען עס איז נאָך אָנגעגאַנגען דער קאַמף פאַר מאַכט, האָבן די היטלעריסטן צוגעזאָגט דעם קליינבירגערטום אָפּצושאַפן די „פּראָצענט-קנעכטשאַפט“, צו פאַרגעזעלשאַפטלעכן די טרעסטן און וואָרן-הייזער אין נאָמען „פון אַלגעמיינעם וויל איבער דעם פּערזענלעכן נוצן“; זיי האָבן צוגעזאָגט די קליינהענדלער און האַנטווערקער אויסצוברייטערן זייערע ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן א. אַז. וו. אַדאַנק דער דאָזיקער דעמאַגאָגישער, כלומרשט אַנטיקאַפּיטאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע האָט די היטלעריסטישע פּאַרטיי אין דער צייט פון עקאָנאָמישן קריזיס געוווּנען נייע מיליאָנען אָנהענגער צווישן די פּאַופּעריזירטע קליינבירגערלעכע מאַסן און אומבאַוווּסטזיניקע אַרבעטסלאָזע. די דאָזיקע עלעמענטן, נישט זעענדיק קיין אויסוועג פון זייער שווערער און אויסזיכטלאָזער סיטואַציע, זענען געגאַנגען נאָך היטלערן אין דער איבערצייגונג, אַז ער וועט לייזן אַלע זייערע נויטן.

די טאַקטיק פֿון די היטלעריסטן איז באַשטאַנען אינעם אָפּלענקען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די מאַסן פֿון די פֿאַקטישע סיבות פֿון זייערע אומגליקן און ווענדן זייער צאָרן קעגן דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי און קעגן די ייִדן, וועלכע מען האָט פֿאָרגעשטעלט אַלס די פֿינאַנסיערע, וואָס אונטערדריקט דאָס פֿאָלק. דאָס דעמאָראַליזירטע דײַטשישע קלײנבירגערטום האָט לײַכט אָנגעהויבן גלייבן די פֿאַרשפּרייטע פֿאַלשע לאָזונגען, אַז די מאַרקסיסטישע פּאַרטיי איז אַ „פֿייגן־בלאַט פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער ייִדישער פֿינאַנסיערע“, און איז אַרויס צוזאַמען מיט די היטלעריסטן און מיט זייערע באַנדעס אויף צו פֿאַרניכטן די קאָמפּאַרטיי און פּראָגרעסיווע אינסטיטוציעס. גלײַכצײַטיק מיט פּיקעטירן ייִדישע געשעפֿטן, איז מען אָנגעפֿאַלן און דעמאָלירט קאָמוניסטישע פּאַרטיי־לאָקאַלן און רעדאַקציעס פֿון לינקע צײַטונגען.

אויפֿן 7־טן קאָנגרעס פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט דימיטראָוו די דאָזיקע דעמאַגאָגיע פֿאָרמולירט אין פֿאָלגנדיקע ווערטער: „דער פֿאַשיזם דינט די אינטערעסן פֿון די עקסטרעמע אימפּעריאַליסטן; פֿאַר די מאַסן טרעט ער אָבער אַרויס אונטער דער מאַסקע פֿון פּאַרטייִדיקער פֿונעם באַעוולהטן פֿאָלק און אַפּעלירט צו די באַלייִדיקטע פֿאָלקס־געפֿילן. אַזוי, צ. ב., האָט דער דײַטשישער פֿאַשיזם מיטגעריסן די מאַסן מיטן לאָזונג „קעגן ווערסאַל“. דער פֿאַשיזם שטרעבט צו דער גרויזאַמסטער עקספּלאָאַטאַציע פֿון די מאַסן, ער גייט אָבער צו צו זיי מיט אַ ראַפֿינירטער אַנטיקאַפּיטאַליסטישער דעמאַגאָגיע, אויסנוצנדיק די טיפֿע שׂנאה פֿון די אַרבעטער־מאַסן צו דער רויבערישער בורזשואַזיע, צו די בענק, צו די טרעסטן און צו די פֿינאַנס־מאַגנאַטן, אַרויסרוקנדיק לאָזונגען, וועלכע זענען אינעם געגעבענעם מאָמענט צום מייסטן צוציִענדיק פֿאַר די פּאָליטיש נישט רײַפֿע מאַסן“. [5]

אַזוי אַרום זענען די דעמאַגאָגישע לאָזונגען (קאַמף מיטן מאַרקסיזם, מיט די ייִדן א.ד.גל.), וועלכע די היטלעריסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגערוקט אין דער צײַט פֿון איר קאַמף פֿאַר מאַכט, געווען בלויז אַ מיטל אָפּצוציִען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דײַטשישן פֿאָלק פֿון זײַן פֿאַקטישן שונא, זיי זענען געווען אַ בליץ־אַפּלייטער, וואָס האָט אָפּגעצויגן דעם צאָרן פֿון די מאַסן צו די שולדיקע אין זייער נויט. גלײַכצײַטיק האָבן זיי געהאַט פֿאַר אַ ציל צו געווינען די קלײנבירגערלעכע און אַרבעטסלאָזע מאַסן פֿאַר די פֿאַררעטערישע אידעען פֿון דײַטשישן פֿאַשיזם. אַזוי אַרום האָט דאָס דײַטשישע קלײנבירגערטום, לאָזנדיק זיך פֿאַנגען דורך דער דעמאַגאָגישער פּראָפּאַגאַנדע, געהאָלפֿן דעם היטלעריזם דעראָבערן די מאַכט.

---

[5] ג. דימיטראָוו, דצ״ו, ז. 21.

אָבער קודם־כּל איז דער דייטשישער קאַפּיטאַל געווען פאַראינטערעסירט אין אײַנשטעלן אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור, און אין דער ערשטער ריי האָט אים היטלער געהאַט צו פאַרדאַנקען דאָס איבערנעמען די מאַכט. איבערגעבנדיק היטלערן דעם רודער פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור אין דייטשלאַנד, האָבן די פאָרשטייער פון דייטשישן קאַפּיטאַל אָן ספק זיך גערעכנט מיטן פאַקט, אַז ער האָט שוין געהאַט אַ מאַסן־פּאַרטיי, אַז אין משך פון איניקע יאָרן האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַשווינדלען די מאַסן דורך כּלומרשט סאָציאַליסטישע פּאָסטולאַטן פון זײַן פּראָגראַם, צו פאַרסמען זיי מיטן גיפט פון שאָוויניזם און געווינען פאַר די אינטערעסן פון אימפּעריאַליזם.

די היטלעריסטישע פּאַרטיי האָט אויך געקאָנט מיט דער הילף פון די אויסגעבויטע פּאַראַמיליטערישע פאָרמאַציעס פון ס.ס. און ס.אַ. דערשטיקן יעדן ווידערשטאַנד פון פאָלק, צעברעכן די אַרבעטער־באַוועגונג און אַזויאַרום „אָפּרייניקן דאָס הינטערלאַנד“ פאַר דער שפּעטערדיקער אַגרעסיע.

מיר וועלן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף די הײַנט שוין אַלגעמיין־באַקאַנטע פאַקטן וועגן די אומשטענדן, אין וועלכע די היטלעריסטישע פּאַרטיי איז געקומען צו דער מאַכט. עס איז הײַנט שוין אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז באַלד נאָכן איבערנעמען די מאַכט האָט היטלער געהאָלפן באַפעסטיקן די מאַכט פון פינאַנס־קאַפּיטאַל, האָט אײַנגעפירט אַ סיסטעם פון דיקטאַטור סײַ איןווירטשאַפטלעכן און סײַ אין פּאָליטישן לעבן און דערמיט פאַרלײַכטערט די רעאַליזירונג פון די עקספּאַנסיע־פּלענער פון דייטשישן אימפּעריאַליזם.

די אידעאָלאָגיע פון דער היטלעריסטישער פּאַרטיי איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע רעאַקציאָנערע אָנשויונגען, ווי אויך פון רויבערישע און פעלקערמערדערישע אימפּעריאַליסטישע דאָקטרינען. עס איז בכלל נישט קיין צופאַל, אַז די היטלעריסטישע פּאַרטיי האָט געהאַט מיט דער יונקעריש־פּרייסישער גענעראַליציע און מאָנאָפּאָליסטישע ספערן געמיינזאַמע פּראָגראַם־פּונקטן. אַזוי, צ. ב., האָט דער גענעראַל פאָן פריטש געשריבן אין סוף 1938 י., אַלזאָ, אין דער צײַט פון די פולע מלחמה־צוגרייטונגען, וועגן די צילן פון דער דייטשישער מיליטערישער קליקע: „קורץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז בכדי דייטשלאַנד זאָל ווידער ווערן אַ גרויסמאַכט, מוז עס געווינען 3 מלחמות: 1) דעם קאַמף מיטן אַרבעטער־קלאַס, 2) מיט דער קירך, און 3) דעם קאַמף מיט די ייִדן...“ [6]

זייער בשותּפותדיקער ציל איז קודם־כּל געווען פאַנאַנדערצובלאָזן אין דייטשישן פאָלק דעם עקסטרעמען שאָוויניזם און נאַציאָנאַליזם. עס האָט זיך זיי

---

[6] Der Prozess gegen die Hauptkriegsverbrecher vor dem Internationalen Militärgerichtshof, Nürnberg 1949.
ב. XXI, ז. 420, דאָקומ. פּס — 1947.

איינגעגעבן דאָס דורכצופירן מיט דער הילף פון פאַלשע טעאָריעס און פעלקערמערדערישע לאָזונגען וועגן דעם קליינעם „לעבענסראַום“ פון די דייטשן, וועגן די כלומרשטע העכערע ראַסן־אייגנשאַפטן פון דייטשישן פאָלק און וועגן דער נויטווענדיקייט פון קאַמף קעגן יידנטום. די אַלע דאָקטרינעס, וועגן וועלכע מיר שרייבן אונטן אויספירלעך, האָבן געהאַט איין ציל — צו געבן אַן אידעאָלאָגישע באַגרינדונג פאַר דער אונטעריאָכונג פון אייראָפּע און פון דער וועלט.

י. סטאַלין אין זיין רעדע פונעם 6־טן נאָוועמבער 1941 י., דעמאַסקירנדיק דאָס צביעותדיקע באַנוצן זיך פון די היטלעריסטן מיטן לאָזונג „נאַציאָנאַליזם“, זאָגט צוו. אַנד.: „און אויב די דאָזיקע צעווילדעוועטע אימפּעריאַליסטן און ערגסטע רעאַקציאָנערן צירן זיך נאָך אַלץ אין פעדערן פון „נאַציאָנאַליסטן“ און „סאָציאַליסטן“, טוען זיי דאָס צוליב דעם, בכדי צו באַשווינדלען דאָס פאָלק, אָפּנאַרן די לייכטגלויביקע און מיט דער פאָן פון „נאַציאָנאַליזם“ און „סאָציאַליזם“ פאַרמאַסקירן דעם מערדערישן מהות פונעם אימפּעריאַליזם“.[7]

2. דער לאָזונג „לעבנסראַום“ פאַר דייטשן אַלס קלאַסן־קאַמופליאַזש

איינער פון די אידעאָלאָגישע אינסטרומענטן, מיט דער הילף פון וועלכן מען האָט געגעבן אַ „טעאָרעטישע“ באַגרינדונג פאַר די פּרעטענזיעס פון דייטשישן אימפּעריאַליזם צו פרעמדע טעריטאָריעס, פאַר פאַנאַנדערוויגן אַ שאָוויניסטישע מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע, איז געווען דער לאָזונג וועגן דער נויטווענדיקייט צו פאַרגרעסערן דעם לעבנס־שטח פון דייטשישן פאָלק. דער דאָזיקער לאָזונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן געאָפּאָליטישן באָדן, איז געווען דער ווינקלשטיין פון דער רויבערישער היטלעריסטישער אידעאָלאָגיע.

געאָפּאָליטיק איז נישט געווען קיין דערפינדונג פון די היטלעריסטישע טעאָרעטיקער, נאָר אַ פּרוכט פון אימפּעריאַליזם בכלל. זי איז אַנטשטאַנען אין סוף פון 19 י״ה, בעתן פאָרמירן זיך פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל, און האָט געשטרעבט אויסצוברייטערן די ספערע פון זיין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הערשאַפט נישט בלויז אין קאָלאָניאַלע לענדער, נאָר אויך אין אייראָפּע.

דער עקספּאַנסיווער דייטשישער אימפּעריאַליזם האָט זיך באַנוצט מיטן לאָזונג פון „אַן אָרט אונטער דער זון“, אָדער „לעבנס־שטח“, בכדי צו פאַרמאַסקירן זיינע וועזנטלעכע אַגרעסיווע פּלענער און זיין שטרעבונג צו אַ וועלט־העגעמאָניע. מען האָט זיך באַמיט אויסצובילדן ביי די מאַסן די איבערצייגונג, אַז דער מקור

[7] י. סטאַלין: „וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה פון פססר“, ז. 18.

פון זיין עלנט, פון זיין אָרעמען לעבנס⸗ניוואָ איז דער מאַנגל פון שטח, אַז פאַרן 60⸗מיליאָניקן דייטשישן פאָלק איז דער ביזאיצטיקער שטח אַבסאָלוט צו קליין, און ערשט דורך דער אויסברייטערונג פון דער דייטשישער טעריטאָריע וועט זיך ענדערן און פאַרבעסערן די לאַגע פון דער באַפעלקערונג.

מיר האָבן דאָ אַן אָפענע פעלשונג פון די היסטאָרישע פאַקטן, וואָס איז, אַגב, געווען אַ וועזנטלעכער עלעמענט פון דער היטלעריסטישער פּראָפּאַגאַנדיסטישער טעטיקייט. היטלער האָט געשריבן גאַנץ אָפן אין „מיין קאַמף“: „דורך אַן אַנטשפּרעכנדיקער און כסדרדיקער פּראָפּאַגאַנדע קאָן מען דערפירן דאָס פאָלק צום גלויבן אין דעם, אַז דער הימל איז אַ גיהנום, און אַז די נעבעכדיקסטע עקזיסטענץ איז אַ הימליש גליק“.[1]

די געשיכטע פון דייטשלאַנד לערנט אונדז, אַז טאַקע אין דער צייט פון שטאַרקן גאַטירלעכן צוּוואוקס פון דער דייטשישער באַפעלקערונג אין די יאָרן פון 1890 ביז דער ערשטער וועלט⸗מלחמה, ווען די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט פון 49 אויף 64 מיליאָן, האָט זיך דער עמיגראַציע⸗שטראָם פון דייטשלאַנד שטאַרק פאַרקלענערט. די פאַרקלענערונג פון דער צאָל עמיגראַנטן לאָזט זיך אויפקלערן מיט דער אינטענסיווער אינדוסטריאַליזאַציע פון דייטשלאַנד. „וואָס שטאַרקער עס האָבן זיך אַנטוויקלט די פּראָדוציר⸗כוחות, אַלץ מער איז געפאַלן די עמיגראַציע, מחמת די אינדוסטריאַליזאַציע האָט געהויבן דעם לעבנס⸗ניוואָ“.[2] שוין אין ליכט פון די געבראַכטע פאַקטן ווערט קלאָר, אַז ניט דער פאַקטישער צוּוואוקס פון דער באַפעלקערונג אָדער אַן ענדערונג אין דער געדיכטקייט פון דער לאַנד⸗באַפעלקערונג האָבן אַרויסגערופן אַ באַדערפעניש פון אַ טעריטאָריעלער עקספּאַנסיע, נאָר אַז אונטערן באַגריף „לעבנסראַום“ האָט זיך באַהאַלטן אַ טענדענץ צו געווינען טעריטאָריעס פאַרן דייטשישן קאַפּיטאַל, צו דעראָבערן אָפּזאַץמערק און רוישטאָף⸗באַזעס פאַר דער דייטשישער אינדוסטריע, אַ טענדענץ צו אונטעריאָכן אַנדערע לענדער.

נאָר אין ליכט פון די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינטערעסן פון דייטשישן אימפּעריאַליזם קאָן פאַר אונדז ווערן פאַרשטענדלעך דער היטלעריסטישער לאָזונג פון „לעבנסראַום“. דעם פּאָליטישן קרעדאָ פון דייטשישן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל האָט פאָרמולירט קאַרל דויסבערג, דער געוו. פּרעזעס פון כעמישן קאָנצערן אי. ג. פאַרבען, אין זיין דערקלערונג אין 1931: „אויף דער קנאַפּקייט פון אַ נאַציאָנאַלןווירטשאַפטלעכן שטח איז דאָ איין אויסוועג — די אויסער נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטלעכע טעריטאָריעס... כדי ענדגילטיק צו לעזן דאָס איי⸗

---

[1] א. היטלער „מיין קאַמף“ (דייטש), מינכען 1933, ז. 302.
[2] א. נאָרדען, דצ"ו, ז. 248.

ראָפּעישע פּראָבלעם..., מוז געשאַפן ווערן אַווירטשאַפטלעכע פאַראייניקונג אויף דער אַקס באָרדאָ-אָדעס, וואָס וועט בילדן דעם רוקנביין פון אייראָפּע".[3]

און פאַקטיש האָט אין עטלעכע יאָר שפּעטער דער דייטשישער אימפּעריאַליזם, געשטאַרקט דורך דער פאַשיסטישער דיקטאַטור, רעאַליזירט דעם אָנגעצייכנטן פּראָגראַם. אָבער אין דער צייט פון די צוגרייטונגען צו אַן אַגרעסיווער מלחמה האָט מען געדאַרפט אין דייטשישן פאָלק שטופנווייז איינפלאַנצן אַזעלכע אָנשויונגען, וואָס זאָלן פון אים מאַכן אַ בלינד געצייג נישט נאָר פון דער אינערלעכער פּאָליטיק, נאָר אויך פון די עקספּאַנסיע-פּלענער פון דייטשישן פאַשיזם. האַוסהאָפער האָט אָפן געשריבן וועגן די פּאָליטישע צילן פון פּראָפּאַגירן די אידעע פון „לעבענסראַום" צווישן דייטשישן פאָלק: „מען דאַרף ביי אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט אַרויסרופן די איבערצייגונג וועגן דער נישט גענוגנטקייט פון לעבנס-שטח אין זיין איצטיקער גרייס און וועגן דער אומבאַקוועמקייט פון די איצטיקע גרענעצן. דאָס קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דעמלט, ווען דאָס פאָלק, אַנטשפּרעכנדיק דערצויגן, וועט פון אַ געפיל פון באַגרענעצטקייט איבערגיין צו אַ באַוווסטזיניק שטרעבן צו ענדערן זייגע גרענעצן".[4]

אויף אַזאַ אופן האָט מען זיך באַמיט צו פאַרדעקן דעם אמתן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן זין פון באַגריף „לעבענסראַום" און מיט דער הילף פון פּראָפּאַגאַנדיסטישע פאָרטלען געווינען די מאַסן פאַר אַ פאַררעטערישער אידעע, פאַנאַנדערוויגן זייער נאַציאָנאַליסטישן שאָוויניזם און שאַפן פון זיי אַ געהאָרכזאַם געצייג צו רעאַליזירן די אַגרעסיווע פּלענער פון דייטשישן אימפּעריאַליזם — צו דעראָבערן די מאַכט איבער דער וועלט און פאַרוואַנדלען אַלע איבעריקע מלוכות אין דייטשישע קאָלאָניעס.

אין איינקלאַנג מיט דעם לאָזונג וועגן דער נויטווענדיקייט אויסצוברייטערן דעם „לעבנס-שטח", צו שאַפן אַ גרויס-דייטשלאַנד, האָבן זיך די גלייכגעשאַלטעטע דייטשישע געלערנטע באַמיט צו דערווייזן די „היסטאָרישע" רעכט פון דייטשלאַנד צו די סלאַווישע טעריטאָריעס, וואָס זאָלן כלומרשט תמיד האָבן געהערט צום דייטשישן קולטור- און האַנדלס-שטח. מען האָט זיך אָבער נישט באַגרענעצט בלויז צו דער „טעאָרעטישער" באַגרינדונג פון די רעכט צו פאַרכאַפּן די טעריטאָריעס פון די זעלבשטענדיקע פעלקער, נאָר אין דער ריכטונג איז געגאַנגען די

---

[3] ד. ס. אַללען: „די וועלט-מאָנאָפּאָלן קעגן שלום" (פּויליש), וואַרשע 1950, ז. 42.

[4] ציט. לויט י. סעמיאָנאָוו: „די היטלעריסטישע דאָקטרינעס אין אַן אַמעריקאַנער אויפלאַגע" (פּויליש), וואַרשע 1950, ז. 68; — האַוסהאָפער, אַ געוו. קייזער-גענעראַל איז אין יאָר 1924 געוואָרן דער שעף-רעדאַקטאָר פון דער „צייטשריפט פיר געאָפּאָליטיק". אין 1933 איז האַוסהאָפער געוואָרן דירעקטאָר פון כייאַנטשטאַנענעם אינסטיטוט פאַר געאָפּאָליטיק, און זינט 1934 איז ער פּרעזעס פון דער דייטשישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע.

רעאַלע אויסערן־פּאָליטיק פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד זינט דעם איבערנעמען די מאַכט דורך היטלערן.

די ריכטליניעס פון דער פאַרכאַפּערישער פּאָליטיק און די ריכטונג פון דער עקספּאַנסיע האָט היטלער שוין לאַנג אָנגעצייכנט אין „מיין קאַמף“, שרייבנדיק: „מיר, נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, שטעלן אָפּ באַוווּסטזיניק אונדזער ביזאיצטיקע אויסערן־פּאָליטיק פון פאַרן מלחמה־פּעריאָד. מיר הייבן אָן דאָרט, וווּ מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט מיט זעקס יאָרהונדערטער צוריק. מיר האַלטן איין דעם אוראַלטן דראַנג פון די דייטשן אויף דרום־ און מערב־אייראָפּע און ווענדן אונדזערע אויגן אין דער ריכטונג פון די מזרח־לענדער. מיר רייסן אויך איבער מיט דער קאָלאָניאַלער און האַנדלס־פּאָליטיק פון פאַרמלחמה־פּעריאָד און גייען איבער צו דער צוקונפטיקער טעריטאָריאַלער פּאָליטיק. אָבער רעדנדיק הייַנט וועגן נייַע שטחים אויפן אייראָפּעישן קאָנטינענט, האָבן מיר אין זינען קודם־כל רוסלאַנד און די איר אונטעראָכטע שכנותדיקע מלוכות. דער גורל אַליין ווייזט אונדז דעם וועג“.[5]

פון די ציטירטע ווערטער דאַרף מען נאַטירלעך נישט אורטיילן, אַז היטלער האָט רעזיגנירט פון די קאָלאָניעס. מיטן מאָמענט פון איבערנעמען די מאַכט האָט ער אָנגעהויבן אַ קאַמף פאַר צוריקבאַקומען די דייטשישע קאָלאָניעס. און מען דאַרף צוגעבן, אַז די קאָלאָניאַלע אַפּעטיטן זענען געוואַקסן אין דער מאָס, ווי עס איז געוואַקסן די מיליטערישע מאַכט פון דייטשלאַנד.

שפּעטער, ווען טעאָרעטיש איז דאָס פּראָבלעם „לעבענסראַום“ שוין געוואָרן פאָרמולירט, און פאַר דער פאַררעטערישער אידעע האָט מען געוווּנען באַדייטנדיקע טיילן פון דער דייטשישער געזעלשאַפט, איז מען צוגעטראָטן עס צו רעאַליזירן, נישט רעכענענדיק זיך מיט די באַדינגונגען. און ווידער געפינען מיר אין היטלערס אַרויסזאָגונגען אָנווייזונגען בנוגע די וועגן און מעטאָדן פון רעאַליזירן די פּלענער. אַזוי, צ. ב., האָט היטלער אויף דער געהיימער קאָנפערענץ דעם 23־טן מאַי 1939 י. אין דער אָנוועזנהייט פון זיינע פּאָליטישע און מיליטערישע ראַטגעבער דערקלערט צווישן אַנדערע:

„אַן 80־מיליאָניקע באַפעלקערונג האָט געלעזט אירע אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען. עס מוזן אויך געלעזט ווערן די עקאָנאָמישע פראַגן... די לעזונג פון פּראָבלעם פאָדערט מוט“. און מיט וועלכע מעטאָדן, לויט היטלערן, דאַרף מען רעאַליזירן דעם פּלאַן? „דער מעטאָד פון רעאַליזירן דאָס פּראָבלעם דורך צופּאַסן זיך צו די באַדינגונגען איז נישט דערלאָזבאַר, — דערקלערט היטלער, — אייגנטלעך דאַרף מען די אומשטענדן צופּאַסן צו די צילן. דאָס איז אָבער נישט מעגלעך אָן אַן איבערפאַל אויף אַנדערע מלוכות און אָן פאַרכאַפּן פרעמדן באַזיץ“.[6]

[5] א. היטלער: „מיין קאַמף“, ז. 742; אַגרעסיע אויף פּוילן (פּויליש), ב. I, ז. 181.
[6] אַגרעסיע אויף פּוילן ב. II, ז. 47.

די ציטאַט אַנטהילט פאַר אונדז דעם וועזנטלעכן אינהאַלט פון לאָזונג „לעבענסראַום“. לאָמיר געדענקען, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן נאָך דער אַנעקסיע פון עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע, שוין בעת די פולע צוגרייטונגען צום פאַרכאַפּן פוילן און די מערב־מלוכות. די ווייטערדיקע רעאַליזאַציע פון די עקספּאַנסיע־פּלענער אין סעפּטעמבער 1939 י. אַנטפּלעקט פאַר אונדז דעם לאָזונג „לעבענסראַום“ אין זיין גאַנצער פאַרברעכערישקייט.

עס שטעלט זיך פאַר אונדז די ווייטערדיקע פראַגע: ווי האָבן אויסגעזען די אָנשווינגען פון דייטשישן פאַשיזם אויף די פאָרמען פון באַהערשן פרעמדע טעריטאָריעס? די פאַרשאַרפונג פון אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע קעגנזאַצן פון דייטשישן אימפּעריאַליזם האָבן געמוזט דערפירן דערצו, אַז די פאָרמען פון פאַרשקלאַפן פעלקער און עקספּלאָאַטירן זייערע לענדער האָבן אָנגענומען אַ לגמרי אַנדערן כאַראַקטער, ווי ביז איצט. שוין ביים פּלאַנירן די צוקונפטיקע מלחמה האָבן די היטלעריסטן פאָרויסגעזען, אַז די דייטשישע עקספּאַנסיע, דער עיקר טעריטאָריעלע, וועט פאָרקומען נישט בלויז דורך באַהערשן די לענדער און אונטעריאָכן די ביז איצט זעלבשטענדיקע פעלקער, נאָר אויך דורך אַרויסשטויסן און אויסראָטן די דאָרט באַזעצטע באַפעלקערונג, כדי די שטחים זאָלן קאָנען אויסגענוצט ווערן פאַר דייטשישע קאָלאָניזאַציע־צוועקן. אַזוי ווי די הויפּט־ריכטונג פון דער עקספּאַנסיע איז געווען „דראַנג אויף מזרח“, דעריבער איז אַ באַשטאַנדטייל פון היטלעריסטישן אַגרעסיוון פּלאַן, וואָס איז זינט יאָרן צוגעגרייט געוואָרן, געווען די אויסראָטונג פון די סלאַווישע פעלקער.

און דאָ קומען מיר צו אַ גאָר וויכטיקער אייגנשאַפט פון דייטשישן אימפּעריאַליזם, ווי בכלל צו די וואָרצלען פון יעדן אימפּעריאַליזם, צו זיין פעלקער־מערדערישן כאַראַקטער, וואָס האָט געהאַט אַ פאַטאַלע ווירקונג אויפן גורל פון פיל פעלקער בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

שוין אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער „אַלדייטשישער פאַרבאַנד“, וואָס איז געווען אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער אויסדרוק פון די אַגרעסיווע שטרעבונגען פון דייטשישן אימפּעריאַליזם, אַרויסגערוקט צוו. אַנד. אַ כאַראַקטעריסטישע פאָדערונג בנוגע דער מלחמה־פירונג. נעמלעך, אַז אַלע אָקופּירטע דורך די דייטשן טעריטאָריעס (אין דער ערשטער ריי אויף מזרח — די פּוילישע, ווייסרוסישע, רוסישע שטחים) דאַרפן „אָפּגעריייניקט“ ווערן פון מענטשן (דער לאָזונג: „לאַנד פריי פון מענטשן“), ווייל דייטשלאַנד זענען נייטיק טעריטאָריעס אָן מענטשן. [7]

---

[7] פג״ל § 5 פון באַשלוס פון אַלדייטשישן פאַרבאַנד פון 28 אויגוסט 1919, לויט P. I. Notowicz: Zachwaticzeskaja politika germańskowo imperializma na Wostokie 1914—1918, OGIZ 1947, p. 11.

דער דאָזיקער פעלקער־מערדערישער שטריך איז געקומען צום אויסדרוק אין זיין גאַנצער נאַקעטער פאָרם ערשט שפּעטער, נאָכן באַפעסטיקן זיך פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור, ווען אַדאַנק אַ ריי פאָרהנחות האָט זיך דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד פאַרוואַנדלט אין אַן צום מיינסטן רויבערישע, צום מיינסטן בלוטדורשטיקע פון אַלע מיטצייטלערישע אימפּעריאַליסטישע מלוכות.

אויף דער פראַגע, וואָס זאָל מען טאָן מיט דער באַפעלקערונג פון די פאַרכאַפּטע לענדער, האָט היטלער שוין אויף דער געהיימער קאָנפערענץ דעם 5־טן נאָוועמבער 1937 י. געגעבן אַ כאַראַקטעריסטישן ענטפער: „עס גייט אונדז נישט וועגן דעראָבערן פעלקער, נאָר אויסשליסלעך וועגן דעראָבערן טעריטאָריעס, וואָס זאָלן קאָנען אויסגענוצט ווערן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע צוועקן. עס אַנטשפּרעכט אונדז מער צו זוכן די שטחים אין אייראָפּע, אין אוממיטלבאַרער שכנות פון דייטשלאַנד, איידער מעבר לים. דער ציל מוז אָבער דערגרייכט ווערן במשך פון איין אָדער צוויי דורות... די געשיכטע פון אַלע צייטן... האָט דערוויזן, אַז יעדע טעריטאָריעלע עקספּאַנסיע קאָן דורכגעפירט ווערן דורך צעברעכן דעם ווידערשטאַנד און דעצידירן זיך אויף אַלץ...“ [8].

נאָך אויסדרוקפולער זענען די אַרויסזאָגונגען פון היטלערן וועגן דער פּאָליטיק פון פאַרניכטן פעלקער, וואָס ווערן ציטירט ביי ראַושנינגן. „עס שטייט פאַר אונדז די פליכט צו פאַרקלענערן די פרעמדע באַפעלקערונג, — דערקלערט היטלער, — ווער קאָן אָפּפרעגן אונדזער רעכט אויסצוראָטן מיליאָנען מענטשן פון אַ נידעריקער ראַסע, וואָס מערן זיך, ווי פליגן. מיר דערקלערן זיך פאַר אָנהענגער פון אַ פּלאַנמעסיקער ווירטשאַפט אין באַפעלקערונגס־פראַגן... עס וועט זיין איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער דייטשישער פּאָליטיק נישט צו דערלאָזן מיט אַלע מיטלען צו אַ ווייטערדיקער פאַרמערונג פון די סלאַווישע פעלקער. דער נאַטירלעכער אינסטינקט דיקטירט יעדן לעבעדיקן נפש נישט בלויז צו באַזיגן, נאָר אויך צו פאַרניכטן דעם שונא. אין אַמאָליקע צייטן איז געווען דאָס רעכט פון זיגער אויסצוראָטן גאַנצע שבטים, גאַנצע פעלקער. מיר וועלן אַרויסווייזן אונדזער הומאַניטאַרישקייט דערמיט, וואָס מיר וועלן דאָס דורכפירן פאַמעלעכער און אָן בלוט־פאַרגיסונג...“ [9]

אין איינקלאַנג מיט דעם שטאַנדפּונקט האָט היטלער ווייטער אויפגעקלערט אין געשפּרעך מיט ראַושנינגן: „מען וועט דאַרפן אַנטוויקלען אַן אַנטפעלקערונגס־

---

[8] אַגרעסיע אויף פּוילן, ב. I, ז. 25—26; נירענבערגער מאַטעריאַלן, ז. 161.

[9] Herman Rauschning: Gespraeche mit Hitler, Europa Verlag, 1940 r. אויך „דער פּראָצעס“, ב. XXI, ז. 553.

טעכניק. איר וועט פרעגן, וואָס הייסט אַנטפּלעקערן? צי וויל איך באַזייטיקן גאַנצע נאַציאָנאַלע גרופּן? יאָ, מער ווייניקער דערצו וועט עס דערגיין“.[10]

היטלער האָט אין פאַרמלחמה־פּעריאָד נאָך נישט גערעדט אָפן, ווי עס וועט אויסזען די טעכניק פון אַ מאַסן־פאַרניכטונג. ער אַנטפּלעקט דערווייל נישט אַפילו פאַר זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער, אַז דאָס וועלן זיין גאַנצע לאַגער־קאָמבינאַטן מיט גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. מעגלעך, אַז דעמאלט האָבן זיך נאָך נישט געהאַט אויסקריסטאַליזירט די אָנשויונגען וועגן דער פאַרניכטונגס־טעכניק. היטלער האָט דעמאלט אויפגעקלערט ראַושנינגן: „אונטער פאַרניכטונג מוז מען נאָך נישט פאַרשטיין די אויסראָטונג פון מענטשן! איך וועל פשוט סיסטעמאַטיש אָנווענדן אַזעלכע מיטלען, וואָס וועלן אָפּשטעלן דעם באַפעלקערונגס־צוּוואוקס... עס זענען פאַראַן פיל וועגן, וואָס פירן צום אויסשטאַרבן פון אומגעוווּנטשענע ראַסן אויף אַ סיסטעמאַטישן און אַניסורימדיקן אופן, יעדנפאַלס אָן בלוט־פאַרגיסונג...“[11]

מיר האָבן דאָ שוין קלאָר, אָן שום מאַסקירונג, פאָרמולירט דעם פּלאַן פון צוקונפטיקן פעלקער־מאָרד, וואָס דרינגט אַרויס אין אַ גלייכער ליניע פון דעם לאָזונג „לעבענסראום“. „לעבענסראום“ פאַרן דייטשישן אימפּעריאַליזם איז געוואָרן דער „טאָדעסראַום“ פאַר די פעלקער פון די אָקופּירטע לענדער. די ציטירטע ווערטער פון היטלערן זאָגן עדות וועגן דעם, אַז שוין פיל יאָרן פאַרן דורכפירן דעם פעלקער־מאָרד האָט דער דייטשישער פאַשיזם זיך גרינטלעך צוגעגרייט צו דער פאַרברעכערישער אויפגאַבע. אין דער מאָס, ווי עס זענען רייף געוואָרן זיינע קאָנקרעטע אַגרעסיווע פּלענער, איז ער איבערגעגאַנגען אויך אויף דעם געביט פון אידעאָלאָגישע פּראָגראַמען צו אַ פּראַקטישער, טעכניש־אָרגאַניזאַציאָנעלער צוגרייטונג צו אַ מאַסן־שחיטה.

בעת דער מלחמה, שוין אין גאַנג פון רעאַליזירן די פעלקערמערדערישע פּלענער, האָט הימלער, אַלס „קאָמיסאַר צו באַפעסטיקן דאָס דייטשישע פאָלקסטום“, פאָרמולירט (יולי 1942) דעם ציל פון היטלעריזם בנוגע די אָקופּירטע טעריטאָריעס אין פאָלגנדיקע ווערטער: „אונדזער אויפגאַבע איז בכלל נישט צו גערמאַניזירן דעם מזרח אין אַלטן באַגריף, ד. ה. דורך אויסלערנען די דאָרטיקע פעלקער די דייטשישע שפּראַך און רעכט, נאָר דערפירן דערצו, אַז אין מזרח זאָל וווינען אָן אויסשליסלעך דייטש־אָפּשטאַמיק פאָלק“[12]. אין רעזולטאַט פון באַ=

[10] ראַושנינג, דצ"ו, ז. 129; „דער פּראָצעס“, ב. XXI, ז. 558.

[11] H. Rauschning: Die Stimme der Zerstörung, p. 207.

לויטן אורטייל פון נירענבערגער פּראָצעס, ב. VIII, 344.

[12] „דער פּראָצעס“, ב. XXI, ז. 554, דאָקום. פּס — 2915.

הערשן די מדינה האָט דאָרט געזאָלט פאַרבלייבן פאַר דייטשישע קאָלאָניזאַציע־צוועקן אַ שטח אָן אירע ביזאיצטיקע איינוווינער (לאָזונג „שטח אָן פאָלק“).

די אַלע אויבן אָנגעוויזענע ציטאַטן, און וועלכע מען קאָן נאָך פיל מער ברענגען פון אַרויסזאָגונגען פון די היטלעריסטישע פירער, זאָגן עדות וועגן דעם, אַז דורכן לאָזונג „לעבענסראַום“ האָט מען זיך באַמיט אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דייטשישן פאָלק פון די אינערלעכע סאָציאַלע נויטן און געשטויכ; עם צו זוכן זייער לעזונג אין דער אַגרעסיע אויף פרעמדע טעריטאָריעס.

דער פאַרברעכערישער לאָזונג איז געווען דער וויכטיקסטער עלעמענט פון דער אידעאָלאָגיע, מיט וועלכער עס האָט זיך דעמלט באַנוצט און באַנוצט זיך אויך היינט דער פינאַנס־קאַפּיטאַל אין דייטשלאַנד. די רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגיע איז אַ קאָנסעקווענטער רעזולטאַט פון דער ווירקונג פון יסודותדיקן עקאָנאָמישן געזעץ פון קאַפּיטאַליזם, וואָס איז אַנטדעקט געוואָרן דורך י. סטאַלין. איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דאָזיקן געזעץ איז די אונטעריאָכונג און סיסטעמאַטישע באַרויבונג פון אַנדערע פעלקער, כדי צו פאַרזיכערן פאַר די מאָנאָפּאָליסטן מאַקסימאַלע פּראָפּיטן.

די אימפּעריאַליסטישע לאָזונגען „לעבענסראַום“, „ראַום אָהנע פאָלק“ האָבן גלייך אין זיך אַנטהאַלטן אַ געפאַר פון אַ פיזישער אויסראָטונג פון גאַנצע פעלקער, אין דער ערשטער ריי פון די סלאַווישע. אין די פאַרברעכערישע טענדענצן דאַרף מען זוכן די שפּרינגפעדערס פון דעם ברייט פאַנאַנדערגעבויטן מעכאַניזם צו פאַרניכטן פעלקער.

3. די היטלעריסטישע ראַסן־„טעאָריע“

אומאָפּהענגיק פון לאָזונג „לעבענסראַום“ האָט דער היטלעריזם אויסגעשמידט אַ נייעם, אַ נאָך שאַרפערן אידעאָלאָגישן כלי־זין, וואָס האָט באַגרינדעט די אימפּעריאַליסטישע עקספּאַנסיע און הערשאַפט איבער אַנדערע פעלקער.

דער נייער כלי־זין, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזוי ווירקזאַם אין צעפלאַקערן דעם נאַציאָנאַליסטישן שאָוויניזם, איז געווען דער ראַסיזם.

דער ראַסיזם האָט טיף געוואָרצלט אין די סאַמע יסודות פון אימפּעריאַליזם. אין דער צייט, ווען די אייראָפּעישע מלוכות האָבן אונטעריאָכט און פאַרניכטעט „קאָלירטע“ פעלקער אין די קאָלאָניעס, זענען זיי שוין צוגעטראָטן צו דער „טעאָרעטישער“ באַגרינדונג פון זייער רעכט צו איבערמאַכט. די רעכט פון „ווייסן“ צו הערשן איבער דער וועלט איז געווען באַטראַכט פאַר עפּעס זעלבסט־פאַרשטענדלעכס. אָבער שפּעטער, ווען די קאַפּיטאַליסטישע גרויסמאַכטן האָבן געפירט אַ קאַמף פאַר אַ נייער וועלט־פאַרטיילונג, האָט יעדע געוואָלט זיך פאַר־

שטעלן אלס פאָרשטייערין פון א העכערער, איידעלערער ראסע און דעריבער פאר א מער ווירדיקערער צו הערשן איבער דער וועלט.

דער דייטשישער אימפעריאליזם, אן אָפגעשוואכטער אין רעזולטאט פון דער פארשפילטער ערשטער וועלט=מלחמה, אָבער אונטערגעקאָרמעט דורך קרעדיטן און צוריקגעשטעלט אויף די פיס דער עיקר דורך אמעריקאנער בענק און טרעסטן, האָט שוין אין די 20=ער יאָרן, אומאָפהענגיק פון זיינע באנייטע קאָלאָניאלע פרעטענסיעס, גענומען א קורס אויף א טעריטאָריעלער עקספאנסיע אויפן חשבון פון די אייראָפעישע פעלקער. אין צוזאמענהאנג דערמיט האָט מען געדארפט אויסבילדן אין אייגענעם פאָלק די איבערצייגונג, אז נאָר דער דייטש איז א פולווערטיקער מענטש, אז דאָס דייטשישע פאָלק איז א „הערן=פאָלק“, אז די גערמאנער זענען די שעפער פון די אייראָפעישע מלוכות און קולטור=ווערטן, און דערפאר דארפן זיי הערשן איבער אנדערע פעלקער. די גאנצע איבעריקע באפעלקערונג, בפרט אויפן מזרח, וווהין עס דארף גיין די עקספאנסיע, בילדעט א נידעריקערן מענטשלעכן מין, דערפאר דארף זי זיין אונטערגעאָרדנט דעם ווילן און מאכט פון דייטשלאנד. עס איז דעריבער בכלל נישט קיין צופאל, אז דער ראסיזם איז דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון א מלוכהשער דאָקטרין דווקא אין פאשיסטישן דייטשלאנד און איז געבליבן אין דינסט פון היטלעריזם ביז צום צוזאמענברוך. איצט באנוצט זיך מיט די ראסיסטישע „טעאָריעס“ דער אמעריקאנער אימפעריאליזם, וואָס שטרעבט צו א וועלט=הערשאפט.

מיר וועלן פרווון כאָטש אין אַלגעמיינע שטריכן צו ווייזן דעם מהות פון פאַשיסטישן ראַסיזם. דאָס וועט אונדז דערמעגלעכן בעסער צו פאַרשטיין די שפּעטערדיקע עקסטערמינאַציע=פּאָליטיק פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד און די מעטאָדן פון איר רעאַליזירונג.

דער אויסגאנגס=פונקט פון דער היטלעריסטישער ראסן=טעאָריע בילדעט די באַהויפּטונג וועגן דער נישט גלייכווערטיקייט פון מענטשלעכע ראסן. די מענטשהייט טיילט זיך אויף העכערע און נידעריקע ראסן. דער מענטש ווערט געבוירן אין דער סביבה פון דער געגעבענער ראסע, ווייסער אָדער קאָלירטער, העכערער אָדער נידעריקערער, און מוז שוין ביזן סוף טראָגן די לעבנס=קאָנסעקווענצן פון דעם אומפארענדערלעכן נאטור=געזעץ. די ראסן=אייגנשאַפטן זענען, לויטן היטלעריסטישן ראַסיזם, אומאָפהענגיקע פון די לעבנס=באַדינגונגען און ארומיקער סביבה, זיי זענען סטאַבילע, זענען א גורל [1]. ראַסע איז אן אורשטאַמיקער פאקט, אַן אבסאָלוטער און אומפאַרענדערלעכער. די היטלעריסטישע ראַסיסטן האָבן

[1] Dr Martin Staemler: „Rassenpflege im völkischen Staat“, Berlin (1939), p. 14, Dr Jacob Graf: „Vererbungslehre, Rassenkunde und Erbgesundheitspflege“, Berlin 1939, p. 242; dr Werner Feldscher: „Rassen — und Erbpflege im deutschen Recht“, Berlin 1943, p. 18.

ווייטער באַהויפּטעט, אַז די באַגריפן ראַסע און פאָלק דעקן זיך נישט. אַ פאָלק איז אַ מישונג פון פאַרשידענע ראַסן, אָבער די ראַסן־קרייצונג פירט נישט צום אַנטשטיין פון נייע ראַסן. די טעאָרעטיקער פון ראַסיזם, בפרט גינטער, האָבן געהאַלטן, אַז די אייראָפּעישע באַפעלקערונג, בתוכם אויך דאָס דייטשישע פאָלק, באַשטייט פון 5 הויפּט־ראַסן: נאָרדישע, מיטללענדיש־ימיקע, דינאַרישע, אַלפּיישע און מזרח־באַלטישע. די וויכטיקסטע איז אָבער די נאָרדישע ראַסע, דאָס דייטשישע פאָלק באַזיצט, לויט גינטערן, אַז ערך 60 פּראָצענט נאָרדיש בלוט.

די דייטשישע ראַסיסטן האָבן ווייטער געפּרעדיקט, אַז די נאָרדישע ראַסע באַזיצט ספּעציעל הויכע באַגאַבונגען. די דאָזיקע אייגנשאַפטן זענען גורם, אַז צווישן דער נאָרדישער ראַסע געפינען מיר אַ גרויסע צאָל שעפערישע מענטשן מיט פעיקייטן צו אָנפירן, אָרגאַניזירן און דעראָבערן.

די דאָזיקע ראַסיסטישע „טעאָריע", וואָס האָט צוגעשריבן אַ ספּעציעלע גרויסע באַדייטונג און אַנטראָפּאָלאָגישן ווערט דער אַרישער ראַסע, בפרט איר נאָרדישער גרופּע, איז געווען אַן אויסברייטערונג פון היטלערס טעזע אין „מיין קאַמף", אַז „דער אַריער איז דער גורם פון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג", און דאָס אַדאַנק זיינע ראַסן־אייגנשאַפטן [2]. היטלער האָט ווייטער סוגערירט זיינע אָנהענגער, אַז „די אַריער זענען דערגאַנגען צום פאַנאַנדערבלי פון זייער קולטור נאָך דורך דער אונטעריאָכונג פון אַנדערע נידעריקערע פעלקער". און דאָס, באַהויפּטעט היטלער, איז אַ געזעץ פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. די דאָזיקע מעגלעכקייט האָט באַשטימט דעם באָדן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אַרישער קולטור [3].

היטלערס טעזע האָט שפּעטער אַנטוויקלט דער „טעאָרעטיקער" אַלפרעד ראָזענבערג אין זיין בוך „דער מיטאָס פון 20 י"ה", אין וועלכן ער באַהויפּטעט, אַז נאָר אַדאַנק די גערמאַנער זענען אַנטשטאַנען די אייראָפּעישע מלוכות און זייערע קולטור־ווערטן. ראָזענבערג מאַכט דערפון דעם אויספיר, אַז די דייטשן האָבן דאָס רעכט צו הערשן איבער אייראָפּע.

אין דער ראַסיסטישער אידעאָלאָגיע האָט אַ גרויסע ראָל געשפּילט דער קולט פון ראַסן־ריינקייט. לויט היטלערן, איז ריינקייט פון דער ראַסע געווען דער באַדינג פון דער אַנטוויקלונג פון דער אַרישער קולטור. דאָרט, ווו היסטאָרישע באַדינגונגען האָבן באַגינסטיקט דאָס אויסמישן זיך פון ראַסן, איז כלומרשט פאָרגעקומען אַ קולטורעלע און פּאָליטישע ירידה פון דעם פאָלק, וואָס האָט געהערט צו דער העכערער ראַסע [4]. היטלער האָט פּראָפּאַגירט, אַז „די בלוט־פאַר־

---

[2] „מיין קאַמף", ז. 332.

[3] היטלער, דצ"ו, ז. 323—324.

[4] דצ"ו, ז. 314—327.

מישונג איז געווען די סיבה פון אָפּשטאַרבן פון אַלטע קולטורן". אַזוי אַרום איז די קרייצונג פון ראַסן און פעלקער, וואָס איז אַן אַלגעמיינע דערשיינונג אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, אָנערקענט געוואָרן דורך היטלערן אַלס אַ פאַרגוואַלטיקונג פון די נאַטור=געזעצן.

היטלערס הויפּט=טעזן: וועגן די רעכט פון העכערע און שטאַרקערע ראַסן צו אונטעריאָכן אַנדערע פעלקער און וועגן ראַסן=ריינקייט פון דייטשישן פאָלק אַלס אַ נויטווענדיקן באַדינג צו פאַרזיכערן זיין קולטורעלע און פּאָליטישע סופּרעמאַציע, זענען געוואָרן אַ דאָגמע פאַר די אָפּגענאַרטע מאַסן און אַ טעאָרעטישער יסוד פאַרן היטלעריסטישן ראַסיזם. דאָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט דער אידעאָלאָגיע פון דייטשישן פאַשיזם, לויט וועלכער היטלער איז געווען דער קוואַל פון אַלע געזעצן [5].

אין איינקלאַנג מיט אָט דער פעסטשטעלונג האָבן די „טעאָרעטיקער" פון ראַסיזם זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז דער פאַנאַנדערבלי פון דער אייראָפּעישער קולטור איז פאָרגעקומען נאָר דעמלט, ווען די נאָרדישע ראַסע האָט געבילדעט דעם הערשנדיקן שיכט. ווען אָבער די דאָזיקע שיכטן מישן זיך צינויף מיט אַנדערע ראַסן=עלעמענטן און זענען שוין נישט קיין איינהייטלעכע אין אַנטראָפּאָלאָגישן זין, קומט פאָר בדרך כלל אַ קולטורעלע און פּאָליטישע ירידה.

די דייטשן לעבן איצט דורך — לויט דעם היטלעריסטישן „טעאָרעטיקער" גינטער — אַ שטאַרקע דענאָרדיזאַציע, ד. ה. אַ פאַרקלענערונג פון די נאָרדישע ראַסן=עלעמענטן. לויט גינטערן באַדייט דאָס אַ פאַרמינדערוורטיקונג פון די קולטור=שאַפערישע עלעמענטן. דענאָרדיזאַציע איז אַ רעזולטאַט פון שאַרפע סעלעקציע=פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דייטשישן פאָלק, וואָס רעדוצירן די צאָלמעסיקייט פון נאָרדישע עלעמענטן ביי די קולטורעלע שיכטן. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די דערשיינונג קומט פאָר אויך, צוו. אַנד., צוליב דער אימיגראַציע פון פויערים אין די שטעט. די הערשנדיקע קלאַסן טרעטן, אַלזאָ, אַרויס ביי גינטערן, ווי אָפּשטאַמיקע פון העכערע ראַסן, פון דעראָבערער, דאַקעגן די פאָלקסמאַסן, ווי אָפּשטאַמיקע פון די אונטעריאָכטע, נידעריקערע פעלקער. דאָס דייטשישע פאָלק איז דעריבער שטאַרק פאַראינטערעסירט, — האַלט גינטער, — די ריינקייט פון דער הערשנדיקער ראַסע זאָל זיך געפינען אונטער אַ זאָרגפולער השגחה, און אַז פון דער גערמאַנישער סביבה זאָלן פולשטענדיק און אין אַ ברייטן פאַרנעם עלימינירט ווערן די נידעריקערע ראַסן.

גינטער איז אין דער קאָנסעקווענץ דערגאַנגען צום אויספיר, אַז די געזעצגעבונג דאַרף העלפן דער געזעלשאַפט איינצוהאַלטן דעם נאָרדישן כאַראַקטער פון

[5] פג"ל „יוריסטישער ווערטערבוך" (דייטש), לייפּציק 1939, ז. 175, שטיכוואָרט „געזעץ".

דייטשלאַנד. די פּאָליטישע טענדענצן פון דער אידעאָלאָגיע זענען שוין דאָ בולט אונטערגעשטראָכן.

כדי לייכטער צו פאַרשפּרייטן די פאַלשע ראַסיסטישע טעאָריעס, האָבן די היטלעריסטן זיך אָפט פאַררופן אויף וויסנשאַפטלעכע אויטאָריטעטן.[6] דאָס האָט געשאַפן ביים פאַרפירטן טייל פון דער דייטשישער געזעלשאַפט די איבערצייגונג, אַז דער ראַסיזם, וואָס שטייט אויף דער וואַך פון דער׳בלוט-ריינקייט פון געגעבענעם אַנטראָפּאָלאָגישן מין און וואָס פאָדערט אָפּצוהיטן די נאָרדישע ראַסע פון צונויפמישן זיך מיט כלומרשט נידעריקערע, ווייניקער ווערטיקע גרופּן פון דער ווייסער ראַסע, וועט פאַרזיכערן די דייטשישע מאַסן נישט נאָר אַ פיזישע קרעפטיקייט, נאָר אויך אַ גרעסערע ווי ביז איצט קולטורעלע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג.

צוויי באַגריפן פון דעם היטלעריסטישן ראַסיזם: סעלעקציע און פאַרטיליקונג האָבן אַלמעכטיק באַהערשט די וויסנשאַפט, דאָס אינטעלעקטועלע לעבן און שפּעטער אויך דאָס גאַנצע פּאָליטישע לעבן אין היטלער-דייטשלאַנד.

די היטלעריסטישע פּראָפעסאָרן האָבן אַזוי אַרום געוואָלט געבן אַ „וויסנשאַפטלעכע" באַגרינדונג פאַר דער שפּעטערדיקער פיזישער עקסטערמינאַציע פון גאַנצע פעלקער. זיי האָבן דאָס געפּרעדיקט, אַז די לערע פון ראַסיזם שטיצט זיך אויף נאַטור-געזעצן, וואָס קענען נישט קיין אויסנאַם. דאָס קולטיווירן די ראַסן-ריינקייט[7] האָט דעם ציל אָפּצוהיטן דאָס פאָלק פון פאַראומריינונג צוליבן צונויפמישן זיך מיט ראַסן-פרעמדע עלעמענטן. מען דאַרף אויסגעפינען מענטשן מיט פולווערטיקע נאָרמאַלע שטריכן (סעלעקציע), אַרומנעמען זיי מיט אַ זאָרגפעליקער שוץ, כדי צו באַקומען פון זיי פיל קינדער. די ראַסן-פלעגע דאַרף גלייכצייטיק אויסגעפינען מענטשן מיט מינדערווערטיקע שטריכן און מאַכן זיי אוממעגלעך צו האָבן קינדער (פאַרטיליקונג).

מאַרטין שטעמלער, אַ „טעאָרעטיקער" פון ראַסיזם, האָט געשריבן: „פאַרטיליקונג און סעלעקציע זענען די צוויי פּאָליוסן, אַרום וועלכע עס דרייט זיך די גאַנצע קולטיווירונג פון דער ראַסע, די צוויי מעטאָדן מיט וועלכע עס קומט אונדז אויס צו אַרבעטן... פאַרטיליקונג איז די ביאָלאָגישע צעשטערונג פון די בירושהדיק דערוואָרבענע אומגעווונטשענע עלעמענטן דורך סטעריליזאַציע, די קוואַנטיטאַטיווע אונטערדריקונג פון דאָס אומגעזונטע און אומגעווונטשענע... דער ציל באַשטייט אין דעם, אַז דאָס ווילדגראָז זאָל נישט דערשטיקן דעם מענטש"[8].

---

[6] פעלדשער, דצ"ו, ז. 16.

[7] שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן אַ באַזונדערע וויסנשאַפט-צווייג „ראַסנפלעגע און ערבפלעגע".

[8] Dr Alfred Kühn, dr Mart. Staemler, dr Fred. Burgdoerfer: „Erbkunde, Rassenpflege, Bevoelkerungspolitik, Schicksalfragen des deutschen Volkes", Leipzig 1935, p. 134—135,

שטעמלער באַמיט זיך אין אַ צווייט בוך צו „באַגרינדן“, אַז דאָרט, ווו די נאַטור האָט נישט דורכגעפירט די סעלעקציע פון די נידעריקערע עלעמענטן, מוז זיך אַריינמישן דער געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר. די פאַרטיליקונג איז גרויזאַם, אָבער דער ציל כשרט די מיטלען. אַלץ, וואָס איז שוואַך, קרענקלעך, מוז פאַרניכטעט ווערן. [9] די היטלעריסטישע געלערנטע האָבן געהאַלטן, אַז דאָס רעכט צו פאַרטיליקן דאַרף מען אָנווענדן נישט בלויז לגבי יחידים, נאָר — און דאָס איז געווען דער ציל פון דער טעאָריע — אויך לגבי גאַנצע פעלקער.

אין דינסט פון היטלעריסטישן ראַסיזם האָט זיך געשטעלט אַ גאַנצער שטאַב געלערנטע: היסטאָריקער, יוריסטן, טעאָלאָגן, ביאָלאָגן און סטאַטיסטיקער. זיי האָבן אַפילו געשאַפן אַ נייע וויסנשאַפטס־צווייג: „פּאָליטישע ביאָלאָגיע“. די דאָזיקע פסעוודאָ־וויסנשאַפט האָט אַרויסגערוקט די נויטווענדיקייט אַרויסצוציען פּראַקטישע קאָנסעקווענצן פון די כלומרשטע דערקענטע „נאַטור־געזעצן“. האַנס שעם, איינער פון די היטלעריסטישע פירער, האָט דאָס באַצייכנט אַזוי: „נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם — דאָס איז אָנגעווענדעטע ביאָלאָגיע“.

די באַגריפן „סעלעקציע“ און „פאַרטיליקונג“ זענען מיט דער צייט איבערגעטראָגן געוואָרן פון טעאָרעטישן אויפן פּראַקטישן באָדן. [10] מיט זיי האָט זיך פאַר אַלעם פאַראינטערעסירט און באַשעפטיקט דער „ראַסן־פּאָליטישער אַמט“ אין דער אָנפירונג פון דער היטלעריסטישער פּאַרטיי, וועלכער האָט צוזאַמענגעאַרבעט ביים רעאַליזירן די ראַסיסטישע לאָזונגען מיט די עסעסישע אַמטן, ווי הויפּטאַמט פאַר ראַסע און איבערזידלונג, רייכס־זיכערקייט־הויפּטאַמט. די באַגריפן באַקומען אויך אַ ברייטע אָנווענדונג אין דער פאַשיסטישער דעפּאָפּולאַציע־פּאָליטיק לגבי אונטערואָכטע פעלקער. היטלערס אַרויסזאָגונגען אין „מיין קאַמף“, אין די געשפּרעכן מיט ראַושנינגען און בעת זיין אַרויסטרעטונג אויף דער געהיימער קאָנפערענץ דעם 5 נאָוועמבער 1937 יאָר, האָבן שוין נישט איבערגעלאָזט קיין ספק בנוגע די מעטאָדן, וואָס וועלן אָנגעווענדט ווערן אין גאַנג פון רעאַליזירן די באַפעלקערונגס־פּאָליטיק. היטלער האָט זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן דער גערמאַניזאַציע־פּאָליטיק אויפן מזרח, וועלכע די דייטשן האָבן געפירט פאַר־

[9] מ. שטעמלער: „ראַסנפּלעגע“, קאַפּיטל: געזעץ פון סעלעקציע, ז. 41—46.

[10] אַל. ראָזענבערג: „דער מיטאָס פון XX י״ה“, מינכען 1937, ז. 85. אויך דער באַפולמעכטיקטער פאַר די ענינים פון פּאַרטיי־שולונג לוישנער האָט געשריבן: „יעדע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אַרבעט האָט נאָר דעמלט אַ זין אויף אַ לענגערער מעטע, ווען זי האָט אַ ראַסיסטישע איינשטעלונג. יעדע ראַסנפּאָליטישע אַרבעט איז נאָר דאַן דערפאָלגרייך און פּאַרנונפטיק, ווען זי אָנערקענט די פּאָליטישע צוועקמעסיקייט... און די מעגלעכקייט פון פּראַקטישער רעאַליזירונג פון דער אַרבעט“. Egon Leuschner: „Nationalsozialistische Fraemdvolkpolitik“. אויסג. פון ראַסנפּאָליטישן אַמט פון דער נ.ס.ד.אַ.פּ. (1942), ז. 6.

דער ערשטער וועלט-מלחמה, מחמת דאָס האָט געדראָט — פון ראַסיסטישן שטאַנדפּונקט — דעם דייטשישן פאָלק צו ווערן פאַרמיסטיקט דורך אַ „מינדערווערטיקן" פּוילישן עלעמענט [11]. היטלער האָט זיך דעקלאַרירט פאַר אַן אָנהענגער פון „אַנגעווענדעטער ביאָלאָגיע", וועלכע ער האָט פאַרשטאַנען, ווי די רעכט פון די היטלעריסטן צו פאַרניכטן צענדליקער מיליאָנען סלאַוון. גרייטנדיק פאַרברעכערישע פּלענער צו אונטערטאָכן אַלע זעלבשטענדיקע פעלקער, האָט היטלער דערקלערט מיט אומפאַרשעמטן ציניזם: „דער באַגריף ראַסע איז זייער באַקוועם אויף צו דערגרייכן דעם ציל. ראַסע צעשטערט אַלטע אידעען און שאַפט מעגלעכקייטן פאַר נייע קאָמבינאַציעס. איך וועל אָנווענדן אין אייראָפּע אַ נייעם אופן פון בילדונג און דערציונג, וועלכן עס האָט אויסגעאַרבעט דער נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם".[12]

די פּראָגרעסיווע וויסנשאַפט האָט תמיד דעמאַסקירט די רעאַקציאָנערע און דעמאַגאָגישע ראַסן-טעאָריע. אָבער, האָבן זיך די היטלעריסטן אַמווייניקסטנס געקימערט וועגן דער ריכטיקייט אָדער פאַלשקייט פון זייער טעאָריע. דאָס וויכטיקסטע איז געווען, אַז מיט דער הילף פון ראַסיזם האָט מען לייכט געקאָנט ביי די דייטשן אויפוועקן אַ פּוסטע גאווה, דערקלערן זיך פאַר אַ „הערן-פאָלק", אַרויסרופן אַ פאַראַכטונג צו אַנדערע, כלומרשט נידעריקערע פעלקער, צעפלאַקערן אַ נאַציאָנאַליסטישן שאָוויניזם און דערפירן דערצו, אַז די דייטשישע באַפעלקערונג זאָל באַטראַכטן אַנדערע פעלקער ווי באַמיסטיקונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ גרויס-דייטשלאַנד. דאָס איז געווען דער קלאַסן-פּאָליטישער זין פון דער היטלעריסטישער ראַסן-טעאָריע. דער היטלעריסטישער פאַשיזם האָט געמוזט כסדר אָנשטעקן די טעראָריזירטע און אָפּגענאַרטע באַפעלקערונג מיט נקמה-גייסט. כדי צו פאַרהוילן פאַרן דייטשישן פאָלק די אמתע מאָטיוון פון דער עקספּאַנסיע-פּאָליטיק, האָט דער פאַשיזם געמוזט כסדר אויפהעצן אים מיט ליגנערישער דעמאַגאָגיע וועגן דעם נויטווענדיקן „לעבענסראַום" און פאַלשער טעאָריע וועגן דער ראַסיסטישער העכערקייט פון די דייטשן.

דורך פּראָפּאַגירן די היטלעריסטישע דעראָבערונגס-פּאָליטיק, וועלכע מען האָט געפירט אין די אינטערעסן פון די דייטשישע מאָנאָפּאָלן אַלס אַן עניו, פון

[11] די פאַראַכטונג פאַר סלאַוון איז אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג, וואָס אַנטשפּרעכט די עקספּאַנסיע-פּלענער פון היטלעריזם אויפן מזרח, און בפרט דער אַגרעסיע אויף פּוילן און ראַטנפאַרבאַנד. מיט יאָרן צוריק, בעת דער עקספּאַנסיע פון דייטשלאַנד אויף דרום, האָט דער ראַסיסט טשעמבערליין פאַררעכנט די סלאַוון צו דער „צפונדיקער" ראַסע, און אַלס נידעריקערע און ווייניקער ווערטפולע האָט ער באַטראַכט די פעלקער פון דרום-אייראָפּע. פג"ל: טשעמבערליין — „די גרונדלאַגן פון XIX י"ה".

[12] היטלערס געשפּרעכן מיט ראַושנינגען. — פג"ל אויך ג. אַלעקסאַנדראָוו: „פאַשיזם — דער אַכזריותדיקער שונא פון דער מענטשהייט" (רוס.), מאָסקווע 1943, ז. 25.

וועלכן עס איז אָפּהענגיק דער גורל פון דייטשישן פאָלק, האָט מען געקאָנט געווינען אונטערשטיצונג און פּאָפּולערקייט ביי די ברייטע פאָלקס־מאַסן. היטלער האָט תמיד אונטערגעשטראָכן, אַז די מאַסן וועלן נאָר דאַן גיין נאָך אים און דעם פאַשיזם, ווען זיי וועלן ווערן פאַרפירט. „די מאַסן לאָזן זיך נאָר דאַן באַווירקן, — האָט היטלער געזאָגט צו ראַושנינגן, — ווען זיי זענען פאַנאַטיש... איך עקזאַלטיר די מאַסן דערפאַר, כדי זיי זאָלן ווערן אַן אינסטרומענט פון מיין פּאָליטיק“.

מיר זעען, אַלזאָ, אַז חוץ דעם דעמאַגאָגישן לאָזונג „לעבענסראַום“, האָבן די ליגנערישע ראַסיסטישע טעאָריעס געדאַרפט שאַפן אַ וועג דער היטלעריסטישער עקספּאַנסיע־פּאָליטיק. האָבן געדאַרפט זיין אַ פּאַראַוואַן צו אונטעריאָכן איינע און פאַרטיליקן אַנדערע פעלקער, זיי האָבן געדאַרפט „באַגרינדן“ דעם שקלאַפן־סיסטעם, וועלכן די היטלעריסטן האָבן שפּעטער איינגעפירט אין אייראָפּע. דער היטלעריסטישער ראַסיזם האָט געדינט די צילן פון דער אַגרעסיווער מלחמה, און דערפאַר איז ער געוואָרן דער וויכטיקסטער באַשטאַנדטייל פון דייטשישן פאַשיזם.

4. אַנטי־יידישע עלעמענטן אין דער אידעאָלאָגיע פון דייטשישן פאַשיזם

די פאַשיסטישע פּלוידעריי וועגן „לעבענסראַום“ און פאַלשע טעאָריעס וועגן דער ראַסן־העכערקייט פון דייטשישן און מינדערווערטיקייט פון די סלאַווישע פעלקער זענען, ווי אויס, געווען נישט גענוגנדיק פאַנאַנדערצובלאָזן דעם נאַציאָנאַליסטישן שאָוויניזם און צוגרייטן אַגרעסיע־פּלענער. די פירער פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד האָבן געדאַרפט — אין דער צייט פון דעראָבערן די מאַכט און שפּעטער ביים צוגרייטן די געזעלשאַפט צו דער מלחמה — אַלץ נייערע פּראָפּאַגאַנדע־לאָזונגען. חוץ די אויבן־באַהאַנדלטע לאָזונגען, האָבן זיי אַרויסגערוקט אַן אַנדערע ליגנערישע אידעע, אין וועלכער די אָפּגענאַרטע מאַסן וואָלטן געקאָנט גלייבן.

די היטלעריסטן האָבן אַרויסגערוקט אַן אַלטן אינסטרומענט, מיט וועלכן עס האָט זיך באַנוצט יעדע רעאַקציע אין קאַמף קעגן פּראָגרעס, — דעם אַנטיסעמיטיזם. די היטלעריסטן האָבן דערהויבן דעם אַנטיסעמיטיזם צו דער באַדייטונג פון אַן אידעאָלאָגיע.

שוין נאָך דער מפּלה בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די רעאַקציאָנערע יונקערישע מיליטערישע קרייזן אַרויסגערוקט אַ טעזע, אַז דער צוזאַמענברוך פון דייטשישן פראָנט איז געקומען צוליב דער נישט גענוגנדיקער פאַרזיכערונג פון הינטערלאַנד. פּאָפּולער איז געוואָרן די לעגענדע וועגן „דאָלכשטאָס“, ד.ה., אַז דער ציווילער פראָנט האָט גורם געווען די מפּלה פון דייטשלאַנד, געבנדיק דער

אַרמיי מיט אַ מעסער אין רוקן.[1] אין דער דייטשישער בורזשואַזער פּאָליטישער ליטעראַטור, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פאָרשן די סיבות פון דער דייטשישער מפּלה, האָבן מיר אַ ריי אַרויסזאָגונגען וועגן דעם, אַז שולדיק זענען צוו. אַנד. אויך די ייִדן.[2] אַזעלכע סוגעסטיעס האָט אַרויסגערוקט קודם־כל די דייטשישע מיליטערישע קליקע, וועלכע האָט זיך באַלד נאָך דער מפּלה גענומען גרייטן צו אַ נייער מלחמה. אַ באַווייז דערפאַר קאָן דינען דער אויבן ציטירטער דאָקומענט, וועלכער איז בייגעלייגט געוואָרן אויפן נירענבערגער פּראָצעס און אַנטהאַלט די אַרויסזאָגונג פון גענעראַל פאָן פריטש דעם 11־טן דעצעמבער 1938 יאָר.[3]

אַנאַלאָגישע אָנשווינגען האָט געפּרעדיקט די אַנטשטאַנענע אין 1919 יאָר פאַשיסטישע פּאַרטיי. זי האָט אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון „פּאַראייניקן“ דאָס פאָלק, אַלזאָ, פון צוגרייטן דעם הינטערלאַנד אַלס אַ נויטווענדיקן באַדינג אָנצוהייבן אַ נייע אַגרעסיווע מלחמה. די נסדא״פּ האָט — פּונקט ווי די מיליטערישע קרייזן — געהאַט אַן אַנטי־ייִדישע איינשטעלונג, וועלכע זי האָט פאָרמולירט אין פּאַרטיי־פּראָגראַם (פּאַראַג. 4).

דער אַנטיסעמיטיזם פון דער דייטשישער רעאַקציע, וואָס האָט איינגעפּלאַנצט אין דייטשישן פאָלק אַ שנאה צו ייִדן, איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פון פּלאַן אָפּצורייניקן דעם הינטערלאַנד, וואָס האָט געדאַרפט פאַרזיכערן אַ זיג אין דער נאָענטסטער מלחמה.

כדי ווירקזאַמער צו פירן די אַנטי־ייִדישע העץ־קאַמפּאַניע, האָבן די היטלעריסטן זיך דעצידירט אָנצושפּאַרן זייער קאַמף קעגן ייִדן אויף „וויסנשאַפטלעכע“ יסודות און אַרויסרוקן אַרגומענטן, אין וועלכע די פאַרפירטע מאַסן זאָלן קאָנען לייכט גלייבן.

דעם „טעאָרעטישן“ יסוד פאַרן קאַמף פון היטלעריזם קעגן ייִדן האָבן תמיד געבילדעט היטלערס צביעותדיקע אַרויסזאָגונגען. היטלער האָט באַהויפּטעט, אַז דער ייִד איז דער קעגנזאַץ צום אַריער.[4] די ייִדן שטאַמען כלומרשט פון אַ נידעריקערער ראַסע, און דעריבער זענען זיי נישט פעיִק צו שאַפן אייגענע, אמתע קולטור־ווערטן.[5] היטלער האָט צוגעשריבן די ייִדן אַ נעגאַטיווע, צעשטערערישע, אָבער

[1] הינדענבורג, אַרויסטרעטנדיק פאַר דער דייטשישער פּאַרלאַמענטאַרישער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויסצופאָרשן די סיבות פון דייטשלאַנדס מפּלה אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט געזאָלט דערקלערן:

„Den Dolch in den Rücken gestossen hat die Heimat dem Heer“.

[2] לודענדאָרף: „קריגספירונג און פּאָליטיק“; בויער: „די גרויסע מלחמה אויפן פראָנט און הינטערלאַנד“.

[3] „דער פּראָצעס“, ב. XXI, ז. 420.

[4] „מיין קאַמף“, ז. 329.

[5] דצ״ו, ז. 331.

גלייכצייטיק אַ גרויסע קראַפט. די ייִדן האָבן, לויט אים, געבראַכט די נעגער צום ריין מיטן ציל צו צעשטערן די ווייסע ראַסע.[6] די ייִדן האָבן דורך פאַרשידענע אינטריגעס אַרויסגערופן די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציעס פון 18־טן און 19־טן י"ה, די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג אין די מערב־לענדער, די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד א.אז.וו. די אַלע געשעענישן זענען, לויט היטלערן, געווען אַ רעזולטאַט פון איינפלוס פון „ייִדישן גייסט". נאָך מער, די ייִדן האָבן דאָס אויסגעפונען דעם קאַפּיטאַליזם און די מאָדערנע ווירטשאַפט.[7] דער ייִד איז ווירטשאַפטלער — אַ קאַפּיטאַליסט, אַן אַנדערש מאָל — אַ קאָמוניסט. ער איז אַ פּאַציפיסט און גלייכצייטיק אַ מלחמה־העצער. אָט אַזעלכע קעגנזעצלעכע אייגנשאַפטן געפינט אויס היטלער ביי ייִדן, כדי פאַנאַנדערצובלאָזן די אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע.

אַנאַלאָגישע אַרויסזאָגונגען האָבן מיר ביים היטלעריסטישן „אידעאָלאָג" אַלפרעד ראָזענבערג.[8]

די דאָזיקע צביעותדיקע באַוווסטזיניקע פעלשונגען זענען זעט אויס געווען נישט גענוגנדיק פאַנאַנדערצוּוויגן די העץ־קאַמפּאַניע. היטלער האָט דעריבער געוואָרפן אויף ייִדן די שולד פאַר אַלע מפּלות, וועלכע די דייטשן האָבן אַמאָל געליטן: פאַרן אַרויסרופן די ערשטע וועלט־מלחמה און די דייטשישע מפּלה. היטלער האָט געשריבן אין „מיין קאַמף", אַז ווען מען וואָלט באַצייטנס באַזייטיקט פון דער אַרמיי די 12—15 טויזנט ייִדן, וואָלט דייטשלאַנד נישט געליטן קיין מפּלה. ועל כולם — דערקלערט היטלער — שטרעבן די ייִדן צו אַ ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער אונטערוואַרפונג פון דער וועלט.[9]

די פאַלשע און צביעותדיקע באַהויפּטונגען פון היטלערן וועגן ייִדן זענען געוואָרן אַ יסוד, אויפן סמך פון וועלכן עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ ראַסן־„טעאָריע" וועגן דער „ייִדן־פראַגע". פעלדשער, אַ העכערער באַאַמטער אין היטלעריסטישן אינערן־מיניסטעריום, האָט מיט רעכט געשריבן, אַז „די דייטשישע ראַסן־פראַגע איז די ייִדן־פראַגע".[10]

די היטלעריסטישע ראַסיסטן האָבן „וויסנשאַפטלעך" באַגרינדעט — אין איינקלאַנג מיט היטלערס אָנווייזונגען — אַז די הויפּט־סיבה פון די מינדערווערטיקע אייגנשאַפטן פון די ייִדן און זייער דעסטרוקטיווער ווירקונג איז זייער ראַסן־סטרוקטור. די ייִדן זענען אַ געמיש פון 2 ראַסן: פאָדעראַזיאַטישער און אָריענטאַ־

---

[6] דצ"וו, ז. 345.

[7] ראוישנינג, דצ"וו, ז. 224.

[8] Al. Rosenberg: Gestaltung der Idee, München 1939, p. 368.

[9] „מיין קאַמף", ז. 352, 771.

[10] פעלדשער, דצ"וו, ז. 28; פגל" אויך: Dr Bruno Amann: Das Weltbild des voelkischen Antisemitismus, Wien — Leipzig 1939, p. 305.

לישער. די ייִדן זענען, אַלזאָ, לויט זייער ראַסן־סטרוקטור אַ פרעמדער עלעמענט צווישן די אייראָפּעישע פעלקער בכלל און צווישן דייטשישן פאָלק בפרט. אין איינקלאַנג מיטן אַלגעמיינעם פּרינציפּ וועגן „ראַסן־ריינקייט“, וואָס איז כּלומרשט אַ באַדינג פון פּאָליטישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג, האָט מען אָנגעוויזן, אַז יעדעם צונויפמישן פון ייִדיש בלוט איז שעדלעך פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אייראָפּעישער און דעריבער אויך דייטשישער קולטור. ווען די „טעאָריע“ איז איבערגעגאַנגען אויפן פּאָליטישן באָדן, האָט מען אָנגעהויבן „באַגרינדן“ די נויטווענדיקייט פון עלימינירן די ייִדן פון אַלע לעבנס־געביטן, פון איזאָלירן די ייִדן פון דייטשישן פאָלק. שפּעטער האָבן די היטלעריסטן גענומען אויף זיך די היסטאָרישע „מיסיע“ צו באַפרייען אייראָפּע פון ייִדן. דאָס האָט אין דער לאָגישער קאָנסעקווענץ געפירט, ווי מיר וועלן דערוויזן, צו דער ייִדן־אויסראָטונג, צום פעלקער־מאָרד.

אַזוי־אַרום איז דער אַנטיסעמיטיזם, געהעריק אויסגענוצט דורך די דייטשישע פאַשיסטן, געוואָרן איינער פון די ווירקזאַמסטע אינסטרומענטן אין זייער קאַמף קעגן די פּראָגרעסיווע כּוחות אין לאַנד און אין אויסלאַנד, פאַר אַ וועלט־העגעמאָניע. היטלער האָט אין זיינע געשפּרעכן מיט ראַושנינגן זיך אויפריכטיק מודה געווען, אַז „מיינע ייִדן זענען ווערטפולע ערבֿניקעס פון די דעמאָקראַטישע לענדער. די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אין אַלע לענדער איז אַ וויכטיק מיטל אויסצוברייטערן אונדזער פּאָליטישע קאַמפּאַניע. ברענגענדיק פּאָפּולערע, פאַר אַלע פאַרשטענדלעכע ביישפּילן, קאָן מען לייכט באַרעכטיקן אונדזער קאַמף מיט די ייִדן אין אַלע לענדער. איר וועט זען, ווי ווייניק צייט מיר וועלן דאַרפן האָבן צו ענדערן די אָנשוינגען און קריטעריעס פון דער וועלט, אַטאַקירנדיק בלויז די ייִדן. שריט נאָך שריט וועלן מיר דאַן פאַרניכטן די אַלטע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע אָרדענונג און זיך דערנענטערן צו נייע אידעען פון ביאָלאָגישער פּאָליטיק. „דאָס איז אָן שום ספק דאָס וויכטיקסטע כּלי־זין אין אונדזער פּראָפּאַגאַנדע־אַרסענאַל“,[11] רופט אויס היטלער, — ווען דער ייִד וואָלט נישט געווען, וואָלטן מיר אים געמוזט אויסטראַכטן, מען דאַרף האָבן אַ זעבאַרן און נישט קיין אומזעבאַרן שונא“.[12]

דער אַנטיסעמיטיזם איז באמת געוואָרן, ווי מיר וועלן דאָס אויספירלעך באַווייזן, אַ וויכטיקער אינסטרומענט אין קאַמף צו אונטעריאָכן אייראָפּעישע פעלקער און פאַר אַ וועלט־העגעמאָניע. אַנטיסעמיטיזם האָט תּמיד געהאַט אַן אויסגעשפּראָכן דיווערסיע־כאַראַקטער. מען קאָן ברענגען פיל ביישפּילן פון דער גע־

---

[11] „דער פּראָצעס“, ב. XXI, ז. 487, סעסיע פון 26 יולי 1946, דאָקום. 378 — USRR; ראַושנינג, דצ"ו, ז. 221; „די וועלט־אונטערצינדער“ (פּויליש), וואַרשע 1946, ז. 42; The Jews in the War, p. 27.

[12] ראַושנינג, דצ"ו, ז. 222.

שיכטע פון פאַרשידענע לענדער, וואָס זאָגן עדות, אַז אַנטיסעמיטיזם איז תמיד געווען אַ כלי־זיין פון פּאָליטישן קאַמף. נאָך בולטער קומט דאָס צום אויסדרוק אין דער צייט פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור. בעת דער מלחמה האָט דער היטלעריזם געשטרעבט מיט דער הילף פון אַנטיסעמיטיזם אָפּצווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די פעלקער, וועלכע ער האָט געוואָלט אונטעריאָכן, פון זיינע פעלקערמערדערישע פּלענער; ער האָט געפּרוווט אָנווייזן, אַז די פאַראָרדענונגען פון דער אָקופּאַציע־מאַכט זענען געווענדט קעגן די יידן און נישט קעגן די אַנדערע פעלקער. האָט מען צווישן די פעלקער, בפרט צווישן פּאָליאַקן, פאַרשפּרייט פאַלשע אילוזיעס, אַז די אויסראָטונגס־פּלענער זענען נוגע נאָר די יידן און נישט זיי. אויף אַזאַ אופן האָט מען געפּרוווט צעקריגן די פאַרשידענע באַפעלקערונגס־גרופּן פון געגעבענעם לאַנד און דורך דעם אָפּשוואַכן אָדער פּאַראַליזירן דעם ווידערשטאַנד פון דער באַפעלקערונג קעגן דער אָקופּאַציע־מאַכט.

עס איז אָן שום ספק, אַז דעם היטלעריזם וואָלט זיך קיינמאָל נישט איינגעגעבן צו רעאַליזירן די פעלקערמערדערישע פּלענער, ווען ער וואָלט נישט איינגעשפּאַנט אין רייטוואָגן פון זיין פאַרברעכערישער פּאָליטיק די שנאה צו דער באַפעלקערונג, וועלכע מען האָט גרינגעשעצט אין משך פון דורות, וואָס איז די שוואַכסטע אין פּאָליטישן זין, אַ מינדערהייט, „וועלכע איז געווען גענוג קליין אין צאָל צו זיין מאַכטלאָז און אַזוי באַדייטנדיק, אַז מען האָט געקאָנט מאַכן פון איר אַ סטראַשידלע" — ווי עס האָט דערקלערט אַ ריכטער אויפן נירענבערגער פּראָצעס.

די היטלעריסטישע פירער האָבן נאָך פאַרן דעראָבערן די מאַכט אין דייטשלאַנד פאַרשפּרייט די לאָזונגען וועגן פאַרניכטן יידן[13]. די דייטשישע פּסעוודאָ־וויסנשאַפט האָט נאָך דעמלט נישט פּראָפּאַגירט די אויסראָטונג פון גאַנצן יידישן פאָלק.[14] ערשט נאָך דער פולקאָמער גלייכשאַלטונג, שטייענדיק שוין אינגאַנצן אין דינסט פון היטלעריזם, האָט די דייטשישע וויסנשאַפט צוגעשטעלט אַ „וויסנשאַפטלעכע" באַגרינדונג פון פעלקערמאָרד.

טראַגיש זענען געווען, ווי מיר ווייסן עס גוט, די פאָלגן פון דער היטלעריסטישער אַנטי־יידישער פּאָליטיק. זיי זענען געווען אַ לאָגישער רעזולטאַט פון יאָרנלאַנגער פאַרברעכערישער פּראָפּאַגאַנדע. דאָס האָט אַפילו אָנערקענט דער היטלעריסטישער גענעראַל באַך־זשעלעווסקי, אַ באַקאַנטער קריגס־פאַרברעכער.

[13] „דער פּראָצעס", ב. XIX, ז. 494, דאָרט ציטירט די אַרויסזאָגונגען פון היטלערן, שטרייכערן.

[14] דער פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע אויפן ווינער אוניווערסיטעט גערהאַרד קיטעל האָט געשריבן אין „די יודענפראַגע" (שטוטגאַרט 1933), ז. 14: „אויסראָטן דאָס יידנטום מיט געוואַלד איז נישט כדאַי ערנסט צו דיסקוטירן...", שפּעטער האָט קיטעל אַפּראָבירט די היטלעריסטישע פּאָליטיק פון אויסראָטן יידן.

ער זאָגט: „איך בין אין דער מיינונג, אַז אַזאַ רעזולטאַט איז אומפאַרמיידלעך, אויב גאַנצע יאָרן, צענדליקער יאָרן פּרעדיקט מען, אַז די סלאַוון זענען א מינ־דערוואַרטיקע ראַסע און די יידן זענען אפילו נישט קיין מענטשן" [15].

אַזוי אַרום האָט די היטלעריסטישע אידעאָלאָגיע: די פּלוידעריי וועגן דער גוטוועגדיקייט פון א גרעסערן „לעבנסראַום" פאַרן פאָלק, די פאַלשע „טעאָריעס" וועגן דער ראַסן־העכערקייט פון די דייטשן, דער אַנטיסעמיטיזם און דאָס שאָ־וויניסטישע, נאַציאָנאַליסטישע העצן קעגן קלענערע און שוואַכערע פעלקער — גע־דינט די היטלעריסטן און אַנדערע רעאַקציאָנערע דייטשישע גרופּן צו א קאָנקרעטן ציל — צו געווינען די דייטשישע באַפעלקערונג פאַר דער אימפּעריאַליסטישער עקספּאַנסיע־פּאָליטיק און מלחמה־צוגרייטונגען.

5. די צוגרייטונגען פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד צו דער אַגרעסיווער מלחמה

זינט דעם ערשטן מאָמענט פון זיין נצחון, דעם 30־טן יאַנואַר 1933 יאָר, האָט דער היטלעריזם, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אויף די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער הלוואות און געווען פאַרבונדן מיטן קאַפּיטאַל פון די מערב־מלוכות, אָנגעהויבן מאַכן צוגרייטונגען צו א מלחמה. דערביי האָט ער אויסגענוצט די פּאָליטיק פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, וואָס האָבן באַטראַכט דאָס פאַשיסטישע דייטש־לאַנד ווי א פאַרפּאָסטן קעגן ראַטנפאַרבאַנד. מיטן מאָמענט פון איינשטעלן די פאַשיסטישע דיקטאַטור איז דייטשלאַנד געוואָרן דער הויפּט־צענטער פון דער וועלט־רעאַקציע און גלייכצייטיק דער וויכטיקסטער ברענפּונקט פון א נייער וועלט־מלחמה.

די צוגרייטונגען צו דער מלחמה זענען געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: 1) אין דער אינערן־פּאָליטיק דורך א טאָטאַלער קאָנטראָל פון גאַנצן אינערלעכן לעבן אין דייטשלאַנד און 2) אין דער אויסערן־פּאָליטיק דורך צוגרייטן אַגרעסיע־פּלענער.

עס איז קודם־כל פאַרגעקומען דאָס איבערשטעלן דייטשלאַנדס נאַציאָנאַלעווירטשאַפט אויף מלחמה־רעלסן. דאָס האָט שנעל אויסגענוצט דער מאָנאָפּאָלי־סטישער קאַפּיטאַל, וואָס האָט בעת דעם היטלעריסטישן רעזשים אונטערגעאָרדנט זיין קאָנטראָל — אין א גרעסערער מאָס, ווי אין וועלכער ס'איז אַנדערער מלוכה, — די ווירטשאַפט פון לאַנד און טעטיקייט פון די מלוכה־אָרגאַנען און וואָס האָט פאַר־וואַנדלט די מלוכה אין אַן אינסטרומענט צו דערגרייכן זיינע אימפּעריאַליסטישע צילן.

---

[15] פון אורטייל פון נירענבערגער פּראָצעס, דאָקום נ. אָ. 2610.

אין יולי 1933 יאָר איז געשאַפן געוואָרן דער א. ג. „גענעראַל־ראַט פון דער דייטשישער ווירטשאַפט“, וואָס איז באַשטאַנען פון די גרעסטע דייטשישע אינדוסטריעלער און האָט געדאַרפט צוזאַמען מיט דער היטלעריסטישער רעגירונג אָרגאַניזירן די דייטשישע ווירטשאַפט[1]. דאָס געזעץ פון נאָוועמבער 1934 יאָר האָט איינגעפירט אַ נייע אָרגאַניזאַציע פון דער דייטשישער ווירטשאַפט. דאָס געזעץ האָט געשאַפן 6 ווירטשאַפטלעכע לאַנד־גרופן, אין וועלכע עס איז גלייך איינגעפירט געוואָרן דער היטלעריסטישער פרינציפ פון פירערשאַפט.[2]

די דאָזיקע אָרגאַנען האָבן באַקומען אויסערגעוויינלעכע פולמאַכטן אויפן געביט פון ווירטשאַפטלעכער געזעצגעבונג, פאַרטיילונג פון מלוכה־באַשטעלונגען און צעטיילונג פון רוישטאָפן א.אז.וו. פאָרמעל זענען זיי געווען אונטערגעאָרדנט דעם ווירטשאַפטס־מיניסטער פונק, אָבער די אָנפירנדיקע פאָסטנס זענען געווען באַזעצט דורך דירעקטאָרן פון קאָנצערנען, קאַרטעלן, באַנקן. דורך אַזאַ פערסאָנאַלער אוניע איז די לייטונג פון גאַנצן מלוכהש־ווירטשאַפטלעכן אַפּאַראַט איבערגעגאַנגען צו א קליין הייפל פון מאָנאָפּאָליסטן. גערינגן, ווען ער איז אין 1936 יאָר געוואָרן דער „באַפולמעכטיקטער פאַרן פיר־יאָר־פּלאַן“, זענען די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנען בלויז פאָרמעל אונטערגעאָרדנט געוואָרן.[3]

די דייטשישע מאָנאָפּאָליסטן האָבן אַזוי אַרום — דורך באַזעצן די שליסל־פּאָזיציעס אין דעם מלוכה־אַפּאַראַט און דורך „אינטערעסן־געמיינשאַפט“ מיט די היטלעריסטישע גדולים און גענעראַל־שטאַב — אַרומגענומען מיט זייער קאָנטראָל די גאַנצע דייטשישע ווירטשאַפט און האָבן זי איינגעשפּאַנט מיט דער הילף פון מלוכה־אַפּאַראַט און אַנטשפּרעכנדיקער געזעצגעבונג אין דינסט פון די עקספּאַנסיאָניסטישע אַגרעסיווע פּלענער.

אין פאַשיסטישן דייטשלאַנד אָבסערווירן מיר, אַלזאָ, די קלאַסישע דערשיינונג, ווען דער מלוכה־אַפּאַראַט ווערט אונטערגעאָרדנט די מאָנאָפּאָלן. אויף דער טענדענץ פון איבערגעשטאַלטיקן דעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם אין מלוכהש־מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם האָט לענין אָנגעוויזן שוין בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. „די אימפּעריאַליסטישע מלחמה,—שרייבט לענין אין דער הקדמה פון דער ערשטער אויסגאַבע „מלוכה און רעוואָלוציע“,— האָט אויסערגעוויינלעך צוגעאײַלט און פאַרשאַרפט דעם פּראָצעס פון איבערגעשטאַלטיקן זיך פון מאָנאָ־

[1] Albert Norden: Czego nas uczą dzieje Niemiec, p. 137.

[2] „רייכסגעזעץ־בלאַט“ (ר.ג.־בל.) 1934, ב. I, ז. 1194, געזעץ פון 27 נאָוועמבער 1934. „צו דער פאָרבאַרייטונג פון אָרגאַנישן אויפבוי פון דער דייטשישער ווירטשאַפט“. די 6 ווירטשאַפטלעכע גרופן זענען געווען איינגעטיילט אין 44 אונטערגרופן, 350 בראַנזשע־גרופן, און די לעצטע — אין 640 בראַנזשע־אונטערגרופן, פּג״ל נאָרדען, דצ״וו, ז. 141.

[3] ר.ג.־בל., 1936, ב. I, ז. 887.

פּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם אין מלוכהש=מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם"[4]. דאָס צונויפוואַקסן זיך פון די מאָנאָפּאָלן מיט דער מלוכה=באַדײט, אַז סײ אין פראַגן פון אויסערן=פּאָליטיק, סײ אין דער ווירטשאַפטלעכער פּאָליטיק האַנדלט די מלוכה=מאַכט קודם=כל אין די אינטערעסן פון די מאָנאָפּאָלן און שטעלט זיך אין זײער שוץ.

אַ גרויסן וווקס פון מלוכהש=מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם אָבסערווירן מיר נאָך דער צווייטער וועלט=מלחמה אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס דריקט זיך אויס צוו. אַנד. אין דעם, אַז דער מלוכה=בודזשעט, די רעגירונגס=באַשטעלונגען דינען אויסשליסלעך צו דערגרייכן די מאַקסימאַלסטע פּראָפיטן און צו דעראָבערן די וועלט=העגעמאָניע פאַרן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

דער היטלעריסטישער רעזשים אין דײטשלאַנד האָט נאָך מער באַגינסטיקט דאָס צונויפוואַקסן זיך פון די מאָנאָפּאָלן מיט דער מלוכה. די דײטשישע מאָנאָפּאָלן האָבן באַהערשט דעם מלוכה=אַפּאַראַט און האָבן אין אים געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל, אויסנוצנדיק די מלוכהשע אינסטאַנצן אַלס אינסטרומענט פון עקאָנאָמישער עקספּאַנסיע. די דײטשישע מאָנאָפּאָלן האָבן שוין ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט=מלחמה און בפרט בעת דער מלחמה געהאַט אַ דעציד'רנדיקע השפּעה אויף דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג און בפרט אויף דער טעטיקייט פון די ווירטשאַפטלעכע מיליטערישע אָרגאַנען.[5]

דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין מאַכט=פּאָזיציע דורך אויסנוצן דעם פּראָצעס פון קאָנצענטראַציע און צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל און אונטערנעמונגען, וואָס איז פאָרגעקומען אין דײטשלאַנד נאָך לאַנג פאַר דער מלחמה. די דײטשישע מאָנאָפּאָלן האָבן ביי דער מיטהילף פון דער מלוכה=מאַכט נאָך מער צוגעאײלט דעם דאָזיקן פּראָצעס דורך אַ צוואַנגס=צענטראַליזאַציע. זינט דעם 1933 יאָר איז פאָרגעקומען אַ צוואַנגס=קאָמאַסאַציע פון אונטערנעמונגען אין דעם געגעבענעם אינדוסטריע=צווייג, כדי זיי אַזויאַרום צו ליקווידירן.[6] אין נאָוועמבער 1937 יאָר האָט מען פאַרעפנטלעכט אַ געזעץ

---

[4] וו. לענין: אויסגעווײלטע ווערק (פּוילישע אויסגאַבע), מאָסקווע 1948, ב. II, ז. 153. וועגן די דאָזיקע פּראָבלעמען שרייבט לענין אין זיין אַרטיקל: „איבערזיכט פון פּאַרטיי=פּראָגראַם", ב. XXVI, ז. 125 (רוס.); ב. XXIII, ז. 204; ב. XXV ז. 333.

[5] י. פּיינגאַר: „קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און די ראָל פון מאָנאָפּאָלן אין פאַשיסטישן דײטשלאַנד"
(„Mirowoje choziajstwo i mirowaja politika, 1946, Nr 3, p. 32—46).

[6] ר.ג.=בל., 1933, ב. I, ז. 488, געזעץ: „וועגן דער שאַפונג פון צוואַנגס=קאַרטעלן" פון 15 יולי 1933 און די אויספיר=פאַראָרדענונג פון 6.X. 1933 (ב. I, ז. 724). אין אייַנקלאַנג מיטן דערמאָנטן געזעץ האָבן באַקומען צוגעטײלט רוישטאָפן און

„וועגן רעפאָרמירן די אַקציע-געזעלשאַפטן“, וואָס האָט שטאַרק איינגעשרומפּן דעם קאַפּיטאַל פון קלענערע אונטערנעמונגען און פאַרקלענערט זיין וואָג אין אַקציען-קאַפּיטאַל פון רייך.[7]

די צענטראַליזאַציע פון געזעלשאַפטן און אונטערנעמונגען האָט געזאָלט פאַרלייכטערן די מאָנאָפּאָליסטישע פירמעס דאָס איבערנעמען די באַשטעלונגען פאַר דער אַרמיי און ציען די מאַקסימאַלסטע רווחים פון דער קריגס-פּראָדוקציע. אין רעזולטאַט פון אַזאַ עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון די דייטשישע מאָנאָפּאָלן, ביי דער אונטערשטיצונג פון דער היטלעריסטישער מלוכה-מאַכט, זענען נאָך פאַרן מלחמה-אויסברוך ליקווידירט געוואָרן הונדערטער טויזנטער קלענערע אונטערנעמונגען פון סוחרים און האַנטווערקער.

די פאַרשטאַרקונג פון דער פּאָזיציע פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל האָט באַדייט אַ פאַרגרעסערונג פון דער עקספּלאָאַטאַציע, פון דער רויב-פּאָליטיק לגבי אַלע באַפעלקערונגס-שיכטן. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט מיט זיך געבראַכט אַ רואין פון מיטלשטאַנד, וועלכער האָט אַזויפיל האָפענונגען פאַרבונדן מיט דער היטלעריסטישער פּאַרטיי. „דער קאַמפּס-פאַרבאַנד פון אַרבעטנדיקן מיטלשטאַנד“, וואָס האָט אַקטיוו געהאָלפן היטלערן דעראָבערן די מאַכט, האָט אַפילו געשיקט זיינע פאָרשטייער אין דער דירעקציע פון די גרויסע אינדוסטריע-אונטערנעמונגען און וואַרן-הייזער, כדי צו שטיין אויף דער וואַך פון די אינטערעסן פון קליינבירגערטום. אָבער שוין אין אויגוסט 1933 יאָר זענען זיי פון דאָרטן באַזייטיקט געוואָרן. דאָס בירגערטום האָט ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז מען האָט עס אָפּגענאַרט, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. אינצווישן האָט זיך באַפעסטיקט די דיקטאַטור פון פינאַנס-קאַפּיטאַל. די שפּעטערדיקע פאַראָרדענונגען פון דער היטלעריסטישער רעגירונג האָט אַרויסגערופן אַ שטייגנדיקע פּאַופּעריזאַציע פון קליינבירגערטום.

די היטלעריסטישע דיקטאַטור האָט קודם-כל אונטערי‌אָכט דעם דייטשישן אַרבעטער-קלאַס. זינט דעם ערשטן מאָמענט פון איבערנעמען די מאַכט האָט די היטלעריסטישע פּאַרטיי אָרגאַניזירט אַ קרייץ-צוג קעגן אַלע פּראָגרעסיווע כוחות אין לאַנד און אין דער ערשטער ריי קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מיט דער הילף פון אַ בלוטיקן טעראָר, מאַסן-אַרעסטן און מאָרדן די פּאָליטישע קעגנער האָט דער דייטשישער פאַשיזם פאַרניכטעט אַלע פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע

סחורות בלויז די סוחרים, וואָס זענען אָנערקענט געוואָרן דורכן קאַרטעל. די קאַרטעלן זענען אַזוי‌אַרום געוואָרן אַן אינסטרומענט פון די גרויסע קאָנצערנען, אין וועמענס באַזיץ עס זענען געווען אַלע רוישטאָפן און האַלבפאַבריקאַטן פון לאַנד.

[7] אין 1942 י. האָבן 16% אַקציע-געזעלשאַפטן קאָנצענטרירט אין זייערע הענט 84% פון אַלגעמיינעם קאַפּיטאַל, אין 1943 האָבן 2% א.-ג. געהאַט 50% פון אַלג. אַקציען-קאַפּיטאַל. נאָרדען, דצ“ו, ז. 145.

אָרגאַניזאַציעס פון דייטשישן אַרבעטער־קלאַס. מען האָט דעמאָלירט זיינע לאָקאַלן, דרוקערייען, צוגערויבט זיין גאַנץ פאַרמעגן. צענדליקער טויזנטער בעסטע קאָמוניסטישע אַקטיוויסטן און אונטערערדישע טוער זענען אומגעקומען אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

ביים אַרבעטער־קלאַס האָט מען אָפּגענומען אַלע סאָציאַלע דעראָבערונגען, וועלכע ער האָט אויסגעקעמפט במשך פון לאַנגע יאָרן. עס איז אָנגעקומען אַ צייט פון גרויזאַמער עקספּלאָאַטאַציע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן.[8] דאָס געזעץ וועגן דער „סטרוקטור פון נאַציאָנאַלער אַרבעט“ (1934.I.20 יאָר) האָט אָפּגעשאַפט די פּראָפעסיאָנעלע ראַטן און האָט געגעבן די אונטערנעמער דיקטאַטאָרישע פולמאַכטן אין די אונטערנעמונגען, האָט צוגעשמידט די אַרבעטער צום וואַרשטאַט. אויפן אָרט פון די פרייע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָט מען באַשטימט דעם „דייטשישן אַרבעטס־פראָנט“ און די „אַרבעטס־טרויהענדער“ (געזעץ פון V.19. 1933 יאָר), וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען אָפּצוהיטן, אַז עס זאָלן אויסגעפירט ווערן די פאַראָרדענונגען פון די אונטערנעמער און פאַרזיכערט זייערע אינטערעסן. די לאַגע פון דייטשן אַרבעטער־קלאַס האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק פאַרערגערן.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער און פּראָפפאַריינישע באָנצן האָבן אָפּגעוואָרפן אַלע פאָרשלאָגן פון די דייטשישע קאָמוניסטן וועגן אַן איינהייטלעכער אַקציע קעגן דער אַלץ מער אַגרעסיווער בורזשואַזיע. נאָך איידער היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט, בעת דעם אָנוואַקסנדיקן ווירטשאַפטלעכן קריזיס און זיך פאַרשאַרפנדיקן קלאַסן־קאַמף, האָט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אינערן־מיניסטער סעווערינג באַדייטנדיק געהאָלפן די דייטשישע אינדוסטריעלער דורך זיין אַרביטראַזש־פּאָליטיק. אין 1933 יאָר האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אָפּגעוואָרפן די ווענדונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וועגן אַן אַלגעמיינעם שטרייק קעגן דער היטלעריסטישער דיקטאַטור. זיי האָבן מער מורא געהאַט פאַר אַ וווּקס פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמוניסטן, איידער פאַר דער היטלעריסטישער דיקטאַטור. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן אַפילו דעם 23־טן מערץ 1933 יאָר (אויף דער דערעפענונג פון רייכסטאַג) אָנגעבאָטן היטלערן זייער מיטאַרבעט און שפּעטער אַפילו געגעבן זייער אונטערשטיצונג, הגם פאַר קיינעם איז שוין נישט געווען קיין ספק, אַז די פרידלעכע דערקלערונגען פון היטלערן מאַסקירן בלויז זיין אַגרעסיע־פּאָליטיק.[9]

בלויז די דייטשישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אין באַדינגונגען פון בלוטיקן טעראָר געפירט אַ קרבנותפולן קאַמף קעגן פאַשיסטישן רעזשים. זי האָט דעמאַסקירט די אמתע צילן פון די גראַנדיעזע באַוואָפענונגען פון דייטשישן אימ־

[8] J. Kuczyński: Die Geschichte der Lage der Arbeiter in Deutschland, Berlin 1947, ב. II, קאַפּיטל 3—5.

[9] וו. פּיק: „אין קאַמף פאַר אַ נײַ דײַטשלאַנד“ (פּוילישע אויסגאַבע), ז. 60.

פּעריאַליזם, די דיווערסיע־ראָל פון זיין ראַסיסטישער פּראָפּאַגאַנדע און נאַציאָנאַליסטישע לאָזונגען, די באַוואָפנטע אינטערווענץ אין שפּאַניע א.אז.וו. די ק.פּ.ד. האָט כסדר געוואָרנט דאָס דייטשישע פאָלק, אַז די מלחמה־פּאָליטיק פון היטלעריזם פירט צו אַ נייער וועלט־שחיטה און דייטשלאַנד צו אַ קאַטאַסטראָפע; זי האָט געפירט אַן אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן פאָלק, האָט אָרגאַניזירט אַלע אַנטיפאַשיסטישע כוחות — קעגן ווילן פון די רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער — אין פאָלקס־פראָנט פון קאַמף קעגן היטלערן, קעגן מלחמה.

גלייכצייטיק מיטן טאָטאַלן טעראָר אין לאַנד, מיטן דערשטיקן יעדע אינערלעכע אָפּאָזיציע, קאַמף קעגן יידן, האָט די היטלעריסטישע רעגירונג צוגעגרייט אַגרעסיווע פּלענער. די פּלענער האָבן פאָרויסגעזען, אַז נאָכן איבערשטעלן די גאַנצע ווירטשאַפט אויף מלחמה־רעלסן און נאָכן צונישט מאַכן דעם ווערסאַלער טראַקטאַט, נאָך אַ געהעריקער מיליטערישער באַפעסטיקונג און פאַרזיכערונג פון דער מלוכה דורך אָפּמאַכן מיט די פאַשיסטישע און אַנדערע מלוכות — וועט די היטלעריסטישע רעגירונג איבערגיין צו אַ ריי אַגרעסיע־אַקטן קעגן די זעלבשטענדיקע מלוכות אין אייראָפּע.

קורץ נאָכן איבערנעמען די מאַכט דורך היטלערן איז אין רוים געשלאָסן געוואָרן דער א. ג. „פּאַקט פון פיר“ (7 יוני 1933 יאָר). דער אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך פון איין זייט און דעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד און איטאַליע פון דער צווייטער זייט און האָט פאָרויסגעזען צוזאַגנד. די גלייכבאַרעכטיקונג פון דייטשלאַנד אויפן געביט פון באַוואָפענונג. דער אָפּמאַך פון די מערב־מלוכות מיט די פאַשיסטישע לענדער, וואָס האָט גלייכצייטיק באַדייט אַ נאָכגיביקע פּאָליטיק לגבי די אַגרעסיווע מלוכות, איז אין עצם געווען אַן אַנטיסאָוויעטישער פּאַקט. אין קורצן איז געשלאָסן געוואָרן אַ נישט־אַגרעסיע־אָפּמאַך צווישן דער פּוילישער פאַשיסטישער רעגירונג און היטלערן. דער פּויליש־דייטשישער אָפּמאַך איז געווען אַ פּאָליטישער און מיליטערישער בונד פון דער סאַנאַציע מיט היטלערן, איז געווען „דער ערשטער און ערנסטער דורכברוך אין סיסטעם פון קאָלעקטיווער זיכערקייט“ [10].

דערמוטיקט פון אַזאַ האַנדלונג, איז די היטלעריסטישע רעגירונג איבערגעגאַנגען צו אַן אָפענעם ווידעראויפבוי פון די דייטשישע מיליטערישע כוחות. אין פעברואַר 1933 יאָר איז זי צוגעטראָטן צו דער רעמיליטאַריזאַציע פון דייטשלאַנד, אין מערץ האָט זי געקינדיקט די מיליטערישע אָפּמאַכן פון ווערסאַלער טראַקטאַט. נאָך אין דעם זעלבן יאָר האָט ענגלאַנד געשלאָסן אַ ים־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד און דערמיט געגעבן איר צושטימונג צו בויען דעם דייטשישן ים־פלאָט.

---

[10] „וועגן די פעלשער פון געשיכטע“, ז. 16.

די טאָלעראַנץ־פּאָליטיק פון די מערב־מלוכות לגבי די עקספּאַנסיע־פּלענער פון היטלער־דייטשלאַנד האָט געעפנט דעם וועג פאַר ווייטערדיקע אַגרעסיווע פּלענער. לאָמיר דערמאָנען די וויכטיקסטע געשעענישן.

אין מערץ 1936 יאָר האָט די דייטשישע ארמיי אריינגעמאַרשירט אין ריין־לאַנד, וואָס איז געווען אַ פאַרגוואַלטיקונג פון די אָפּמאַכן, וואָס זענען געשלאָסן געוואָרן אין לאָקאַרנאָ אין 1925 יאָר. דער דאָזיקער פיינטלעכער אַקט האָט אָבער נישט אַרויסגערופן קיין שום רעאַקציע מצד די פאַראינטערעסירטע מלוכות. דער־מוטיקט דערפון, האָבן די היטלעריסטן זיך ווייטער שטאַרק באַוואָפנט. אַלע רע־זערוון פון לאַנד, די גאַנצע טעכניק און וויסנשאַפט זענען געשטעלט געוואָרן אין דינסט פון די מלחמה־צוגרייטונגען.

מיט דער באַוואָפנטער אינטערווענץ קעגן דער שפּאַנישער רעפּובליק האָט די היטלעריסטישע רעגירונג אָנגעהויבן איר קרייץ־צוג קעגן אַנדערע פעלקער. די אינטערווענץ, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן צוזאַמען מיטן פאַשיסטישן אי־טאַליע, איז געווען אַן אָפענער אַטענטאַט קעגן דער פרייהייט פון פעלקער און וועלט־שלום און האָט געדינט דער אימפּעריאַליסטישער עקספּאַנסיע. דאָס פאַ־שיסטישע דייטשלאַנד און איטאַליע האָבן אין שפּאַניע געהאַנדלט מיט דער פולער צושטימונג פון די רעאַקציאָנערע כוחות פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, און די שטעלונג פון לאָנדאָנער „נישט־אינטערווענץ־קאָמיטעט“ איז געווען פאַר זיי אַן אָנרעגונג צו ווייטערדיקע אגרעסיווע אַקטן. די דעמלטיקע פּאָליטיק פון די קאַ־פּיטאַליסטישע מלוכות לגבי די פאַשיסטישע מלוכות איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער שטרעבונג צו באַפעסטיקן זיי אַלס די צום ווייטסטן אַרויסגערוקטע פאָר־פּאָסטנס פון אינטערנאַציאָנאַלן אימפּעריאַליזם אין זיין קאַמף קעגן די כוחות פון סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע.

אינצווישן האָט זיך די סיטואַציע אין אייראָפּע שטאַרק פאַרערגערט. שוין אין יאָר 1936 איז אַלגעמיין געווען באַקאַנט, אַז דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד גרייט זיך צו אַן אַגרעסיווער מלחמה. אין האַרבסט דעם זעלבן יאָר איז געשלאָסן געוואָרן אַ מיליטעריש־פּאָליטישער אָפּמאַך צווישן דייטשלאַנד און יאַפּאַן אונטער דער מאַסקע פון „אַנטיקאָמינטערן־פּאַקט“ (25 נאָוועמבער 1936), צו וועלכן עס איז אַ יאָר שפּעטער צוגעטראָטן איטאַליע. דאָס שאַפן די אַקס בערלין—רוים—טאָקיאָ האָט באַדייטנדיק געשטאַרקט דעם בלאָק פון די אַגרעסיווע מלוכות, עס איז געוואַקסן די מלחמה־געפאַר.

דייטשלאַנדס צוגרייטונגען צו דער מלחמה זענען דעמלט געווען אין פולן גאַנג. דערויף זאָגט עדות די אַרויסטרעטונג פון היטלערן אויף דער געהיימער קאָנפערענץ אין דער רייכס־קאַצעלאַריע דעם 5־טן נאָוועמבער 1937 יאָר אין דער אָנוועזנהייט פון זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער, אויף וועלכער ער האָט ברייט אָרומגערעדט די פאַרברעכערישע פּאָליטישע פּלענער און די מעטאָדן פון

זייער רעאַליזאַציע. אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך היטלער געטראָפן מיטן לאָרד האַליפאַקס, דעם דעמלטיקן פאַרטרעטער פון בריטישן אויסערן=מיניסטער. האַליפאַקס האָט דעמלט געלאָזט פאַלן די כאַראַקטעריסטישע ווערטער, אַז „...ער און אַנדערע מיטגלידער פון דער ענגלישער רעגירונג זענען אַדורכגעדרונגען מיטן באַוווסטזיין, אַז דער פירער האָט פיל אויפגעטאָן נישט בלויז אין דייטשלאַנד, נאָר אַז אין רעזולטאַט פון פאַרניכטן דעם קאָמוניזם אין לאַנד, האָט ער אים אָפּגעשלאָסן דעם וועג אין מערב=אייראָפּע, און דערפאַר קאָן דייטשלאַנד זיך מיט רעכט באַטראַכטן ווי אַ שוץ=מויער פון מערב קעגן באָלשעוויזם...“ וואָס נוגע די אַקטועלע ענינים און טעריטאָריעלע פרעטענזיעס האָט האַליפאַקס באַטאָנט: „...אַלע איבעריקע פראַגן קאָן מען איפּפּאַסן אין דעם זין, אַז זיי זענען נוגע ענדערונגען אין אייראָפּעישן סדר, וואָס וועלן פריער אָדער שפּעטער זיכער פאָרקומען...“[11] היטלער האָט אַזויאַרום באַקומען פון ענגלאַנד אַ פאָרמעלע צושטימונג צו רעאַליזירן די אַגרעסיווע פלענער און מיט רעכט געקאָנט האַלטן, אַז צווישן ענגלאַנד און דייטשלאַנד זענען געבליבן מיינונגס=פאַרשידנהייטן בלויז אין דער פראַגע פון קאָלאָניעס.

עטלעכע חדשים שפּעטער, אין אָנבליק פון דייטשלאַנדס אָנפאַל אויף עסטרייך, האָט דער ענגלישער פרעמיער טשעמבערליין אָפן דערקלערט (22 פעברואר 1938): „מיר דאַרפן קיינעם נישט אָפּנאַרן, און נאָך מער דאַרפן מיר נישט לאָקן מיט האָפענונג די קליינע און שוואַכע מלוכות, צוזאָגנדיק זיי, אַז אין פאַל פון אַגרעסיע וועלן זיי באַקומען הילף פון דער פעלקער=ליגע און פון אונדז, בעת מיר ווייסן, אַז מיר וועלן גאָרנישט קאָנען אונטערנעמען“.[12]

טשעמבערליינס דעקלאַראַציע איז פאַר היטלערן געווען אַ ווייטערדיקע אָנרעגונג צו האַנדלען לויט זיינע אָנגעצייכנטע פלענער. אין קורצן (15 מערץ 1938) איז טאַקע פאָרגעקומען די אַנעקסיע פון עסטרייך, וואָס איז געווען דער ערשטער שריט אין דער רעאַליזאַציע פון דעם אַלגעמיינעם אַגרעסיע=פּלאַן. אַ ווייטערדיקער רינג אין היטלערס מיליטערישע פלענער איז געווען די אַנעקסיע פון טשעכאָסלאָוואַקיע. די אָקופּאַציע פון טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס האָט אומפאַרמיידלעך געפירט צו אַ מלחמה אין אייראָפּע, האָט געקאָנט פאָרקומען נאָר אַדאַנק דער דירעקטער אונטערשטיצונג פון די מערב=מלוכות.

פון די דערמאָנטע פאַקטן דרינגט אַרויס דער היסטאָרישער אמת, אַז סיי די דייטשישע מיליטערישע צוגרייטונגען, סיי די ערשטע אַגרעסיע=אַקטן זענען געווען מעגלעך קודם=כל אַדאַנק דער פינאַנסיעלער הילף, וואָס דייטשלאַנד האָט באַקומען דער עיקר פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג און אין רעזולטאַט פון דער

---

[11] „דאָקומענטן און מאַטעריאַלן“, ב. I, ז. 17—22, פּראָטאָקאָל פון הימלערס געשפּרעך מיט האַליפאַקסן.

[12] „פעלשער פון געשיכטע“, ז. 26.

„באַרואיקונגס"־פּאָליטיק, וועלכע די רעגירונגען פון ענגלאַנד, אַמעריקע און פראַנקרייך האָבן געפירט לגבי דייטשלאַנד און אַנדערע פאַשיסטישע מלוכות, וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן דעם פרינציפּ פון קאָלעקטיווער זיכערקייט. אָט די פּאָליטיק איז נישט געווען דעמלט קיין צופאַל. עס איז דעמלט אָנגעגאַנגען „אַ קאַמף צווישן 2 ריכטונגען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. די ערשטע האָט זיך געשטיצט אויפן קאַמף פאַר שלום, אויף דער אָרגאַניזאַציע פון קאָלעקטיווער זיכערקייט, אויף קעגנווירקן דער אַגרעסיע דורך אַ געמיינזאַמער אָנשטרענגונג פון די שלום־פעלקער. אויף דער ליניע איז געגאַנגען דער ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער האָט קאָנסעקווענט און אַנטשלאָסן געשיצט די אינטערעסן פון אַלע גרעסערע און קלענערע פעלקער. די צווייטע פּאָליטישע ליניע איז באַשטאַנען אין אָפּוואַרפן דעם פרינציפּ פון קאָלעקטיווער זיכערקייט און אין אָפּזאָגן זיך פון אַ קאָנטראַקציע קעגן אַגרעסיע, וואָס האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט צוגעבן חשק די פאַשיסטישע מלוכות אויסצוברייטערן די אגרעסיע און מיט דעם געהאָלפן צעפלאַקערן א נייע מלחמה".[13]

גלייכצייטיק מיטן אונטערדריקן דעם אַרבעטער־קלאַס און די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, מיט דער גלייכשאַלטונג פון קינאָ, טעאַטער, ראַדיאָ, שולן און דאָס גאַנצע קולטור־געזעלשאַפטלעכע לעבן, האָט מען שטאַרק פאַרפאָלגט די יידישע באַפעלקערונג, צילנדיק זי אינגאַנצן אויסצוראָטן. דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען — ווי תמיד אין די הענט פון יעדער רעאַקציע — אַן אינסטרומענט פון פּאָליטישער דיווערסיע, אַ מיטל „אָפּצורייניקן דעם הינטערלאַנד" און אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער דייטשישער געזעלשאַפט פון אירע אמתדיקע שונאים. די פאַרניכטונג פון יידן איז זינט דאַן געוואָרן אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון דער היטלעריסטישער פּאָליטיק, וועלכע איז געוואָרן רעאַליזירט דורך פּראָפּאַגאַנדע און כסדרדיקן העצן די מאַסן צו געוואַלט־טאַטן.

איבערנעמענדיק די מאַכט, האָט די היטלעריסטישע פּאַרטיי שוין געהאַט איר אַנטי־יידישן פּראָגראַם. ער איז פאָרמולירט געוואָרן אין פּאָליטישן פּראָגראַם פון דער נסדרא"פּ פון 24־טן פעברואַר 1920 יאָר. אין 4־טן פּונקט ווערט געזאָגט, אַז צו דער דייטשישער נאַציאָנאַלער געמיינשאַפט קאָנען געהערן מענטשן, וואָס שטאַמען פון דייטשישן בלוט, אומאָפּהענגיק פון זייער רעליגיע. אַ ייד קאָן נישט זיין אַ מיטגליד פון פאָלק, און דעריבער קאָן ער אויך נישט זיין קיין בירגער פון דער דייטשישער מלוכה.

די יידן ווערן אין פּאַרטיי־פּראָגראַם באַטראַכט אַלס אַ ראַסן־גרופּע, וואָס איז פרעמד דעם דייטשישן בלוט. די יידן, נישט געהערנדיק — לויט דער היטלעריסטישער דאָקטרין — צו דער דייטשישער בלוט־גרופּע, קאָנען אויך נישט האָבן די

---

[13] דצ"ו, ז. 20.

זעלבע רעכט, וואָס געבוירענע דייטשן. זיי וועלן קאָנען לעבן אין לאַנד, ווי פרעמדע,
וואָס אונטערליגן דער געזעצגעבונג פאַר אויסלענדער (פּונקט 5). זיי קאָנען אויך
נישט אויספירן עפנטלעכע פונקציעס, דאַרפן נישט צוגעלאָזן ווערן אָנטיילצונעמען
אין דייטשישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן.

די ראַסן=מאָמענטן זענען אונטערגעשטראָכן געוואָרן אין אַלע עפנטלעכע
אַרויסטרעטונגען פון היטלערן, ראָזענבערגן, געבעלסן און אַנדערע היטלעריסטישע
פירער. כדי אַרויסצורופן נאָך אַ גרעסערן פּראָפּאַגאַנדיסטישן עפעקט, האָט מען
תמיד אונטערגעשטראָכן, אַז די גרעסטע געפאַר דראָט די דייטשן מצד די יידן,
מחמת זיי שטרעבן צו דער פאַרניכטונג פון דער אַרישער ראַסע און קודם=כל פון
דייטשישן פאָלק.

כדי צו אָרגאַניזירן די אַנטי=יידישע פּראָפּאַגאַנדע און אַנטשפּרעכנדיק מיט
איר צו לייטן, האָט ראָזענבערג שוין אין 1924 יאָר געגרינדעט אין מינכען א פּאַר=
טיי=אָרגאַן „וועלט=קאַמף, — אַ חודש=זשורנאַל פאַר דער יידן=פראגע אין אַלע לענ=
דער“ און אין דער היטלעריסטישער פּאַרטיי=לייטונג איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּע=
ציעלער אַמט פאַר ראַסן=פּאָליטיק. נאָכן איבערנעמען די מאַכט דורך היטלערן
האָט מען קאָנטינואירט דעם אַנטי=יידישן קאַמף מיט דער הילף פון אַנדערע
מיטלען. דעם קאַמף קעגן יידן האָט מען איבערגעטראָגן פון דער אידעאָלאָגישער
און פּראָפּאַגאַנדיסטישער ספערע אויף דעם אַדמיניסטראַטיוו=פּאָליטישן באָדן.
מען האָט פאַרשאַרפט דעם גאַנצן סיסטעם פון אַנטי=יידישע קאַמפס=מיטלען,
און אין דער מאָס פון רייף ווערן פון די אַלגעמיינע אַגרעסיווע פּלענער, איז ער
געוואָרן אַלץ מער בלוטדורשטיקער. דער פּעריאָד פון 1933 ביזן סוף 1938 יאָר
איז געווען אַ צייט פון אַרויסשטופן די יידן פון אַלע לעבנס=געביטן אין
דייטשלאַנד.[14]

אין קורצן נאָכן איבערנעמען די מאַכט, אין אַפּריל 1933, האָבן די פּאַרטיי=
פאַקטאָרן, ביי דער צושטימונג פון דער רעגירונג, אָרגאַניזירט אַן אָפיציעלע
באָיקאָט=קאַמפּאַניע קעגן יידישע געשעפטן, יידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן
א.אז.וו. אין שפּיץ פון קאָמיטעט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַנטי=יידישער
אַקציע, זענען געשטאַנען שטרייכער, פראנק, הימלער, ליי א. אנד. היטלעריסטישע
גדולים.[15] מען האָט אויסגעפירט פיל געוואַלט=אַקטן איבער דער יידישער באַ=

---

[14] אויף דער קאָנפערענץ דעם 20 יאַנואַר 1942 האָט היידריך דאָס אויסגעדריקט
אויף אַזאַ אופן, אַז דעמלט איז פאָרגעקומען „Die Zurückdrängung der Juden
aus den einzelnen Lebensgebiten des deutschen Volkes“.

[15] געבעלס שרייבט אין זיינע זכרונות (אונטער דער דאַטע 1933.III.31), אַז
„לעצטנס האָבן מיר געהאַט אַ דיסקוסיע אין אַן ענגן קרייז און דעצידירט, אַז דער
באָיקאָט וועט זיך אָנהייבן מאָרגן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט“. פּג"ל „דער פּראָצעס“,
דאָקום. PS—1256, PS—2409.

פעלקערונג, מען איז אָנגעפאַלן אויף סינאַגאָגעס, עפנטלעכע לאָקאַלן. אין קאַמף קעגן יידן האָט מען זיך באַנוצט מיט שקר און רכילות, פאַרשטעלנדיק די יידן ווי שונאים פון דייטשן.

חוץ דער באָיקאָט־ און העץ־קאַמפּאַניע האָט מען זינט אַפּריל 1933 אַרויס־געגעבן אַ ריי דיסקרימינאַציע־געזעצן קעגן יידן. די היטלעריסטישע געזעצגעבונג האָט אַריינגעפירט באַגריפן „נישט־אַריער" פאַר באַצייכענען מענטשן פון יידי־שער אָפּשטאַמונג. מען האָט איינגעפירט אַ ריי באַגרענעצונגען פאַר די „נישט־אַריער", אַוועקגענומען ביי זיי די רעכט צו פאַרנעמען וועלכע ס'איז אַמטן, בפרט אין מלוכה־אַפּאַראַט, פּאָליציי, נאָטאַריאַלע אַמטן, געריכטס־וועזן א.ד.גל. גלייכ־צייטיק האָט מען באַזייטיקט די יידן פון דייטשישן און קולטורעלן לעבן;[16] מען האָט זיי נישט צוגעלאָזן אויף די אוניווערסיטעטן, מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פון דער פּרעסע און בכלל פאַרבאָטן צו פאַרנעמען זיך מיט זשורנאַליסטיק.

זינט דעם 1935 יאָר איז דער באַגריף „אַריש", „אַרישע אָפּשטאַמונג", מיט וועלכע מען האָט זיך ביז דאַן באַנוצט, פאַרביטן געוואָרן אויף אַנדערע באַצייכענונגען. די פּאָליטישע צילן האָבן דיקטירט אַן אַנדערע דעפיניציע, וואָס זאָל אונטערשיידן אַ דייטש פון אַנדערע פעלקער. די היטלעריסטישע רעגירונג, איינפירנדיק אין לאַנד אַן אַלגעמיינע מיליטער־פליכט, איז דאַן שוין אָפן ארויף אויפן וועג פון אַגרעסיווער פּאָליטיק.

די נירענבערגער געזעצן פון 15־טן סעפּטעמבער 1935 יאָר, וואָס שטיצן זיך אויף די היטלעריסטישע ראַסן־יסודות, פירן אַריין נייע באַגריפן: „דייטש־בלוטיקע און בלוטקרובישע". דייטשבלוטיק איז דער, וואָס איז פון דייטשישער אָפּשטאַמונג. בלוטקרוביש זענען די פעלקער, וואָס האָבן אַן ענלעכע צו די דייטשן ראַסן־סטרוקטור. „פרעמדבלוטיק" זענען אין איראָפּע — לויט דער קאָנצעפּציע — קודם־כל יידן, ווייל זיי באַזיצן אַזעלכע ראַסן־עלעמענטן, וועלכע זענען בלוטמעסיק פרעמד אַנדערע איראָפּעישע פעלקער[17].

די נירענבערגער געזעצן שליסן אין זיך איין 2 געזעצן: וועגן בירגער־רעכט אין דייטשלאַנד און וועגן שוץ פון דייטשישן בלוט.[18] לויט זיי קאָן אַ דייטשי־שער בירגער זיין נאָר דער, וואָס שטאַמט פון דייטשיש בלוט אָדער פון קרוביש בלוט. אַ ייד, וואָס שטאַמט — לויט זייער אויפפאַסונג — פון פרעמד בלוט, קאָן נישט זיין קיין דייטשישער בירגער. דער באַגריף „ייד" איז גענויער פאָר־מולירט געוואָרן אין היטלערס אויספיר־פאַראָרדענונג פון 14 נאָוועמבער 1935

[16] ר.ג.־בל., 1933, ב. I, 661, געזעץ פון 1933.IX.22; פעלדשער: „ראַסן און ערב־פּלעגע" (דייטש), ז. 29.

[17] דצ"וו.

[18] ר.ג.־בל., 1935, ב. I, ז. 1146.

צום בירגער-געזעץ.[19] עס זענען שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך פיל אויספיר-פאַראָרדענונגען צו די ניִרענבערגער געזעצן, וואָס פאַרוועדן געמישטע חתונות, באַשטימען, ווער ס'איז אַ „מישלינג" פון 1-טן און 2-טן גראַד א.אז.וו.[20]

די דאָזיקע געזעצן האָבן באַרויבט די ייִדישע באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד פון אירע בירגער-רעכט, וואַל-רעכט, רעכט צו פאַרנעמען עפנטלעכע אַמטן, דינען אין דער אַרמיי. האָבן, אַלזאָ, אויסגעשלאָסן די ייִדן פון פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן. די דייטשישע ייִדן זענען געבליבן „רייכסאַנגעהעריקע" אָן וועלכע ס'איז פּאָליטישע רעכט.[21]

די ראַסיסטישע נירענבערגער געזעצן זענען געווען אַ פאַרגוואַלדיקונג פון די קאַמע עלעמענטאַרסטע באַגריפן וועגן בירגער און וועגן דער באַציונג פון דער מלוכה צו אירע בירגער. זיי זענען געוואָרן דער יסוד פון אַ סיסטעמאַטישער פאַרפאָלגונג פון די ייִדן אין דייטשלאַנד. מען האָט זיי גערודפט נישט בלויז פּאָליטיש און ווירטשאַפטלעך, נאָר אויך אָרגאַניזירט מאַסן-אַרעסטן און אַנטי-ייִדישע עקסצעסן.

אין די יאָרן 1936—1937 זענען דערשינען נאָך אַנדערע פאַראָרדענונגען, וואָס באַגרענעצן די רעכט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג צו פאַרנעמען זיך מיט אַ גאַנצער ריי פּראָפעסיעס. צוו. אַנד. האָבן זיי אויך באַזייטיקט די ייִדן פון דער פּראָפעסור אין גאַנצן שול-וועזן. די ווייטערדיקע אַנטי-ייִדישע פאַראָרדענונגען זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין מאָמענטן פון „רוקן זיך פאָרויס", זענען געווען אין ענגער פאַרבינדונג מיט די נייע אַגרעסיווע אַקטן פון היטלער-דייטשלאַנד.

6. די היטלעריסטישע אַנטי־ייִדישע פּאָליטיק נאָכן מינכענער אָפּמאַך

דער אָפּמאַך אין מינכען (29—30 סעפּטעמבער 1938) איז געווען נאָך דער אַנעקסיע פון עסטרייך אין מערץ 1938 אַ ווייטערדיקער שריט פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד אין זיין שטרעבונג צו באַהערשן אייראָפּע. דער גורל פון טשעכאָסלאָ-

[19] ר.ג.-בל., 1935, ב. I, ז. 1333.

[20] עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז צום געזעץ פון 15 נאָוועמב. 1935 זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן 10 אויספיר-פאַראָרדענונגען, פג"ל ר.ג.-בל., 1939, ב. I, ז. 891; 1941, ב. I, ז. 384.

[21] ערשט לויטן צירקוליאַר פון אינערן-מיניסטער פון 1942.I.7 זענען די דייטשישע ייִדן געוואָרן שטאַאַטלאָזע, אַלזאָ, אויסגעגלייכט מיט דער ייִדישער באַפעלקערונג אין דער גענעראַל-גובערניע (אַרכיוו פון ייה"א, כתבֿ-ידן פון שטעט, I, נר. 40, ז. 416).

וואַקיע איז שוין פּאַקטיש געווען געחתמעט, הגם דערווייל האָט זי געדאַרפט אָפּטרעטן דייטשלאַנד בלויז דעם סודעטן-געביט. דעם מקור פון דעם פּאָליטישן דערפאָלג פון דער היטלעריסטישער רעגירונג דאַרף מען זוכן, פּונקט ווי ביז איצט, אין דער נישט-אינטערווענץ-פּאָליטיק פון די אַנגלאָ-פראַנצויזישע רעגירונגס-קרייזן. דעם אמתן זין פון דער דעמלטיקער נישט-אינטערווענץ-פּאָליטיק האָט סטאַלין דעמאַסקירט אויפן 18-טן צוזאַמענפאָר פון דער אַלקפּ(ב) אין מערץ 1939 אין די פאָלגנדיקע ווערטער: „נישט-אינטערווענץ-פּאָליטיק באַדייט נאָכגיביקייט לגבי דעם אַגרעסאָר, פאַנאַנדערפלאַקערן אַ מלחמה און, וואָס פאָלגט נאָך דעם, פאַרוואַנדלען זי אין אַ וועלט-מלחמה. אין דער נישט-אינטערווענץ-פּאָליטיק שלאָגט זיך דורך אַ שטרעבונג, אַ באַגער נישט צו שטערן דעם אַגרעסאָר אין זיין מיאוסער אַרבעט. נישט צו שטערן, לאָמיר זאָגן, יאַפּאַן צו פאַרוויקלען זיך אין אַ מלחמה מיט כינע און נאָך בעסער מיטן ראַטנפאַרבאַנד. נישט צו שטערן, לאָמיר זאָגן, דייטשלאַנד איינזינקען אין אייראָפּעישע ענינים, צו פאַרפלאָנטערן זיך אין אַ מלחמה מיטן ראַטנפאַרבאַנד“.[1]

דער מינכענער אָפּמאַך איז טאַקע געווען אַ רעזולטאַט פון דער נאָכגיביקייט-פּאָליטיק, פון אַ כסדרדיקן אָפּטרעטן לגבי דעם היטלעריסטישן רעוויזיאָניזם סיי אין ווירטשאַפטלעכע און סיי אין מיליטערישע ענינים, אַ רעזולטאַט פון אַ ביישפּיללאָזער פּאַסיווקייט לגבי די פּלענער פון היטלעריסטישן דייטשלאַנד אָנצופאַלן אויף די זעלבשטענדיקע אייראָפּעישע מלוכות. נאָך מער, די מינכענער פּאָליטיק איז אין עצם געווען אַ רעזיגנאַציע מצד ענגלאַנד און פראַנקרייך צו מישן זיך אין די ענינים פון צענטראַל- און דרום-מזרח-אייראָפּע, איז געווען אַ צושטימונג צו דער העגעמאָניע פון דייטשלאַנד אין מיטל-אייראָפּע און אַ פּרוּוו צו ברענגען אין אַ הסכם די ווייטערדיקע אַגרעסיע-פּלענער פון היטלערן מיט די אינטערעסן פון די מערבדיקע אימפּעריאַליסטן.

די רעגירונגען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, וועלנדיק אָפּציען פון זיך די געפאַר פון היטלעריסטישער אַגרעסיע און פאַרקערעווען די עקספּאַנסיע פון דייטשלאַנד אויף מזרח — אין דער ריכטונג פון ראַטנפאַרבאַנד, האָבן גלייך נאָכן מינכענער אָפּמאַך געשלאָסן נייע פּאָליטישע פּאַקטן מיטן „דריטן רייך“, קעגן דעם ווילן פון דער עפנטלעכער מיינונג אין זייערע אייגענע לענדער. שוין דעם 30-טן סעפּטעמבער 1938, ד׳ ה. דירעקט נאָכן שענדלעכן מינכענער אָפּמאַך, האָבן טשעמבערליין און היטלער אונטערגעשריבן אַן ענגליש-דייטשישע דעקלאַראַציע, און דעם 6-טן דעצעמבער 1938 האָבן באָנע און ריבענטראָפּ אונטערגעשריבן אַן אַנאַ=

[1] י. סטאַלין: „פּראָבלעמען פון לעניניזם“, (פּויליש), וואַרשע 1947, ז. 524; וועגן די פעלשער פון געשיכטע, ז. 32.

לאָגישע פראַנצויזיש=דייטשישע דעקלאַראַציע. די דעקלאַראַציעס זענען אין עצם געווען נישט=אַגרעסיע=אָפּמאַכן צווישן די דערמאָנטע מלוכות.[2]

די היטלעריסטישע רעגירונג, דערמוטיקט דורך דער נאָכגיביקייט=פּאָליטיק פון די מערב=מלוכות און פאַרזיכערט מיט די דערמאָנטע פּאָליטישע אָפּמאַכן, האָט גאַנץ אָפן געמאַכט די לעצטע צוגרייטונגען צו דער מלחמה. זינט אָנהייב 1939 האָט זי אויפגעהערט צו קרעמפּירן זיך און אָנגיין פאַר אַן אָנהענגער פון אַ פרידלעכער לעזונג פון די אייראָפּעישע פּראָבלעמען. נאָך מינכען, ווען היטלער האָט דערקלערט, אַז דייטשלאַנד האָט שוין נישט מער קיין שום פּרעטענזיעס אין אייראָפּע, האָט מען צוליב טאַקטישע טעמים און כדי צו באַרואיקן די אויפגעבראַכטע דעמאָקראַטישע עפנטלעכע מיינונג אין די מערב=מלוכות, נישט אַנטפלעקט די אייגנטלעכע פּלענער. אינצווישן אָבער האָבן די שעפן פון דער אויבערקאָמאַנדע פון דער ווערמאַכט אין דער גרעסטער געהיימניש, לויטן אויפטראַג פון היטלערן, אויסגעאַרבעט אין אָקטאָבער 1938 ווייטערדיקע דירעקטיוון וועגן פאַרכאַפּן טשעכאָסלאָוואַקיע (פּאַל גרין),[3] און דעם 24=טן נאָוועמבער האָט די זעלבע אויבערקאָמאַנדע אָנגעהויבן מאַכן צוגרייטונגען צו פאַרכאַפּן גדאַנסק, וואָס האָט אויך באַדייט צוגרייטונגען צו דער אָקופּאַציע פון פּוילן.[4]

פּאַראַלעל און אין ענגער פאַרבינדונג מיטן גענויען צוגרייטן די אַגרעסיווע אַקטן האָט מען אויך געגרייט די פּלענער פון יידן=אויסראָטונג. די עלימינירונג פון די דייטשישע יידן פוןווירטשאַפטלעכן לעבן איז געווען אַן אָנהייב פון זייער פיזישער אויסראָטונג. די יידן=פראַגע אין דייטשלאַנד גייט ווידער אַרויף אויף דער טאָג=אָרדענונג, און זינט האַרבסט 1938 ווערט זי זיין אומצערייסלעך פאַרבונדן מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן און מיטן רעאַליזירן די עקספּאַנסיע=פּלענער פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד.

די יידן=פראַגע האָט מען אַרויסגעצויגן אין אַזאַ מאָמענט, ווען דאָס דייטשישע פינאַנס=מיניסטעריום האָט געהאַט גרויסע שוועריקייטן אין צוזאַמענהאַנג מיטן קאָלאָסאַלן וווּקס פון די הוצאות אויף די מלחמה=צוגרייטונגען, מיט די גרויסע אויסלענדישע חובות, דעוויזן=שוועריקייטן אדג״ל. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז — ווי עס האָט אָנגעגעבן היטלער אין זיין מלחמה=פּראָקלאַמאַציע פון 1=טן סעפּטעמבער 1939 — די הוצאות פון „דריטן רייך“ אויף די צוגרייטונ=

---

[2] F. I. N o t o w i c z: Niemiecko-faszistskij „Drang nach Osten“ pośle Monachium ,Trudy po nowoj i nowiejszej istorii, I, Moskwa 1948, p. 238 .

[3] „אַגרעסיע אויף פּוילן“, ב. I, ז. 195; „נירענבערגער מאַטעריאַלן“ (פּויליש), ז. 169.

[4] „אַגרעסיע אויף פּוילן“, ב. I, ז. 197.

גען צו דער צווייטער וועלט=מלחמה האָבן באַטראָפן 90 מיליאַרד מאַרק.[5] וועגן דער דעמלטיקער אויסערסט שווערער פינאַנסיעלער סיטואַציע פון דייטשלאַנד האָט געגעבן צו וויסן היטלערן דער דעמלטיקער פינאַנס=מיניסטער שווערין=קראָסיג אין געהיימען ראַפּאָרט פון 1=טן סעפּטעמבער 1938.[6]

די היטלעריסטישע רעגירונג האָט געוואָלט טיילווייז פאַרבעסערן די סיטואַציע אויפן חשבון פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד דורך קאָנפיסקירן איר גאַנץ פאַרמעגן. דער רויב פון יידישן פאַרמעגן אין עסטרייך גלייך נאָך דער אַנעקסיע פון לאַנד איז פאַר דער היטלעריסטישער רעגירונג געוואָרן אַ מוסטער, לויט וועלכן זי וועט האַנדלען אין דייטשלאַנד און שפּעטער אין אַנדערע לענדער. זינט יענעם מאָמענט האָבן זיך פאַקטיש אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צו אַנאַלאָגישע רויבערישע פאַראָרדענונגען אין דייטשלאַנד. אַזוי, למשל, האָט שוין דעם 26=טן אַפּריל 1938 זיך באַוויזן אַ פאַראָרדענונג פון גערינגן און אינערן=מיניסטער פריק וועגן דער רעגיסטראַציע פון יידישן באַוועגלעכן און אומבאַוועגלעכן פאַרמעגן אין לאַנד און אויסלאַנד.[7]

פאָרשטייער פון אייניקע מלוכות האָבן פּראָטעסטירט אין דייטשישן אויסערן=מיניסטעריום קעגן דיסקרימינאַציע פון זייערע בירגער. זיי האָבן נאַטירלעך געמיינט אין שוץ די אינטערעסן פון די יידישע באַנקירן און גרויס=אינדוסטריעלער, וואָס האָבן אינוועסטירט זייערע קאַפּיטאַלן אין דער דייטשישער אינדוסטריע. די ענגלישע און אַמעריקאַנער רעגירונגען האָבן דאָ פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די יידישע פאַרטנערן פון זייער פינאַנס=קאַפּיטאַל, פון די באַקאַנטע באַנק=הייזער ראָטשילד, וואַרבורג, קוהן=לעב, גאָלדמאַן=זאַקס, לאַזאַרד, לעהמאַן און אַנדערע: די דערמאָנטע גרויס=פינאַנסיסטן האָבן נאָך די באַנק=גרופּן שרעדער, ראָקפעלער, מאָרגאַן, דילאָן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין ווידער=אויפבוי פון דער באַוואָפענונגס=אינדוסטריע פון היטלעריסטישן דייטשלאַנד. די רעגירונגען פון די מערב=מלוכות האָבן דאַקעגן גישט אַרויסגעוויזן קיין שום פאַראינטערעסירונג פאַרן גורל פון די פאַרפּעריזירטע יידישן מאַסן, וואָס האָבן געלעבט אונטערן בלוטיקן טעראָר פון די היטלעריסטישע רוצחים.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די אויסלענדישע פּראָטעסטן האָט ווייצזעקער איבערגעשיקט דעם 31=טן מאַי 1938 צוםווירטשאַפטס=מיניסטער אַ מעמאָריאַל, אין

---

[5] היטלערס רעדע פון 1 סעפּט. 1939 „דער גראָסדויטשע פרייהייטס=קאַמף“, מינכען 1943, ב. I, ז. 25; בנוגע די הוצאות פאַרן אויפבוי פון דער ווערמאַכט פג"ל גאָלדשטיין און לעווין: „דער דייטשישער אימפּעריאַליזם“, מאָסקווע 1949, ז. 242; א. ה. אַלעקסיעיעוו: „די מלחמה=פינאַנסן פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות“, מאָסקווע 1949, ז. 28—29.

[6] „דער פּראָצעס“, ב. XXXVI, ז. 492, דאָקום. ע.צ. — 419, טעקסט פון ראַפּאָרט.

[7] ר.ג.=בל., 1933, ב. I, ז. 414.

וועלכן ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן פולשטענדיקן באַפרייען די אויסלענדישע יידן פון פליכטן צו מעלדן זייער פאַרמעגן. צוליב דעם אָבער, וואָס אַ ריקזיכטסלאָזע אָנווענדונג פון דערמאָנטן געזעץ קאָן אין אויסלאַנד פאַרשאַרפן די אַנטי=דייטשישע קאַמפּאַניע און ברענגען שאָדן דייטשלאַנד, האָט וויזעקער געעצהט צו מאָדיפיצירן די פאַראָרדענונג, בפרט בנוגע די בירגער פון אמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע מלוכות, מיט וועלכע דייטשלאַנד האָט געשלאָסן האַנדלסאָפּמאַכן.[8]

דער דערמאָנטער פאַקט זאָגט עדות וועגן דעם, אַז די היטלעריסטן, וואָס האָבן גערעכנט אויף אַ נאָכגיביקער פּאָליטיק פון די מערב=מלוכות אויך אין דער פראַגע, זענען גלייך געגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסן, ווו נאָר זיי האָבן דערזען, אַז עס קאָן קומען צו שאַרפע פּראָטעסטן קעגן זייער דיסקרימינאַציע=פּאָליטיק. צוליב דער געפאַר האָבן אויך די העכסטע פּאַרטיי=אינסטאַנצן זיך פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע פון קאָנפיסקאַציע פון פאַרמעגן פון יידן, וואָס זענען אויסלענדישע בירגער. העס, היטלערס פאַרטרעטער, האָט אָבער ווי אַנדערע זיך אַרויסגעזאָגט — אין זיין בריוו צו לאַמערסן (שעף פון דער רייכס=קאַנצעלאַריע) פון 23=טן מאַי 1938 — פאַר אַ גלייכשאַלטונג פון די אויסלענדישע יידן מיט די דייטשישע און עסטרייכישע.[9]

די פראַגע פון אויסלענדישע יידן איז באַהאַנדלט געוואָרן אויך אין צוזאַמענהאַנג מיטן צוגרייטן אַ געזעץ וועגן באַזייטיקן יידן פוןווירטשאַפטלעכן לעבן. פריק האָט אין געהיימען מעמאָריאַל פון 14=טן יוני 1938 זיך אַרויסגעזאָגט פאַר באַהאַנדלען די אויסלענדישע יידן גלייך מיט די דייטשישע און שטאַטסלאָזע. ער האָט דערביי אונטערגעשטראָכן, אַז מאָטיוון פון אויסלענדישער פּאָליטיק וועלן אָבער צווינגען די היטלעריסטישע רעגירונג צו באַגרענעצן זיך צו די לעצטע 2 קאַטעגאָריעס יידן.[10]

סוף יוני האָט וויזעקער געענטפערט פריקן און דערקלערט, אַז פון „שטאַנדפונקט פון דער אויסערן=פּאָליטיק זענען נישטאָ קיין שום באַוואָרעַנישן“[11] קעגן זיין געזעץ=פּראָיעקט. צום סוף האָט אויך היטלער גופא זיך אַרויסגעזאָגט אין

---

[8] וויזעקער רעכנט אויס אין זיין מעמאָריאַל די האַנדלס=אָפּמאַכן, וועלכע דייטשלאַנד האָט אונטערגעשריבן מיט אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, שווייץ, ליטע און אַנדערע מלוכות, נירענבערגער פּראָצעס, דאָקום. נ.ג. — 3802.

[9] די נירענבערגער געזעצן זענען איינגעפירט געוואָרן אין אַנעקטירטן עסטרייך מיטן געזעץ פון 20 מאַי 1938, ר.ג.=בל., 1938, ב. I, ז. 594.

[10] „נירענבערגער פּראָצעס“, נר. XI, דאָקום. נ.ג. — 3927.

[11] דאָקום. נ.ג. — 3802, קראָסיק האָט אָנגענומען פריקס פּראָיעקט. פג"ל דעם מעמאָריאַל פון שווערין=קראָסיק פון 23 אויגוסט 1938 צו געריגגען, שאַכטן, פריקן, פונקן, הימלערן, העסן און לאַמערסן, דאָקום. נ.ג — 3937.

דער פראַגע. היטלער האָט אָנערקענט — ווי עס שרייבט לאַמערס צו העסן דעם 21=טן יולי 1938 — אַז די „אויסלענדישע יידן דאַרפן אין פּרינציפּ באַהאַנדלט ווערן גלייך ווי אַלע יידן, אומאָפּהענגיק פון זייער מלוכה=צוגעהעריקייט... אַז די אויסלענדישע יידן אונטערליגן אין פּרינציפּ דער דייטשישער געזעצגעבונג“. ער האָט אָבער אָנגענומען די שטעלונג פון ריבענטראָפּן און ווייצזעקערן, אַז העכערע מאָטיוון פון אויסערן=פּאָליטיק קאָנען מאַכן נייטיק צייטווייליק אַן אַנדערע טראַקטירונג פון אויסלענדישע יידן, איידער פון די דייטשישע.[12]

מיר זעען, אלזאָ, אז די היטלעריסטישע רעגירונג האָט זיך ערנסט גערעכנט דערמיט, אז עס קאָן אַנטשטיין אזא סיטואַציע, ווען זי וועט זיין געצוווּנגען אָפּצוטרעטן פון דער דיסקרימינאַציע=פּאָליטיק לגבי יידן — אויסלענדישע בירגער. אָבער די נאָכגיביקע פּאָליטיק פון די מערב=מלוכות, זיין גלייכגילטיקייט לגבי דעם גורל פון די יידן און רעזיגנאַציע פון אָנווענדן לגבי דעם היטלעריסטישן דייטשלאַנד ווירטשאַפטלעכע סאַנקציעס, (צו וועלכע זיי זענען געווען בארעכטיקט אויפן סמך פון די געשלאָסענע אָפּמאכן) — האָט גורם געווען, אז די היטלעריסטישע רעגירונג האָט זינט דער העלפט 1938 יאָר באַהאַנדלט די אויסלענדישע יידן — מיט קליינע אויסנאַמען — ווי די דייטשישע יידן. נישט אָנטרעפנדיק אויף קיין שום ערנסטן ווידערשטאַנד לגבי זייערע פארברעכערישע פּלענער, זענען די היטלעריסטן אין צווייטן עטאַפּ, בעת דער וועלט=מלחמה, איבערגעגאנגען צו א פולשטענדיקער עקסטערמינאַציע פון יידן, נישט אויסשליסנדיק בירגער פון נישט אָקופּירטע לענדער.

נאָך מינכען, אין דער צייט פון דער ענדגילטיקער צוגרייטונג צו נייע אַגרעסיווע אַקטן, האָט גערינג אָנערקענט דאָס פּראָבלעם פאַר פולשטענדיק רייף און אַוועקגעשטעלט עס צוו. אַנד. אויף דער געהיימער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 14=טן אָקטאָבער אין דער קאַנצעלאַריע פון אַוויאַציע=מיניסטעריום. נאָכן אָפּשאַצן די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע און אינפאָרמירן די פאַרזאַמלטע וועגן די דירעקטיוון אויף דער נאָענטסטער צוקונפט, האָט גערינג אַנטוויקלט פאַר די איינגעלאדענע א גיגאַנטישן באַוואָפענונגס=פּראָגראַם. גערינג האָט אָנגעוויזן אויף די פינאַנסיעלע שוועריקייטן און אָנגעבונדן צו דער יידן=פראגע. ער האָט דערקלערט, אַז די יידן מוזן פולשטענדיק באַזייטיקט ווערן פון ווירטשאַפטלעכן לעבן, און די אקציע דאַרף מען דורכפירן מיט אלע מיטלען. דאָס איז שוין געווען אַן אָנזאָג פון א נייעם רויב, פון א קאָנפיסקאַציע פון גאנצן יידישן פארמעגן אין דייטשלאַנד.

דער מיניסטעריאַלער דירעקטאָר פישבעק האָט אינפאָרמירט די פאַרזאַמלטע וועגן רויב פון יידישן פאַרמעגן אין עסטרייך. ער האָט באַריכטעט, אַז די גרויסע יידישע אונטערנעמונגען זענען איבערגענומען געוואָרן דורך דער קאָנטראָל=באַנק.

[12] דאָקום. נ. ג. — 1526.

חוץ דעם, זענען באַשטימט געוואָרן 25.000 קאָמיסאַרן, וואָס האָבן איבערגענומען די קלענערע אונטערנעמונגען.[13]

גערינג האָט אויך באַריירט די פראַגע פון יידישער עמיגראַציע און גלייכצייטיק אונטערגעשטראָכן, אַז די רעגירונג האָט נישט בדעה צו באַשטימען דעוויזן פאַר עמיגראַציע־צוועקן. אין נייטיקע פאַלן, האָט דערקלערט גערינג, וועט מען דאַרפן אָרגאַניזירן געטאָס אין גרעסערע שטעט פון לאַנד.

די רעזולטאַטן פון דער דערמאָנטער קאָנפערענץ האָבן אויף זיך נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן. נאָך דער באַראַטונג איז מען גלייך צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן אין לאַנד־מאַסשטאַב אַן אַנטשפרעכנדיקע אַקציע. די נאַצי־פירער האָבן געזוכט אַן אַנטשפרעכנדיקן מאָמענט, אַ געוויסן פרעטעקסט אָנצוהייבן די אַנטי־יידישע העץ־קאַמפאַניע, וואָס זאָל זיין גלייכצייטיק אַ סיגנאַל צו רויבן דאָס יידישע פאַרמעגן. דעם פרעטעקסט צו אַזאַ אַנטי־יידישער קאַמפאַניע האָט געגעבן דער אַטענטאַט פון ייד גרינשפאַן אויפן ראַטגעבער פון דער דייטשישער אַמבאַסאַדע אין פאַריז פאָן ראַט דעם 7־טן נאָוועמבער 1938. אין דער אמתן אָבער איז דער גאַנצער פלאַן פון דער פאָגראָם־אַקציע אָדער „קריסטאַל־נאַכט“, ווי די דייטשן האָבן זי אָנגערופן, געווען אָרגאַניזירט אונטער דער פערזענלעכער אָנפירונג פון שעף פון דער זיכערהייטס־פאָליציי און ס. ד. היידריך ביי דער מיטבאַטייליקונג פון דער נאַצישער פאַרטיי־אָנפירונג.[14] היידריך האָט אַרויסגעשיקט אַ דעפעשע צו אַלע פירער פון דער פאָליציי און געסטאַפאָ־אָפטיילונגען, אין וועלכער ער האָט גענוי אינסטרואירט וועגן דעם אופן פון אָרגאַניזירן די אַנטי־יידישע פאָגראָמען. ער האָט צוו. אַנד. באַאויפטראַגט: „פאַרשטענדיקן זיך אין אַלע באַצירקן און קרייזן מיט דער פאָליטישער אָנפירונג פון דער אַקציע (היטלעריסטישע פאַרטיי), אָנווייזן, אַז די פאָליציי האָט באַקומען באַפעלן פונעם רייכספירער און פון דער פאָליציי־אָנפירונג. צוציען צו דער אַקציע די פירער פון דער אָרטיקער אָרדענונגס־פאָליציי. נאָך דער אַקציע דאַרף מען אַרעסטירן אַזויפיל יידן, וויפל עס זענען

---

[13] „דער פראָצעס“ ב. XXVII, ז. 163, דאָקום. פ.ס. — 1301. אויף דער קאָנפערענץ האָט מען דיסקוטירט, וועלכע אַמטן דאַרפן איבערנעמען דאָס יידישע פאַרמעגן, פאַרטייאישע אָדער מלוכהשע. מען האָט שוין דעמלט אונטערגעשטראָכן, אַז אויב עס וועט זיין נייטיק, וועלן איינגעפירט ווערן געטאָס אין די גרעסערע שטעט.

[14] שטרייכער האָט דעם 14 אַפריל 1939 באַשטעטיקט, אַז די פאַרטיי־אָרגאַנען האָבן אָרגאַניזירט די נאָוועמבער־אַקציע (פג"ל דאָקום. פ.ס. — 406). אַן ענלעכע פראָוואָקאַציע האָט אָרגאַניזירט היידריך פאַר דער אַגרעסיע אויף פוילן, ווען ער האָט אַרויסגעגעבן דעם באַפעל (10 אויגוסט 1939) אָנצופאַלן אויף דער ראַדיאָסטאַציע פון גליוויץ (ביי דער פוילישער גרענעץ). „אַגרעסיע אויף פוילן“, ב. II, ז. 287—290, פג"ל אויך:

Albert Norden: So werden Kriege gemacht. Über Hintergründe und Technik der Agression. Berlin, Dietz-Verlag 1950, p. 78—81.


Abschrift.

Fernschreiben.

München 47 768 10.11.38 0210 – Zi –

An die
Staatspolizeistellen Augsburg, Nürnberg
Würzburg
u. Neustadt a.d.Weinstr. mit dem Ersuchen um sofortige Weiterleitung an die Herren Regierungspräsidenten und die Gauleiter der NSDAP.

Dringend.

Betreff: Maßnahmen gegen Juden.

Von Gestapo Berlin hat soeben verfügt:

1.) Es werden in kürzester Frist in ganz Deutschland Aktionen gegen Juden, insbesondere gegen deren Kultusgemeinden und Synagogen stattfinden. Sie sind nicht zu stören, jedoch ist im Benehmen mit der Ordnungspolizei sicherzustellen, daß Plünderungen und sonstige besondere Ausschreitungen unterbunden werden können.

2.) Sofern sich in Synagogen und Kultusgemeinden wichtiges Archivmaterial befindet, ist dieses durch eine sofortige Maßnahme sicherzustellen.

3.) Es ist vorzubereiten die Festnahme von etwa 20 bis 30000 Juden im Reiche. Es sind auszuwählen vor allem vermögende Juden.

4.) Sollten bei den kommenden Aktionen Juden im Besitz von Waffen angetroffen werden, so sind die schärfsten Maßnahmen durchzuführen. Zu den Gesamtaktionen können herangezogen werden: Verfügungstruppen der SS, sowie allgemeine SS. Durch entsprechende Maßnahmen ist die Führung der Aktionen durch die Stapo auf jeden Fall sicherzustellen. Plünderungen, Diebstähle usw. sind auf jeden Fall zu verhindern. Für die Sicherstellung von Materialien ist sofort mit dem zuständigen SD-Oberabschnitt und Unterabschnittsführung Verbindung aufzunehmen. Dazu wird noch folgende Weisung

7th ARMY DOCUMENT CENTER 36/6

פֿאָטאָקאָפּיע פֿון באַפֿעל פֿון היטלעריסטישן פּאָליציי־שעף פֿון 10 נאָוועמבער 1938
וועגן אָרגאַניזירן אין דייטשלאַנד אַנטי־יידישע פּאָגראָמען

נאָר אימשטאַנד אַריינצוגעמען די אָרטיקע תפיסות. פאַרשטענדיקן זיך גלייך מיט־דער אָנפירונג פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן וועגן שנעלן איבערנעמען די ארעסטירטע יידן“.[15]

אין הסכם מיט דער ציטירטער און אויך פריערדיקע אינסטרוקציעס פון דער פאָליציי און פון דער היטלעריסטישער פּאַרטיי [16] איז שוין אין דער נאַכט פון 9=טן אויפן 10=טן נאָוועמבער 1938 פאָרגעקומען אַן אמתע אָרגיע פון שרפות, פאַרניכטונגען פון יידישן פאַרמעגן, מאָרדן און מאַסן־אַרעסטן פון יידן. לויטן אָפיציעלן באַריכט פון היידריכן פון 12=טן נאָוועמבער זענען פראָפאַנירט און פאַרברענט געוואָרן 101 סינאַגאָגעס, 76 זענען פולשטענדיק צעשטערט געוואָרן. מען האָט דעמאָלירט 7500 יידישע געשעפטן, דערהרגעט עטלעכע צענדליק יידן און העכער 20 טויזנט אַרויסגעשיקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. היידריך האָט אויך אינפאָרמירט, אז לויט זיינע באַרעכענונגען האָבן די היזקות צוליב די פּאָג־ראָמען באַטראָפן עטלעכע הונדערט מיליאָן מאַרק[17].

עס האָט זיך נאָך נישט באַרואיקט די כוואַליע פון אַנטי־יידישע פּאָגראָמען אין „דריטן רייך“, ווען גערינג האָט צונויפגערופן אַ צווייטע געהיימע באַראַטונג, וואָס איז געווען אַן איבערברוך אין דער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד, ווייל זי האָט אָנגעהויבן אַ נייעם עטאַפּ אין דער היטלעריסטישער פּאָליטיק לגבי דעם א. ג. יידישן פּראָבלעם. עפּענענדיק די באַראַטונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 12=טן נאָוועמבער 1938 ביי דער מיטבאַטייליקונג פון געבעלסן, פריקן, פונקן, שטוקארטן, היידריכן, פאָן קראָססיגן, ווערמאַנען, פישבעקן, פון דירעקטאָר פון דער רייכס־באַנק בלעסינגן און פאָרשטייער פון אַלע מיניסטער־יומס, האָט גערינג דערקלערט: „די היינטיקע זיצונג איז פון אַן אַנטשיידנדיקער באַדייטונג. איך האָב באַקומען אַ בריוו, געשריבן פון דעם שטאַבס־לייטער פון בירערס שטעלפאַרטרעטער באָרמאַנען אין אויפטראַג פון פירער, לויט וועלכן די יידן־פראַגע מוז איינהייטלעך באַאַרבעט ווערן און אַזוי צי אַזוי דערפירט ווערן

[15] „דער פּראָצעס“, ב. XIX, ז. 496, ב. XXXI, ז. 515—519, דאָקומ. פּ.ס. — 3051.

[16] וועגן אָנטייל און ראָל פון דער היטלעריסטישער פּאַרטיי־אָנפירונג אין דער אַנטי־יידישער נאָוועמבער־אַקציע, פּג“ל „דער פּראָצעס“, ב. IX, ז. 578.

[17] „דער פּראָצעס, ב. XXVIII, ז. 499—540, דאָקומ. פּ.ס. — 1816, ב. XXVII, ז. 485, דאָקומ. פּ. ס. — 1721. אויך: „נאַצי קאָנספּיראַסי“, ב. III, ז. 277, 545; אַ באַריכט פון געסטאַפּאָ־שעף מילער, מעלדונגען פון פאַרשידענע פּאָליציי־אָפּטיילונגען וועגן די פּאָגראָמען אין דייטשלאַנד, נאָוועמבער 1938, זע דעם אַרטיקל פון ד“ר אַדאָלף קאָבער:

Jewish Communities in Germany from the Age of Enlightment to their Destruction by the Nazis w czasopiśmie „Jewish Social Studies“, t. IX, Nr 3, p. 230.

צו א לעזונג. דורכן טעלעפאָן האָט מיר נעכטן דער פירער נאָכאַמאָל בפירוש אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס מוז איצט אונטערגענומען ווערן די אַנטשיידנדיקע שריט צו אַ צענטראַלער לעזונג.[18]

דער פאַרלויף פון דער געהיימער קאָנפערענץ און די ענינים, וואָס זענען אויף איר באַהאַנדלט געוואָרן, באַשטעטיקן, אַז זי האָט באמת געהאַט אַ דעצידירנדיקע באַדייטונג פאַרן גורל פון די יידן אין היטלער־דייטשלאַנד; די היטלעריסטישע פירער האָבן דאָ געפּרווט געבן אַן אָפּשאַצונג פון דער סיטואַציע אין רייך נאָך דער „קריסטאַל־נאַכט“ און אָנגעצייכנט די אויפגאַבן אויף דער נאָענטסטער צוקונפט. די אַרויסגערוקטע פּראָיעקטן האָבן זיך געבונדן מיטן לעצטן עטאַפּ פון די צוגרייטונגען פון דער היטלעריסטישער רעגירונג צו דער אַגרעסיע אויף טשעכאָסלאָוואַקיע און פוילן.

גערינג האָט דערקלערט, אַז עס וועט פאָרקומען אַ פולשטענדיקע קאָנפיסקאַציע פון יידישן פאַרמעגן. עס וועלן, הייסט עס, איבערגענומען ווערן אַלע פאַבריקן, גרעסערע און קלענערע אונטערנעמונגען און סחורה־הייזער, וואָס געהערן צו יידן אָן וועלכער ס'איז אַנטשעדיקונג. דאָס איז נוגע סיי דייטשלאַנד און סיי עסטרייך. גלייכצייטיק וועט פאָרקומען די פולע עלימינירונג פון יידן פון גאַנצן ווירטשאַפטלעכן לעבן. דער ווירטשאַפט־מיניסטער פונק, וואָס האָט אין הסכם מיט גערינגס פאַראָרדענונג צוגעגרייט אַן אַנטשפּרעכנדיקן געזעץ־פּראָיעקט, האָט אינפאָרמירט די אָנוועזנדיקע, אַז דאָס נייע געזעץ וועט פאַרווערן די יידן פון 1־טן יאַנואַר 1939 צו פירן וועלכע ס'איז אונטערנעמונג.[19]

ווייטער האָט זיך גערינג אַרויסגעזאָגט קעגן דער צעשטערונג פון יידישע אונטערנעמונגען און געשעפטן, ווייל עס איז דאָך אַ פאַרניכטונג פון מלוכהשן אייגנטום. אין צוזאַמענהאַנג מיט די היזקות פון הונדערטער מיליאָנען מאַרק, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן בשעת די פּאָגראָמען, האָט מען זיך אויך פאַרטראַכט, וויאַזוי עס דאַרף פאָרקומען דאָס אויסצאָלן פון אַנטשעדיקונג. דער איינגעלאַדענער אויף דער קאָנפערענץ פאָרשטייער פון דער דייטשישער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט הילגאַרד האָט דערקלערט, אַז כדי נישט אַרונטערצורייסן דעם צוטרוי פון די אויסלענדישע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן צו דער דייטשישער געזעלשאַפט, וואָלט מען פאָרמעל געדאַרפט אויסצאָלן די געוועזענע אייגנטימער דעם ווערט פון זייער פאַרלוסט. דעמלט האָבן גערינג און היידריך דערקלערט, אַז זיי וועלן שוין געפינען די אַנטשפּרעכנדיקע פאָרמען, בכדי די געלטער זאָלן אויסגעצאָלט ווערן דעם פינאַנס־מיניסטעריום און נישט די יידישע אייגנטימער.

---

18 „דער פּראָצעס“, ב. XXVIII, ז. 499, דאָקום. פ.ס. — 1816.

19 „דער פּראָצעס“, ב. IX. ז. 599, ב. XXVIII, ז. 499, דאָקום. פ. ס. — 1816.

דער עסטרייכישער פינאַנס=מיניסטער פישבעק, וואָס איז געווען אַנוועזנד אויף דער קאָנפערענץ, האָט אינפאָרמירט וועגן דעם פאַרלויף פון רויב פון יידישן פאַרמעגן אין עסטרייך און איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ גאַנצער ריי פאָרשלאַגן וועגן קאָנפיסקירן נישט נאָר די אונטערנעמונגען, נאָר אויך אַלע ווערט=פאַפירן, יובעליר=אויסאַרבעטונגען, וואָס זענען אין יידישן באַזיץ, ד. ה. דאָס גאַנצע פערזענלעכע פאַרמעגן פון יידן. פישבעק האָט אויך אונטערגעשטראָכן, אַז די מלוכה האָט דאָס פולע רעכט צו אַלע געלט=פרעטענזיעס פון יידן און דאַרף זיי איבערנעמען.

אויף דער זעלבער קאָנפערענץ האָט גערינג אינפאָרמירט, אַז אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ קאָנטריבוציע פון 1 מיליאַרד מאַרק.

נאָכן דעצידירן די אַלע ווירטשאַפטלעכע ענינים האָט מען זיך פאַרטראַכט, וואָס צו טאָן מיט דער יידישער באַפעלקערונג נאָכן אַוועקנעמען ביי איר אַלע פרנסה=מקורים און נאָך דער קאָנפיסקאַציע פון איר גאַנצן פאַרמעגן. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז עס וועט פאָרקומען אַ שנעלער פויפעריזאַציע=פראָצעס פון דער יידישער באַפעלקערונג. הייידריך האָט זיך אויסגעדריקט אויף אַזאַ אופן: „דורך דער אַריזירונג און אַנדערע באַשרענקונגען וועלן די יידן נאַטירלעך ווערן אַרבעטלאָז. עס קומט איצט פאָר אַ פראָלעטאַריזירונג פון די איבערגעבליבענע יידן“. מען האָט אויך גערעדט וועגן די מעגלעכקייטן פון יידישער עמיגראַציע, אין דער ערשטער ריי האָט מען נאַטירלעך געוואָלט פטור ווערן פון דער פאַראָרעמטער יידישער באַפעלקערונג.[20] צוליב די שוועריקייטן, אויף וועלכע מען האָט דאָ אָנגעטראָפן, זענען די נאַציס אַרויסגעטראָטן מיט צייטווייליקע פאַראָרדענונגען. הייידריך איז דעמלט דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעטראָטן מיטן פראָיעקט פון איזאָלירן די יידן אין געטאָס און פון זייער קען=צייכן. געבעלס איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאָרשלאַג צו פאַרבאָטן די יידן צו פאָרן אויף באַנען, צו באַזוכן קינאָס, טעאַטערס, צירקן, צו זיין אין קור=ערטער, אויף פליאַזשעס, עפנטלעכע פלעצער א.אז.וו. אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט פאַרדינען די פאָרשלאַגן פון הייידריכן, וועמען גערינג האָט אין יאַנואַר באַאויפטראַגט צוצוגרייטן דעם פלאַן פון „לעזן די יידן=פראַגע“.

אַ סך פון די אָנגענומענע באַשלוסן זענען תיכף רעאַליזירט געוואָרן. דעם 12=טן נאָוועמבער איז דערשינען אַ פאַראָרדענונג וועגן דער קאָנטריבוציע פון

[20] „דער פראָצעס“, ב. IX, ז. 601. הייידריך האָט דאָס אויסגעדריקט אויף דער קאָנפערענץ פון 12 נאָוועמבער אויף פאָלגנדיקן אופן:
„Das Problem war ja nicht, dein reichen Juden herauszubringen, sondern den jüdischen Mob.“.

1 מיליאַרד מאַרק.[21] ווייטער האָט מען אַרויסגעגעבן אַ ריי פאַראָרדענונגען, וואָס פאַרבאָטן יידן צו פירן וועלכע ס'איז אונטערנעמונג, צו קויפן און באזיצן באָדן[22] און אַנדערעווירטשאַפטלעכע באַגרענעצונגען. די אַלע ווירטשאַפטלעכע דיסקרימינאַציעס זענען דערמלט, ווי דאָס האָט עטלעכע טעג שפּעטער דערקלערט פונק, געווען ערשט אַן אָנהייב פון אַ גרעסערן פּלאַן פון יידן־פאַרניכטונג.[23]

גערינג, ווי ער האָט דאָס מודה געווען אויפן נירענבערגער פּראָצעס[24], האָט באַלייגט היטלערן אַ באַריכט וועגן דער נאָוועמבער־אַקציע און פאַרלויף פון דער געהיימער קאָנפערענץ. אויף דעם סמך האָט היטלער דעם 29־טן דעצעמבער 1938 דעצידירט וועגן געוויסע וויכטיקע לעבנס־ענינים פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד.

אין איינקלאַנג מיט היטלערס דעציזיע, האָט גערינג נאָך דעם זעלבן טאָג (28.XII.) ארויסגעגעבן א געהיימע פאַראָרדענונג וועגן עטלעכע ענינים, וואָס זענען שוין באַשלאָסן געוואָרן אויף דער נאָוועמבער־קאָנפערענץ, וועלכע האָבן אָבער נאָך געפאָדערט די הסכמה פון היטלערן. די נייע פאַראָרדענונג האָט דעריבער פאָרויסגעזען אַ תיכפדיקע „אַריזירונג“ פון ווין־הייזער און אַנדערע אומבאַוועגלעכע גיטער. חוץ דעם האָט זי באַגרענעצט די רעכט פון פרייער באַוועגונג אין איינקלאַנג מיט געבעלס פאָרשלאַגן.[25]

וועגן היטלערס דעציזיע און גערינגס פאַראָרדענונגען, וואָס זענען תיכף אַריין אין לעבן, האָט דער שעף פון דער פאַרטיי־קאָנצעלאַריע, באָרמאַן, געגעבן צו וויסן די פאַרטיי־אינסטאַנצן ערשט דעם 17־טן יאַנואַר 1939 און באַאויפטראַגט זיי צו האַלטן זיך גענוי לויט די איבערגעשיקטע דירעקטיוון[26].

וואָס האָבן מיט זיך געבראַכט די נאָוועמבער־פּאָגראָמען און די שפּעטערדיקע דיסקרימינאַציעס, בפרט די ווירטשאַפטלעכע? זיי האָבן טעראָריזירט די יידישע באַפעלקערונג, זיי האָבן אַרונטערגעשניטן אירע לעבנס־מקורים, צעשטערט די מאַטעריעלע באַזע, אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקן פּראָלעטאַריזירונגס־פּראָצעס און על־כּולם — אַ טענדענץ צו אַנטלויפן פון לאַנד. צענדליקער טויזנטער קלענערע אונטערנעמונגען, געשעפטן און האַנטווערקער־וואַרשטאַטן זענען אָפּגענומען גע־

---

[21] ר.ג.־בל., 1938, ב. I, ז. 1579, 1638.

[22] ר.ג.־בל., 1938, ב. I, ז. 1580, 1709, (פון 3.XII.1938).

[23] „דער פּראָצעס“, ב. V, ז. 184. פונק האָט אויף דער זיצונג פון נירענבערגער טריבונאַל דעם 11.I.1946 דערקלערט, אַז דער פּראָגראַם פון ווירטשאַפטלעכע פאַרפאָלגונגען איז געווען בלויז אַ טייל פון אַ גרויסן פּראָגראַם פון יידן־פאַרניכטונג.

[24] „דער פּראָצעס“, ב. IX, ז. 577.

[25] „דער פּראָצעס“, ב. V, ז. 360—361, ב. XXV, ז. 132—134.

[26] „דער פּראָצעס“, ב. XXV, ז. 131, געהיימע פאַראָרדענונג פון באָרמאַנען פון 17.I.1939.

וואָרן ביי יידן און צום טייל אריבערגעגאַנגען צו דער דייטשישער בורזשואַזיע און קליינבירגערטום. דעם גרעסטן נוצן פון דער אַזוי גוט צוגעגרייטער אַקציע האָט ארויסגעצויגן די היטלעריסטישע פּאַרטיי און דער עיקר די גרויסע דייטשישע אינדוסטריעלער און באַנקירן. זיי זענען געגאַנגען, ווי די היענעס, נאָך די שפּורן פון זייער קרבן און „איבערגענומען“ נישט בלויז די אונטערנעמונגען און באַנקען, וואָס האָבן געהערט צו די יידישע קאַפּיטאַליסטן, נאָר אויך קלענערע האַנטווערקער־וואַרשטאַטן און געשעפטן פון פאַראָרעמטן קליינבירגערטום.

לאָמיר דערמאָנען, אַז שוין נאָך דער אַנעקסיע פון עסטרייך האָט די דייטשישע באַנק איבערגענומען די באַנק פון ראָטשילדן (ווינער באַנק, „קרעדיט־אַנשטאַלט“); די „אי. ג. פאַרבן־אינדוסטרי“ האָט איבערגענומען דעם עסטרייכישן בעמישן קאָנצערן „פּולווער־פאַבריק סקאָדאַ ווערקעוועטצלער“,[27] וואָס איז פאַקטיש געווען קאָנטראָלירט דורך דער דערמאָנטער באַנק. דער זעלבן גורל האָבן געהאַט אַנדערע אונטערנעמונגען פון דער יידישער בורזשואַזיע און קליינבירגערטום, וועגן וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט אין צוזאַמענהאַנג מיט פּישבעקס אַרויסטרעטונגען אויף די געהיימע קאָנפערענצן ביי גערינגן.

אויך אין דייטשלאַנד האָבן די גרויס־אינדוסטריעלער, וואָס זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט דער היטלעריסטישער פּאַרטיי, גענאָסן פון אַלעם אין פאָרם פון קרעדיטן אויף אויסצופירן די באַוואָפענונגס־באַשטעלונגען פון דעם מיליאַרד קאָנטריבוציע, וואָס איז מיט צוואַנג גענומען געוואָרן פון דער יידישער באַפעלקערונג. זיי האָבן אויך איבערגענומען די בענק, די האַנדלס־געזעלשאַפטן און אונטערנעמונגען. דער דייטשישער מאַרקסיסט אַלבערט נאָרדען ברענגט אין זיין אַרבעט „וואָס לערנט אונדז די געשיכטע פון דייטשלאַנד“ כאַראַקטעריסטישע ביישפּילן פון דער עקספּראָפּריאַציע פון פאַרמעגן פון די דייטשישע יידן, וואָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקע פאָרם פון צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל אין פאַשיסטישן דייטשלאַנד.

אַזוי, למשל, האָט די דרעזדנער באַנק פאַרנומען די בערלינער באַנק פון די ברידער בלייכרעדער און ברידער אַרנאָלד, און די דייטשישע באַנק האָט איבערגענומען די באַנק פון מענדעלסאָנען. אין „בערלינער האַנדלס־געזעלשאַפט“, איינע פון די גרעסטע פּריוואַטע באַנק־אינסטיטוציעס, איז אַריין אויפן אָרט פון ביזאיצטיקן יידישן מיטאייגנטימער פירסטנבערג — הערבערט גערינג, אַ ברודער פונעם נאַצי־גדול. די דערמאָנטע צוויי בענק האָבן אין האַמבורג פאַרנומען וואַרבורגס באַנק, אַריינגענעמענדיק אין שותפות פאָרשטייער פון האַניעל קאָנצערן און סימענס טרעסט. דער בערלינער עלעקטרישער קאָנצערן האָט פאַרכאַפּט צוויי אונטערנעמונגען פון יידן: די קאַבל־פאַבריק פון קאַסירערן און „העליאָוואַט“.

27 Sasuly: I. G. Farben, p. 144.

דאַקעגן „אַ.ע.ג.“ (אַלגעמיינע עלעקטריציטעט=געזעלשאַפט) האָט פאַרכאַפּט הירשס פאַבריק פון מעש= און קופער=אויסאַרבעטונגען.

די האַרמאַטן=קעניגן פון רור=געביט זענען אויך געווען גיריק אויף די פּראָפיטן פון די פּאָגראָמען. אַדאַנק דער היטלעריסטישער העץ=קאַמפּאַניע האָט מאַנעסמאַנס קאָנצערן איבערגענומען די גרויסע מעטאַלורגישע אונטערנעמונגען פון וואָלף נעטער און יאַקאָבי מיט 8 גרויסע אייזן=הוטעס און וועלץ=ווערק און אויך די אונטערנעמונגען פון האַהנען, מיט וועלכע דער קאָנצערן האָט פאַרטאָפּלט זיין פּראָדוקציע פון בלעך. צוזאַמען מיט פאָן העשס בערג=בוי=קאָנצערן און פון אַנדערע אינדוסטריעלער האָט מאַנעסמאַן פאַרכאַפּט די אַקציע=געזעלשאַפט שטערן, א וויכטיקע מעטאַל=הורטאָווניע אין מערב=דייטשישן אינדוסטריע=צענטער. פרידעריק פליק האָט ארויפגעלייגט זיין לאַפּע אויף דער מעטאַלורגישער געזעלשאַפט ראָוואַק און גרינפעלד, און דער דערמאָנטער האַניעל=קאָנצערן האָט פאַרכאַפּט 50 פּראָצענט פון דעם אָנטייל פון יידישע אונטערנעמער אין גרויסן קאָנצערן „רענאַניאַ“.[28]

פון דעם באַזייטיקן די יידן פון ווירטשאַפטלעכן לעבן האָבן, ווי דערמאָנט, אויך גענאָסן די פּאַרטיי=אינסטאַנצן. גענוג צו דערמאָנען, אַז אַלע פּרעסע=אונטערנעמונגען און פאַרלאַגן, וואָס האָבן געהערט צו יידן, האָט איצט איבערגענומען דער היטלעריסטישער פּאַרטיי=קאָנצערן אמאַן.[29]

מיר זעען אַזוי אַרום, אַז דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל האָט פאַרכאַפּט האַנדלס= און באַנק=אונטערנעמונגען אין דייטשלאַנד און עסטרייך, און שפּעטער אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אַנדערע אָקופּירטע לענדער, אונטערנעמונגען, וואָס זייערע אייגנטימער זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע=לאַגערן אָדער אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לאַנד. אָבער נישט בלויז די יידישע בורזשואַזיע האָט אָנגעווירן אירע פּאָזיציעס און פאַרלוירן אירע אונטערנעמונגען, בענק און קאַפּיטאַלן. טויזנט מאָל ערגער איז געווען די לאַגע פון יידישן קליינבירגערטום און פון יידישן אַרבעטער און אינטעליגענט. צענדליקער טויזנטער קלענערע האַנדלס= און האַנטווערקער=אונטערנעמונגען זענען קאָנפיסקירט געוואָרן דורך די נאַציס. לויט אָפיציעלע ציפערן זענען צום 1=טן אַפּריל 1938 געווען אין דייטשלאַנד 39.552 אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געהערט צו יידן. דעם 1=טן אַפּריל 1939 זענען 75 פּראָצענט פון זיי צוגערויבט געוואָרן דורך די היטלעריסטן.[30] די יידישע יוגנט האָט פאַרלוירן דעם צוטריט צו די אַלגעמיינע שולן און צו אַרבעטס=וואַר=

[28] אַל. נאָרדען, דצ"ו, ז. 150.

[29] דצ"ו, ז. 159, רייכסלייטער אַמאַן איז געווען דער שעף פון פּאַרטיי=פאַרלאַג „עהער“.

[30] A l f. K r ü g e r: Die Lösung der Judenfrage in der deutschen Wirtschaft, Berlin 1940, p. 44.

שטאַט. די יידישע אינטעליגענץ, צווישן וועלכער עס זענען געווען אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן מיט אַ וועלט=נאָמען אויף אַלע געביטן פון וויסנשאַפטלעכער און קינסטלערישער טעטיקייט, איז אין די לעצטע יאָרן אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אירע פּאָזיציעס און האָט אין 1938 יאָר שוין פולשטענדיק פאַרלוירן איר אַרבעטס=פעלד. דער פּויפּעריזאַציע=פּראָצעס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד איז אָנגעגאַנגען מיט מעכטיקע שריט פאָרויס.

„אַנטיסעמיטיזם, — שרייבט ריכטיק נאָרדען, — וואָס איז אַ באַשטאַנדטייל פון דער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק פון היטלעריזם, איז געוואָרן א מיטל צו פאַרגרעסערן די רייכטימער פון די מאַגנאַטן... יידיש בלוט האָט זיך פאַרביטן אין „אַריש“ גאָלד. דאָס איז געווען די גרויסע אורשפּרינגלעכע אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס האָט אין אַ יאָר שפּעטער, בשעת דער צווייטער וועלט=מלחמה, אָנגענומען אַ טויזנט מאָל מער געפערלעכן פאַרנעם“.[31]

פון פאַרלויף פון די דערמאָנטע געהיימע קאָנפערענצן און פון דעם פאַקט, וואָס זיי זענען פאָרגעקומען אונטער דער אָנפירונג פון גערינגן, איינעם פון די הויפט=אָנהענגער פון אַ ברייטן באַוואָפענונגס=פּראָגראַם, וואָס האָט אויך געשטרעבט אויסצונוצן דאָס קאָנפיסקירטע יידישע פאַרמעגן אויף אויסצוברייטערן די באַוואָפענונגען, ווערט קלאָר, אַז די פּלענער און מעטאָדן פון „לעזן די יידישע פראַגע“ אין דעמלטיקן מאָמענט זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט די דירעקטע צוגרייטונגען צו דער אַגרעסיווער מלחמה. די פולע אַנטרעכטונג און עקספּראָפּריאַציע פון די יידן איז ערשט געווען אַן אָנהייב. איצט האָבן געדאַרפט קומען נאָך מער פאַרברעכערישע פאַראָרדענונגען, וואָס זייער רעאַליזירונג איז געווען אָפּהענגיק פון דער אַנטוויקלונג פון דער פּאָליטישער סיטואַציע. אויף דער דערמאָנטער קאָנפערענץ דעם 12=טן נאָוועמבער 1938 האָט גערינג דערקלערט צוו. אַנד.: „ווען דאָס דייטשישע רייך וועט אין א וועלכער ס'איז אומבאַשטימטער צייט אַריינפאַלן אין אַן אויסערן=פּאָליטישן קאָנפליקט, איז עס זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר אין דייטשלאַנד וועלן אין דער ערשטער ליניע וועגן דעם טראַכטן, וויאַזוי צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע אָפּרעכענונג מיט די יידן“.[32]

דאָס איז שוין געווען אַן אָנזאָג פון צוקונפטיקן פעלקער=מאָרד.

---

[31] נאָרדען, דצ"ו, ז. 151.
[32] „דער פּראָצעס“, ב. XVIII, ז. 539.

7. די היטלעריסטישע אויסערן-פּאָליטיק ערב דער צווייטער וועלט-מלחמה און די יידן-פראַגע

דאָס יאָר 1938 איז, קאָן מען זאָגן, געווען דער פּעריאָד פון אָפּשליסן דעם ערשטן עטאַפּ פון די היטלעריסטישע עקסטערמינאַציע=פּלענער לגבי די יידן. מיר האָבן געזען, אַז די פּאָרבאַדינגונגען פאַר די דאָזיקע פּלענער האָבן אויסגעצייטיקט אין דער מאָס, ווי ס'איז געוואַקסן די דייטשישע באַוואָפענונגס=קראַפט, אַז זיי זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט די אַלגעמיינע היטלעריסטישע אַגרעסיע=פּלענער אין איירָאָפּע. די אַגרעסיוויקייט לגבי דעם „יידישן שונא" האָט זיך באַזונדערס אָנגעהויבן נאָכן מינכענער אָפּמאַך, אין פּעריאָד פון די ענדגילטיקע צוגרייטונגען צו דער מלחמה. ביזן סוף יאָר 1938 זענען שוין די יידן געווען פולשטענדיק עלימינירט פונעם פּאָליטישן, ווירטשאַפטלעכן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן; זייער מאַטעריעלע באַזע איז שוין געווען אונטערגעגראָבן, זייער באַוועגונגס=פרייהייט איז געווען באַגרענעצט. אין אַנעקסירטן עסטרייך און אין די סודעטן האָבן שוין אין יאָר 1938 פאַרפליכטעט אַלע דיסקרימינאַציע=פאָרשריפטן. און קודם=כל אַלע נירנבערגער געזעצן, וואָס האָבן פאַרפליכטעט אין דייטשלאַנד [1].

דער געהיימער צירקולאַר פון דייטשישן אויסערן=מיניסטעריום (פון 25=טן יאַנואַר 1939) א. נ. „דאָס יידן=פּראָבלעם — אַ פאַקטאָר פון דער דייטשישער אויסערן=פּאָליטיק אין יאָר 1938" באַצייכנט די שייכות צווישן די צוגרייטונגען צו דער אַגרעסיווער מלחמה און דער אַנטי=יידישער פּאָליטיק אין פאָלגנדיקע ווערטער:

„ס'איז לגמרי נישט קיין צופאַל, אַז דאָס יאָר 1938, וואָס איז געווען רייך אין געשעענישן, האָט געלעזט צוויי פּראָבלעמען: דאָס פאַרווירקלעכן די אידעע פון גרויסן רייך, ווי אויך די ליקווידאַציע פון יידן=פּראָבלעם. די פּאָליטיק אין באַצוג צו יידן איז דאָך גלייכצייטיק אַ פאָרבאַדינג און אַ קאָנסעקווענץ פון די געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין יאָר 1938. דער איינפלוס פון די יידן און זייער דעסטרוקטיווע ווירקונג אויף דער פּאָליטיק, עקאָנאָמיק און קולטור האָבן דאָך אין אַ גרויסער מאָס, ווי די שנאה פון פיינט בעת דער ערשטער וועלט=מלחמה, פּאַראַליזירט די קראַפט און דעם ווילן פון דייטשישן פאָלק צום נייעם רענעסאַנס... אויסהיילן דאָס פאָלק פון דער דאָזיקער קרענק איז אָן ספק איינע פון די וויכטיקסטע באַדינגונגען, וואָס וועט העלפן אין דער אַנטוויקלונג פון דעם כוח, וועלכער וועט אויפן געביט פון פאַראייניקן דאָס גרויסע רייך זיך אַנטקעגנשטעלן דער גאַנצער וועלט".[2]

---

[1] אין עסטרייך, לויט דער פאַראָרדענונג פון 20 מאַי 1938, ר.ג.=בל., 1938, I, 549; אין סודעטן, פאַראָרדענונג פון 27 דעצעמבער 1938, ר.ג.=בל. I, ז. 1997.

[2] „דער פּראָצעס", ב. XXXII, ז. 237, דאָקום. פּ.ס. — 3358.

שוין דעמלט איז קלאָר געווען, אַז דער דייטשישער פֿאַשיזם וועט אויפֿן דאָזיקן עטאַפּ פֿון זיין אַנטי־יידישער פּאָליטיק זיך נישט אָפּשטעלן. דאָס האָט איבעריקנס געהאַט אַ שייכות מיט דעם, וואָס היטלער האָט נאָכן מינכענער אָפּמאַך בכלל נישט געהאַט בדעה — נישט קוקנדיק אויף די פּילמאָליקע פֿייערלעכע פֿאַרזיכערונגען — צו רעזיגנירן פֿון זיינע ווייטערדיקע אַגרעסיע־פּלענער לגבי אַנדערע פֿעלקער. דאָס האָט מען געקאָנט דרינגען הן פֿון די צאָלרייכע אויבן ציטירטע אַרויסזאָגונגען פֿון היטלערן און פֿון אַנדערע פֿאַשיסטישע אָנפֿירער, הן פֿון דער גאַנצער ביזאיצטיקער פּאָליטיק פֿון דער היטלעריסטישער רעגירונג און פֿונעם אָנגעצייכנטן פֿאַרטיליקונגס־פּלאַן בנוגע די יידן.

די יידן־פֿראַגע איז ווייטער געווען אַ דעקמאַנטל פֿאַר די היטלערישע פּלענער צו דעראָבערן די העגעמאָניע אין אייראָפּע. פֿאַקטיש האָט שוין אין יאַנואַר 1939 דער שעף פֿון ר.ס.ה.א אויפֿן סמך פֿון באַפֿעל פֿון גערינגן זיך פֿאַרנומען מיטן אויסאַרבעטן אַ גענויעם פּלאַן פֿון פֿיזישן אומברענגען די יידן, נישט בלויז אין רייך און אין די אַנעקסירטע לענדער, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן אין קורצן באַדאַרפֿט פֿאַלן אַלס קרבן פֿון דער היטלעריסטישער אַגרעסיע, ד. ה. פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן און כמעט פֿון גאַנץ אייראָפּע. די היטלעריסטישע דיפּלאָמאַטיע האָט אַרויסגערוקט די יידן־פֿראַגע ווי אַן אינטערנאַציאָנאַל פּראָבלעם אין קאַמף פֿאַר קאָלאָניעס, קרעדיטן, גרעסערע מעגלעכקייטן פֿון עקספּאָרט פֿאַר דער פּראָדוקציע א. אַז. וו.

די היטלעריסטישע רעגירונג האָט געפּלאַנט — מיט דער הילף פֿון דראָונגס־פּאָליטיק און מיטן אויסאיבן אַ דרוק אויף אַנדערע מלוכות — צו רעגולירן די יידן־פֿראַגע אויף אַזאַ אופֿן, אַז עס זאָל פֿאַרזיכערן די מעגלעכקייט אין אַ געהעריקן מאָמענט אויסצופֿירן דעם פּלאַן פֿון פֿיזישן אויסראָטן די יידן.

דער היטלעריסטישער „טעאָרעטיקער“ ברונאָ אמאַן האָט דעמלט אין „דאָס וועלט־בילד פֿון יידנטום“ געשריבן צווישן אַנדערן: „...מיר געפֿינען זיך איצט אויף דער שוועל פֿון דער דריטער פֿאַזע פֿון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן נצחון איבערן וועלט־יידנטום... דער ראַסן־אַנטיסעמיטיזם ווערט אַן אימפּעריאַלער... ער ווערט מגולגל אין אַ קאַמף פֿון רייך פֿאַר זיין פּאָליטישער חשיבות... די קומענדיקע וועלט־געשיכטע שטייט אונטערן צייכן פֿון דעם דאָזיקן נצחון“.[3]

אינעם פּעריאָד, ווען די היטלעריסטישע רעגירונג איז איבערגעגאַנגען פֿון די מלחמה־צוגרייטונגען צו קאָנקרעטע אַגרעסיע־אַקטן, איז דער ענין פֿון די יידישע פּליטים פֿון רייך און די אָקופּירטע לענדער (עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע) געוואָרן אַ וויכטיק אינטערנאַציאָנאַל פּראָבלעם.

---

[3] B r u n o A m a n n: Das Weltbild des Judentums. Grundlagen des voelkischen Antisemitismus, Wien 1939, p. 351.

אַ גענויערע באַלויכטונג פון דער היטלעריסטישער רעגירונגס־פּאָליטיק בנוגע דעם דאָזיקן צו יענער צייט אַקטועלן פּראָבלעם וועט אונדז דערמעגלעכן פאַרצושטעלן דעם דעמאָלטיקן אַנטוויקלונגס־עטאַפּ פון די היטלערישע פעלקערמערדערישע פּלענער, וועלכע זענען באַשטאַנען אין דעם איבערגיין פון לאָקאַלע דייטשישע ענינים צום פּרווו פון „לעזן“ די יידן־פראַגע ווי אַן אַלגעמיין אייראָפּעיש־פּראָבלעם.

אַ) דאָס פּראָבלעם פון עמיגראַציע פון די יידישע פּליטים

פון זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט האָט זיך געוואַלדיק געהויבן די עמיגראַציע־באַוועגונג פון די יידן פון דייטשלאַנד. דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון פאַרשידענע פאַקטאָרן, ווי די ווילדע אַנטיסעמיטישע העצע, די ראַסיסטישע געזעצגעבונג, די בייספּיללאָזע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע דיסקרימינאַציע, די קאַטאַסטראָפאַלע פּויפּעריזאַציע פון די יידישע מאַסן. וועגן דער גרייס פון דער עמיגראַציע־באַוועגונג זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס פון יאָר 1933 ביזן סוף יאָר 1938 האָבן פון דייטשלאַנד עמיגרירט אַן ערך 190.000 יידן, און פון עסטרייך האָבן אין משך פון יאָר 1938 עמיגרירט אַן ערך 65.000 יידן.[4]

דאָס איז, פאַרשטענדלעך, געווען אַ צוואַנגס־עמיגראַציע, אַן אַנטלויפן פון ווילדן טעראָר, פון פאַרפאָלגונגען און פון הונגער־טויט, אויף וועלכן די היטלעריסטישע רעגירונג האָט פאַרמשפּט די יידישע באַפעלקערונג.

די דעמאָקראַטישע מיינונג פון דער וועלט, בתוכם פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס איז טיף אויפגערודערט געוואָרן פונעם פאַרכאַפּן עסטרייך און פון די יידן־פאַרפאָלגונגען, האָט געפאָדערט פון זייערע רעגירונגען צו באַאיקאָטירן און שאַרף ארויסצוטרעטן קעגן פאַשיסטישן דייטשלאַנד. זיי האָבן פאַרלאַנגט אַריינצולאָזן אין די דערמאָנטע לענדער די דייטשישע פּליטים און אָרגאַניזירן פאַר זיי קאָנסטרוקטיווע הילף.

אונטערן דרוק פון דער דאָזיקער פּראָגרעסיווער מיינונג האָט דער פּרעזידענט רוזוועלט באַשלאָסן צו רופן אויפן 5־טן יולי 1938 אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ קיין עוויאַן, וואָס זאָל זיך באַשעפטיקן מיט דער פּליטים־פראַגע. ס'זענען זיך צוזאַמענגעקומען פאָרשטייער פון 30 מלוכות, דער עיקר פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט. אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער בלויז פון אַ קליינער צאָל אייראָפּעישע מלוכות. דער שעף פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע מיראָן ע. טעילאָר האָט פאָרגעשלאָגן — ווי די דעמאָלטיקע פּרעסע האָט אָנגעגעבן — אַז די קאָנפערענץ זאָל פאַר זיך שטעלן פאָלגנדיקע פּראַקטישע אויפ־

[4] Mark Wischnitzer: Jewish Emigration from Germany 1933—1938; (Jewish Social Studies, 1940, vol. II Nr 1, p. 30—38).

גאָבן: קעגנזייטיק זיך אינפֿאָרמירן וועגן דער צאָל און וועגן דער קאַטעגאָריע פּליטים, וואָס יעדע מלוכה וואָלט געקאָנט אויפֿנעמען, אויספֿאָרשן די פּאַספּאָרטן־פֿראַגע און שאַפֿן אַ שטענדיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט דעם עמיגראַציע־פּראָבלעם פֿון די יידישע פּליטים.

לאָרד ווינטערטאָן, דער שעף פֿון דער בריטישער דעלעגאַציע, האָט דערקלערט, אַז צוליב דער גרויסער אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס הערשט אין זיין לאַנד, קאָן נישט גרויס־בריטאַניע אויפֿנעמען קיין פּליטים, וועלכע מען דאַרף פֿאַרזיכערן מיט אַרבעט. דערביי האָט ער באַטאָנט, אַז די לאָנדאָנער רעגירונג פֿאַרנעמט זיך מיטן אויספֿאָרשן די מעגלעכקייטן צו באַזעצן די יידישע פּליטים אין מזרח־אַפֿריקע. ווינטערטאָן האָט גלייכצייטיק אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט מיטצואַרבעטן אויפֿן דאָזיקן געביט מיטן „הײמאַטס־לאַנד“, ד. ה. מיט דייטשלאַנד, בכדי אַרויסצובאַקומען אַ דערלויבעניש פֿאַר די פּליטים אויף אַרויסצופֿירן כאָטש אַ טייל פֿון זייער פֿאַרמעגן. דער פֿראַנצויזישער דעלעגאַט, הענרי בערענזשער, האָט אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז פֿראַנקרייך האָט שוין אַריינגעלאָזט אַן ערך 200.000 פּאָליטישע עמיגראַנטן און דעריבער קאָן זי שוין מער קיין יידישע פּליטים נישט אויפֿנעמען. ענלעכע דערקלערונגען האָבן אויך אָפּגעגעבן דער פֿאָרשטייער פֿון בעלגיע, דע פּעי, און דער פֿאָרשטייער פֿון האָלאַנד, אַנדרע בענקער, וועלכע האָבן פֿעסטגעשטעלט, אַז זייערע רעגירונגען זענען גרייט אויסצופֿאָרשן די מעגלעכקייטן פֿון באַזעצן פּליטים אין זייערע קאָלאָניעס.

אין זעלבן גייסט זענען אויך אַרויסגעטראָטן די פֿאָרשטייער פֿון אַנדערע מלוכות, באַטאָנענדיק, אַז זייערע רעגירונגען האָבן שוין אויסגעשעפּט אַלע מעגלעכקייטן לגבי די פּאָליטישע פּליטים פֿון רייך, און אין דעם דאָזיקן ענין קאָנען זיי שוין מער גאָרנישט טאָן.

נאָכן שאַפֿן אַ טעכנישן קאָמיטעט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון נאַנסענען (נאָרוועגישער דעלעגאַט און פֿאָרזיצער פֿון נאַנסען־ביוראָ), וואָס האָט זיך באַדאַרפֿט פֿאַרנעמען מיטן אויספֿאָרשן די „רעאַלע מעגלעכקייטן אויפֿצונעמען פּאָליטישע עמיגראַנטן“ אין פֿאַרשידענע לענדער, נאָכן שאַפֿן אַ ריי אַנדערע קאָמיטעטן און קאָמיסיעס איז די קאָנפֿערענץ געקומען צום אויספֿיר, אַז איר אויפֿגאַבע דאַרף זיך באַגרענעצן מיטן „צוגרייטן אַ גרונט פֿאַר ווייטערדיקער טעטיקייט“. אין רעזולטאַט פֿון דער קאָנפֿערענץ אין עוויאַן איז געשאַפֿן געוואָרן אַ שטענדיקער קאָמיטעט פֿון פֿינף מיטן זיץ־אָרט אין לאָנדאָן, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פֿאָרשטייער פֿון גרויס־בריטאַניע, אַמעריקע, פֿראַנקרייך, סקאַנדינאַווישע לענדער און דרום־אַמעריקע. אַלס פֿאָרזיצער פֿון דאָזיקן קאָמיטעט איז באַשטימט געוואָרן דער לאָרד ווינטערטאָן און אַלס וויצע־פֿאָרזיצער — טעילאָר. דעם וויצע־פֿאָרזיצער, דעם דעלעגאַט פֿון אַמעריקע, איז איבערגעגעבן געוואָרן די אויפֿגאַבע אָנצוהייבן

אונטערהאַנדלונגען מיט דער היטלעריסטישער רעגירונג וועגן דערלויבן טיילווייז ארויסצופירן דאָס פאַרמעגן פון די פּליטים [5].

אַלס דירעקטאָר פונעם שטענדיקן עוויאַנער קאָמיטעט אין לאָנדאָן איז שפּעטער באַשטימט געוואָרן דער אַמעריקאַנער אַדוואָקאַט ד"ר ראַבלי, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען רוזוועלטס באַפולמעכטיקטער צו פירן געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט דער היטלעריסטישער רעגירונג.

ווי מיר זעען, האָט די עוויאַנער קאָנפערענץ זיך באַגרענעצט צו שרייענדיקע דעקלאַראַציעס און צו פּלאַטאָנישע אויסדרוקן פון מיטגעפיל צו די קרבנות פון היטלערישן ראַסיזם, וואָס האָט געהאַט דעם ציל צו שטילן דעם צאָרן פון די מאַסן און אָפּנאַרן די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט. די פאָרשטייער פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָבן — להיפוך צו דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין זייערע מלוכות — נישט פּראָטעסטירט קעגן דער היטלערישער דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק לגבי די יידן, זיי האָבן נישט אָנגענומען קיין באַשלוסן, וועלכע זאָלן רעקאָמענדירן די רעגירונגען פון די מערב־לענדער צו לינדערן די עמיגראַציע־גזירות. די קאָנפערענץ האָט נישט אונטערגענומען קיין שום שריט, וועלכע זאָלן צווינגען די היטלערישע רעגירונג אויפצוהערן פאַרפאָלגן די יידישע באַפעלקערונג.

אויפן סמך פונעם פאַרלויף פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ, און אין ליכט פון דער ווייטערדיקער טעטיקייט פון שטענדיקן לאָנדאָנער קאָמיטעט, דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז די פאָרשטייער פון די גרויסע מערב־מלוכות, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון דער קאָנפערענץ, האָבן זיך אויף אַלע מעגלעכע אופנים באַמיט צו באַרואיקן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, צו אַנטשפּאַנען די אָנגעשטרענגטע אַטמאָספער און נישט טאָן אַזוינס, וואָס וואָלט געקאָנט שאַדן ברענגען די אינטערעסן פון היטלערישן רייך (גלייכצייטיק זענען געפירט געוואָרן געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט דער היטלערישער רעגירונג). מיט דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָבן אָנגעפירט די מינכענער דיפּלאָמאַטן. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייט אויף דער קאָנפערענץ איז געווען לאָרד ווינטערטאָן, וועמען — ווי ס'דרינגט פון ראַפּאָרט פונעם דייטשישן אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן, דירקסען, פון יולי 1938 — „טשעמבערליין האָט, שיצנדיק זיך קעגן די אַטאַקעס פון דער אָפּאָזיציע (די דעמאָקראַטישע מיינונג — א. א.), געמוזט באַזייטיקן" פאַר זיין פּראָהיטלערישער פּאָליטיק [6].

מיראָן טעילאָר ווידער, דער שעף פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע, געהערט צו דער גרופּע „1000 אַמעריקאַנער", וואָס הערשן איבער די פאַראייניקטע שטאַטן און איבער דרום־אַמעריקע. ער איז איינער פון די לייטער פונעם שטאָל־

[5] „Gazeta Polska", 12. VII. 1938 r.
[6] „Dokumenty i materiały z przedednia II wojny" t. I, p. 121—123.

טרעסט „יונייטעד סט. סטיל קאָרפּאָריישן“ און איז ענג פאַרבונדן מיט דער באַנק-גרופּע פון מאָרגאַנען. שוין דעמלט איז ער געווען אַן אָנהענגער פון דער פּראָפאַשיסטישער אָריענטאַציע. „אַן אָנהענגער פון מוסאָליניען און אַ פּראָפּאַגאַנדער פון פאַשיזם“ — אָט אַזוי באַצייכנט טעילאָרן דער אַמעריקאַנער פּובליציסט ג. סעלדעס.[7] דאָס איז דער זעלבער טעילאָר, וועמען רוזוועלט האָט אין יאָר 1940 באַשטימט אַלס אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר ביים וואַטיקאַן.[8]

נאָכן עפענען די קאָנפערענץ אין עוויאַן האָט דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין, נעוויל הענדערסאָן, אין נאָמען פון זיין רעגירונג זיך געווענדעט צו ריבענטראָפּן מיט דער פּראָפּאָזיציע איינצושטעלן אַ מיטאַרבעט מיט די מערב-מלוכות אויפן געביט פון עמיגראַציע פון די דייטשישע יידן.

דער אינהאַלט פון הענדערסאָנס נאָטע צו ריבענטראָפּן איז אונדז נישט באַקאַנט. אונדז איז אויך נישט באַקאַנט זיין ראַפּאָרט קיין לאָנדאָן וועגן די רעזולטאַטן פון זיין וויזיט אויף ווילהעלם-גאַס. די דאָזיקע דאָקומענטן, פּונקט ווי פיל אַנדערע דאָקומענטן, זענען באַוווסטזיניק נישט אַריין אין די פּובליקאַציעס פון ענגלישן אויסערן-מיניסטעריום, ווי אויך אין די פּובליקאַציעס פון די אַרכיוואַלע דאָקומענטן פון דייטשישן אויסערן-מיניסטעריום. וועגן דער דאָזיקער אינטערווענץ דערוויסן מיר זיך ערשט פונעם צירקוליאַר פון היטלערישן שטאַט-סעקרעטאַר אין אויסערן-מיניסטעריום, ווייצזעקער, דעם 8-טן יולי 1938.[9] ווייצזעקער האָט געמאָלדן די דייטשישע אַמבאַסאַדאָרן אין לאָנדאָן, פּאַריז, וואַשינגטאָן, וואַרשע און אויך די געזאַנדשאַפטן אין בעלגראַד, בוקאַרעשט, בודאַפּעשט, פּראָג און סאָפיע וועגן הענדערסאָנס אינטערווענץ אין שייכות מיט דער עוויאַנער קאָנפערענץ. פון דעם דאָזיקן דאָקומענט קאָן מען דרינגען, אַז הענדערסאָן איז נישט געקומען צום אויסערן-מיניסטעריום בייצולייגן אַ פּראָטעסט קעגן דער דיסקרימינאַציע-פּאָליטיק לגבי די דייטשישע און עסטרייכישע יידן, קעגן דעם רויבן זייערע פאַרמעגנס א. אז. וו., נאָר אַז ער האָט זיך באַמיט צו ווירקן אויף ריבענטראָפּן אין דער ריכטונג פון מיטאַרבעטן מיט די גרויסע מלוכות אויפן געביט פון „רעגולירן“ די עמיגראַציע פון די יידישע פּליטים.

ריבענטראָפּ — ווי ס'שרייבט ווייצזעקער — האָט צוליב פּרינציפּיעלע טעמים קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן יעדע מיטאַרבעט מיט אַנדערע מלוכות אין דער פראַגע פון די דייטשישע פּליטים, ווייל — ווי ער האָט מאָטיווירט — דאָס איז אַן אינערלעכע פראַגע פון דייטשלאַנד. ריבענטראָפּ האָט אויך געגעבן אַ נעגאַטיוון

[7] G e r g e S e l d e s: 1 000 Amerikancew. Moskwa 1948, p. 294.

[8] אויספירלעכער וועגן דער טעטיקייט פון מ. טעילאָר אין רוים ביי:
M. M. Szejman: „Watikan wo wtoroj mirowoj wojnie. Moskwa 1951, p. 95.

[9] נירענבערגער פּראָצעס נר. 11, דאָקום. נ.ג. — 3702, ווייצזעקערס צירקוליאַר.

ענטפער אויף די סוגעסטיעס וועגן כאָטש אַ טיילווייזן טראַנספער פון יידישן פאַרמעגן, וואָס איז שוין אין פּרינציפּ געווען קאָנפיסקירט. „אַ מיטאַרבעט אין דער דאָזיקער פראַגע מיט די לענדער, וואָס זענען רעפּרעזענטירט אין עוויאַן, קומט נישט אין באַטראַכט, — האָט געענטפערט דער היטלערישער אויסערן־מיניסטער, — ווייל דאָס דאָזיקע פאַרמעגן קאָן פאַר די יידן נישט אָנערקענט ווערן".[10] הענדערסאָנס וויזיט אין דייטשישן אויסערן־מיניסטעריום אָנהייב יולי האָט קודם־כל געהאַט דעם ציל צו פאַרזיכערן דער היטלערישער רעגירונג, אַז די קאָנפערענץ אין עוויאַן איז נישט קיין פיינטלעכער אַקט לגבי דייטשלאַנד, און דאָס וועט נישט שטערן אין די אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ געמיינזאַמער פאַרשטענדיקונג.

אַן ענלעכן ציל האָט אויך געהאַט דאָס אויפנעמען דעם 7־טן יולי 1938 דעם דייטשישן אַמבאַסאַדאָר דיקהאָף דורכן אַמעריקאַנער מיניסטער הול. הול האָט אויפגעקלערט דיקהאָפן די הויפּט־פּרינציפּן פון דער אַמעריקאַנער אויסערן־פּאָליטיק. פון די נאָטיצן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דעם 28־טן יולי 1938, דרינגט, אַז הול האָט צווישן אַנדערע באַרירט די יידן־פראַגע און די היטלערישע געזעצגעבונג בנוגע דער „פליכט צו רעגיסטרירן פאַרמעגנס"[11].

די היטלערישע רעגירונג האָט אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט דעם פאַרלויף פון דער קאָנפערענץ אין עוויאַן און געהעריק אָפּגעשאַצט דעם מאַנעוור פון די ענגליש־אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן, וואָס האָבן געצילט צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ פוסטער פּלוידעריי, און דערביי צו באַרואיקן די אויפגעברויזטע עפנטלעכע מיינונג. די פאַשיזירטע אייראָפּעישע מלוכות (די שפּעטערדיקע היטלעריסטישע סאַטעליטן) האָבן, אונטערן דרוק פון דער היטלערישער רעגירונג, אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ זיך נישט באַטייליקט. די פּוילישע רעגירונג האָט זיך באַגרענעצט צו דער ראָל פון אַן אָבסערוואַטאָר. די היטלעריסטן האָבן פּראָיעקטירט צו רופן אַ צווייטע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ, בכדי פאַנאַנדערצובלאָזן די פראַגע פון דער יידישער עמיגראַציע און זי אויסנוצן אַלס אַ באַקוועמען פאָרהאַנג פאַר די ווייטערדיקע אַגרעסיווע פּלענער. די רעגירונגען פון אונגאַרן, רומעניע, יוגאָסלאַוויע און טשעכאָסלאָוואַקיע, זייענדיק אינספּירירט דורך בערלין, האָבן אויף דער קאָנפערענץ אין בלעד אין דער צווייטער העלפט אויגוסט 1938 באַהאַנדלט די פּליטים־פראַגע. די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט אין די אינטערעסן פון דער היטלערישער רעגירונג רעקאָמענדירט דעם רומענישן און דעם טשעכאָסלאָוואַקישן מיניסטער אויסצואַרבעטן אַ פּראָיעקט, וויאַזוי צו „לייזן" דאָס יידן־פּראָבלעם.

---

[10] דאָרט.

[11] „Documents on German Foreign Policy", t. I, p. 724, dok. Nr 460.

3622 — 6

הגם היטלער און ריבענטראָפּ זענען געווען פֿאַראינטערעסירט אינעם דאָזיקן מאָמענט זיך צו דערנענטערן צו ענגלאַנד, באַזונדערס נאָך ווידעמאַנס צווייטן וויזיט אין ערב דעם מינכענער אָפּמאַך, דאָך האָבן זיי אויך איצט אָפּגעוואָרפֿן די פּראָפּאָזיציעס וועגן יעדן מין אונטערהאַנדלונגען מיט די ענגליש-אַמעריקאַנער רעגירונגען וועגן דער פֿראַגע פֿון יידן און זייער פֿאַרמעגן. אין דער העלפֿט פֿון יאָר 1938 האָט די היטלערישע רעגירונג דעפֿיניטיוו באַשלאָסן אויסצושליסן דורך צוואַנג די יידישע באַפֿעלקערונג פֿון ווירטשאַפֿטלעכן לעבן און צורויבן איר באַוועגלעכן און אומבאַוועגלעכן פֿאַרמעגן. די רעגירונגען פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן און פֿון גרויס-בריטאַניע זענען געווען גענוי אינפֿאָרמירט וועגן דעם.

די אַגרעסיווע האַנדלונגען פֿון דער היטלערישער רעגירונג, דאָס גרויזאַמע פֿאַרפֿאָלגן די יידישע באַפֿעלקערונג און דאָס רויבן איר פֿאַרמעגן האָט אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקן שטורעם אין די דעמאָקראַטישע ספֿערן קעגן דייטשישן פֿאַשיזם. דער דאָזיקער שטורעם האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט נאָכן מינכענער אָפּמאַך. די אויפֿרעגונג פֿון דער פּראָגרעסיווער מיינונג איז אויך געווען געווענדעט קעגן די רעגירונגס-ספֿערן, באַזונדערס פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרייך, פֿאַר זייער מינכענער-פּאָליטיק, פֿאַרן פֿאַראַט לגבי דעם טשעכאָסלאָוואַקישן פֿאָלק א.אַז.וו. די רעגירונגען פֿון די דאָזיקע לענדער האָבן זיך דעריבער באַמיט פֿאַר יעדן פּרייז צו ברענגען צו אַ געוויסער אָנטשפּאַנונג אין דער עפֿנטלעכער מיינונג דורך שאַפֿן דעם איינדרוק, אַז ס'איז דערגרייכט געוואָרן מיטן פֿאַשיסטישן דייטשלאַנד אַ הסכם בנוגע געוויסע פֿאַרלייכטערונגען אויפֿן געביט פֿון דער יידישער עמיגראַציע. פֿאַקטיש אָבער איז אַלץ געטאָן געוואָרן, בכדי צו דערפֿירן צו א פֿאַרשטענדיקונג מיט דער היטלערישער רעגירונג אפֿילו אויפֿן חשבון פֿון אַנדערע אייראָפּעישע פֿעלקער, בכדי צו לענקען די היטלערישע אַגרעסיע אויף מזרח, קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד.

נאָכן מינכענער אָפּמאַך האָבן די רעגירונגען פֿון אַמעריקע און ענגלאַנד רעקאָמענדירט זייערע פֿאָרשטייער אין בערלין, אַז זיי זאָלן אונטערנעמען ווייטערדיקע שריט אויף צו דערפֿירן צו דירעקטע געשפּרעכן צווישן די היטלערישע פֿאָרשטייער מיטן לאָנדאָנער קאָמיטעט. און ווירקלעך, אין העלפֿט אָקטאָבער 1938 האָט דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר הענדערסאָן אָפּגעשטאַט אַ וויזיט דעם שטאַטס-סעקרעטאַר ווייצזעקער, בעת וועלכן ס'איז באַרירט געוואָרן די עמיגראַציע-פֿראַגע פֿון די יידן פֿון דייטשלאַנד. הענדערסאָן האָט איבערגעגעבן ווייצזעקערן אַ מעמאָראַנדום פֿון עוויאַנער קאָמיטעט און דערביי סוגערירט דעם געדאַנק, אַז ראַבלי זאָל אויפֿגענומען ווערן דורך אַ באַפֿולמעכטיקטן פֿון דער היטלערישער רעגירונג אויף דורכצופֿירן געשפּרעכן כלומרשט וועגן די פּליטים און וועגן טראַנספֿער פֿון זייער פֿאַרמעגן[12].

---

[12] נירענבערגער דאָקום. נ.ג. — 1537, ווייצזעקערס נאָטיץ פֿון 18.X.1938.

דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין, ווילסאָן, האָט נאָך דעם זעלבן טאָג באַזוכט ווייצזעקערן און אים איבערגעגעבן אַן עגלעכן מעמאָראַנדום. אין אַ לענגערן שמועס מיטן שטאַטס-סעקרעטאַר וועגן דער יידן-פראַגע האָט אים ווילסאָן אויך געבעטן אויפצונעמען ראַבלין. ווילסאָן האָט באַטאָנט, אַז זיין רעגירונג האָפט צו דערפירן צו אַ פאַרשטענדיקונג אין דער פראַגע פון יידישער עמיגראַציע, וואָס וואָלט דערפירט צו אַן אָנטשפּאַנונג פון דער אַטמאָספער אין אַמעריקע. דאָס ליגט אויך אין די אינטערעסן פון דייטשלאַנד גופא, מחמת דאָס אָננעמען דעם פאָרגעלייגטן פּראָיעקט וואָלט דערפירט צום פאַרשטאַרקן די דייטשיש-אַמעריקאַנער באַציונגען[13]. ווייצזעקער — ווי עס דרינגט אַרויס פון זיין נאָטיץ פונעם 18-טן אָקטאָבער 1938 וועגן די וויזיטן פון ביידע אַמבאַסאַדאָרן — האָט אָפּגעוואָרפן די סוגעסטיע וועגן דירעקטע אונטערהאַנדלונגען מיט ראַבלין. ווייצזעקער האָט געענטפערט, אַז פונקט ווי ער האָט געהאַנדלט אין חודש אויגוסט, האַלט ער אַזעלכע שמועסן פאַר נוצלאָז, ווייל די היטלערישע רעגירונג וועט פאַר די יידישע עמיגראַנטן נישט צוטיילן קיין דעוויזן און וועט אויך נישט מסכים זיין אַפילו טיילווייז אַרויסצופירן זייער פאַרמעגן.

מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס איז פאָרגעקומען עטלעכע וואָכן פאַרן פאַרמעלן פאַרעפנטלעכן דאָס געזעץ וועגן קאָנפיסקירן דאָס פאַרמעגן פון יידן און עלימינירן זיי פוןווירטשאַפטלעכן לעבן. ווייצזעקער שרייבט אונטער אין זיין נאָטיץ, אַז, וואָס אַן אמת, האָט ער ווילסאָנען געענטפערט נישט אַזוי שאַרף, ווי דעם בריטישן אַמבאַסאַדאָר. ער האָט אָבער ווילסאָנען בדייטער באַקענט מיט אַלע סיבות, צוליב וועלכע די דייטשישע רעגירונג וואַרפט אָפּ דאָס אונטערהאַנדלען מיט ראַבלין. ער האָט אָבער דאָך צוגעזאָגט צו אינפאָרמירן ריבענטראָפּן וועגן דערלאַנגטן מעמאָראַנדום.

נישט קוקנדיק אויף דעם קאַטעגאָרישן ענטפער, האָבן די רעגירונגען פון די מערב-מלוכות נישט רעזיגנירט פון ווייטערדיקע באַמיונגען צו דערפירן צו אַ פאַרשטענדיקונג. אין אייניקע טעג אַרום, דעם 21-טן אָקטאָבער 1938, האָט אַ פאַרשטייער פון דער ענגלישער אַמבאַסאַדע דזשאַרזש אָ. פאָרבעס באַזוכט דעם אונטערשטאַטס-סעקרעטאַר ווערמאַן, דעם לייטער פון פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט ביים דייטשישן אויסערן-מיניסטעריום, און האָט אים ווידער געבעטן צו דער-

[13] דאָקומ. נ.ג. — 1537. לויט ווייצזעקערס נאָטיץ האָט ווילזאָנס געזאָלט דערקלערן: ,,אין וואַשינגטאָן האָפט מען צו דערגרייכן אַ געהעריקע רעאַליזירונג פון אָפּטראַנספּאָרטירן די יידן פון דייטשלאַנד, און דאָס אין די אינטערעסן פון דער שטימונג אין אַמעריקע, ווי אויך אין דייטשישן אינטערעסן... דאָס אָפּוואַרפן (פון פּלאַן) דורך אונדז (ד. ה. דייטשן) וואָלט געווען צום באַדויערן, פונקט ווי אַ פּאָזיטיווע רעגולירונג פון דער פראַגע וואָלט געווען זייער געווונטשן פאַר די דייטשיש-אַמעריקאַנישע פאַרהעלטענישן...“

מעגלעכן, אז ראבלי זאָל ווערן אויפגענומען. פּאָרבעס האָט אויפגעקלערט ווערמאַנען, אז ראבלי האָט שוין פּארענדיקט זיינע צוגרייטונגען צו רעאליזירן דעם פּלאַן און וויל זיך בלויז באַקענען מיט דער שטעלונג פון דער דייטשישער רעגירונג. אין הסכם מיט ריבענטראָפּס אינסטרוקציע, האָט ווערמאַן געגעבן א נעגאַטיוון ענטפער, דאָך האָט ער געראָטן פּאָרבעסן, ער זאָל זיך אין אייניקע טעג ארום מיט אים פארשטענדיקן[14]. די ענגלישע געזאַנדשאַפט איז ווירקלעך געשטאַנען אין א שטענדיקן קאָנטאַקט מיט ווילהעלם־שטראסע. אין די אקטן, וואָס זענען פּארעפנטלעכט געוואָרן אויף די נירנבערגער פּראָצעסן וועגן די באַמטע פון אויסערן־מיניסטעריום, האָבן זיך געפונען ווייצזעקערס נאָטיצן, פון וועלכע מיר דערוויסן זיך, אז דעם 2־טן נאָוועמבער האָט הענדערסאָן זיך פארשטענדיקט מיטן מיניסטער אין דער פראגע וועגן ראבלעס באזוך[15]. דעם 7־טן נאָוועמבער האָט פּאָרבעס אויפסניי זיך פארשטענדיקט מיט ווייצזעקערן וועגן דעם דאָזיקן ענין.

דאָס עקשנותדיקע איילן זיך פון די ענגלישע און אמעריקאנער דיפּלאָמאַטן צו דערפירן צו א פארשטענדיקונג מיט דער היטלערישער רעגירונג, האָבן נאָך מער געשטאַרקט די אגרעסיע־פּלענער פון די היטלעריסטן און פארגרעסערט זייערע פאָדערונגען. די היטלערישע דיפּלאָמאַטן האָבן זיך אפילו אין זייערע געשפּרעכן מיט פאָרשטייער פון פרעמדע מלוכות אויפגעפירט חוצפּהדיק. ווייצזעקער, למשל, האָט פּראָוואָקאַטאָריש געפרעגט פּאָרבעסן: „ווער איז עס ראבלי, צי איז ער א הונדערטפּראָצענטיקער אריער?" אזא מין פארהאלטן זיך קאָן באמת זיין פארשטענדלעך אין באצוג צו אן ענגלישן פאָרשטייער, וועלכער האָט גלייכצייטיק אויסגעפירט די ראָל פון אן אינפאָרמאַטאָר פון דער היטלערישער רעגירונג. אין א פריינדלעכן שמועס מיט ווייצזעקערן האָט פּאָרבעס אים אינפאָרמירט וועגן די שוועריקייטן, אויף וועלכע די יידישע עמיגראַציע־פראגע שטויסט זיך איצט אָן, אז די באַשטימטע קוואָטע עמיגראנטן קיין אַמעריקע (27.000 נפשות יערלעך) איז שוין כלומרשט איבערגעשטיגן אויף לאַנגע יאָרן. דאָס האָט געהייסן, אז די פאראייניקטע שטאַטן וועלן מער קיין יידישע עמיגראַנטן נישט קאָנען אויפנעמען[16].

די אמבאַסאַדאָרן פון ענגלאנד און פאראייניקטע שטאַטן האָבן זיך, אלזאָ, מיט אלע מיטלען באַמיט צו באאיינפלוסן די היטלערישע רעגירונג אָנצוהייבן דירעקטע געשפּרעכן וועגן יידישע פּליטים, מחמת דאָס וואָלט גורם געווען א באַרואיקונג פון דער דעמאָקראַטישער עפנטלעכקייט אין זייערע לענדער, און דאָס וואָלט פארלייכטערט צו קאָנטינואירן די אינטערהאַנדלונגען וועגן א פּאָליטישער פארשטענדיקונג צווישן די דערמאָנטע מלוכות און היטלערישן דייטשלאַנד.

---

[14] „נירענבערגער פּראָצעס", נר. XI, דאָקום. נ.ג. — 1525.

[15] דאָקום. נ.ג. — 1524.

[16] דאָקום. נ.ג. — 4686.

ב) די היטלעריסטישע פּלענער צו דעפּאָרטירן די יידן אין די אַפריקאַנער קאָלאָניעס און די פאַרעטערישע פּאָליטיק פון די רעגירונגען פון ענגלאַנד און אַמעריקע

די מערב־מלוכות האָבן אונטערן מאַנטל פון רעגולירן די פראַגע פון דער יידן־עמיגראַציע ארויסגערוקט דורך דער פארמיטלונג פונעם עוויאנער קאָמיטעט אין לאָנדאָן — איינעם פון די אינסטרומענטן אין זייער אויסערן־פּאָליטיק — א לאָקנדיקע קאָלאָניאַלע אָפּערטע פאַר דער היטלערישער רעגירונג: ס'איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן א פּלאַן פון ריכטן די יידישע פּליטים־כוואַליע אין די לענדער פון מזרח־אפריקע און אויף מאַדאַגאַסקאַר. פון די אונטן באַהאַנדלטע דאָקומענטן דרינגט, אז די מעמאָריאלן, וואָס די אמבאַסאַדאָרן פון ענגלאנד און אַמעריקע האָבן ביגעלייגט ווייצזעקערן, האָבן אנטהאלטן טאקע אזא אָפּערטע.

געשפרעכן מיט דער היטלערישער רעגירונג וועגן רעווינדיקאַציע פון קאָלאָניעס זענען שוין פון לאַנג געפירט געוואָרן. היטלער האָט נאָך אין מערץ 1935, בעתן וויזיט פון ענגלישן אויסערן־מיניסטער דזשאָן סיימאָן אין בערלין, געפאָדערט אומצוקערן דייטשלאַנד די אמאָליקע קאָלאָניעס. די דאָזיקע פראַגע איז אויך דעם 19־טן נאָוועמבער 1937 באַהאַנדלט געוואָרן אין אָבערזאַלצבורג אויף דער קאָנפערענץ פון היטלערן מיטן לאָרד האַליפאַקס[17]. די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען זענען קאָנטינואירט געוואָרן דורכן אמבאַסאַדאָר הענדערסאָן אין חודש מערץ 1938. הענדערסאָן האָט דאַן באַקענט היטלערן מיט די פאָרשלאַגן פון דער ענגלישער רעגירונג וועגן דער נייער אדמיניסטראַטיווער פאַנאַנדערטיילונג פון די אפריקאַנער קאָלאָניעס. היטלער ווידער האָט דעמלט ארויסגערוקט די פאָדערונג וועגן אומקערן אלע געוועזענע דייטשישע קאָלאָניעס[18]. אין די שפּעטערדיקע געשפרעכן איז מען לגבי דעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד געגאַנגען אויף נאָך ווייטערדיקע הנחות. די דאָזיקע פאָרשלאַגן זענען נאָך מער קאָנקרעטיזירט געוואָרן אין מערץ 1938, בעתן וויזיט פון ריבענטראָפּן אין לאָנדאָן, און שפּעטער אין דעם דערמאָנטן מעמאָריאַל, וועלכער איז איבערגעגעבן געוואָרן ווייצזעקערן.

די ענגלישע און די אמעריקאַנער רעגירונגען, אומאָפּהענגיק פון די דירעקטע דיפּלאָמאַטישע געשפרעכן, וואָס זענען געפירט געוואָרן מיט דער היטלערישער רעגירונג דורך די אָפיציעלע פאָרשטייער פון אמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך, ווי אויך דורך דער פארמיטלונג פון עוויאנער קאָמיטעט, האָבן אויך אויס־

---

[17] „דאָקומענטן און מאַטעריאַלן", ב. I, ז. 35—36.

[18] דצ"ו, ב. I, ז. 50, 55—56.

גענוצט די פארמיטלונג פון היטלערישן אגענט אָסוואַלד פּיראָוו, דעם דעמאָלטיקן פארטיידיקונגס-מיניסטער פון דער דרום-אפריקאנער אוניע. פּיראָוו איז איינגעלאַדן געוואָרן דורך דער היטלערישער רעגירונג קיין בערלין, און די ענגלישע רעגירונג האָט אים אָנפארטרויט די מיסיע צו פארמיטלען אין דער פראגע פון אפריקאַנישן פּלאַן. ער האָט פאָרגעשלאָגן א פּלאַן, וואָס איז כלומרשט אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך א גרופּע ענגלישע פינאַנסיסטן, אז די יידישע עמיגראַציע זאָל געריכטעט ווערן קיין מאַדאַגאַסקאַר, טאנגאניקע און אין דער בריטישער גויאנע. מיטן דאָזיקן פּראָיעקט איז געווען פארבונדן דאָס צוטיילן דייטשלאַנד א נייע הלוואה פון ענגלאַנד און אמעריקע כלומרשט אויף צו פינאַנסירן די יידישע עמיגראַציע קיין אפריקע [19].

היטלער איז נאָכן נאָוועמבער-פּאָגראָם און נאָכן צורויבן די יידישע פארמעגנס געווען גענייגט אָנצונעמען די אָפּערטעס פון די מערב-לענדער אלס באַזע פאר אונטערהאַנדלונגען, האַלטנדיק, אז ס'איז געקומען דער געהעריקער מאָמענט אָנצוהייבן א גענעראַל-אקציע צו „לעזן“ די יידן-פראגע אין אייראָפּע. ער האָט גערעכנט אויסצונוצן זיינע פארברעכערישע פּלענער אין דער אויסערן-פּאָליטיק, בכדי צו געווינען נייע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע קאָנצעסיעס. וועגן היטלערס באַשלוס האָט גערינג אינפאָרמירט די אָנטיילנעמער פון דער געהיימער נאָוועמבער-קאָנפערענץ. גערינג האָט דעמאלט דערקלערט: „איצט וועט דער פירער סוף-כל-סוף מאַכן העצידירטע שריט אין דער אויסערן-פּאָליטיק לגבי די מערב-מלוכות, וועלכע האָבן אויפגעצוווּנגען די יידן-פראגע, בכדי שפּעטער זאָל דאָס מאַדאַגאַסקאַר-פּראָבלעם קאָנען געלעזט ווערן. דאָס האָט ער מיר דערקלערט דעם 9-טן נאָוועמבער“ [20].

אין דאָזיקן פאל איז די היטלעריסטן אמווייניקסטן געגאנגען אינעם פּראָבלעם פון איבערזידלען די יידישע באַפעלקערונג. אונטערן באַגריף פון „לעזן“ די יידן-פראגע האָבן זיי שוין דעמאלט פארשטאַנען די דעפּאָרטאַציע, אלס איינעם פון די מיטלען פיזיש צו פארטיליקן די אייראָפּעישע יידן. וועגן דעם זאָגט עדות גערינגס דערקלערונג אויף דער נאָוועמבער-קאָנפערענץ, ווי אויך די דערקלערונג פון ווירטשאַפטס-מיניסטער פונק, אז ס'ווערט צוגעגרייט א גרויסער פּראָגראַם פון יידן-פארניכטונג [21].

---

19 וועגן פּיראָווס מיסיע פג"ל אין לאָנדאָנער „The Jewish chronikle“ פון 18 יאַנואַר 1952.

20 דאָקום. פּ.ס. — 1816.

21 גבית-עדות פון פונקן אויף דער זיצונג פון נירעמבערגער טריבונאַל פון 11 יאַנואַר 1946, „דער פּראָצעס“, ב. V, ז. 184.

די היטלערישע רעגירונג איז גענוי געווען אינפאָרמירט וועגן די פּאַקטישע כוונות פון די רעגירונגען פון די מערב־מלוכות[22]. אלס אינפאָרמאַטאָרן האָבן געדינט די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער פון די דאָזיקע מלוכות. חוץ דעם האָט אלס פאַרמיטלער צווישן די פאָרשטייער פון די מערב־מלוכות און דעם היטלערישן אויסערן־מיניסטעריום געדינט דער איטאַליענישער אמבאַסאַדאָר אַטטאָליקאָ.

די היטלערישע רעגירונג האָט געהאַט אויך אַנדערע באַווייזן, אַז די רעגירונג פון טשעמבערליין פירט א פּאָליטיק, וואָס איז פולשטענדיק אין הסכם מיט דער ליניע פון דייטשלאַנדס אינטערעסן. דער פּרעמיער און די מיטגלידער פון דער בריטישער רעגירונג זענען ארויסגעטראָטן אין פּאַרלאַמענט מיט אָפּיציעלע דעקלאַראַציעס, וועלכע האָבן געדינט פאַר די היטלעריסטן אלס אונטערשטיצונג אין זייער אַנטי־יידישער פּאָליטיק. אזוי, למשל, האָט דעם 22־טן נאָוועמבער 1938 דער אינערן־מיניסטער סער סעמועל האָר אין דער דיסקוסיע וועגן דער פּליטים־פראַגע בכיוון פאַרשוויגן דעם אַלגעמיין באַקאַנטן פאַקט וועגן דעם בעסטיאַלישן אויזדיעקעווען זיך פון די היטלעריסטן איבער דער יידישער באַפעלקערונג. ער האָט אָבער געהאַלטן פאַר נייטיק אין זיין אַנטי־יידישער ארויסטרעטונג אונטערצושטרייכן, אַז ער „פאַראורטיילט דאָס פאַרברעכן, אלס קרבן פון וועלכן ס'איז געפאַלן דער יונגער דייטשישער דיפּלאָמאַט אין פּאַריז...“ דערקלערנדיק, אַז ער „רעדט אלס פריינד פון דייטשלאַנד און ווי אַן אָנהענגער פון מינכענער פאַרשטענדיקונג...“, האָט ער זיך ארויסגעזאָגט קעגן אריינלאָזן קיין ענגלאַנד יידישע פּליטים פון רייך. גלייכצייטיק האָט ער באַטאָנט, אַז „די דייטשישע פאַראָרדענונגען קעגן די יידן זענען נישט בלויז קיין אינערלעכע פראַגע“, אַז דאָס איז אַן אינטערנאַציאָנאַל פּראָבלעם.

דאָס איז געווען אַן אָפענע אונטערשטיצונג פון בריטישן אינערן מיניסטער פאַר די היטלערישע דיווערסיע־מעטאָדן, וועלכע האָבן געצילט אויסצונוצן די יידן־פראַגע אין דער אויסערן־פּאָליטיק. אין די קריטישע חדשים אויף דער שוועל פון די יאָרן 1938—1939 האָבן די ענגלישע מלוכה־מענער, הן די רעגירונגס־אָנהענגער, הן פון דער אָפּאָזיציע, אין זייערע ארויסטרעטונגען אין פּאַרלאַמענט, ווי אויך אלס דיפּלאָמאַטן, אָנהענגער פון א פאַרשטענדיקונג מיטן פאַשיסטישן דייטשלאַנד, אויסגעאיבט א דעצידירטן איינפלוס אויף דער ענגלישער אויסערן־פּאָליטיק.

---

[22] אויספירלעכער אין דער אַרבעט פון א. אייזענבאַך: „די פאַררעטערישע ראָל פון די אַמעריקאַנער און אַנגלאָ־פראַנצויזישע אימפּעריאַליסטן און זייער אָנטייל אין צוגרייטן דעם היטלעריסטישן פעלקערמאָרד קעגן יידן“. „בולעטין“ פון יי.ה.א. (פּויליש), 1952, נר. 2 (4), ז. 24

די אָפיציעלע אַגענטור „דייטשישע דיפּלאָמאַטיש-פּאָליטישע קאָרעספּאָנדענץ", דיכאָנמירנדיק די אַרויסטרעטונגען פון מיניסטער ס. האָר אין פּאַרלאַמענט, האָט דעם 23-טן נאָוועמבער 1938 געשריבן, אַז „די יידן-פראַגע איז נישט בלויז אַ דייטשישער ענין, נאָר אַן אַלגעמיין-אייראָפּעישער. אין ענגלאַנד מוז מען זיך רעכענען דערמיט, אַז אין דער צוקונפט וועט די צאָל יידישע פּליטים אין אייראָפּע באַטרעפן 4—5 מיליאָן..."[23]. דאָס איז געווען אַ פאַרשטעלטער אָנזאָג, אַז דייטשלאַנד וועט אַרומנעמען אונטער איר הערשאַפט עטלעכע מיליאָן יידן אַלס פּועל-יוצא פונעם אָקופּירן פּוילן און אַנדערע אייראָפּעישע לענדער.

אומפאַרגלייכלעך אַנדערש איז דעמלט געווען די שטעלונג פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין איטאַליע און אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן אַקטיוו פאַרטיידיקט די יידישע באַפעלקערונג קעגן די צעווילדעוועטע פאַשיסטישע באַנדעס. די איטאַליענישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט שאַרף פאַראורטיילט די אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע פון די איטאַליענישע פאַשיסטן (אויגוסט 1938), דעמאַסקירנדיק דעם נייעם קורס פון מוסאָליניס רעזשים אַלס דיווערסיע, בכדי אָפּצווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דער איטאַליענישער געזעלשאַפט פון די כּשלונות פון דער אַוואַנטוריסטישער פּאָליטיק, און ווי אַן אינערלעכע מאָביליזאַציע צו אַ נייער מלחמה[24]. ווילהעלם פּיק, דער פירער פון די דייטשישע קאָמוניסטן, איז אויף די שפּאַלטן פון באַזעלער „רונדשוי" (נאָוועמבער 1938) אין זיין באַקאַנטן אַרטיקל א. נ. „ס'איז נישט גענוג דאָס אויפרעגן זיך, מ'דאַרף ווירקן" אַרויסגעטראָטן קעגן די אַנטי-יידישע פּאָגראָמען.

וו. פּיק שטעלט ריכטיק פעסט, אַז „ס'אונטערליגט נישט קיין צווייפל, אַז דאָס העצן צו באַגראַמירן די יידישע באַפעלקערונג איז אַ פּועל-יוצא פון דער שענדלעכער דעמוטיקונג פון רעאַקציאָנערן טייל פון דער ענגלישער און פראַנצויזישער בורזשואַזיע, וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק אינעם מינכענער פּאַקט לגבי טשעכאָסלאָוואַקיע, וועלכע איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם היטלערישן פאַשיזם"[25].

אין נאָמען פון די פּראָגרעסיווע דייטשן האָט וו. פּיק דערקלערט, אַז „די אַרבעטער-מאַסן פון דייטשלאַנד, און קודם-כּל דער אַרבעטער-קלאַס מיט די קאָמוניסטן בראש, נישט בלויז, וואָס זיי פאַראורטיילן דעציידירט יעדן אַנטי-יידישן פּאָגראָם, נאָר סאָלידאַריזירן זיך פולשטענדיק מיט דער פאַרפאָלגטער יידישער

---

[23] ציטירט לויט „Gazeta Polska" פון 24 נאָוועמב. 1938.

[24] מ. מ. שיימאַן, דצ"ו, ז. 24.

[25] דער אַרטיקל איז אָפּגעדרוקט אין דער זאַמלונג „אין קאַמף פאַר אַ נײַ דייטשלאַנד", וואַרשע 1950, ז. 130—133.

באַפעלקערונג און אין איר שוץ זעען זיי א פאַרזיכערונג פון די אייגענע אינטערעסן. דער דאָזיקער קאַמף קעגן בעסטיאַלישן פאַשיזם איז אָבער נישט בלויז אַן ענין פון די דייטשישע אַרבעטער־מאַסן, נאָר אויך אַן ענין פון די פעלקער אויף דער גאַנצער וועלט. אינעם דאָזיקן קאַמף גייט וועגן שוץ פון דער אומאָפּהענגיקייט, דעמאָקראַטיע און פעלקער־פרייהייט, קעגן וועלכע עס זענען געווענדט די פאַרברעכנס פון היטלערישן פאַשיזם... אַלע מענטשן, וואָס פּראָטעסטירן קעגן די אַנטי־יידישע פּאָגראָמען, דאַרפן אַרויסציען די געהעריקע מסקנות, אַז א ווירקזאַמע פאַרטיידיקונג קעגן באַרבאַרישן פאַשיזם און קעגן זיינע מלחמה־פּראָוואָקאַציעס איז מעגלעך בלויז אויפן וועג פון שאַפן א ברייטן אינטערנאַציאָנאַלן פראָנט פון קאַמף קעגן פאַשיזם און זיינע „אינטערהעלפער“ צווישן דער רעאַקציאָנערער בורזשואַזיע אין די דעמאָקראַטישע לענדער, ווי אויך קעגן זיינע אַגענטן אין די רייען פון אַרבעטער־קלאַס“.

ווילהעלם פּיק רופט צום קאַמף קעגן פאַשיזם, אָנווייזנדיק אויף דעם, אַז „די לעצטע פּאָגראָמען זענען א בולטער באַווייז פון דער ענגער פאַרבינדונג פון דער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק פון פאַשיזם“. „מ'דאַרף לייגן אַכט, אַז אויך די דאָזיקע באַוועגונג (פון פּראָטעסט) זאָל זיך ווידער נישט באַגרענעצן בלויז צו פּראָטעסטן און אויפרעגונג, נאָר זאָל פאַראייניקן און דערפירן אַלע אַנטיפאַשיסטישע און שלום־ליבנדיקע כוחות צו א פּאַקטישן פראָנט פון קאַמף קעגן פאַשיזם“.

די רעגירונגען פון די מערב־מלוכות האָבן אָבער, פונקט ווי ביז איצט, אַלץ געטאָן, כדי דעם אַנטיפאַשיסטישן פראָנט אָפּצושוואַכן. די גאַנצע לאָנדאָנער קאָנסערוואַטיווע פּרעסע האָט אין דער פראַגע פון יידישע פּליטים אינטערגעשטיצט די שטעלונג פון דער רעגירונג.

דער „טיימס“, אַרומרעדנדיק טשעמבערליינס דעקלאַראַציע, האָט אונטערגעשטראָכן, אַז לויט רעד שטעלונג פון דער לאָנדאָנער רעגירונג זענען די בריטישע קאָלאָניאַלע שטחים נישט אַנטשפּרעכנדיק פאַר א באַלדיקער קאָלאָניזאַציע. אַנדערע מלוכות אָבער — באַזונדערס די מלוכות פון דרום־אַמעריקע און פון פראַנקרייך — וואָלטן יאָ געקאָנט מיטהעלפן ביים לעזן דאָס פּראָבלעם. „מאַדאַגאַסקאַר, — שרייבט דער „טיימס“, — קאָן ווערן א שטח פאַר באַפעלקערן אין א ברייטן מאַסשטאַב“[26]. ראַבלי, דער דירעקטאָר פון עוויאַנער ביוראָ, האָט וואָס אַן אמת, אויסגעאַרבעט א פּראָיעקט, לויט וועלכן די באַזונדערע מלוכות וועלן אויפנעמען צו 25.000 פּליטים. ענגלאַנד און פראַנקרייך אָבער, ווי אויך די שווייץ, דענעמאַרק, נאָרוועגן, האָלאַנד און בעלגיע — האָבן די דאָזיקע פּראָפּאָזיציע אָפּגעוואָרפן[27].

---

[26] „Gazeta Polska“, 23.XI.1938.

[27] דאָרט.

דער איינהייטלעכער פראָנט פון די פעלקער, וועלכע זענען געווען באַדראָט דורך די פאַשיסטישע מלוכות, וואָלט אָן ספק געהאַמעוועט די היטלערישע פאַרברעכער פון ווייטערדיקע אַגרעסיע־אַקטן און פון גרייטן עקסטערמינאַציע־פּלענער לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. אין דעם איז געווען איבערצייגט הן דער ראַטנפאַרבאַנד, הן די אַנטיפאַשיסטישע באַוועגונג, וועגן דעם האָבן זיך אויך אָפּגעגעבן א דין־וחשבון די רעגירונגס־קרייזן פון די מערב־מלוכות. האַליפאַקס האָט אין א מאָמענט פון אויפריכטיקייט געשריבן צו הענדערסאָנען (דעם 5־טן אויגוסט 1938), אז דייטשלאַנד וואָלט רעזיגנירט פון באַנוצן זיך מיט כוח קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע, „ווען זי וואָלט געווען איבערצייגט, אז דאָס וועט ארויסרופן אן אַלגעמיינע מלחמה“ [28]. צומאָרגנס האָט הענדערסאָן ווידער געשריבן צו האַליפאַקסן, אז „ווען מיר וואָלטן פאַקטיש געוויזן אונדזערע ציין, וואָלט היטלער נישט געוואַגט אָנצוהייבן א מלחמה“ [29]. דאָס אויסמיידן א מלחמה איז אָבער נישט געווען אין הסכם מיט דער אַנטיסאָוועטישער פּאָליטיק פון ענגלאַנד, אַמעריקע און פראַנקרייך, און דעריבער האָבן זיי אָפּגעוואָרפן דעם פּרינציפּ פון קאָלעקטיווער זיכערקייט.

אין דער דערמלטיקער פּאָליטישער סיטואַציע האָבן די מערב־מלוכות געשטרעבט וואָס שנעלער אָנצוהייבן דירעקטע געשפּרעכן מיט דער היטלערישער רעגירונג וועגן דער יידן־עמיגראַציע, רעכענענדיק, אז אויף אזא אופן וועלן זיי קאָנען באַרואיקן די אויפגעבראַכטע דעמאָקראַטישע מיינונג קעגן פאַשיסטישן רייך. די דייטשישע דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער האָבן אינפאָרמירט זייער רעגירונג וועגן די שטימונגען און וועגן די פּאָליטישע קאָנסעקווענצן, צו וועלכע דאָס קאָן דערפירן. דער דייטשישער געזאַנדטער אין לאָנדאָן, דירקסען, האָט דעם 17־טן נאָוועמבער ראַפּאָרטירט ריבענטראָפּן, אז די אַנטי־יידישע קאַמפּאַניע אין דייטשלאַנד האָט אויפגערודערט די עפנטלעכע מיינונג אין ענגלאַנד און צוליב דעם זענען „די געשפּרעכן אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אן אומבאַשטימטער צייט“ [30]. דאָס זעלבע האָט דירקסען פעסטגעשטעלט אין זיין אָפּיעצלן באַריכט פון סעפּטעמבער 1939 [31] און אויך אין זיינע מעמואַרן געשריבן נאָך דער מלחמה, אין וועלכן ער דערמאָנט, אז די נאָוועמבער־פּאָגראָמען האָבן ארויסגערופן „אין גאַנץ אייראָפּע אזא כוואַליע פון אויפרעגונג, אז אלע געשפּרעכן זענען איבערגעריסן געוואָרן“.

דער היטלערישער דיפּלאָמאַט קאָרדט, דער דערמלטיקער ראַטגעבער פון דער אַמבאַסאַדע אין לאָנדאָן, שרייבט אויך אין זיינע מלחמה־זכרונות, אז די

---

[28] „Docum. on Brit. For. Policy“, t. II, p. 51.

[29] דצ"ו, ב. II, ז. 64.

[30] „Docum. on German Foreign Policy“, t. IV, p. 374, dok. Nr 269.

[31] „Dokumenty i materiały z przedednia II wojny“, t. II, p. 154.

אויפרעגונג פון דער עפנטלעכער מיינונג אין אויסלאַנד איז דעמלט געווען אַזוי שטאַרק, אז די פאָלגן פון דער „קריסטאַל־וואָך“ האָבן אפילו געקרייצט היטלערס פּאָליטישע פּלענער. „די פּלענער קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע, — שרייבט קאָרדט, — האָבן געמוזט אָפּגעלייגט ווערן, ביז די פּאָליטישע אַטמאָספער אין אויסלאַנד וועט זיך באַרואיקן“[32], ביז ס'וועט זיך אָנרוקן אַ פּאַסיקערער מאָמענט אויף דורכצופירן די ווייטערדיקע אַגרעסיע־אַקטן.

אויך אין אַמעריקע האָט די דעמאָקראַטישע פּרעסע אַטאַקירט די היטלערישע רעגירונג, און די אויפרעגונג פון דער עפנטלעכער מיינונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אז רוזוועלט האָט אָפּגערופן פון בערלין זיין אַמבאַסאַדאָר ווילסאָן[33]. די נאָטע פון אַמעריקע, וואָס איז ביי דער געלעגנהייט בייגעלייגט געוואָרן, איז געווען אין אַ גענוג שאַרפער פאָרם, וואָס איז געווען דיקטירט דורך טעמים פון אינערלעכער פּאָליטיק. טאָמסען, דער שאַרזש ד'אַפער פון דער דייטשישער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן, האָט דעם 16־טן נאָוועמבער 1938 טעלעגראַפירט צו ריבענטראָפּן, אז דער הויפט־ציל פון דער נאָטע איז צו באַקומען אַ פאַרזיכערונג פון דער היטלערישער רעגירונג, אז די ראַסיסטישע געזעצן וועלן נישט ווערן אָנגעווענדעט לגבי יידן — אַמעריקאַנער בירגער[34]. דעם 17־טן נאָוועמבער האָט טאָמסען טעלעגראַפירט קיין בערלין, אז אין הסכם מיט די פּאַרטרוילעכע, מאַכגעבנדיקע אינפאָרמאַציעס, וואָס ער האָט באַקומען, געפינט זיך, וואָס אַן אמת, דער פּרעזידענט אונטער איינפלוס פון די דעמאָקראַטישע קרייזן (טאָמסען שרייבט „ראַדיקאַלע און יידישע קרייזן“), וועלכע פאָדערן רעפּרעסיעס קעגן דייטשלאַנד, אָבער „איינפלוסרייכע קרייזן אַרבעטן, בכדי צו ווירקן אויף רוזוועלטן, ער זאָל רעגולירן די באַציונגען צווישן די צוויי לענדער“. „אין איצטיקן מאָמענט איז די סיטואַציע אַזאַ, — מעלדעט ווייטער טאָמסען, — אז דאָס נאָרמירן די באַציונגען אין גייסט פון אַמעריקאַנער קוק־ווינקל, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דער לעצטער נאָטע, קאָן דערגרייכט ווערן. ס'איז אָבער וואַרשיינלעך, אז דאָס נאָרמירן די באַציונגען קאָן דעמלט דערגרייכט ווערן, ווען די אַמעריקאַנער רעגירונג וועט קאָנען פאַרעפנטלעכן דעם ענטפער פון דייטשלאַנד; ס'איז איר נייטיק צו באַרעכטיקן פאַר דער עפנטלעכער מיינונג דעם פאַקט פון אַרויסשיקן אויפסניי דעם אַמבאַסאַדאָר ווילסאָן קיין בערלין“[35].

---

[32] Erich Kordt: Wahn und Wirklichkeit. Die Aussenpolitik des Dritten Reiches. Stuttgart 1948, str. 140—141; Neville Henderson: Fehlschlag einer Mission (1937—1939), Zürich 1939, p. 196.

[33] פראַגמענטן פון רוזוועלטס דערקלערונג פון 15 נאָוועמב. 1938 אין: „Peace and War“, Waszyngton 1943, dok. Nr 120.

[34] Docum. on German Foreign Policy, IV, 656, dok. Nr 512.

[35] דאָרט.

אונטער דער ווירקונג פון טאָמסענען און צוליב די כסדרדיקע ווענדונגען פון די אמעריקאנער פאָרשטייער אין בערלין[36] האָט די היטלערישע רעגירונג דעמלט בייגעלייגט א ווערבאלע נאָטע[37], אין וועלכער זי האָט פארזיכערט דער אמעריקאנער אמבאַסאַדע אין בערלין, אז אין דער פראגע פון יידן — אמעריקאַנער בירגער „וועלן די מאָכגעבנדיקע, העכערע אדמיניסטראַציע-אָרגאנען פאַרן אָננעמען נייטיקע שריט נעמען אין אכט די פאַרפליכטנדיקע דייטשיש-אמעריקאַנער אָפמאַכן“[38].

די היטלערישע רעגירונג, אָפזאָגנדיק זיך צו געבן א קלאָרע דעקלאַראַציע אין דער פראגע וועגן אופן פון באַהאַנדלען די אויסלענדישע יידן, האָט רעזערווירט פאר זיך די מעגלעכקייט פון מאַנעווורירן און אויסדינגען ביי די מערב-מלוכות נייע קאָנצעסיעס. צוליב דער אָנגעשטרענגטער סיטואַציע זענען די היטלעריסטן איינגעגאַנגען אויף געוויסע פשרות. ביידע פאראינטערעסירטע צדדים האָבן געהאַלטן, אז צייטווייליקע פשרות קאָנען ווירקן אין דער ריכטונג פון אַנטשפּאַנען די אַטמאָספער, וואָס וואָלט פאַרלייכטערט די רעגירונגען פון ענגלאַנד און אמעריקע צו קאָנטינוירן די געשפּרעכן מיטן פאשיסטישן דייטשלאַנד וועגן אן אלגעמיינער פארשטענדיקונג. די היטלערישע רעגירונג האָט דאן מסכים געווען צו פירן געשפּרעכן מיט ראַבלי.

ווילסאָן פאר זיין ארויספאָרן קיין בערלין האָט באזוכט ריבענטראָפּן (16 נאָוועמבער) און געפּרוּווט ווירקן, אז ראַבלי זאָל זיך נישט אָפיציעל טרעפן אין האָלאַנד מיט א פאָרשטייער פון דער דייטשישער רעגירונג און אויף אזא אופן אָנהייבן די אונטערהאַנדלונגען. וועגן דעם דאָזיקן באַזוך דערווייסן מיר זיך פון פאָרבעסעס א דעפּעשע צום ענגלישן אויסערן-מיניסטער פונעם 17-טן נאָוועמבער, אין וועלכער ער מעלדעט אים, אז, וואָס אן אמת, האָט זיך ריבענטראָפּ געהאַלטן אין רעזערוו, און ער האָט ווילסאָנען געגעבן צו פארשטיין, אז „פרעמדע מלוכות האָבן נישט קיין רעכט זיך אריינצומישן אין די אינערלעכע פראגן פון דייטשלאַנד, אז די דייטשישע רעגירונג מוז נישט קאָנפערירן מיט א פּערזאָן, וועלכע זי טראַקטירט ווי א פּריוואַטן מענטש...“[39]. לסוף האָט אָבער ריבענטראָפּ צוגעזאָגט, אַז ער וועט באַטראַכטן דעם פּראָיעקט פון אַ נישט אָפיציעלן צוזאַמענטרעף אין האָלאַנד.

[36] דצ"וו, ב. IV, ז. 506, 639, 650, אַמעריקאַנער נאָטעס פון 15 און 22 נאָוועמב., פון 8 און 14 דעצעמב. 1938.

[37] דצ"וו, דייטשישע ווערבאַלע נאָטעס פון 29 נאָוועמב. און 10 דעצעמב. 1938.

[38] דצ"וו, ב. IV, ז. 506.

[39] פאָרבעס טעלעגראַמע אין:
„Docum. Brit. For. Pol.“ t. III, p. 278, dok. Nr 314.

אין לאָנדאָן און אין וואַשינגטאָן האָט מען אויף די דאָזיקע פאָרגעזעענע געשפּרעכן געלייגט גרויס האָפענונג. דער סטייטס־דעפּאַרטאַמענט האָט געזוכט א פּרעטעקסט אויף צו באַנייען נאָרמאַלע באַציונגען מיט דייטשלאַנד און צוריק ארויסשיקן קיין בערלין דעם אַמבאַסאַדאָר ווילסאָן. די אונטערהאַנדלונגען מיט ראַבלין, רוזוועלטס באַפולמעכטיקטן, האָט מען אין וואַשינגטאָן טראַקטירט אלס גלענצנדיקע געלעגנהייט, וועגן וועלכער דער בריטישער אמבאסאדאָר אין וואַשינגטאָן ר. לינדסאי האָט אינפאָרמירט דעם מיניסטער האַליפאַקס[40].

דאָס אָנהייבן דורך דער היטלערישער רעגירונג דירעקטע אונטערהאַנדלונגען מיטן דירעקטאָר פון דעם עוויאַנער ביוראָ האָט אויך געקאָנט — לויט דער מיינונג פון די מערב־מלוכות — שאַפן די פּאַסיקע אַטמאָספער פאַרן אונטערשרייבן די דייטשיש־פראַנצויזישע פאַרשטענדיקונג. שוין נאָכן אַטענטאַט אויף פאָן ראַטן אין פּאַריז האָט די רעאַקציאָנערע רעגירונגס־פּרעסע אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך געשריבן, אז דער אַטענטאַט איז געווען א נישט איינגעגעבענער פרווו צו שטערן די דערנענטערונג צווישן דייטשלאַנד און פראַנקרייך, מ'קאָן אָבער נישט באַשולדיקן אין דעם די פראַנצויזישע רעגירונגס־פאַקטאָרן.

דאַקעגן די עפנטלעכע מיינונג און די דעמאָקראַטישע פּרעסע אין ענגלאַנד, אַמעריקע, פראַנקרייך און אין אנדערע לענדער זענען שאַרף ארויסגעטראָטן קעגן דער פּראָיעקטירטער פאַרשטענדיקונג[41], וועלכע האָט פאַקטיש באַדייט די אַנוּלירונג פון פראַנצויזיש־סאָוועטישן פאַקט, וואָס איז געווען דער יסוד פון דער זיכערהייט אין אייראָפּע. דער קאָרעספּאָנדענט פון דער „האַוואַס־אגענטור“ האָט געמאָלדן פון וואַשינגטאָן (דעם 26־טן נאָוועמבער), אז „אין פיל אמעריקאַנער ספערן ווערט אויסגעדריקט די מיינונג, אז דאָס שליסן א דייטשיש־פראַנצויזישן פאַקט באַדייט אין איצטיקן מאָמענט דאָס ארויסשלעפּן די דייטשישע מלוכה פון דער איזאָלאַציע, וואָס איז געווען א פועל־יוצא פון דער אויפרעגונג אין דער גאַנצער וועלט צוליב די אנטי־יידישע ארויסטרעטונגען“[42].

אין ליכט פון די דערמאָנטע פאַקטן איז לייכטער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די מערב־מלוכות האָבן דעמולט אזוי געגאַרט אָנצוהייבן אונטערהאַנדלונגען מיט דער היטלערישער רעגירונג אין דער פּליטים־פראַגע. לפנים האָט דאָס געדאַרפט באַדייטן, אז היטלער גייט אויף הנחות, און דאָס וועט קאָנען שטילן די אָנגעגליטע אַטמאָספער. די געשפרעכן מיטן לאָנדאָנער קאָמיטעט (אומאָפּהענגיק פונעם דירעקטן רעזולטאַט, ווי דאָס באַרואיקן די עפנטלעכע מיינונג)

---

[40] רצ״ו, ב. III, דאָקום. 317, טעלעגראַמע פון לינדסיי.

[41] „Docum. on Brit. For. Pol.“ t. III, p. 262, dok. Nr 294.

[42] באַטאָוויטש, רצ״ו, ז. 246—247.

האָבן געקאָנט אויסגענוצט ווערן צום פירן דירעקטע געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט דער היטלערישער רעגירונג וועגן אַלגעמיינע פּאָליטישע ענינים.

ווען קיין לאָנדאָן איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז ריבענטראָפּ וויזט שוין אַרויס אַ גרייטקייט צו אונטערהאַנדלונגען, און אַז פּיראָוו וועט בקרוב אויפגענומען ווערן דורך היטלערן, האָט די גאַנצע קאָנסערוואַטיווע פּרעסע אָנגעהויבן שטאַרק צו לויבן דעם שענדלעכן פּראָיעקט, וואָס איז אַרויסגערוקט געוואָרן אין מעמאָריאַל פון די מערב-מלוכות און פון עוויאַנער קאָמיטעט וועגן באַזעצן די יידן אין די אַפריקאַנער קאָלאָניעס. דעם טאָן צו דער פּרעסע-קאַמפּאַניע האָט געגעבן די דערקלערונגען פון די בריטישע רעגירונגס-מיטגלידער. דעם 17-טן נאָוועמבער האָט טשעמבערליין דערקלערט אין פּאַרלאַמענט, אַז ס'זענען פאַראַן מעגלעכקייטן צו באַזעצן די יידישע פּליטים אין טאַנגאַניקע. בעת דער דעבאַטע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 21-טן נאָוועמבער, האָט דער פּרעמיער אָפּגעגעבן אַ דעקלאַראַציע, אין וועלכער ער האָט צווישן אַנדערן דערקלערט: „...די בריטישע רעגירונג האַלט, אַז אויפן געביט פון דער קאָלאָניאַלער אימפּעריע זענען נישט פאַראַן קיין שום שטחים, אויף וועלכע מ'וואָלט געקאָנט באַזעצן אַ גרעסערע צאָל פּליטים..." אויף די פּאָסטולאַטן פון די ציוניסטן צו פאַרגרעסערן דעם עמיגראַציע-קאָנטינגענט קיין פּאַלעסטינע האָט טשעמבערליין געענטפערט: „פּאַלעסטינע קאָן בשום אופן נישט לייזן דאָס פּליטים-פּראָבלעם". דער פּרעמיער האָט דעריבער פעסטגעשטעלט, אַז אויף דער טעריטאָריע פון דער בריטישער אימפּעריע זענען די מעגלעכקייטן פון באַזעצן פּליטים שטאַרק באַגרענעצט [43].

דער אינערן-מיניסטער האָר האָט, נעמענדיק אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע, נישט בלויז פולשטענדיק אונטערגעשטיצט דעם פּרעמיער, נאָר ער האָט אפילו אויך געלויבט די היטלעריסטישע אַנטי-יידישע פאַראָרדענונגען.

אין אַזאַ אַטמאָספער האָט פּיראָוו דעם 18-טן נאָוועמבער געפירט די געשפּרעכן מיט ריבענטראָפּן און אין איינציקע טאָג שפּעטער — מיט היטלערן [44]. פּיראָוו האָט אָנגעהויבן זיינע געשפּרעכן מיט ריבענטראָפּן פון דער באַמערקונג וועגן דער נויטווענדיקייט אויסצוברייטערן דיווירטשאַפטלעכע באַציונגען צווישן דער אוניע מיטן רייך. פון דעם איז ער תיכף איבערגעגאַנגען צו זיין פּאַקטישער מיסיע, צו דער פאַרמיטלונג צווישן די מערב-מלוכות און דייטשלאַנד וועגן „לעזן

---

[43] „Gazeta Polska", 22.XI.1939 r.

[44] מעמאָראַנדום פון ריבענטראָפּן און העוולען. — פּיראָוו האָט מיטגעבראַכט אַן אָפיציעלן ברייוו פון פּרעמיער טשעמבערליין, אין וועלכן מען האָט פאַרזיכערט דייטשלאַנד פולשטענדיק פרייע הענט אין מזרח-אייראָפּע. — פג"ל
„Docum Germ. For. Pol." t. IV, p. 235 — 341, dok. Nr 270—271. Norden: Um die Nation, Berlin 1952, p. 260.

דאָס יידן=פראָבלעם". פיראָוו האָט געפאָדערט פון היטלערן און פון ריבענטראָפן מיטצוארבעטן מיט ענגלאַנד און אַמעריקע ביים לעזן דאָס דאָזיקע פראָבלעם. ער האָט פאָרגעשלאָגן א קאָנקרעטן טעריטאָריעלן און פינאַנסיעלן פלאַן, וואָס האָט שוין באַקומען די הסכמה פון די דאָזיקע מלוכות. פיראָוו, ווייסנדיק, אַז היטלער האָט פעסט באַשלאָסן צו קאָנפיסקירן דאָס פאַרמעגן פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָט בכלל נישט באַרירט די טראַנספער=פראַגע. ער האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז דייטשלאַנד וואָלט געקאָנט באַקומען א גרעסערע אינטערנאַציאָנאַלע הלוואה אויפן כלומרשטן פינאַנסירן די עמיגראַציע. דייטשלאַנד וואָלט די דאָזיקע הלוואה געקאָנט אויסצאָלן דורך עקספאָרט פון אירע פראָדוקטן און דאָס קאָנפיסקירטע פאַרמעגן פון דער יידישער באַפעלקערונג וואָלט געקאָנט דינען אלס פאַרזיכערונג פון דער באַקומענער הלוואה.

וואָס נוגע דעם אָרט פון באַזעצן יידן, האָט פיראָוו דערקלערט, אַז „דייטשלאַנד וואָלט געקאָנט צוהעלפן ביים באַשטימען די טעריטאָריע, קאָנקרעט, דייטשלאַנד וואָלט געקאָנט באַשטימען איינע פון אירע אַמאָליקע קאָלאָניעס". צוליב דער קעגנערשאַפט פון היטלערן האָט פיראָוו ארויסגערוקט דעם געדאַנק, אַז ס'קאָנען אויך גענומען ווערן אין באַטראַכט די שטחים פון דרום= און מערב=אַפריקע.

די דאָזיקע פאַקטן באַווייזן קלאָר, אַז די פראָיעקטן, וואָס זענען ארויסגערוקט געוואָרן דורך די מערב=מלוכות כלומרשט אין שייכות מיט דער יידישער עמיגראַציע, האָבן לגמרי נישט געהאַט דעם כאַראַקטער פון פאַקטישער זאָרג וועגן גורל פון די פליטים, נאָר אונטער דעם פרעטעקסט האָבן זיי געצילט צו רעגולירן די קאָלאָניאַלע פרעטענזיעס פון היטלערן. די דאָזיקע אָפערטעס האָבן נאָך מער געהעצט די היטלעריסטן צו אַגרעסיע און צום אויסברייטערן זייערע פאַרברעכערישע פלענער.

נישט אָפשטעלנדיק זיך לענגער אויף דעם וויזיט פון פיראָוון, דעם אינעניט פון היטלערן און פון דער בריטישער רעגירונג, דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז בעת דעם געשפרעך האָט היטלער מודה געווען, אַז „די דייטשן עקספאָרטירן דעם אַנטיסעמיטיזם", און אַז אדאַנק דעם איז „דאָס יידן=פראָבלעם אַן איראָפעישער ענין, וואָס טרעט איצט ארויס אומעטום: אין פוילן, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד. די יידן זענען פאַר אונדז א קאָלעקטיווע געמיינשאַפט". היטלער האָט אויך דערמאָנט, אַז „די יידן=פראַגע וועט אין דער נאָענטסטער צוקונפט געלעזט ווערן. דאָס איז אונדזער אומבויגזאַמער באַשלוס..." [45].

---

[45] „Docum. Germ. For. Pol." IV, dok. Nr 270.

די ענגלישע רעגירונג האָט זיך באַמיט — אומאָפּהענגיק פון פּיראָווס מיסיע — אויסצונוצן יעדע פאַרמיטלונג, כּדי צו קומען צו א פאַרשטענדיקונג מיט היטלערן. אין שייכות מיטן פאָרגעזעענעם אונטערשרייבן דעם פראַנצויזיש־דייטשישן אָפּמאַך, איז דעם 24־טן נאָוועמבער 1938 פאָרגעקומען אין פּאַריז אַ באַראַטונג פון ענגלישע און פראַנצויזישע מיניסטאָרן, כּדי אויסצואַרבעטן א געמיינזאַמע שטעלונג צו די אַקטועלע פּאָליטישע פּראָבלעמען. די הויפּט־טעמע אויף דער באַראַטונג איז, פאַרשטייט זיך, געווען די פראַגן פון טשעכאָסלאָוואַקיע. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט האָבן די מיניסטאָרן אויך באַרירט די אַקטועלע צו יענער צייט יידן־פראַגע. זיי האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַפילו נישט אין זינען געהאַט זיך אַנטקעגנצושטעלן דער פעלקערמערדערישער פּאָליטיק פון דער היטלעריסטישער רעגירונג, פונקט ווי זיי האָבן זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט דער אַגרעסיע אויף די סוווערענע מלוכות, הגם פון די אָפיציעלע באַריכטן פון זייערע פאָרשטייער האָבן זיי געהאַט גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן דער טראַגישער סיטואַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד און אויך וועגן די ווייטערדיקע פאַרברעכערישע פּלענער פון די היטלעריסטן. דער פּרעמיער־מיניסטער טשעמבערליין און דער פראַנצויזישער אויסערן־מיניסטער באָנע האָבן זיך קעגנזייטיק אינפאָרמירט וועגן די פּלענער צו באַזעצן די יידן אין די אַפריקאַנער קאָלאָניעס[46]. דער בריטישער פּרעמיער־מיניסטער האָט באַטאָנט, אַז די יידן וועלן זיך אַליין מוזן שאַפן פאָנדן אויף די עמיגראַציע־צילן און אויפן באַזעצן זיך אין אַפריקע, און אין דעם וועלן מיטהעלפן די אַמעריקאַנער יידן.

דער דאָזיקער דאָקומענט באַשטעטיקט דעם פאַקט, וואָס מיר ווייסן שוין אויך פון אַנדערע קוועלן, אַז פאַרן פאַשיסטישן דייטשלאַנד האָבן די יידישע פינאַנסיסטן אין אַמעריקע באַדאַרפט באַשטימען א הלוואה כּלומרשט אויף עמיגראַציע־ און קאָלאָניזאַציע־צוועקן און אויף אַזא אופן צו פאַרמאַסקירן דעם פאַקטישן כאַראַקטער פון די באַשטימטע קרעדיטן. כּדי אָפּצונאַרן די עפנטלעכע מיינונג, האָט מען כאָטש לפּנים באַדאַרפט זיך דערשלאָגן ביי די היטלעריסטן א צוזאָג, אַז אין פינאַנסיעלער הינזיכט וועלן זיי פאַרלייכטערן די עמיגראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג. צוליב דעם, וואָס די אינטערווענצן פון די מערב־מלוכות האָבן ביז איצט נישט געבראַכט קיין שום פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, האָט טשעמבערליין אין א שמועס מיט באָנע נאָכאַמאָל באַרירט די דאָזיקע פראַגע און דערביי אים געבעטן, אַז ער זאָל אויסנוצן זיין נאָענטסטן צוזאַמענטרעף מיט ריבענטראָפּן אין פּאַריז און ווירקן אויף אים, אַז די היטלערישע רעגירונג זאָל

[46] „Docum. on Brit. For. Pol.“ t. III p. 285, dok. Nr 325.
אַן אָפיציעלע נאָטיץ וועגן דער מיניסטאָרן־באַראַטונג מיטן אָנטייל פון טשעמבערליין, האַליפאַקס, דאַלאַדיע, באָנע און אַנדערע דיפּלאָמאַטן.

מסכים זיין אויף גרעסערע הנחות, ווייל בלויז אויף אזא אופן וואָלט מען לייכטער געקאָנט קומען צו א פאַרשטענדיקונג אין דער פראַגע וועגן קרעדיטן פאַר דייטשלאַנד.

באָנע האָט צוגעזאָגט אונטערצונעמען אזא אינטערווענץ און דערביי אונטערגעשראָכן, אז אן ענלעכע מעגלעכקייט וועט אויך זיין בעתן נאָענטסטן צוזאַמענטרעף פון ראבלין מיט די פאָרשטייער פון דער היטלערישער רעגירונג, וואָס דאַרף פאָרקומען אין האָלאַנד.

אויפן סמך פון בריטישע דאָקומענטן קאָן מען פעסטשטעלן, ווי אזוי באָנע האָט דערפילט זיינע הבטחות. בעתן געשפּרעך פון ביידע מיניסטאָרן וועגן דער יידן=פראַגע [47] האָט באָנע אפילו נישט אויפמערקזאם געמאַכט ריבענטראָפּן אויף דער טיפער אויפרעגונג פון דער עפנטלעכער מיינונג אין פראַנקרייך און אין אנדערע לענדער צוליב דער פעלקערמערדערישער היטלערישער פּאָליטיק לגבי די יידן. באָנע האָט אינפאָרמירט ריבענטראָפּן, אז די פראַנצויזישע רעגירונג איז פאראינטערעסירט אינעם לעזן די יידן=פראַגע, דערביי האָט ער תיכף אויפגעקלערט, אז זיין רעגירונג וויל נישט מער אויפנעמען קיין יידישע פּליטים. ער האָט דעריבער געפרעגט ריבענטראָפּן, צי ער וואָלט נישט געקאָנט אָפּהאַלטן זייער ווייטערדיקן צופלוס קיין פראַנקרייך. באָנע האָט גלייכצייטיק אינפאָרמירט ריבענטראָפּן, אז די פראַנצויזישע רעגירונג פּלאַנט ארויסצושיקן 10.000 יידן=עמיגראַנטן אויף מאַדאַגאַסקאַר.

די דאָזיקע דערקלערונג פון פראַנצויזיש אויסערן=מיניסטער האָט ריבענטראָפּ אויפגענומען מיט צופרידנקייט. לסוף האָט ריבענטראָפּ אויסגעדריקט זיין הסכם, אז א פאָרשטייער פון זיין רעגירונג זאָל אָנהייבן „פּריוואַטע“ אונטערהאַנדלונגען מיטן דעלעגאט פון עוויאַנער קאָמיטעט, „בכדי דורכצושטודירן די פראַגע פון דער יידישער עמיגראַציע פון דייטשלאַנד אין פּראַקטישן זין“. דערביי האָט ער באַטאָנט, אז אזא קאָנפערענץ קומט איצט טאַקע פאָר אין דער שווייץ. פיפס, דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין פאַריז, דערמאָנט אין זיין באַריכט קיין לאָנדאָן וועגן דעם צוזאמענטרעף פון די מיניסטאָרן אין פּאַריז. ריבענטראָפּ האָט געזאָלט דערקלערן באָנען, אז היטלער ווינטשט זיך, אז „די יידן=פראַגע זאָל וואָס שנעלער דורכדיסקוטירט ווערן אויף א נייטראַל אָרט מיט דער באַטייליקונג פון דייטשישע, פראַנצויזישע, ענגלישע און אמעריקאַנער פאָרשטייער“.

---

[47] Docum. Germ. For. Pol. IV dok. Nr 372. Docum. Brit. For Pol. III, dok Nr 407.

מעמאָראַנדום, וועלכן ריבענטראָפּ האָט צוגעגרייט (9.XII.1938) פאַר היטלערן. ראַפּאָרט פון בריטישן אַמבאַסאַדאָר אין פּאַריז פיפסן פון 8 דעצ. 1938.

הן באַנע, והן פּיפּס האָבן זיך אָפּגעגעבן א רעכענונג פונעם נייעם טאַקטישן מאַנעוור פון דער היטלערישער רעגירונג. די פּאַקטישע היטלערישע פּלענער און די וואַקסנדיקע אגרעסיע=געפאר זענען זיי געווען באַקאַנט, דאָס האָט זיי אָבער נישט געשטערט צו מאַכן באַמיונגען, אז דורכן שליסן דעם אָפּמאַך זאָל קומען צו א דערנענטערונג מיטן פאשיסטישן דייטשלאַנד און אויף אזא אופן איינטרעטן פאר דייטשלאַנד א וועג אויף מזרח. די געהיימע אונטערהאַנדלונגען, וואָס זענען געפירט געוואָרן מיט דער היטלערישער רעגירונג וועגן דער יידישער עמיגראַציע=פּראַגע, זענען געווען א רינג אין דער קייט פון דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פון די מערב=מלוכות.

די דירעקטע געשפּרעכן צווישן די פאָרשטייער פון ענגלאַנד און אַמעריקע מיטן פאשיסטישן דייטשלאַנד וועגן דער יידן=עמיגראַציע האָבן זיך נאָך אָנגעהיבן אין לאָנדאָן אין חודש דעצעמבער 1938, בעתן וויזיט פון שאַכטן, דעם דעמאָלטיקן דירעקטאָר פון דער רייכס=באַנק. זיין וויזיט האָט געהאַט דעם ציל צוצוגרייטן א ווייטגייענדיקע פּאָליטישע און מיליטערישע פאַרשטענדיקונג.

שאַכט האָט פון לאַנג שוין אָנגעהאַלטן פריינדלעכע באַציונגען מיט די אַמעריקאַנער און ענגלישע מאָנאָפּאָליסטן און דיפּלאָמאַטן[48]. אין לאָנדאָן האָט ער זיך געטראָפן מיט דזשאָן סיימאָנען (פינאַנס=מיניסטער), סטאַנלייען (האַנדלס=מיניסטער), הודסאָן (מיניסטער פאר אויסערן=האַנדל), מיט לייטראָסן (דעם עקאָנאָמישן ראַטגעבער פון דער ענגלישער רעגירונג) און מיט אַנדערע אָנגעזענע סיטי=פאָרשטייער. די לאָנדאָנער געשפּרעכן האָבן קודם=כל געזאָלט געפירט ווערן אויף ווירטשאַפטלעכע און פינאַנסיעלע טעמעס, ווייל זיי האָבן גוט מאַסקירט דאָס טאַקטישע דערנענטערן זיך אויפן פּאָליטישן געביט. דער אַמבאַסאַדאָר דירקסען האָט אין זיין באַריכט קיין בערלין אזוי געשריבן וועגן די שטימונגען אין לאָנדאָן: „...ס'איז נייטיק און צילמעסיק צו דערגרייכן א פאַרשטענדיקונג אויפן וועג פון מיטאַרבעט און צוטרוי אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט, און וואָס עס וועט זיין ווייטער — וועלן מיר נאָך זען“[49].

שאַכט איז געקומען קיין לאָנדאָן מיט א שענדלעכער פּראָפּאָזיציע פון דער היטלערישער רעגירונג, וועגן וועלכער די בריטישע רעגירונג איז נאָך פריער געווען אינפאָרמירט. פון די באַמערקונגען אין האַליפאַקס בריוו צו פאָרבעסן פונעם 15=טן דעצעמבער[50] זען מיר, אז די ענגלישע רעגירונג האָט געלייגט פיל האָפענונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט שאַכטס וויזיט. זי האָט געגלייבט, אז שאַכטס פּראָפּאָזיציע וועט ווירקן אויף צו באַרואיקן די עפנטלעכע מיינונג, און דאָס וועט

48 Jermaszow: Polityka Wall Street, p. 144.
49 „Dokumenty i materiały“, t. II, p. 155.
ראַפּאָרט פון דירקסען פון סעפּט. 1939.
50 Docum, on Brit. For. Pol., t. III, dok. Nr 432.

מעגלעך מאַכן אַ דערנענטערונג מיט דייטשלאַנד. אויך דירקענס האָט אין זיינע זכרונות אונטערגעשטראָכן, אַז די געשפּרעכן מיט שאַכטן האָבן געדינט פאַר די אינטערעסן פון דייטשלאַנד און האָבן געזאָלט אַרויסרופן אין אויסלאַנד גוטע שטימונגען לגבי דייטשלאַנד.[51]

נאָך פאַר שאַכטס אָנקומען איז דורך דער פאַרמיטלונג פונעם דייטשישן אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן אָנגעבונדן געוואָרן אַ קאָנטאַקט מיט ראַבלין און פעלן (זיין פאַרטרעטער). די געשפּרעכן מיט די אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן האָבן געפירט פישבעק, דער עסטרייכישער פינאַנס־מיניסטער, וועלכער האָט דורכגעפירט די קאָנפיסקאַציע פון די יידישע פאַרמעגנס אין עסטרייך, און אַבסהאַגען, דער היטלעריסטישער פּרעסע־אַטאַשע אין לאָנדאָן. אין גאַנג פון די געשפּרעכן זענען געפאָרשט געוואָרן די מיינונגען פון די אַמעריקאַנער און ענגלישע דיפּלאָמאַטן וועגן דעם פּאַסיקסטן אופן צו פאָרמולירן די היטלערישע פאָדערונגען.

פון די אָפיציעלע דאָקומענטן דערוויסן מיר זיך, אַז שאַכט האָט דעם 15־טן דעצעמבער 1938 רעפערירט די פּראָפּאָזיציעס פון דער היטלערישער רעגירונג אויף דער באַראַטונג, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט לאָרד ווינטערטאָן, ראַבלי, פר. לייטראַס און בראָקס, פאַר וועלכע שאַכט איז פאָרגעשטעלט געוואָרן דורך נאָרמאַנען, דעם פּרעזעס פון דער ענגלישער באַנק. קודם־כל האָט זיך שאַכט באַוואָרנט, אַז ער וועט נישט פירן קיין שום געשפּרעכן וועגן די פאָרגעקומענע געשעענישן אין דייטשלאַנד; דאָס איז געווען זייער באַקוועם פאַר די ענגליש־אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן. שאַכט האָט מודה געווען, אַז דער גורל פון די יידן איז אַ געחתמעטער, אַז זיי וועלן סוף־כל־סוף אַרויסגעשיקט ווערן פון דייטשלאַנד, און ביז דעמלט וועלן זיי פאַרפאָלגט ווערן דורך די מאַכט־אָרגאַנען. אָבער הומאַניטאַרע טעמים — האָט צביעותדיק געזאָגט דער פעלקער־מערדער — דיקטירן דאָך, אַז פאַר יידן זאָל עפּעס וואָס (!) געטאָן ווערן.

אין אַזאַ אַטמאָספער פון אָפּשרעקן און דרוק האָט זיך די דאָזיקע קאָנפערענץ אָנגעהויבן. שאַכט האָט רעפערירט זיין פּלאַן, אין הסכם מיט וועלכן ס'וועלן אין משך פון דריי יאָר איבערגעזידלט ווערן אין די באַשטימטע לענדער 150.000 יידן, דער עיקר אַן אַרבעטנדיקער עלעמענט.

דער ציל פונעם דאָזיקן פאַרמאַסקירטן פּראָיעקט איז געווען נישט אַזוי ווייט די שטרעבונג צו באַזייטיקן פון לאַנד די נייע מאַסן אַרבעטלאָזע, ווי די טענדענץ פּטור צו ווערן פונעם קלאַסן־באַוווסטזיניקן עלעמענט. צוליב די זעלבע סיבות האָבן די רעגירונגען פון די מערב־מלוכות, געשטיצט דורך דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע, אָפּגעזאָגט אַריינצולאָזן אין זייערע לענדער גרעסערע מאַסן

[51] Hebert von Dirksen: Moskau — Tokio — London, 20 Jahre deutscher Aussenpolitik, Stuttgart 1950, p. 237.

יידישע פּליטים, און צוליב דעם האָבן זיי געדן אָנגענומען דעם פּראָיעקט צו לענקען די פּליטים־כוואַליע אין די מזרח־אַפריקאַנישע קאָלאָניעס.

שאַכט האָט זיך דער עיקר פאַרנומען מיטן פינאַנסיעלן פּלאַן און צוגע־געבן, אַז די איבערזידלונגס־הוצאות וועלן באַטרעפן 10 טויזנט מאַרק פון אַ פּערזאָן, וואָס וועט אויסמאַכן אויף די ערשטע 150.000 נפשות (פון דער אַלגעמיינער צאָל 600.000 יידן) אַ הוצאה פון 1,5 מיליאַרד מאַרק. די דאָזיקע סומע דאַרף געדעקט ווערן דורך די יידן אַליין, ד. ה. דורך די יידישע פינאַנ־סיסטן אין אויסלאַנד, וואָס וועלן געבן דייטשלאַנד פאַר די עמיגראַציע־צוועקן אַ הלוואה אין דער דאָזיקער הייך.

שאַכט האָט צביעותדיק דערקלערט, אַז די היטלערישע רעגירונג איז מסכּים, אַז פון די קאָנפיסקירטע יידישע פאַרמעגנס אין דייטשלאַנד זאָל אויסגע־טיילט ווערן 1,5 מיליאַרד מאַרק אויף אַ פאַרזיכערונגס־פאָנד פאַר דער הלוואה. „פון דאָזיקן פאָנד וועלן די יידן דירעקט נישט געניסן, — לייענען מיר אינעם פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ מיט שאַכטן, — דער דאָזיקער פאָנד וועט זיין אַ גאַראַנטיע פאַר דער אויסערלעכער הלוואה פונעם וועלט־יידנטום, וואָס דאַרף צישטעלן מיטלען אויף איבערצופירן די יידישע פּליטים"[52]. שאַכט האָט באַטאָנט, אַז די הלוואה דאַרף פאַרגרעסערט ווערן אויף 500 מיליאָן מאַרק, ווייל די פּראָ־צענטער פון דער הלוואה מאַכן אויס 6 פּראָצענט.

דער יסוד פון גאַנצן פּראָיעקט איז דעריבער באַשטאַנען אין דעם, אַז דער ענגליש־אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל זאָל אונטערן מאַנטל פון רעגולירן די עמיגראַ־ציע־פראַגע פון די יידישע פּליטים צוטיילן דער היטלערישער רעגירונג, וועלכער ס'האָט צוליב דער איזאָלאַציע און פינאַנסיעלע שוועריקייטן געדראָט אַ פּולשטענ־דיקער באַנקראָט, אַ הלוואה פון ערך 2 מיליאַרד מאַרק. די טעראָריזירטע און באַרויבטע יידישע באַפעלקערונג האָט אויף אזא אופן געזאָלט ווערן אַן אָביעקט פונעם פאַרשטאַרקטן עקספּאָרט פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד. שאַכטס צביעותדיקע דערקלערונג וועגן שאַפן אַ פאַרזיכערונגס־פאָנד איז געווען אַ טאַק־טישער מאַנעווער, וואָס האָט געצילט אָפּצונאַרן די עפנטלעכע מיינונג און די יידישע באַפעלקערונג, צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז די היטלערישע רעגירונג האָט פאַקטיש באַשטימט אַ טייל פונעם צוגערויבטן יידישן פאַרמעגן אויף עמיגראַ־ציע־צוועקן[53].

די בורזשואַזע פּרעסע, פאַרהוילנדיק דעם פאַקטישן כאַראַקטער פון שאַכטס מיסיע, האָט געשריבן, אַז די היטלערישע רעגירונג איז געגייגט צו פאַרלייכ־

---

[52] אַנעקס נר. VIII .Docum. Brit. For. Pol. III, p. 657 — 677

[53] שאַכט האָט אונטערגעשריבן אייניקע דעקרעטן, וואָס באַרעכטיקן דעם רויב פון יידישן פאַרמעגן אין דייטשלאַנד. נירענבערגער דאָקום. או.ס. — 616, 832.

טערן די יידישע עמיגראַציע און דערלויבט אפילו מיטצונעמען א געוויסן טייל פון פארמעגן, אונטערן באַדינג, אז אנדערע לענדער זאָלן מסכים זיין אריינצולאָזן א גרעסערן קאָנטינגענט פון דייטשישן עקספּאָרט און אים אָנשליסן אינעם קלירינג=אומזאַץ, צאָלנדיק מיט דעוויזן. אין דער ווירקלעכקייט האָט דער דאָזיקער פּראָיעקט זיך באַצויגן צו לאַנגטערמיניקע הלוואות, פאר וועלכע די דייטשן האָבן בלויז טיילווייז באַדאַרפט צאָלן מיט א צוגאָב=עקספּאָרט פון זייער פּראָדוקציע. שאַכט אליין האָט דעם 31=טן אויגוסט 1946 אויף די פארהאנדלונגען פון אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל אין נירענבערג מודה געווען, אז דייטשלאַנד האָט געזאָלט אָפּצאָלן די באַקומענע הלוואה אין משך פון 20 יאָר[54] דאָס איז, אַלזאָ, געווען א פארמאסקירטע פאָרם פון נייע לאַנגטערמיניקע קרעדיטן פארן פאשיסטישן דייטשלאַנד דעמלט, ווען די רעגירונגען פון ענגלאנד און אמעריקע האָבן געוווסט וועגן דייטשלאַנדס באַוואָפענונגס=פּלענער מיט דער אויסזיכט אָנצופאלן אויף טשעכאָסלאָוואַקיע און אויף פּוילן.

שאַכטס פּראָפּאָזיציעס זענען פאָרגעלייגט געוואָרן די פּאָרשטייער פון ענגלאַנד און אמעריקע אין א פאָרם פון אן אולטימאַטום. שאַכט האָט דערקלערט, אז ער זעט נישט קיין שום אנדער אַלטערנאַטיוו, וואָס וואָלט געקאָנט זיין אָננעמבאַר פאר זיין רעגירונג. שאַכט האָט חוץ דעם אינפאָרמירט די אָנוועזנדיקע אויף דער באַראַטונג — און ער האָט דאָס איבערגעחזרט אין נירענבערג — אז ער האָט שוין אויף דער דאָזיקער טעמע קאָנפערירט מיטן לאָרד בערשטעדט און מיטן מיניסטער סעמועל, וועלכע „האָבן אָנגענומען דעם דאָזיקן פּלאַן מיט סימפּאַטיע“.

דער דאָזיקער פאקט פארדינט אויף א ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט, ווייל בערשטעדט און סעמועל, די פּאָרשטייער פון דער יידישער פינאַנס=וועלט אין ענגלאַנד, זענען צוזאמען מיט ראָטשילדן געווען אקציאָנערן פון „ראָיאַל דאטש שעל“, דעם צווייטן (נאָך סטאַנדאַרט אויל) נאַפט=טרעסט אין דער וועלט. חוץ דעם האָבן זיי דורך דער ראָטשילד=באַנק געצויגן די פּעדעם פון דער „אימפּעריעל קעמיקל אינדאסטריז“, דעם גרעסטן כעמישן קאָנצערן אין ענגלאנד. צווישן די דאָזיקע בריטישע מאָנאָפּאָליסטן און די דייטשישע מאָנאָפּאָליסטן, באַזונדערס פון דער „רהענאניא“, „אָססאג“, „מינעראַלווערקע“ א. ג., „אי. ג. פאַרבען=אינדוסטריע“ און אנדערע, זענען געווען ענגע ווירטשאפטלעכע באַציונגען[55].

דער דאָזיקער בונד צווישן די יידישע פינאַנסיסטן און אינדוסטריעלער אין ענגלאַנד מיט דער דייטשישער שווער=אינדוסטריע האָבן דעצידירט וועגן זייער איינשטעלונג צו די פארערטערישע פּלענער פון דער היטלערישער רעגירונג. די

[54] „דער פּראָצעס“, ב. XXII, ז. 442, גבית=עדות פון שאַכטן.

[55] G. Baumann: Atlantikpakt der Kozerne, Berlin 1952, p. 55—57.

גרויזאמע פארפאָלגונגען לגבי דער יידישער באפעלקערונג אין דייטשלאַנד און אינעם אָקופּירטן עסטרייך, די פעלקערמערדערישע פּלענער, וועלכע שאַכט האָט אויף דער שוין דערמאָנטער באַראַטונג נישט אויסבאַהאַלטן, האָבן לגמרי נישט געווירקט אויף דער איינשטעלונג פון די פאָרשטייער פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע לגבי דעם היטלערישן דייטשלאַנד. דעריבער האָבן זיי טאַקע אונטערגעשטיצט שאַכטן אין זיינע באַמיונגען צו באַקומען א נייע מיליארדן־הלוואה און צו דערגרייכן א פּאָליטישע פארשטענדיקונג מיט ענגלאַנד.

די עטלעכע ביישפּילן וועגן די אינטערעסן־פארפלעכטונגען פון פינאַנס־קאַפּיטאַל זענען א כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג פון בורזשואַזן קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס איז אן אינסטרומענט פון אַגרעסיווער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק, פון פארניכטונג די נאַציאָנאַלע סוווערעניטעט און פארשטאַרקטער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. זיי האָבן אויך געצילט אין די לעבנס־אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג און דערפירט צו דער פארטיליקונג פון פיל מיליאָנען יידן.

ראַבלי האָט דערקלערט, אלס ענטפער אויף די ארויסגערוקטע פּראָפּאָזיציעס, אז והגם אויפן ערשטן בליק זעט ער שווערקייטן, וועלכע וועלן נאָך דארפן ארומגערעדט ווערן, אָבער אין אלגעמיין געמען גיבן זיי (די פּראָפּאָזיציעס) א יסוד, **און ער וועט זיי באַהאַנדלען מיט די רעגירונגען פון ענגלאַנד און אמעריקע אין דער ערשטער אינסטאַנץ.** ער האָט אויך אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו פאָרן קיין בערלין, בכדי דאָרט די דאָזיקע פּראָפּאָזיציעס גענוי ארומצורעדן.

בכדי צו ווירקן אויף די ענגליש־אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן אָנצונעמען זיין פּראָיעקט, האָט שאַכט צביעותדיק באַטאָנט, אז דער ווענטלעכער מאָמענט פון זיין פּלאַן איז דער פאקט, וואָס ביים רעאליזירן אים וועט די היטלערישע רעגירונג אָפּשטעלן די יידן־פארפאָלגונגען, און די 200.000 יידן, וואָס וועלן בלייבן אין דייטשלאַנד, „וועלן האָבן רואיקע באַדינגונגען פאר ווייטערדיקער עקזיסטענץ". אויף אזא אופן האָט די היטלערישע רעגירונג — פארן פרייז פון פינאַנסיעלער און ווירטשאַפטלעכער הילף — געלאָקט מיט צוזאָגן אָפּצושטעלן איר פעלקער־מערדערישע פּאָליטיק לגבי די יידן. הגם שאַכטס דערקלערונגען זענען געווען נישט מער ווי אַ טאַקטישער מאַנעווער, דאָך איז דורך די ענגליש־אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן זיין פּלאַן אָנגענומען געוואָרן. די רעגירונגס־ספערן פון גרויס־בריטאַניע און אמעריקע, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט די ענגליש־אמעריקאנער אינטערעסן, וואָס זענען געווען געבונדן מיט די געמיינזאַמע אינטערעסן פון די דייטשישע מאָנאָפּאָליסטן, זענען גרייט געווען באַדייטנדיק צו העלפן דעם פאשיסטישן דייטשלאַנד.

ראַבלי און ווינטערטאָן האָבן לסוף דערקלערט, אַז זיי לייגן גרויסע האָפענונגען אויף די ווייטערדיקע געשפרעכן, וועלכע מ'דאַרף דעריבער קאָנטינוירן. זיי גייט בלויז אין דעם, „אַז דאָס באַהאַנדלען דעם פּלאַן זאָל פון פאָרויס נישט ווערן אָפּגעמשפט צוליבן איבערגעטריבענעם איילן זיך". אַ וויכטיקער מאָמענט, האָס גיט אונדז אַ מעגלעכקייט בעסער תופס צו זיין די באַציונג פון די פאָרשטייער פון די רעאַקציאָנערע רעגירונגען, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אויף דער לאָנדאָנער באַראַטונג, צו דער פעלקערמערדערישער היטלערישער פּאָליטיק, איז ווינטערטאָנס לעצטע דערקלערונג: „איך וועל זיין גליקלעך — דערקלערט ווינטערטאָן, — אויב שאַכט וועט אויפקלערן גערינגן, אַז אויף דער קאָנפערענץ אין עוויאַן און אויך שפּעטער האָב איך און אויך אַנדערע טוער פון קאָמיטעט אַלץ געטאָן, וואָס מיר זענען נאָר בכוח געווען, בכדי די אַליאַנטישע רעגירונגען זאָלן זייערע פאַראינטערעסירונגען מיט דער יידן־פראַגע באַגרענעצן בלויז צו דער פּראַקטישער און פינאַנסיעלער זייט, אויסשליסנדיק יעדן פּאָליטישן מאָמענט. דעריבער האָב איך און ראַבלי זיך אָפּגעהאַלטן פון אויסדריקן די מיינונג וועגן אופן פון באַהאַנדלען די יידן, זייענדיק אָפט אויסגעשטעלט אויף קריטיק".

די ענגלישע און אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן האָבן אַזוי אַרום מודה געווען, אַז דער לאָנדאָנער קאָמיטעט איז געווען אַן אינסטרומענט פון באַרויִקן די עפנטלעכע מיינונג, און זיין פאַרערטערישע איינשטעלונג האָט געדינט אַלס בליץ־אָפּלייטער אָפּצוציען דעם צאָרן פון די פאָלקס־מאַסן קעגן דער אַגרעסיווער פּאָליטיק פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד. די רעגירונגען פון אַמעריקע און ענגלאַנד, אָרגאַניזירנדיק די קאָנפערענץ אין עוויאַן און נאָכדעם דעם שטענדיקן קאָמיטעט אין לאָנדאָן, האָבן זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַפּוטרופּסים פון דער פאַרפאָלגטער יידישער באַפעלקערונג און פון די פּליטים פון דייטשלאַנד. פאַקטיש אָבער — ווי מיר זעען פון די דערמאָנטע דאָקומענטן — האָבן זיי אָפּגענאַרט די באַפעלקערונג. אין בערלין האָט מען זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון פון דער פאַקטישער לאַגע. אין זיין באַריכט פונעם 3־טן יאַנואַר, וועלכן דירקסען האָט אַרויסגעשיקט קיין בערלין, דערמאָנט ער צווישן אַנדערן, אַז טשעמבערליין „האָט אַפילו געהאַט אַ פאַרשטענדעניש פאַר דער כוואַליע פון אַנטי־יידישע שטימונגען... און ער האָט אַפילו געהאַלטן די אַנטי־בריטישע קאַמפּאַניע פאַר אַ באַרעכטיקטע און פאַרשטענדלעכע..." [56].

אומאָפּהענגיק פון די דערמאָנטע געשפּרעכן, איז שאַכט אויפגענומען געוואָרן דורך טשעמבערליינען און שפּעטער דורך די אָנפירער פון די פינאַנס־ספערן, מיט וועלכע ער האָט קאָנפערירט „וועגן ענינים פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער,

[56] Docum. Germ. For. Pol. IV, p. 357, dokum. Nr 286.

וועלכע אינטערעסירן ביידע צדדים". וועגן דעם האָט דירקסען מיטגעטיילט ווייצזעקערן אין זיין געהיימען ראַפּאָרט פונעם 16־טן דעצעמבער 1938 [57].

אין דער זעלבער צייט, ווען שאַכט האָט קאָנפערירט מיט די ענגלישע און אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן, האָט האַליפאַקס אויפגענומען דירקסענען. צווישן אַנדערע איז זייער געשפּרעך געווען נוגע דער נויטווענדיקייט צו אָנטשפּאַנען די פּאָליטישע סיטואַציע, צו באַרואיקן די עפנטלעכע מיינונג און דער ראָל פון דער פּרעסע אויף דעם געביט, בכדי מ'זאָל קאָנען „פירן א קאָנסטרוקטיווע ארבעט", ד. ה. בכדי צו דערפירן צו אן אַלגעמיינער פאַרשטענדיקונג מיט דייטשלאַנד. דירקסען האָט אין זיין צווייטן באַריכט פונעם 16־טן דעצעמבער געשריבן צו ווייצזעקערן, אז די אונטערהאַנדלונגען, וואָס שאַכט פירט אין לאָנדאָן, וועלן אָן ספק האָבן אן איינפלוס אויף דער אָנטשפּאַנונג פון דער סיטואַציע [58].

די רעגירונגען פון ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן אין פּרינציפּ אָנגענומען שאַכטס פּראָפּאָזיציעס אלס באַזע פאַר ווייטערדיקע אונטערהאַנדלונגען. לויט זייער רעקאָמענדאַציע האָט ראבלי אויפן 20־טן דעצעמבער גערופן א באַראַטונג פון עקספּערטן און פון פאָרשטייער פון אַמעריקאַנער, ענגלישן, פראַנצויזישן און האָלענדישן קאַפּיטאַל, בכדי צו באַהאַנדלען די פּראַקטישע זייט פון די היטלערישע פּראָפּאָזיציעס. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט זיך שוין נישט באַשעפטיקט מיט דער עמיגראַציע־פראַגע און מיט דער טראַנספער־פראַגע פון יידישן פאַרמעגן. ס'זענען דאָ אָבער, ווי ס'דרינגט פון דער דערמאָנטער נאָטיץ, ארויסגערוקט געוואָרן א ריי פאָרבאַהאַלטן, דער עיקר וועגן דעם, אז דאָס אָפּצאָלן די הלוואה זאָל פאָרקומען דורך עקספּאָרט פון דער דייטשישער פּראָדוקציע, ווייל אין דאָזיקן פאַל וואָלטן אָנגערירט געוואָרן דיווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פון די פאַראינטערעסירטע מלוכות. דער קאָמיטעט פון די עקספּערטן האָט געזאָלט פאָדערן, אז דייטשלאַנד זאָל זיך פאַרפליכטן אָפּצוצאָלן די הלוואה מיט פרעמדער וואַלוטע, ווייל — ווי זיי האָבן דערקלערט — וועט דער דייטשישער עקספּאָרט אזוי אויך זיך הייבן צוליבן איבעררייסן דעם באָיקאָט.

כדי צו לעזן די דאָזיקע ענינים, איז אָנהייב יאַנואַר 1939 געקומען מיט א רעוויזיט קיין בערלין נאָרמאַן, וועלכער — ווי די פּרעסע האָט אָנגעגעבן — האָט קאָנטינואירט מיט שאַכטן און מיט אַנדערע אָפיציעלע פּערזאָנען „די אָנגעהויבענע געשפּרעכן וועגן א ריי פינאַנסיעלע פראַגן ביים לעזן דאָס יידן־פּראָבלעם" [59]. די געשפּרעכן האָבן זיך פאַקטיש באַצויגן צו דער פינאַנסיעלער הילף פאַרן פאַשיסטישן דייטשלאַנד. נאָך נאָרמאַנען איז ראבלי דעם 10־טן יאַנואַר אָנגעקומען קיין בערלין. צומאָרגנס — לויטן אָפיציעלן קאָמוניקאַט — האָט

[57] רצ"ו, ב. IV, ז. 353.

[58] רצ"ו, ב. IV, ז. 351; פג"ל אויך די מעמואַרן פון דירקסען, ז. 236—237.

[59] „Gazeta Polska", 5. I. 1939 r.

ער שוין אָפּגעהאַלטן א קאָנפערענץ מיט שאַכטן. בכדי קינסטלעך ארויסצורופן א פריינדלעכע אַטמאָספער פאַר א פאַרשטענדיקונג מיטן רייך, האָט די רעאַקציאָנערע פרעסע אין די מערב־מלוכות און אויך ביי אונדז אין סאַנאַציע־פוילן זיך באַמיט צו שאַפן א ברייטן אָפּקלאַנג ארום די דאָזיקע געשפּרעכן און אויף אזא אופן אָפּצווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון די צוגרייטונגען צו נייע אגרעסיע־אַקטן. די פרעסע־אַגענטור א.ט.ע. האָט געמאָלדן פון בערלין, אז ראַבלי איז געקומען קיין בערלין „מיטן ציל ארומצורעדן די מעגלעכקייטן פון א צוזאַמענאַרבעט צווישן פליטים־קאָמיטעט מיטן רייך אין דער פראַגע פון פאַרלייכטערן די עמיגראַציע פון די דייטשישע יידן“[60], אויסבאַהאַלטנדיק דעם פאַקטישן ציל פון זיין פּאָליטישער מיסיע.

אין דער אויבן ציטירטער נאָטיץ — ווען דער באַגעגעניש פון שאַכטן מיט די ענגליש־אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן — האָט דאָס בריטישע אויסערן־מיניסטעריום אויך דערמאָנט, אז די געשפּרעכן מיט ראַבלין האָבן זיך באַצויגן בלויז צו דער עמיגראַציע, טראַנספער א.אז.וו. דאָס איז אן אָפענע פעלשונג פון די פאַקטישע צילן פון נאָרמאַנס און ראַבלים וויזיט און א פרווו צו פאַרהוילן די געהיימע געשפּרעכן, אין וועלכע די יידן־פראַגע איז געווען איין רינגעלע אין דער קייט פון די אונטערהאַנדלונגען מיט דער היטלערישער רעגירונג.

צוהילף די ענגלישע און אמעריקאַנער געשיכטע־פעלשער זענען אויך געקומען די היטלעריסטישע דיפּלאָמאַטן, ווי שאַכט, דירקסען, מייסנער א. אנד. אין די טאָגביכער, וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די נאָכמלחמה־יאָרן[61], ווילן זיי אויפווייזן, אז די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך באַצויגן צו דער עמיגראַציע־פראַגע פון די פליטים, אז אפילו היטלער האָט געגעבן זיין הסכם און אויפן דאָזיקן צוועק באַשטימט פון די קאָנפיסקירטע יידישע פאַרמעגנס העכער א מיליארד מאַרק א.אז.וו. די דאָזיקע ענינים זענען אָבער גאָר געווען א מאַסקע פאַר די פּאָליטישע מאַכינאַציעס, מיט די אמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן און אויך מיטן לאָנדאָנער קאָמיטעט האָט מען זיך באַנוצט, ווי מיט א באַקוועם געצייג אין דער פאַרשטענדיקונגס־פּאָליטיק מיטן היטלערישן דייטשלאַנד. צוליב טאַקטישע טעמים האָט מען פאַרמאַסקירט די נייע הלוואה פאַר דער היטלערישער רעגירונג, ווי א פאָנד פאַרן אָרגאַניזירן די יידישע עמיגראַציע. דעריבער זענען אין שפּיץ פון דעם אמעריקאַנער סינדיקאַט, וועלכער האָט געזאָלט רעאַליזירן די הלוואה, ארויסגערוקט געוואָרן יידישע פינאַנסיסטן, וואָס זענען געווען ענג געבונדן מיט די יידישע בורזשואַזע אָרגאַניזאַציעס, ווי די ציוניסטישע אָרגאַני־

---

[60] „Gazeta Polska“, 12. I. 1939 r.

Meissner Otto: Staatsekretär unter Ebert-Hindenburg-Hitler, Hamburg 1950.

[61] דירקסען דצ"וו, ז. 237. פּג"ל — קאַפּיטל: יודענפערניכטונג.

זאציע, דער „דזשוינט" א. אַנד. די דאָזיקע פאַקטאָרן, וועלכע זענען שוין יאָרן לאַנג געווען געבונדן דורך „געמיינזאַמע אינטערעסן" מיטן ענגלישן און אמעריקאַנער קאַפּיטאַל, האָבן אויך מיטגעאַרבעט מיט די בענק און מיט די מאָנאָפּאָליסטן אין דייטשלאַנד, צוטיילנדיק זיי הילף, מיטן ציל צו שטאַרקן זייער פּאָליטישן אוןווירטשאַפטלעכן פּאָטענציאַל. אין דער זעלבער צייט האָבן די רעגירונגען פון ענגלאַנד און אמעריקע אויסגענוצט די יידישע בורזשואַזע אָרגאַניזאַציעס, אומאָפּהענגיק פון אַנדערע אַגענטורן, אַלס מיטל צו באַרואיקן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, זי געהעריק צו באַאַרבעטן, בכדי צו קאָנען דורכפירן זייערע פאַררעטערישע פּלענער וועגן אַ הלוואה פאַרן היטלערישן דייטשלאַנד, וועגן אומקערן די קאָלאָניעס, וועגן אַ פּאָליטישער פאַרשטענדיקונג א.אז.וו.

היינט איז שוין אַלעמען באַקאַנט, אַז צווישן די ענגלישע און אמעריקאַנער בענק און טרעסטן, וועלכע האָבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געשפּילט אַ דעציִדירנדיקע ראָל אינעם אויפבויען דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם און זיין מיליטעריש־עקאָנאָמישן פּאָטענציאַל, האָבן אַן אָנגעזעענע אָרט פאַרנומען די יידישע באַנקירן און גרויס־אינדוסטריעלער. ביי דער זייט פון די באַנקירן מאָרגאַן, שרעדער, ראָקפעלער און אַנדערע האָבן ביים פינאַנסירן די דייטשישע אינדוסטריע אַ באַדייטנדיקע ראָל געשפּילט די בענק פון קוהן, לעב און שותּפים, גאָלדמאַן, זאַקס און שותּפים, ראָטשילד, וואַרבורג, אָפּענהיים א. אַנד. די דאָזיקע בענק האָבן אויך אין פּעריאָד פון היטלער רעזשים געעפנט קרעדיטן אויף צענדליקער מיליאָן דאָלאַר פאַר „אי. ג. פאַרבען", פאַר קרופּן, פאַר דעם רייניש־וועסטפאַלישן קוילן־סינדיקאַט און פאַר פיל אַנדערע דייטשישע קאָנצערנען.

אויף אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט דאָס באַנק־הויז פון מ. וואַרבורג און שותּפים אין האַמבורג, דורך וועלכן ס'האָבן זיך געצויגן די פאַרבינדונגס־פעדעם פון די דייטשישע בענק מיטן ענגליש־אמעריקאַנער קאַפּיטאַל. וואַרבורג איז געווען אַ מיט־שותּף צו דער פירמע „קוהן, לעב און שותּפים", און מיט זיין האַמבורגער פיליע האָבן זיך באַנוצט די אמעריקאַנער באַנקירן אויף דורכצופירן זייערע פינאַנסיעלע טראַנזאַקציעס מיט די דייטשישע אינדוסטריעלער. מ. וואַרבורג און אַנדערע אמעריקאַנער באַנקירן און גרויס־אינדוסטריעלער האָבן זיך געפונען אין דער אָנפירונג פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי און אין אַנדערע יידישע בורזשואַזע אָרגאַניזאַציעס (וואַרבורג איז געווען דער פּרעזעס פון „דזשוינט").

די רעגירונגען פון די אַנגלאָזאַקסישע מלוכות האָבן אַדאַנק די דאָזיקע פאַרבינדונגען גערן אויסגענוצט די דערמאָנטע אַגענטורן פאַר זייערע פּאָליטישע מאַכינאַציעס. די צענטראַלע פון „דזשוינט" אין איראָפּע (ד"ר שוואַרץ), זייענדיק אינספּירירט דורך די דערמאָנטע רעגירונגען, האָט אין יאָר 1939 פאָרגעלייגט דעם וויִאַנער קאָמיטעט אַ מעמאָריאַל וועגן דער מעגלעכקייט פון יידישער

עמיגראַציע אין פֿאַרשידענע קאָלאָניאַלע לענדער, קודם-כל אין דרום-מזרח-אַפֿריקע (קעניאַ, גויאַנאַ, טאַנגאַניקע, ראָדעזיע, מאַדאַגאַסקאַר א. אנד.). די רעגירונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט אַפֿילו, אין פֿאַרשטענדיקונג מיט דער בריטישער רעגירונג, אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פֿון עקספּערטן, וועלכע האָט ענג מיטגעאַרבעט מיטן „דזשוינט“, וואָס איז אַרויסגעפֿאָרן אין די מזרח-אַפֿריקאַנישע לענדער, בכדי דאָרט אויסצופֿאָרשן די קאָלאָניזאַציע-מעגלעכקייטן. אַ מיטגליד פֿון דער עקספּערטן-קאָמיסיע איז געווען דער געוועזענער דירעקטאָר פֿון „אַגראָ-דזשוינט“, יוסף ראָזען, וועלכער איז אין די צוואַנציקער יאָרן טעטיק געווען אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

וועגן דער פּראָהיטלערישער איינשטעלונג פֿון וואַרבורגן דערמאָנט אַפֿילו אין זיין טאָגבוך דאָד, דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין. דאָד האָט אונטערגעשטראָכן, אַז וואַרבורג האָט זיך נישט גערעכנט מיט די אַנטיהיטלערישע שטימונגען פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג, און ער האָט זיך באַמיט, אַז היטלער-דייטשלאַנד זאָל „באַהאַנדלט ווערן מיט חסד“[62]. וואָס שייך דעם פּלאַן פֿון אַ נייער הלוואה, וועלכע האָט באַדאַרפֿט רעאַליזירט ווערן דורך יידישע פֿינאַנסיסטן, איז כדאי צו באַמערקן, אַז האַססעל פֿאָן אולריך, אַ הויכער אָפֿיציר פֿון דייטשישן שפּיאָנאַזש, רופֿט אָן די נייע הלוואה „דער וואַרבורג-פּלאַן“[63].

אויף אַזאַ אופֿן האָבן זיך פֿאַרשידענע יידישע בורזשואַזע אָרגאַניזאַציעס דעמאַסקירט אַלס אַגענטן פֿון ענגליש-אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. די אָנפֿירער פֿון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, די באַנקירן און אינדוסטריעלער, האָבן אויסבאַהאַלטן פֿאַר דער עפֿנטלעכער מיינונג דעם אמת וועגן די מאַכינאַציעס מיט דער היטלערישער רעגירונג, זיי האָבן אויסבאַהאַלטן דעם פֿאַקטישן ציל פֿון דעם „וואַרבורג-פּלאַן“ און האָבן זיך, קעגן די לעבעדיקסטע אינטערעסן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, אַנגאַזשירט אין דער פֿאַרברעכערישער אַקציע פֿון שטאַרקן דאָס היטלערישע דייטשלאַנד.

ראַבלי איז געפֿאָרן קיין בערלין אין דער געזעלשאַפֿט פֿון פּיהלן, זיין פֿאַרטרעטער אין ביוראָ פֿון לאָנדאָנער קאָמיטעט, און פֿון קאָטטאָן, דעם פֿינאַנס-עקספּערט, און אַ שטאַב פֿון ספּעציאַליסטן[64]. אין דער זעלבער צייט, ווען ראַבלי האָט אונטערגעהאַנדלט מיט שאַכטן, האָט פּיהל געפֿירט געשפּרעכן מיט בלעססינגען, איינעם פֿון די דירעקטאָרן פֿון דער רייכס-באַנק. דער דאָזיקער פֿאַקט פֿאַרדינט אַ ספּעציעלע אויפֿמערקזאַמקייט, ווייל בלעססינג האָט זיך באַטייליקט אין דער געהיימער קאָנפֿערענץ, וואָס איז דעם 12-טן נאָוועמבער פֿאַר-

[62] Alb. Norden: Um die Nation, Berlin 1952, p. 190.
[63] Hassel von Ulrich: Vom anderen Deutschland, Zürich 1946, p. 40.
[64] „Nasz Przegląd“, 3.I.1939.

געקומען ביי גערינגען און ער האָט אָנטיילגענומען אינעם אויסאַרבעטן דעם פעלקערמערדערישן פּלאַן לגבי דער יידישער באַפעלקערונג.

בעת די בערלינער אונטערהאַנדלונגען זענען שוין די היטלערישע פאַרברעכערישע פּלענער נישט געווען קיין סוד פאַר די רעגירונגען פון די מערב־מלוכות. מיט איניקע טעג נאָך פאַר ראַבלים אָנקומען קיין בערלין האָט געבעלס זיך ארויסגעזאָגט אויף די שפּאַלטן פון „12 אוהר־בלאַט", אַז די היטלערישע רעגירונג וועט אין דער יידן־פראַגע נישט גיין אויף קיין שום קאָמפּראָמיסן, אַז די היטלערישע רעגירונג איז דעצידירט צו „לעזן" דאָס דאָזיקע פּראָבלעם נישט בלויז אין דייטשלאַנד, נאָר אויך אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב[65]. אין דער צייט, ווען אין בערלין זענען געפירט געוואָרן געהיימע דיפּלאָמאַטישע געשפּרעכן, איז אין דעטמאָלד (דעם 15־טן יאַנואַר) ארויסגעטראָטן אַלפרעד ראָזענבערג, וועלכער האָט צוו. אגד. גערעדט וועגן דעם כאַראַקטער פון דער יידישער עמיגראַציע. ראָזענבערג, וועלכער איז, ווי באַקאַנט, געווען נישט בלויז דער „אידעאָלאָג", נאָר אויך דער שעף פון דער אויסלענדישער אָפּטיילונג ביי דער פאַרטיי־אָנפירונג, האָט באַטאָנט, אַז די יידן — עמיגראַנטן דאַרפן ווערן קאָנצענטרירט אין אַ „יידישן רעזערוואַט" ערגעץ אין מזרח־אַפריקע.

אָט אין אַזאַ אַטמאָספער האָבן די פאָרשטייער פון אַמעריקע געפירט זייערע קאָנשאַכטן, צוגרייטנדיק אַ נייע פאַרשטענדיקונג אויפן חשבון פון דער יידישער באַפעלקערונג. די נאָכגיביקע פּאָליטיק פון די מערב־מלוכות בנוגע אַלגעמיינע פּאָליטישע פּראָבלעמען האָבן איבערצייגט די היטלעריסטן, אַז זיי קאָנען שטראָפלאָז צוגרייטן ווייטערדיקע אַגרעסיע־אַקטן און אויסברייטערן זייערע פּלענער פון פאַרטיליקן די יידן. די דאָזיקע צביעותדיקע דיפּלאָמאַטישע שפּיל פון דער ענגלישער און דער אַמעריקאַנער רעגירונגען האָט געפירט דירעקט צו דער גרויסער קאַטאַסטראָפע.

כאַראַקטעריסטיש פאַר די מעטאָדן, וואָס זענען צו יענער צייט אָנגעווענדעט געוואָרן דורך ענגלאַנד און אַמעריקע כלומרשט צו באַשיצן דאָס פאַרמעגן פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז דער פאַקט, וואָס פונקט ווי בעת דעם מינכענער אָפּמאַך האָבן די רעגירונגס־ספערן פון די אַנגלאָזאַקסישע מלוכות אויך איצט זיך באַמיט צו געניסן פון מוסאָלינים פאַרמיטלונג. דעם 7־טן דעצעמבער 1938, נאָך פאַר שאַכטס וויזיט אין לאָנדאָן, האָט זיך רוזוועלט געווענדעט צו מוסאָלינין מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער פאַררופט זיך אויף זיין צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן בעתן „סעפּטעמבער־קריזיס", און אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך אָנשליסן אין די „באַמיונגען צו געפינען אַ לעזונג אין דער יידן־פראַגע". רוזוועלטס פערזענלעכן בריוו האָט פיליפּס, דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין

[65] דצ"ו.

רוים, איבערגעגעבן מוסאָלינין בעת אַן אוידיענץ דעם 3־טן יאַנואַר 1939. דעם אינהאַלט פון רוזוועלטס בריוו און די פּראָפּאָזיציעס, וואָס פיליפּס האָט אין פּרעזידענטס נאָמען אַרויסגערוקט, זענען אונדז באַקאַנט פון אַ באַריכט פון מאַקענזענען, דעם דייטשישן אַמבאַסאַדאָר אין רוים. מאַקענזען איז אינפאָרמירט געוואָרן דורך גראַף טשיאַנאָ וועגן דעם פאַרלויף פון דער אוידיענץ, חוץ דעם האָט ער געהאַט אַ מעגלעכקייט צו לייענען רוזוועלטס בריוו אין אָריגינאַל, און צומאָרגנס טאַקע האָט ער וועגן דעם געמאָלדן קיין בערלין.

לויט דער דאָזיקער רעלאַציע[66], וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער בורזשואַזער פּרעסע, האָט רוזוועלט אַרויסגערוקט דעם פאָרשלאָג, אַז איטאַליע זאָל דערלויבן צו באַזעצן די יידישע פּליטים אין דרום־ און אין דרום־מזרח־אַביסיניע. רוזוועלט האָט אויך פאָרגעשלאָגן מוסאָלינין, ער זאָל „ווירקן אויף היטלערן", אַז ער זאָל דערלויבן די יידן אַרויספירן אַ טייל פון זייער פאַרמעגן, וואָס וואָלט — לויט רוזוועלטן — געווען „אַ פּראַקטישע לעזונג פון דאָזיקן פּראָבלעם". דער אַמבאַסאַדאָר פיליפּס האָט זיך אין דער דאָזיקער פראַגע געזאָלט פאַררופן אויף שאַכטס צוזאָגן בעת די געשפּרעכן אין לאָנדאָן, וועלכע האָבן, ווי אים איז געווען באַקאַנט, געזאָלט קאָנטינויִרט ווערן אין בערלין.

מוסאָליני האָט אין ביידע פאַלן געגעבן אַ נעגאַטיוון ענטפער. מוסאָליני האָט געענטפערט, אַז ער וועט זיך נישט מישן אין די אינערלעכע אינטערעסן פון דייטשלאַנד, באַזונדערס צוליב דעם, וואָס ער אַפּראָבירט פולשטענדיק די אַנטי־יידישע געזעצגעבונג. די איטאַליענישע ראַסיסטישע געזעצגעבונג, — האָט מוסאָליני דערקלערט, — איז אויך „נאָלי מע טאַנגערע". וואָס שייך דער צווייטער פראַגע, האָט מוסאָליני, לויט דער דערקלערונג פון מאַקענזענען, געענטפערט, אַז ער „וויל נישט קיין 1 צמ טעריטאָריע פון אַביסיניע אָפּגעבן פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע". וואָס אין אמת, איז ער „נישט קעגן דער אידעע פון שאַפן אַ זעלבשטענדיקע יידישע מלוכה, אָבער דאָס דאַרף נישט זיין אין אַפריקע". זאָלן די מערב־מלוכות דאָס שאַפן אין בראַזיליע, פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער ערגעץ אַנדערש.

מוסאָלינים ענטפער, ווי ס'באַריכטעט מאַקענזען, איז געווען אַ פולע אונטערשטיצונג פאַר היטלערס עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי די אייראָפּעישע יידן. זי האָט דאָך נישט געקאָנט זיין קיין אַנדערע. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט דעם אַמעריקאַנער אונטערשטאַטס־סעקרעטאַר סאַמנער וועלעס צו דערקלערן — לויט די באַריכטן פון פּ.אַ.ט.־קאָרעספּאָנדענט פון וואַשינגטאָן — אַז

---

[66] מאַקענזענס ראַפּאָרט פון 4 יאַנואַר 1939, אין Docum on Germ. For. Pol. IV, p. 574.

„מוסאָלינים ענטפער האָט א פּראַקטישע באַדייטונג“[67]. אזא דערקלערונג האָט געקאָנט האָבן בלויז איין ציל — אריינפירן אין א טעות די געזעלשאַפטלעכע מיינונג און ווייטער זי נאַרן מיט פאַלשע הבטחות.

פאָרלויפיק איז שווער פעסטצושטעלן — אין ליכט פון די נאָך ווינציק פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן, ווייל א סך דאָקומענטן ווערן באַוווּסטזיניק אויסבאַהאַלטן, — ווי ס'האָט אויסגעזען דער פאַקטישער פאַרלויף פון די אונטערהאַנדלונגען, צי די אַמעריקאַנער פאָרשלאָגן זענען פאָרגעלייגט געוואָרן מוסאָלינין, כדי ער זאָל אויסאיבן א דרוק אויף דער היטלערישער רעגירונג, אָדער זיי זענען געווען אן אָפערטע, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרלייכטערן די פאָרשטייענדיקע ענגליש-איטאַליענישע געשפּרעכן אין רוים.

מען דאַרף וויסן, אז אומאָפּהענגיק פונעם עקזיסטירנדיקן בונד צווישן די צוויי פאַשיסטישע מלוכות, אומאָפּהענגיק פון דעם, וואָס זיי האָבן סאָלידאַר געפירט אן אקציע וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען און באַזונדערס אין דער פראַגע פון רעווינדיקירן די קאָלאָניעס, האָבן דאָך דעמלט צווישן ביידע פאַשיסטישע מלוכות עקזיסטירט אַנטאַגאָניזמען. איטאַליע האָט נישט געוואָלט קיין שטאַרק דייטשלאַנד. דאָס פאַרכאַפּן עסטרייך איז געווען פאַר איטאַליע א שטאַרקער קלאַפּ. מיט קנאה האָט איטאַליע געקוקט אויף דער עקספּאַנסיע פון דייטשלאַנד אין דרום-אייראָפּע און אויף איר שטרעבונג צו באַפעסטיקן זיך אין מזרח-אַפריקע. דאָס פאַשיסטישע איטאַליע אַליין האָט געשטרעבט צו פאַרכאַפּן א גרויסן טייל פון אַפריקע, פון מיטללענדישן ים ביזן אינדישן אָקעאַן, און האָט דאָרט נישט געוואָלט האָבן אזא ערנסטן קאָנקורענט ווי דייטשלאַנד. ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן זיך באַמיט אויסצונוצן די אַנטאַגאָניזמען, וואָס זענען אַנטשטאַנען צווישן די צוויי פאַשיסטישע מלוכות, דער עיקר פאַרן וויזיט פון פּרעמיער טשעמבערליין און לאָרד האַליפאַקס אין רוים.

ס'איז א כאַראַקטעריסטישער פאַקט, אז עטלעכע טעג פאַרן דאָזיקן וויזיט האָט די פּראָרעגירונגס-פּרעסע אין לאָנדאָן לאַנסירט בלומרשט מוסאָלינים פּלאַן, וועלכער האָט זיך פאַררופן אויף רוזוועלטס אָפערטע און איז פאַקטיש געווען א נייער פּראָיעקט פון „לעזן“ די יידן-פראַגע. אזוי, למשל, האָט דער „איוונינג סטאַנדאַרט“ געשריבן אויפן סמך פון „באַגלויבטע קוועלן“ פון זיין רוימישן קאָרעספּאָנדענט, אז מוסאָלינים פּלאַן באַשטייט אינעם אָפּגעבן דורך איטאַליע האַרראַר (א טייל פון אַביסיניע און פון איטאַליענישן ברעג ביים רויטן ים), פראַנקרייך וואָלט אָפּגעגעבן דזשיבוטי, גרויסבריטאַניע — אן אַנדערן טייל, כדי צו שאַפן א קאָנדאָמיניום, אן „אומאָפּהענגיקע יידישע מלוכה“. די צייטונג דערמאָנט נאָך, אז מוסאָלינים פּלאַן באַציט זיך נישט בלויז צו די יידישע

[67] „Nasz Przegląd“, 7.I.1939.

פליטים פון דייטשלאַנד, נאָר דאַרף אויך ארומנעמען די יידישע באַפעלקערונג פון אנדערע אייראָפּעישע לענדער. אויב פראנקרייך און ענגלאנד וועלן ארויסווייזן זייער גרייטקייט מיטצואַרבעטן מיט די פאשיסטישע לענדער, וואָלט מוסאָליני „געקאָנט דורכפירן א גאַנצע ריי פאראָרדענונגען פון א ברייטן פארנעם. וואָס וואָלטן דערמעגלעכט א סטאבילע לעזונג פון יידן־פראָבלעם“ [68].

דער רוימישער קאָרעספּאָנדענט שטרייכט אונטער, אז מוסאָליני האָט אפילו געוואָלט אויסשליסן דאָס אָקופּירטע עטיאָפּיע פון אונטער די ראַסיסטישע פאָרשריפטן, וואָס זענען ארויסגעגעבן געוואָרן אויף דער איטאַליענישער טעריטאָריע, בכדי לייכטער צו קאָנען פירן ווייטערדיקע געשפּרעכן מיט די רעגירונגען פון ענגלאַנד און אַמעריקע.

ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אז דער דאָזיקער פּראָיעקט, וואָס איז לאַנסירט געוואָרן דורך דער פּרעסע בעת די בערלינער אונטערהאַנדלונגען און פאַרן צוזאַמענטרעף פון די ענגלישע און איטאַליענישע מיניסטאָרן אין רוים, איז פּשוט אינספּירירט געוואָרן דורך די רעגירונגס־קרייזן פון ענגלאַנד און אַמעריקע און האָט באַדאַרפט באַפרידיקן די דעמאָלטיקע קאָלאָניע־פאָדערונגען, וואָס איטאַליע האָט ארויסגערוקט לגבי די מערב־מלוכות. וואָס אַן אמת האָט די דאָזיקע „מלוכה“ געזאָלט אַרומנעמען שטחים, וואָס טויגן נישט פאַר אייראָפּעישער קאָלאָניזאַציע, עפּעקטיוו וואָלטן זיי אָבער פאַרגרעסערט די טעריטאָריע פון איטאַליע און דעריבער — האָט מען צביעותדיק געשריבן — וואָלט דאָס געקאָנט „דערמעגלעכן א רעאַלע לעזונג פון איינעם פון די וויכטיקסטע וועלט־פראָבלעמען“.

מ'דאַרף אונטערשטרייכן, אז די רעגירונגס־נאָטיץ וועגן דער קאָנפערענץ פון טשעמבערליינען און האַליפאַקסן מיט מוסאָליניז און טשיאַנאָ אין רוים, וואָס איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 11—14 יאַנואַר 1939 [69], דערמאָנט גאָר נישט וועגן פּלאַן פון א קאָנדאָמיניום. אויפפאַלנדיק איז דאָ די אידענטישקייט פון מוסאָליניס דערקלערונגען מיטן באַריכט פון פּאָן מאַקענזען. די מיניסטאָרן, „פאָרשנדיק די וויכטיקסטע פּראָבלעמען אינעם געגעבענעם מאָמענט און די באַציונגען צווישן ביידע אימפּעריעס“ — ווי ס'גיט אָן דער אָפיציעלער קאָמוניקאַט — האָבן דעם 11־טן יאַנואַר 1939 איף זייער ערשטער זיצונג צווישן אַנדערע אויך באַרירט די יידן־פראַגע. מוסאָליני האָט דאָ איבערגעחזרט זיינע צביעותדיקע מיינונגען וועגן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער יידן־פראַגע, וועגן די מעגלעכקייטן זי צו לעזן דורכן שאַפן א מלוכה ערגעץ אין בראַזיליע, פאַראייניקטע שטאַטן א.אז.וו.

[68] לויט: „Gazeta Polska“, 10.I.1939 r.

[69] „Doc. Brit. For. Pol.“ t. III, p. 517 i n. — dok. Nr 500.

האַליפאַקס ווידער האָט גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט צו ווירקן אויף היטלערן, ער זאָל מסכּים זיין, אַז די יידישע עמיגראַנטן זאָלן קאָנען מיטנעמען מיט זיך אַ טייל פון זייער פאַרמעגן. הגם מוסאָליני האָט געענטפערט, אַז די אינטערווענץ וועט נישט ברענגען קיין רעזולטאַטן, און אַז די היטלערישע רעגירונג האָט באַשלאָסן דעפיניטיוו צו לעזן די דאָזיקע פראַגע, האָט דאָך הער פרעמיער טשעמבערליין געפרעגט, וועלכע שריט מ'וואָלט באַדאַרפט אונטערנעמען, כדי צו געפינען אַ לעזונג. מוסאָליני האָט דעמולט מסכּים געווען מיטן פרעמיער טשעמבערליין, אַז ראַבלי זאָל קאָנטינואירן זיינע געשפּרעכן מיט דער היטלער־רעגירונג.

אזוי זענען די געשפּרעכן און די צביעותדיקע פּראָיעקטן באַטראַכט געוואָרן יהן דורך די אַנגלאָזאַקסישע, הן דורך די פאַשיסטישע רעגירונגען פאַר אַ וויכטיקן אינסטרומענט אין דער פּאָליטיק צו באַרואיקן די דעמאָקראַטישע עפנטלעכקייט.

די רעאַקציאָנערע רעגירונגען פון ענגלאַנד, אַמעריקע און פראַנקרייך האָבן פאַר יעדן פרייז געזוכט אַ דערנענטערונג מיטן III רייך, באַמיענדיק זיך צו פירן די אונטערהאַנדלונגען אין דער ריכטונג פון לענקען די פאַשיסטישע אַגרעסיע אויף מזרח. זיי האָבן נישט געוואָלט דערפירן צו אַ פאַרשאַרפונג פון דער סיטואַציע צוליב אַזאַ קליינעם ענין, ווי... דער גורל פון מיליאָנען יידן.

דאָ איז כדאַי אונטערצושטרייכן, אַז אין יענע יאַנואַר־טעג האָט די פּוילישע סאַנאַציע־רעגירונג אָפן און פולשטענדיק אונטערגעשטיצט די באַרבאַרישע מעטאָדן פון „לעזן" די יידן־פראַגע דורך די פאַשיסטישע רעגירונגען.

די סאַנאַציע־רעגירונג, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דעם, וואָס די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן איז באַדראָט דורכן פאַשיסטישן דייטשלאַנד, האָט געפירט אַ פּראָהיטלערישע, אַנטיפאָלקישע אויסערן־פּאָליטיק. די סאַנאַציע־רעגירונג און איר אויסערן־מיניסטער בעק האָט געפירט אַ פּאָליטיק פון פאַרקויפן דאָס לאַנד צום אויסלענדישן קאַפּיטאַל; זי האָט געשטיצט די אַנטיסאָוועטישע פּלענער פונעם אימפּעריאַליסטישן דייטשלאַנד און פון די מערב־מלוכות, זי האָט געווירקט אויף אירע פאַרטנערן אָנצוקניפּן פריינדלעכע באַציונגען מיט דער היטלערישער רעגירונג, זי האָט צוגעהאָלפן דער היטלערישער רעגירונג אין אָפּרייסן אַ טייל און אָקופּירן טשעכאָסלאָוואַקיע און אונטערגעבראָכן די פּרינציפּן פון קאָלעקטיווער זיכערקייט.

די סאַנאַציע־רעגירונג האָט געדינט דעם דייטשישן פאַשיזם נישט בלויז אין דער אויסערן־פּאָליטיק, נאָר זי האָט אויך נאָכגעפירט די היטלערישע פּראַקטיק אין דער אינערן־פּאָליטיק: זי האָט דורכגעפירט אין לאַנד די פאַשיזאַציע פון לעבן, איינגעפירט פּאָליציייִשן טעראָר אַלס הערשנדיקן סיסטעם, זי האָט איינגעפירט אַ גרויזאַמע אונטערדריקונג פון די פאָלקס־מאַסן, און באַזונדערס פון

די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, זי האָט אָרגאַניזירט בלוטיקע פּאַציפיקאַציעס אויף די פּויערים־מאַסן אויף די געביטן פון מערב־אוקראַינע א.אז.וו. דער ציל פונעם דאָזיקן בלוטיקן רעזשים איז געווען צו פּאַראַליזירן און דערשטיקן דעם קאַמף פון ארבעטער־קלאַס אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן. די פּאָליטיק פון דער סאַנאַציע און ענדעציע איז צונויפגעפאַלן מיט דער היטלערישער פּאָליטיק אלס פועל־יוצא פון די געמיינזאַמע קלאַסן־אינטערעסן פון דער פּוילישער און דייטשישער פאשיסטישער דיקטאַטור. פון דעם פליסט ארויס דער אַנטיסאָוויעטישער פּאָליטישער קורס פון די סאַנאַציע־רעגירונגען. די פּוילישע רעאקציע האָט געירשנט פונעם היטלעריזם די צוממיינסטן דעמאַגאָגישע לאָזונגען, מיט וועלכע זי האָט זיך באַנוצט אלס דיווערסיע־מיטל אויף אָפּצוּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די ארבעטער־מאַסן פון די פאַקטישע סיבות, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט פּוילן אין א לאַנד פון גרענעצלאָזער נויט, עקאָנאָמישער און קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט.

די פאשיסטישע סאַנאַציע־רעגירונג האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן געפירט א פּאָליטיק פון ווירטשאַפטלעכער און יורידישער דיסקרימינאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג און צוזאַמען מיט דער ענדעציע האָט זי אָרגאַניזירט אַנטי־יידישע העצעס און פּאָגראָמען. די באָיקאָט־ און פּאָגראָם־קאַמפּאַניע איז געווען די געמיינזאַמע פּלאַטפאָרם פון דער פּוילישער רעאקציע. דאָס איז געווען א דיווערסיע קעגן פאָלקס־פראָנט אין פּוילן, וואָס האָט געקעמפט קעגן דער פאשיסטישער דיקטאַטור. וואָס שייך דער עמיגראַציע־פראַגע, האָט די פּוילישע בורזשואַזע פרעסע שוין א סך פריער געשריבן וועגן דער נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן א גרעסערע יידן־עמיגראַציע פון פּוילן און אלס קאָלאָניזאַציע־געביט האָט זי אָנגעגעבן אנגאָלע, מאַדאַגאַסקאַר און אנדערע לענדער מיט א טראָפּיקאַלן קלימאַט. די פאשיסטישע פּוילישע רעגירונג האָט אפילו געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטער דעלבאָס בעת זיין וויילן אין וואַרשע (יאַנואר 1938) וועגן א דערלויבעניש פון דער פראַנצויזישער רעגירונג אויף צו באַזעצן א גרעסערע צאָל פּוילישע יידן אין מאַדאַגאַסקאַר. די פרעסע האָט אפילו אָנגעגעבן (מאי 1938), אז ס'איז געשלאָסן געוואָרן א פּויליש־פראַנצויזישער אָפּמאַך, לויט וועלכן 30.000 פּוילישע יידן דאַרפן זיך באַזעצן אויפן דאָזיקן אינדזל [70].

די היטלערישע רעגירונג, אויסנוצנדיק דאָס יידן־פּראָבלעם פאַר אירע פאַרברעכערישע צילן אין דער אויסערן־פּאָליטיק, האָט נאָך מיטן אויסגעאיבט און אַלץ שטאַרקערן דרוק אויף דער פּוילישער רעגירונג, בכדי זי אריינצוציען אין די מאַכינאַציעס פון איר אגרעסיווער פּאָליטיק. דעם 24־טן אָקטאָבער 1938

---

[70] „דער פּראָצעס", ב. LXI, ז. 557, האָקום. שטרייכער — 13, 14.

האָט ריבענטראָפּ דערקלערט ליפּסקין, דעם פּוילישן אַמבאַסאַדאָר אין בערלין, אַז „ס'איז שוין איצט די פּאַסיקע צייט פולשטענדיק אָפּצורייניקן דאָס דייטשיש-פּוילישע פּראָבלעם, כדי צו באַזייטיקן אַלע סיכסוכים“ [71]. די דאָזיקע „געזאַמט-לעזונג“ האָט — לויטן באַריכט פון ליפּסקין — באַדאַרפט, אויסער דער פראַגע גדאַנסק און „קאָרידאָר“, אויך אַרומנעמען די „צוזאַמענאַרבעט צווישן דייטשלאַנד און פּוילן אויפן געביט פון קאָלאָניעס, יידן-עמיגראַציע פון פּוילן און אויף געמיינזאַמע יסודות די פּאָליטיק בנוגע ראַטנפאַרבאַנד אין די ראַמען פון אַנטי-קאָמינטערן-פּאַקט“ [72]. לויט די דערקלערונגען פונעם רומענישן אויסערן-מיניסטער גאַפענקו האָט דער מיניסטער בעק אין פּרינציפּ אָנגענומען די פּראָפּאָנירטע פּונקטן פון דער „געזאַמט-לעזונג“ [73].

מיר קאָנען זיך דאָ ברייטער נישט אָפּשטעלן אויף דער שטעלונג פון דער פּוילישער פאַשיסטישער רעגירונג צו דער יידן-עמיגראַציע. מ'דאַרף אָבער דערמאָנען, אַז דעם 10-טן יאַנואַר איז זי אַרויסגעטראָטן מיט אַ דעקלאַראַציע, אין וועלכער זי האָט אָפן אונטערגעשטיצט די פאַרברעכערישע פּראָיעקטן פון די פאַשיסטישע מלוכות בנוגע דער יידן-עמיגראַציע אין די אַפריקאַנישע לענדער. אין דער דאָזיקער דערקלערונג לייענען מיר צווישן אַנדערן: „אָפּזאָגנדיק זיך איצט פונעם לעזן דאָס פּראָבלעם אויף דער באַזע פון אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענאַרבעט, מוזן די דאָזיקע מלוכות, וועלכע דיספּאָנירן מיט מיטלען אויסצוהיילן איינע פון די ערגסטע חולאתן אין אייראָפּע, זיך רעכענען מיטן פאַקט, אַז אין אַ גאַנצער ריי אייראָפּעישע מלוכות ווערט די יידן-פראַגע אַלץ מער פאַרשאַרפט, דערביי ווערט דער טעריטאָריעלער פאַרנעם פונעם פּראָבלעם אויסגעברייטערט. דאָס וועט פאַרשאַפן די דאָזיקע מלוכות, וועלכע האָבן נאָך נישט ביי זיך דאָס יידן-פּראָבלעם, אַלץ מער זאָרגן. די אינטערנאַציאָנאַלע שוועריקייטן, וועלכע דאָס פּראָבלעם פון יידישע פּליטים רופט שוין אַרויס אין שטעלט פאָר מיט זיך אַ פראַגמענט פונעם אַלגעמיינעם פּראָבלעם איבערצוזידלען אַ טייל אייראָפּעישע יידן, זענען די ערשטע וואָרענונג“ [74].

דאָ איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז די פאָרשטייער פון דער יידישער בורזשואַזיע, שטייענדיק אויפן שטאַנדפּונקט פון עמיגראַציע, האָבן אונטערגעשטיצט די פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג וועגן אַן עקזאָדוס פון די יידן פון פּוילן. זייענדיק אינספּירירט דורך דער פאַשיסטישער פּוילישער רעגירונג, האָבן זיי געשאַפן אַ ספּעציעלן „קאָמיטעט פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע“. סוף

71 „אַגרעסיע אויף פּוילן“, ב. I, ז. 153.
72 דצ"ו, ב. I, ז. 156.
73 דצ"ו, ב. I, ז. 157.

74 „Gazeta Polska“, 11.I.1939.

יאנואר 1939 איז א דעלעגאציע פון דאָזיקן קאָמיטעט ארויסגעפאָרן קיין לאָנ־דאָן, ווו זי איז אויפגענומען געוואָרן דורך ווינטערטאָנען און ראבלין, און פאַר־געשטעלט אירע פאָסטולאַטן.

אינעם צוזאמענשטעל פון דער דאָזיקער דעלעגאציע זענען אריין פאָר־שטייער פון פארשידענע ציוניסטישע גרופירונגען, ווי פראָפ. שאָר, אינזש. ח. איי־גער, ד״ר ראָזמארין, קאראָל זאקס, ווי אויך א פאָרשטייער פון דער קלעריקאַ־לער „אגודה״, דער רב לעווין. חוץ דעם זענען — ווי די פרעסע האָט דעמלט אָנגעגעבן — אין שליחות פון קאָלאָניזאציע־קאָמיטעט ארויסגעפאָרן קיין לאָנ־דאָן דער באַנקיר רפאל שערעשעווסקי, דער פרעזעס פון דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאציע אין פוילן לעאָן לעווויטע א. אנד.[75]

די דעלעגאציע איז געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט מיט די ציוניסטישע אָרגאַניזאציעס פון אנדערע לענדער, וועלכע האָבן אין דער עמיגראציע־פראגע פון דער יידישער באַפעלקערונג געפירט אַן איינהייטלעכע קאַמפּאַניע און האָבן געהאַנדלט אין פארשטענדיקונג מיטן עוויאַנער קאָמיטעט אין לאָנדאָן. די יידישע בורזשואַזיע האָט דעריבער אונטערגעשטיצט אַן ענין, וואָס איז געווען קעגן די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג און האָט נאָר געקאָנט ברענגען און פאַקטיש געברענגט נוצן דער היטלערישער אַנטי־יידישער פּאָליטיק. אזא איז שוין די לאָגיק פון קלאסן־קאַמף, וואָס פירט אומפארמיידלעך די יידישע בורזשואַזיע צום פאַראַט פון די אינטערעסן פון די מיליאָניקע יידישע מאַסן.

די יידישע פאָלקס־מאַסן און די פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ האָט זיך שאַרף אַנטקעגנגעשטעלט די פארעטערישע פּלענער פון דער יידישער בורזשואַזיע. אונטער די רעוואָלוציאָנערע פענער פון דער קפּפּ און אונטער איר אָנפירונג האָבן זיי געפירט א קאַמף קעגן פאַשיזם, אַנטיסעמיטיזם און אויך קעגן די יידישע נאַציאָנאַליסטישע פּארטייען הן אין דער בורזשואַזער, הן אין דער ארבעטער־סביבה. די יידישע און פּוילישע ארבעטער האָבן אונטער דער אָנפירונג פון דער קפּפּ געמיינזאַם געקעמפט בעת די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שטרייקן, בעת די וואַל־קאַמפּאַניעס צום סיים און צו די שטאָטראַטן, ווי אויך קעגן די אַנטי־יידישע פּאָגראָם־העצער און עמיגראציאָניסטישע לאָזונגען. די דאָזיקע קאַמפן זענען געפירט געוואָרן אויף דער באַזע פונעם אַלגעמיינעם קאַמף קעגן דער פּאַ־שיסטישער דיקטאַטור.

די קאָמוניסטן האָבן אויפגעקלערט די ארבעטער־מאַסן פון שטאָט און דאָרף, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז א דיווערסיע־אינסטרומענט פון דער בורזשואַזיע, וואָס איז געריכטעט קעגן זייערע וויטאַלע קלאַסן־אינטערעסן. אדאַנק די סאָלי־דאַרע ארויסטרעטונגען פון די יידישע און פּוילישע ארבעטער אין א סך שטעט,

[75] דצ״וו, פון 7 פעברואַר 1939.

איז די פּאָגראָם־כוואַליע אָפּגעשטויסן געוואָרן. די קאָמוניסטן האָבן געפירט אַן אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן יעדער מין אונטערדריקונג לגבי דער יידישער אָרעמקייט, קעגן דיסקרימינאַציע, פאַר פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער „פּשעגלאָנד“, דער אָרגאַן פון דער קפּפּ, האָט אויפגעקלערט: „דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און קעגן יידן־פאַרפאָלגונגען קאָן נישט באַטראַכט ווערן בלויז אלס פּראָבלעם פון סאָלידאַריטעט מיט די פאַרפאָלגטע, אלס חוב פון פּראָטעסט קעגן יעדער אונטערדריקונג, דאָס באַקעמפן די אַנטי־יידישע העצע אויף יעדן געביט און אין אלע אירע שאַטירונגען איז פאַר דעם ארבעטער־קלאַס און פאַר אלע דעמאָקראַטישע כוחות אין פּוילן אַ וויכטיקער אָפּשניט פון זייער קאַמף קעגן דער סאַנאַטאָרישער און ענדעקישער רעאַקציע, פאַר אַראָפּוואַרפן די פאַשיסטישע דיקטאַטור, פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע“ [76].

דער אַרויספאָר פון דער דעלעגאַציע פון דער יידישער בורזשואַזיע קיין לאָנדאָן איז געווען אַן אונטערשטיצונג פאַר די מאַנעוורען, וועלכע זענען אונטערגענומען געוואָרן דורך די ענגליש־אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן. דעם 10־טן דעצעמבער 1938 האָט האַליפאַקס אין זיין בריוו צו קענאַרדן, דעם בריטישן אַמבאַסאַדאָר אין וואַרשע, אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער וויכטיקייט פון פּוילישן אַספּעקט פון דער יידישער עמיגראַציע, ד. ה. אויף דער נויטווענדיקייט איינצושליסן אין די געפירטע אונטערהאַנדלונגען די פראַגע פון דער יידישער עמיגראַציע פון פּוילן אין אַפריקאַנישע קאָלאָניעס. האַליפאַקס האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אונטער דער ווירקונג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג וויל דער וויאַנער קאָמיטעט זיך פאָרלויפיק פאַרנעמען מיט דער יידן־עמיגראַציע פון דייטשלאַנד און עסטרייך, דאָך איז די בריטישע רעגירונג פאַראינטערעסירט אַרויסצורוקן דעם פּוילישן אַספּעקט פון עמיגראַציע. „פּוילן וועט אין דער דאָזיקער פראַגע, — האָט האַליפאַקס געשריבן, — מיטאַרבעטן מיט גרויס־בריטאַניע“.[77]

אינצווישן האָבן ראַבלי און פּיהל קאָנטינואירט די געשפּרעכן מיט די פאָרשטייער פון דער היטלערישער רעגירונג, מיט גערינגען, שאַכטן, בלעסינגען א. אַנד. דאָס ענגלישע אויסערן־מיניסטעריום האָט אין דער דערמאָנטער זאַמלונג פון דאָקומענטן נישט פאַרעפנטלעכט קיין איין באַריכט פון די בריטישע דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער אין בערלין וועגן די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען, אין וועלכע זיי האָבן אָן ספק זיך באַטייליקט. אַזוי האָבן אויך געהאַנדלט די אַמעריקאַנער רעדאַקטאָרן פון בוך „דאָקומענטן פון דער דייטשישער אויסערן־

[76] אַרכיוו פון דער היסטאָרישער אָפּטיילונג פון צ. ק. פּזפּר: צייטשריפט „פּשעגלאָנד“ נר. 1 פאַר יאַנואַר־פעבר. 1935.

[77] „Docum. Brit. For. Pol.“, t. III, dok. Nr 430.

פּאָליטיק". זיי האָבן באַוווּסטזיניק אויסבאַהאַלטן די דאָקומענטן, וועלכע וואָלטן קאָמפּראָמיטירט זייערע פּאַרטעטרישע מאַכינאַציעס מיט דער היטלערישער רעגירונג.

די פינאַליזירונג פון די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען, הן אין פינאַנסיעלן, הן אין פּאָליטישן זין, אין שייכות מיט דער רעוויזדיקאַציע פון די געוועזענע דייטשישע קאָלאָניעס, האָט געזאָלט פּאָרקומען אין דער העלפט יאַנואַר. די היטלערישע רעגירונג האָט דעמלט געטוישט אייניקע מיטגלידער פון איר דעלעגאַציע. אין אָנבליק פון נייע אַגרעסיע־אַקטן האָט היטלער באַשלאָסן צו קאָנצענטרירן אַלע ווירטשאַפטלעכע רעסאָרטן אין דער האַנט פון מיניסטער פונק, וועלכער איז איבערגעגאַנגען צו פולער פינאַנסיעלער און ווירטשאַפטלעכער מאָביליזאַציע. אין שייכות מיט דעם איז דעם 19־טן יאַנואַר שאַכט באַפרייט געוואָרן פון זיין אַמט אַלס דירעקטאָר פון דער רייכס־באַנק. הגם ער איז ווייטער געבליבן אַ מיטגליד פון דער רעגירונג אַלס מיניסטער אָן אַ טעקע, האָט ער שוין מיט ראַבלין די געשפּרעכן נישט קאָנטינואירט. אויף צו קאָנטינואירן די אונטערהאַנדלונגען מיט די ענגלישע און אַמעריקאַנער פאָרשטייער האָט גערינג באַשטימט וואָהלטאַטן, וועגן וועלכן ראַבלי האָט זיך דערוווּסט — ווי די פּרעסע האָט אָנגעגעבן — ערשט דעם 21־טן יאַנואַר אויף אַ „פּריוואַטער אוידיענץ" ביי גערינגען.

העלמוט וואָהלטאַט איז פריער געווען שאַכטס פאַרטרעטער אינעם אַמט פונעם „גענעראַל־באַפולמעכטיקטן פאַר מלחמה־ווירטשאַפט", און ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אינעם אויפלעבן די דייטשישע קריגס־ווירטשאַפט און די מיליטערישע כוחות פונעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד.[78] אין מאָמענט פון איבערנעמען די אָנפירונג מיט די אונטערהאַנדלונגען איז וואָהלטאַט געווען דעפּאַרטאַמענט־דירעקטאָר פאַר ספּעציעלע דירעקטיוון אינעם „אַמט פאַר די ענינים פון 4־יאָר־פּלאַן", וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך גערינגן. דער דאָזיקער באַקאַנטער היטלעריסטישער דיפּלאָמאַט וועט אין קורצן זיך באַטייליקן אין די בערלינער באַראַטונגען (12—26 פעברואַר) מיט דעם פאָרשטייער פון דער ענגלישער רעגירונג אשטאָן גוואטקין. די דאָזיקע באַראַטונגען זענען געווען אַ פאָרשפּיל צו דער קאָנפערענץ פון די פאָרשטייער פון ענגלישע און דייטשישע מאָנאָפּאָלן אין דיסעלדאָרף. דער זעלבער וואָהלטאַט האָט אויך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין די געהיימע ענגליש־דייטשישע אונטערהאַנדלונגען, וואָס זענען געפירט געוואָרן אין דער העלפט פון 1939 יאָר וועגן דער פראַגע פון שליסן אַ ברייטע פאַרשטענ־

[78] פג"ל דעם געהיימען באַריכט פון וואהלטאטן פון סוף 1937:

„Die Vorbereitung der wirtschaftlichen Mobilmachung durch den Generalbevollmächtigten für die Kriegswirtschaft".

„דער פּראָצעס", ב. XXXVI, ז. 245—273, דאָקום. ע. צ. — 258.

דיקונג, וועלכע וועט — ווי דירקסען האָט אין זיין באַריכט פון 21־טן יולי 1939 געשריבן — אַרומנעמען פּאָליטישע, מיליטערישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען.[79]

צו פירן די אונטערהאַנדלונגען האָט גערינג, חוץ וואָהלטאַטן, באַשטימט אַ צווייטן דיפּלאָמאַט, דעם דייטשישן געזאַנדטן אין פּראָג, אייזענלאָהר. אייזענלאָהר, וועלכער האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער היטלערישער דיפּלאָמאַטיע אין דער צייט פון צעטיילן און אָקופּירן טשעכאָסלאָוואַקיע, איז באַשטימט געוואָרן אַלס „באַפולמעכטיקטער פאַר די אַמטלעכע, אינטערנאַציאָנאַלע אונטערהאַנדלונגען“ אין דער פראַגע פון דער כלומרשטער יידן־עמיגראַציע.

ראַבלי איז נאָך אַ שמועס מיט גערינגען אַרויסגעפאָרן קיין פּאַריז און נאָכדעם קיין לאָנדאָן, בכדי זיך צו באַראַטן — ווי די דעמאָלטיקע פּרעסע האָט געשריבן — מיטן פּרעזידיום פון עוויאַנער קאָמיטעט. פּאַקטיש אָבער איז ער געפאָרן צו די אַמבאַסאַדאָרן פון אַמעריקע בולליט און קענעדי און צו דער ענגלישער רעגירונג נאָך נייע אינסטרוקציעס.

אין דער זעלבער צייט האָט גערינג, וואַרטנדיק אויפן אָנגעמען זיינע באַדינגונגען, געשאַפן, אויף צו פאַרמאַסקירן זיינע פעלקערמערדערישע פּלענער בנוגע די יידן, די „רייכס־צענטראַלע פאַר יידישער אויסוואַנדערונג“. אַלס לייטער פון דער דאָזיקער „צענטראַלע“ האָט ער באַשטימט היידריכן, דעם שעף פון דער זיכערקייטס־פּאָליציי און ס. ד. אין אַ געהיימען צירקוליאַר פון 24־טן יאַנואַר 1939 האָט גערינג רעקאָמענדירט היידריכן אונטערצונעמען אַלע מיטלען (פּאָליציאישע) אויף צוצוגרייטן די גרויסע עמיגראַציע פון יידן, זיך באַמיען צו געווינען און געהעריק אויסנוצן די לענדער און אויסלענדישע פאָנדן, צוציען (צו מיטאַרבעט) די אַנטשפּרעכנדיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס א.אַז.וו.

גערינג, אָנפאַרטרויענדיק דער „צענטראַלע“ אַזאַ וויכטיקע פּאָליטישע אויפגאַבע, האָט צוגעטיילט היידריכן צו מיטאַרבעט די צוויי דערמאָנטע דיפּלאָמאַטן — וואָהלטאַטן און אייזענלאָהרן, וועלכע זענען אַריינגעגאַנגען אין באַשטאַנד פון פּרעזידיום פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע. ס'זענען אויך געשאַפן געוואָרן פיליעס, די אַזוי גערופענע צענטראַלשטעלעס, אין די הויפּט־שטעט פון די אָקופּירטע לענדער: אין ווין, פּראָג, (1940), אַזוי אויך אין אַמסטערדאַם און אין אַנדערע שטעט. דאָס שאַפן די דאָזיקע אַמטן איז פון אָנהייב אָן געווען פאַרבונדן מיט פאַרברעכערישע צילן. די דאָזיקע צענטערס, אָנהאַלטנדיק פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד, האָבן זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש און דיווערסיע־אַרבעט און זיי זענען געוואָרן אַן עקספּאָזיטור פון דער „פינפטער קאָלאָנע“. אין פּעריאָד פון דער מאַסן־פאַרניכטונג פון די יידן האָבן די דערמאָנטע אַמטן, מיטאַרבעטנדיק

[79] „דאָקומענטן און מאַטעריאַלן“, ב. II, ז. 64; „די פעלשער פון געשיכטע“, ז. 49.

מיט דער זיכערהייטס=פּאָליציי און מיט דער ווערמאַכט, זיך אויך פאַרנומען מיט „עמיגראַציע", ד. ה. מיטן דעפּאָרטירן די ייִדן אין פאַרניכטונגס=לאַגערן.

איינצייטיק מיטן שאַפן די דערמאָנטע „צענטראַלע פאַר ייִדישע עמיגראַציע=פראַגן" האָט דאָס היטלערישע אויסערן=מיניסטעריום אַרויסגעשיקט צו זיינע אויסלענדישע פּלאַצוווקעס צוויי געהיימע אינסטרוקציעס וועגן דער ייִדן=פראַגע, וואָס קלערן אויף דעם דעמאָלטיקן עטאַפּ פון דער פעלקערמערדערישער פּאָליטיק פון דער היטלערישער רעגירונג. די דאָזיקע דאָקומענטן דינען אלס רייכער מאַטעריאַל צום כאַראַקטעריזירן דעם אמתן פרצוף פון דער היטלעריסטישער דיפּלאָמאַטיע. די ערשטע אינסטרוקציע איז דאַטירט פון דעם 25=טן יאַנואַר 1939 און איז נוגע דער עמיגראציע=פראגע. זי קלערט אויף די היטלערישע פאָרשטייער דעם זין פון די צו יענער צייט געפירטע אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון ענגלאַנד און אַמעריקע. די אינסטרוקציע א. נ. „דאָס ייִדן=פראָבלעם אַלס פאַקטאָר פון דער דייטשישער אויסערן=פּאָליטיק אין יאָר 1938",[80] אונטערגעשריבן דורך שומבערגן פון פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט, האָט אויפגעקלערט, אַז די „נויטווענדיקייט פון אַ ראַדיקאַלער לעזונג פון דער ייִדן=פראַגע איז געווען אויך אַ פועל=יוצא פון די זיך אַנטוויקלענדיקע געשעענישן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק".

נאָכן אָנגעמען אַ שטעלונג צו דער עוויאַנער קאָנפערענץ און צו דער אַרבעט פון לאָנדאָנער קאָמיטעט, נאָכן פעסטשטעלן, אַז די מערב=מלוכות קאָנען נישט לעזן די עמיגראַציע=פראַגע פון די ייִדן, האָט דאָס אויסערן=מיניסטעריום אויפגעקלערט, אַז „די ייִדן=פראַגע קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אינטערנאַציאָנאַל פּאָליטיש פראָבלעם", אויב אין אַלע לענדער וועלן זיך שטאַרקן די אַנטיסעמיטישע שטימונגען. „דווקא איצט, — איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן אין דער אינסטרוקציע, — ווערט אַ וויכטיקע אויפגאַבע פון דער דייטשישער פּאָליטיק דאָס קאָנטראָלירן און, אויף וויפל ס'איז מעגלעך, דאָס אָנפירן מיטן שטראָם פון דער ייִדישער עמיגראַציע" אין די אינטערעסן פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד און פון אירע פעלקערמערדערישע פּלענער. „דעריבער טאַקע, — שטעלן פעסט די אויטאָרן, — וועט דאָס רייך אַליין איבערנעמען די איניציאַטיוו צו געפינען וועגן, מיטלען און דאָס באַשטימטע אָרט פאַר דער ייִדישער עמיגראַציע פון דייטשלאַנד". דאָס איז אָבער נישט קיין לאָקאַלע פראַגע. „דאָס ייִדן=פראָבלעם וועט פאַר דייטשלאַנד נישט זיין געלעזט, — לייענען מיר אין דער אינסטרוקציע, — אַפילו דעמאָלט, ווען דער לעצטער ייִד וועט פאַרלאָזן דאָס לאַנד". דייטשלאַנד איז פאַראינטערעסירט, אַז ס'זאָל קומען „אַן אינטערנאַציאָנאַלע לעזונג" פון דאָזיקן פראָבלעם. די אויסלענדישע פּלאַצוווקעס זענען דעריבער מחויב זיך צו

---

[80] „דער פראָצעס", ב. XXXII, ז. 237—245.

פאַרנעמען מיטן פאַנאַנדערבלאָזן דאָס עמיגראַציע־פּראָבלעם אין אַלע לענדער. אין צוזאמענהאַנג מיט דעם איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז „די אויפגאַבע פון דער דייטשישער אויסערן־פּאָליטיק דאַרף זיין דאָס פאַרשטאַרקן די אַנטיסעמיטישע כוואַליע“.[81]

פון דער דאָזיקער אינסטרוקציע איז קלאָר, אַז דאָס אַרויסרוקן דורך דער היטלערישער רעגירונג דאָס פּראָבלעם פון יידישער עמיגראַציע ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע איז דיקטירט געוואָרן פון פאַרברעכערישן דראַנג פאַנאַנדערצוּוויגן אַן אַנטיסעמיטישע באַוועגונג. דאָס איז דעריבער געווען אַ פּאָליטישע דיווערסיע. דער וווּקס פון דער אַנטיסעמיטישער כוואַליע אין די באַזונדערע לענדער האָט דאָך געדינט דעם פאַשיסטישע דייטשלאַנד אַלס פאַרבינדעטער, געשטאַרקט זיין הינטערלאַנד, געווען פאַר אים אַן אונטערשטיצונג אין דער דיווערסיע־אַרבעט פון דער אייגענער רעאַקציע ביים איינשלעפּערן די געזעלשאַפטלעכע וואַכזאַמקייט בנוגע דער ווירקלעכער געפאַר, וואָס דראָט מצד היטלער־דייטשלאַנד. הייבריך מיט זיין שטאַב האָבן דערווייל געקאָנט רואיק צוגרייטן דעם פּלאַן פון פאַרטיליקן די יידן אין אייראָפּע.

די אויבן דערמאָנטע אינסטרוקציע, אומאָפּהענגיק פונעם אינספּירירן די דיפּלאָמאַטישע פּלאַצוווקעס צו פאַרשפּרייטן אין אייראָפּע און אין אַמעריקע אַן אַנטיסעמיטישע העצע, רעקאָמענדירט אויסצונוצן די יידישע עמיגראַציע־פראַגע פאַר די ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פון רייך. דאָס פאַנאַנדערבלאָזן די עמיגראַציע־פראַגע בעת די דעמלטיקע שווערקייטן אויפן דאָזיקן געביט (דאָס שליסן די גרענעצן דורך אַלע מלוכות) איז געוואָרן אין די הענט פון דער היטלערישער דיפּלאָמאַטיע אַ וויכטיק געווער בעת די אונטערהאַנדלונגען וועגן קאָלאָניעס, וועגן קרעדיטן פון אַמעריקע, ענגלאַנד א. אַנד.

אין דער דאָזיקער אינסטרוקציע איז אויך אויפגעקלערט געוואָרן, אַז די היטלערישע רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפן די קאָנצעפּציע וועגן טראַנספער, אפילו פון א טייל פון יידישן פאַרמעגן.

אַ דערגענצונג צו דער דערמאָנטער אינסטרוקציע איז געווען דער צירקוליאַר פון ווייהל, דעם דירעקטאָר פון עקאָנאָמישן דעפּאַרטאַמענט ביים אויסערן־מיניסטעריום, אויך פון 25־טן יאַנואַר 1939. ווייהל, וועלכער האָט צוזאַמען מיט וואָהלטאַטן און אַנדערע היטלערישע דיפּלאָמאַטן אַנטיילגענומען אין די געהיימע געשפּרעכן מיט די פאָרשטייער פון דער ענגלישער און אַמעריקאַנער רעגירונגען, האָט אין זיין צירקוליאַר אויף אַ צביעותדיקן אופן געפּרווט באַרעכטיקן די באַרבאַרישע אַנטי־יידישע פאַראָרדענונגען פון יאָר 1938 וועגן רויבן דאָס יידישע פאַרמעגן, וועגן באַזייטיקן יידן פון די אַרבעטס־פּלעצער, צונעמען ביי זיי אַלע פּרנסה־

---

[81] „Diese antisemitische Welle zu fördern muss eine Aufgabe der deutschen Aussenpolitik sein“.

קוואַלן א.אַז.וו. לסוף קלערט ער אויף, אַז אין יאָר 1939 וועט פאָרקומען אַ פולשטענדיקע עלימינירונג פון אַלע יידן פונעם ווירטשאַפטלעכן לעבן אין רייך, אומאָפּהענגיק פון זייער מלוכה־צוגעהעריקייט.[82]

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די אינסטרוקציעס, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון היטלערישן אויסערן־מיניסטעריום צו די דיפּלאָמאַטישע פּלאַצוווקעס בעת דעם איבעררייס אין די בערלינער אונטערהאַנדלונגען, ווייל זיי באַשטעטיקן נאָכאַמאָל קאָנקרעט, אַז די נאָכגיביקייט און מילדע שטעלונג פון די ענגלישע, פראַנצויזישע און אַמעריקאַנער רעגירונגס־ספערן האָט געמוטיקט און געשטויסן דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד אויסצואַרבעטן וואָס ווייטער אַלץ אין אַ ברייטערן פאַרנעם די פעלקערמערדערישע פּלענער בנוגע יידן, פּונקט ווי דאָס האָט געשטויסן צו נייע אַגרעסיע־אַקטן.[83]

ראַבלי, אומקערנדיק זיך קיין בערלין, האָט קאָנטינויִרט די אונטערהאַנדלונגען מיט וואָהלטאַטן, וועלכע זענען פאַרענדיקט געוואָרן דעם 2־טן פעברואַר 1939. דער גענויער פאַרלויף פון די דרייוואָכיקע געשפּרעכן איז נאָך פאָרלויפיק אַ סוד פון די דיפּלאָמאַטישע אַרכיוון. אין זיינע זכרונות גיט אָן דירקסען, אַז וואָהלטאַט איז אויך שפּעטער געפאָרן קיין לאָנדאָן זיך צו פאַרשטענדיקן וועגן געוויסע פראַגן.[84] ראַבלי ווידער האָט פאַר זיין אָפּפאָרן פון בערלין דערקלערט, אַז „די געשפּרעכן זענען מיט דערפאָלג דערפירט געוואָרן ביזן סוף", אַז ער איז פון זיי צופרידן און אַז ער קוקט מיט אָפּטימיזם אין דער צוקונפט.[85] ראַבלי האָט געבראַכט קיין לאָנדאָן אַ מעמאָריאַל, וואָס איז אַפּראָבירט געוואָרן דורך דער היטלעריסטישער רעגירונג, וועלכער האָט געזאָלט פּרעציזירן די רעזולטאַטן פון די דורכגעפירטע געשפּרעכן אין דער פראַגע פון יידישער עמיגראַציע. דער דאָזיקער דאָקומענט איז נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, נאָר ערשט דעם 13־טן פעברואַר, ווען ס'איז געעפנט געוואָרן די פּלענאַרע זיצונג פון עוויאַנער קאָמיטעט אין לאָנדאָן, האָט די בורזשואַזע פּרעסע געמאָלדן וועגן די דערגרייכטע רעזולטאַטן. אַזוי, למשל, האָט דער „טיימס" און „ניו־קראָניקל", אויסבאַהאַלטנדיק באַוווסטזיניק די הינטערקוליסן־מאַכינאַציעס, מיט וועלכע עס איז געווען פאַרבונדן די נייע הלוואה, אָנגעגעבן, אַז די היטלערישע רעגירונג האָט מסכים געווען צו פינאַנסירן פולשטענדיק די יידישע עמיגראַציע פון די פאָנדן, וואָס זי האָט

[82] נירנבערגער פּראָצעס, נר. XI, דאָקום. נ. נ. — 3881.

[83] די ציטירטע דאָקומענטן זענען אויך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע: „דאָקומענטן פון דער דייטשישער אויסערן־פּאָליטיק", הגם זיי האָבן זיך געפונען צווישן די דאָקומענטן־זאַמלונגען, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי־אָנפירונג.

[84] דירקסען דצ"ו, ז. 237.

[85] „Gazeta Polska", 4.II.1939.

באַקומען פונעם קאָנפיסקירן די יידישע פאַרמעגנס אין רייך. די דאָזיקע צייטונגען האָבן אויך אָנגעגעבן, אַז די עמיגראַציע וועט געדויערן פיר יאָר א.אַז.וו. די היטלערישע רעגירונג זאָל זיך כלומרשט האָבן פאַרפליכטעט, אז די יידן, וואָס וועלן צוליב געוויסע טעמים נישט קאָנען עמיגרירן פון לאַנד, וועלן נישט פאַרפאָלגט ווערן.

די רעאַקציאָנערע פרעסע, באַמיענדיק זיך אָפּצונאַרן די עפנטלעכע מיינונג, האָט זיך צעשריבן וועגן דער נאָכגיביקייט פון דער היטלערישער רעגירונג. זי האָט זיך באַמיט פאַרצושטעלן די רעזולטאַטן פון די אונטערהאַנדלונגען אַלס אַ וויכטיקע דערגרייכונג פון דער ענגליש-אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטיע. אין די אַלע געפעלשטע מעלדונגען וועגן די יידישע עמיגראַציע-מעגלעכקייטן איז נישט דערמאָנט קיין וואָרט וועגן אָרט, וווּהין זי וועט ווערן געריכטעט. פאַר דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט איז באַוווּסטזיניק אויסבאַהאַלטן געוואָרן דער פאַקט פון דער נייער פאַרשטענדיקונג מיט דער היטלערישער רעגירונג אין דער פראַגע וועגן מאַסן-דעפּאָרטאַציע פון די יידן אין מזרח-אַפריקע. מ'האָט זיי אָבער געשפּייזט מיט באַרואיקונגס-ידיעות, אויסבאַהאַלטנדיק די אַקטן פון דער פאַרעטערישער פּאָליטיק. די היטלערישע רעגירונג האָט אָבער שוין נישט אויסבאַהאַלטן אירע דעמאָלטיקע פאַרברעכערישע פּלענער בנוגע די יידן. אַלפרעד ראָזענבערג האָט אין זיין אַרויסטרעטונג דעם 7-טן פעברואַר (אין טאָג פונעם עפענען די פּאַלעסטינער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן) דערקלערט אין דער אָנוועזנהייט פון אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן און פרעסע-פאָרשטייער, אַז די היטלערישע רעגירונג זעט די איינציקע לעזונג פון דער יידן-פראַגע אין דער קאָנצענטראַציע פון אַלע יידן אויף אַ געשלאָסענער טעריטאָריע. דער דאָזיקער „רעזערוואַט" האָט לויט ראָזענבערגן באַדאַרפט אַריינגעמען 15 מיליאָן יידן, ד. ה. נישט בלויז די יידן פון אייראָפּע, נאָר אויך פון אַנדערע וועלט-טיילן. ראָזענבערג האָט ווייטער דערקלערט, אַז אָפיציעל איז מען שוין געקומען צו אַ הסכם (מיט די פאָרשטייער פון ענגלאַנד און אמעריקע) אין צוויי עמיגראַציע-פּראָיעקטן: אויף מאַדאַגאַסקאַר און גויאַנע. דאָס גאַנצע פּראָבלעם פון יידישער עמיגראַציע באַגרענעצט זיך איצט צו די צוויי טעריטאָריעס. די מערב-מלוכות — האָט ראָזענבערג געזאָגט — דאַרפן זיך דעצידירן, וווּהין זיי וועלן שיקן די מיליאָנען-מאַסע פון דער יידישער באַפעלקערונג.[86] ראָזענבערג האָט נישט אויפגעדעקט בלויז איין וויכטיקן פּרט, אַז די דעפּאָרטאַציע פון די יידן אין די לענדער פון מזרח-אַפריקע האָט געהאַט אַן ענגן שייכות מיטן אָנפאַרטרויען דעם היטלערישן דייטשלאַנד דעם מאַנדאַט אויף די דערמאָנטע קאָלאָניעס.

[86] „דער פּראָצעס", ב. XII, ז. 545—547, דאָקום. שטרייכער — 8.

אָט אַזאַ פֿאַרברעכערישע דיפּלאָמאַטישע שפּיל האָבן געפֿירט די רעגירונגס־קליקעס פֿון אַמעריקע, ענגלאַנד און פֿראַנקרייך אין דער גורל־פֿראַגע פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. די דאָזיקע מלוכות זענען נישט אַרויסגעטראָטן קעגן דער היטלעריסטישער דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק. זיי האָבן דאָך אַליין זינט צענדליקער יאָרן ברוטאַל עקספּלאָאַטירט די קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע פֿעלקער און געפֿירט אַ ראַסיסטישע דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק לגבי נעגערס און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין זייערע לענדער. דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, פּונקט ווי דער היטלעריזם, האָט זיך באַנוצט מיט דער דאָקטרין פֿון ראַסיזם און געאָפּאָליטיק, וואָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿון דער קרובהשאַפֿט פֿונעם אַנגלאָ־אַמעריקאַנער און דייטשישן אימפּעריאַליזם. דעריבער, פּונקט ווי אין די אַלגעמיינע אינטערנאַציאָנאַלע ענינים, אַזוי אויך אין די אַקטועלע עמיגראַציע־פֿראַגן פֿון יידישע פּליטים — קרבנות פֿון פֿאַשיזם — האָבן די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן מיט זייער נאָכגיביקער פּאָליטיק מיטגעהאָלפֿן צום אויסברייטערן זיך פֿון די היטלערישע פֿאַרניכטונגס־פּלענער לגבי יידן.

אונטערן מאַנטל פֿון זאָרג וועגן גורל פֿון די פּליטים האָט מען געוואָלט געבן דעם פֿאַשיסטישן דייטשלאַנד נייע קרעדיטן, וועלכע וואָלטן געשטאַרקט זיין ווירטשאַפֿטלעכן און קריגס־פּאָטענציאַל. די דאָזיקע שווינדלערישע מאַנעוורען זענען, פֿאַרשטייט זיך, געווען אין הסכם מיט די טראַדיציאָנעלע האַנדלונגען פֿון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות: שטאַרקן די רעאַקציאָנערע און פֿאַשיסטישע כוחות אין דייטשלאַנד, פֿירן אַ מילדע פּאָליטיק לגבי דעם אַגרעסאָר. די רעגירונגען פֿון די מערב־מלוכות האָבן שוין דעמלט גענוי געוווסט, אַפֿילו פֿון די פֿאַרשידענע דערקלערונגען פֿון העכערע היטלערישע פֿירער, וואָס עס הייסט אין די היטלעריסטישע פּלענער „עמיגראַציע“ פֿון די יידן, ווי ס'זעט אויס דער טעריטאָריאַלער פֿאַרנעם פֿון די דאָזיקע פּלענער, פּונקט ווי זיי האָבן געוווסט, אַז די היטלערישע ווערמאַכט גרייט זיך צו ווייטערדיקע אַגרעסיע־אַקטן אויף טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן און אויף אַנדערע לענדער. דאָך האָבן זיי אויסגעאיבט אַ דרוק אויף די דאָזיקע לענדער, אַז זיי זאָלן אָפּוואַרפֿן די הילף פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, און זיי זאָלן אָננעמען די היטלערישע באַדינגונגען. די שפּיל פֿון דער ענגלישער און אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטיע איז אין בערלין געווען גוט באַקאַנט און זי איז אָנגענומען געוואָרן, ווי אַ באַווייז, אַז מ'קאָן שטראָפֿלאָז קאָנטינואירן די אַגרעסיע און גלייכצייטיק קאָן מען צוגרייטן — מיט דער הילף פֿון די דאָזיקע מלוכות — די דעפּאָרטאַציע פֿון מיליאָנען יידן אין די אַפֿריקאַנישע קאָלאָניעס, וווּ זיי וועלן אין ערשטן פּעריאָד אומקומען פֿונעם געפֿערלעכן טראָפּיקאַלישן קלימאַט, און שפּעטער וועט מען לגבי זיי — ביי די אַנטשפּרעכנדיקע באַדינגונגען — אָנווענדן „אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג“.

אַפילו די פעלקערמערדערישע אַקצענטן אין היטלערס רעדע פונעם 30־טן יאַנואַר 1939 און די געוואַלדיקע אויפרעגונג, וואָס די רעדע האָט אַרויסגערופן אין דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, האָבן נישט געווירקט אויף די רעגירונגען פון אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך, זיי זאָלן ענדערן זייער איינשטעלונג. היטלערס ציניש דערקלערונג, אַז אויב „די אינטערנאַציאָנאַלע יידישע פינאַנסעריע (א באַצייכענונג, וואָס באַציט זיך צו די דעמאָקראַטישע לענדער — א. א.) אין אייראָפּע און אויסער איר וועט זיך איינגעבן נאָכאַמאָל אַריינצוציען די פעלקער אין אַ נייער וועלט־מלחמה, וועט זי זיך פאַרענדיקן נישט מיטן באָלשעוויזירן די וועלט און נישט מיטן נצחון פון די יידן, נאָר מיט דער פאַרניכטונג פון דער יידישער ראַסע אין אייראָפּע“,[87] איז צו יענער צייט שוין געווען נישט בלויז אַן אויסדרוק פון פּאָליטישן שאַנטאַזש, מיט וועלכן היטלער האָט זיך באַנוצט ביים לעזן אייראָפּעישע פּראָבלעמען, נאָר אַ מין אולטימאַטום, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין גאַנג פון די אונטערהאַנדלונגען צווישן וואָהלטאַטן און ראַבלין.

היטלערס אַרויסטרעטונגען האָבן זיך דעמאָלט געשטיצט אויף רעאַלע פאַרבאַדינגונגען און אויף באַוואָפענונגס־צוגרייטונגען צו נייע אַגרעסיע־אַקטן, אויפן סמך פון היידריכס פּלאַן פון יידן־פאַרניכטונג. דעריבער האָט היטלער אין זיין רעדע אויפגעדעקט די מעטאָדן, וועלכע ער איז דעצידירט אָנצווענדן ביים „לעזן די יידן־פראַגע“. כאַראַקטעריסטיש אין דעם פרט איז היטלערס אַקצענטירונג, אַז די פאַשיסטישע מלוכות באַזיצן שוין די געהעריקע איינריכטונגען צו רעאַליזירן זייער געפּלאַנטע יידן־פאַרניכטונג.

די אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן, ראַבלי און פּיהל, האָבן מיט צוויי טעג שפּעטער אָנגענומען די פאַרעטערישע פּראָפּאָזיציעס פון דער היטלערישער רעגירונג, ווייל מ׳האָט זיי געקאָנט געשיקט אויסנוצן אין דער פאַרשטענדיקונגס־פּאָליטיק מיט פאַשיסטישן דייטשלאַנד. וואָהלטאַט איז אַרויסגעפאָרן קיין לאָנדאָן און דאָרט קאָנטינואירט די געהיימע געשפּרעכן מיט די פאָרשטייער פון ענגלאַנד און אַמעריקע.

כדי צו פאַרמאַסקירן דעם אייגנטלעכן כאַראַקטער פון דער הלוואה פאַר דייטשלאַנד, האָט זיך פארנומען מיטן באַשטימען אירע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען דער עוויאַנער קאָמיטעט אין לאָנדאָן אויף זיין פּלענאַר זיצונג פון 13־טן און 14־טן פעברואַר 1939. די אַגענטור „יונייטעד פּרעס“ האָט געמאָלדן פון לאָנדאָן, אַז אין שייכות מיט דעם, איז דעם 15־טן פעברואַר פאָרגעקומען אַ זיצונג פון א קליינער גרופּע פינאַנסיסטן, אין וועלכן ס׳האָט זיך באַטייליקט מ. טאַילאָר, דער פאָרשטייער פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל, וואָס האָט באַדאַרפט רעאַליזירן די

---

[87] „היטלערס רעדעס“, מינכענער אויסגאַבע 1943, ב. I, היטלערס רעדע פון 30 יאַנואַר 1939.

הלוואה. די פּרעסע האָט אָנגעגעבן, אַז די פינאַנס־קרייזן זענען שוין אַפילו צוגעטראָטן צו מאָנטירן אַ פינאַנס־סינדיקאַט, וואָס האָט אין זיין טעטיקייט זיך געזאָלט שטיצן אויף אַ קאַפּיטאַל פון 300 מיליאָן דאָלאַר.[88]

דער עוויאַנער קאָמיטעט האָט באַפולמעכטיקט דעם לאָרד ווינטערטאָן צו נאָמינירן באַפולמעכטיקטע צום אונטערהאַנדלען מיט דער היטלערישער רעגירונג. קודם־כל האָט קיין בערלין געזאָלט אַרויספאָרן פּיהל מיט אַ גרופּע עקספּערטן, וועלכע האָבן באַדאַרפט קאָנטינואירן די געשפּרעכן מיט גערינגען און וואָהלטאַטן.

די געשפּרעכן אויף דער דאָזיקער טעמע זענען קאָנטינואירט געוואָרן אין בערלין בעת באַזוך פון גוואַטקינען, דעם שעף פון דער עקאָנאָמישער סעקציע אין פאָריין־אָפיס. אין משך פון זיין באַזוך (19—26 פעברואַר) האָט גוואַטקין אָפּגעהאַלטן אַ ריי קאָנפערענצן מיט די פאָרשטייער פון דער היטלערישער רעגירונג — מיט גערינגען און זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער, ווי נוימאַן, גריצבאַד, וואָהלטאַט און שמידט, מיט ריבענטראָפן (אויך מיט ווידלען, העוולען, בילעפעלדן א. אנד.), מיט פונקן, מיט די דירעקטאָרן פון דער רייכסבאַנק, דרעזדענער און אויך מיט אַנדערע בערלינער בענק.

גוואַטקינס באַריכט פונעם 5־טן מערץ[89] וועגן די בערלינער געשפּרעכן, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר דער ענגלישער רעגירונג, ברענגט אַריין אייניקע נייע מאָמענטן אין די אונדז שוין באַקאַנטע פאַקטן וועגן די ענגליש־אַמעריקאַנער אונטערהאַנדלונגען. ער גיט אָבער נישט קיין פול בילד פון די געשפּרעכן, וואָס זענען געפירט געוואָרן אין בערלין, צווישן אַנדערע וועגן דער פראַגע פון אומקערן די קאָלאָניעס. גוואטקין, וואָס אַן אמת, דערמאָנט, אַז די היטלערישע רעגירונג האָט, צוגרייטנדיק זיך איבערצונעמען די קאָלאָניעס, געשאַפן אַן אַפריקאַנישן דעפּאַרטאַמענט אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר בילעפעלד (געוועזענער סעקרעטאַר פון דער דייטשישער אַמבאַסאַדע אין לאָנדאָן, וועלכער האָט זיך איצט באַטייליקט אין די אונטערהאַנדלונגען), ער גיט אָבער צו, אַז די רעווינדיקאַציע פון די קאָלאָניעס האָט מען בלויז דרך־אגב באַרירט. דער קאָרעספּאָנדענט פון דער אַגענטור „יונייטעד פּרעס" האָט אָבער געמאָלדן פון בערלין, אַז די היטלעריסטן האָבן אויסגענוצט די געשפּרעכן אויף צו פּרעציזירן זייערע קאָלאָניאַלע פאָדערונגען. די היטלערישע דיפּלאָמאַטן זאָלן האָבן דערקלערט, אַז דאָס דערמעגלעכן פאַרן רייך אַ צוטריט צו די קוואַלן פון רוישטאָף איז דער באַדינג אָנצובינדן נאָרמאַלע באַציונגען צווישן די פאַראינטערעסירטע מלוכות.[90]

88 „Gazeta Polska", 14.I.1939; „Nasz Przegląd", 16.II.1939.
89 „Docum. Brit. For. Pol." t. IV, p. 597—608.
90 „Nasz Przegląd", 25.II.1939 r.

סוף פעברואַר 1939 האָט טאַקע די ענגלישע רעגירונג—ווי דירקסען שטעלט פעסט אויפן סמך פון וואָהלטאַטס אינפאָרמאַציעס — באַשלאָסן אומצוקערן דייטשלאַנד די געוועזענע קאָלאָניעס.[91] דער דאָזיקער פאַקט געפינט זיין פולשטענדיקע באַשטעטיקונג אין די שפעטערדיקע דערקלערונגען פון מיניסטער האַליפאַקס אין לאָרדן-הויז (20-טער מערץ) און פון פרעמיער טשעמבערליין אין פאַרלאַמענט (23-טער מערץ), וועלכער האָט דערקלערט צווישן אַנדערן: „די ענגלישע רעגירונג וויל נישט שטיין אין וועג די גערעכטע שטרעבונגען פון דייטשלאַנד אויסצוברייטערן זיין עקספאָרט. פאַרקערט, מיר האָבן זיך געפונען אין גאַנג פון די פריינדלעכסטע געשפרעכן וועגן די מעגלעכקייטן פון שליסן האַנדלס-אָפּמאַכן, וואָס וואָלטן געווען נוצלעך פאַר ביידע לענדער. צום באַדויערן האָבן אָבער די געשפרעכן געמוזט איבערגעריסן ווערן צוליב די אַנטשטאַנענע געשעענישן“ (אַנעקסיע פון טשעכאָסלאָוואַקיע).[92]

גוואַטקין האָט אויך פאַרשוויגן דעם פאַקט, אַז אין די בערלינער געשפרעכן זענען באַרירט געוואָרן אין ענגן שייכות מיט דער רעווינדיקאַציע-פראַגע און וועגן אַ נייער הלוואה — אויך די יידן-פראַגע. דאָס ענגלישע אויסערן-מיניסטעריום האָט צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים נישט פובליקירט די דאָזיקע קאָמפּראָמיטירנדיקע פאַקטן, וועלכע ווערן צופעליק דערמאָנט דורך אַן אַנדערן באַריכט-אָפּגעבער פאול שמידט (דעם הויפט-דאָלמעטשער פון היטלערישן אויסערן-מיניסטעריום) אין זיין באַריכט פונעם 23-טן פעברואַר 1939 וועגן די געשפרעכן צווישן גוואַטקינען און פונקן.[93] שמידט דערמאָנט, אַז גוואַטקין האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירונג צו די ענינים פון אָפּצאָלן די הלוואה און פאַר דער יידן-פראַגע. אויף גוואַטקינס אָנפראַגע — שרייבט שמידט — צי „די לעזונג פון דער יידן-פראַגע איז אַריינגענומען געוואָרן אין די וויכטיקסטע באַדינגונגען ביים רעגולירן די האַנדלס- און וואַלוטע-באַציונגען, האָט פונק געגעבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער און גלייכצייטיק אויסגעדריקט דעם גלויבן, אַז אין משך פון 2—3 יאָר וועט די יידן-פראַגע זיין ליקווידירט“.

גוואַטקינס געשפרעכן מיט די היטלערישע דיפּלאָמאַטן און דאָס צוגרייטן די אָפּמאַכן, לויט וועלכע די יידישע באַפעלקערונג איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די היטלעריסטן, זאָגן עדות אויף דער טאָפּלטער פאַרעטערישער שפּיל פון די ענגלישע און אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן אויך בנוגע דער גורל-פראַגע פון די אייראָפּעישע יידן. אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע געשפרעכן איז אין דער

[91] „דאָקומענטן און מאַטעריאַלן“, ב. II, ז. 159, פון דירקסענס געהיימען ראַפּאָרט.
[92] „אַגרעסיע אויף פוילן“, ב. I, ז. 238—259.
[93] Docum. Germ. For. Pol. IV, p. 416.
שמידטס מעמאָראַנדום פון 24 פעבר. 1939.

העלפט מערץ 1939 איז דיסעלדאָרף געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך צווישן דער פעדעראַציע פון דער בריטישער אינדוסטריע און אַ גרופּע אינדוסטריעלער פון היטלעריש דייטשלאַנד, ווי אויך אַן אָפּמאַך צווישן אַמעריקאַנער נאַפט־טרעסט „סטאַנדאַרט אויל" מיטן דייטשישן כעמישן קאָנצערן „אי. ג. פארבן־אינדוסטרי". די דאָזיקע אָפּמאַכן זענען געווען אַ ווייטערדיקע פאַרשטאַרקונג פון מיליטערישן פּאָטענציאַל פון דייטשלאַנד, זיי זענען אויך געווען אַ דערמוטיקונג צו ווייטערדיקע אַגרעסיע־אַקטן און גלייכצייטיק צום אויסאַרבעטן פאַרברעכערישע פּלענער אויף אומצוברענגען די אייראָפּעישע יידן.

קיין בערלין זענען נאָך פאַרן אָפּמאַך אין דיסעלדאָרף אַרויסגעפאָרן: ה. עמערסאָן — דער הויך־קאָמיסאַר, און פּיהל — דער וויצע־דירעקטאָר פון דעם לאָנדאָנער ביוראָ, און האָבן געפירט געשפּרעכן מיט וואָהלטאַט, „בכדי צו פּרעציזירן די באַדינגונגען — ווי ס'האָט געשריבן דער קאָרעספּאָנדענט פון דער „פּאַט"־אַגענטור פון בערלין — פון דער יידישער עמיגראַציע פון דייטשלאַנד"[94]. סוף פעברואַר איז טיילאָר געקומען קיין רוים און קאָנפערירט מיטן אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר פיליפּס און מיטן פּרעמיער פון דער איטאַליענישער רעגירונג פאַר די ענינים פון יידישע פּליטים.

די אַנטוויקלונג פון די פּאָליטישע געשעענישן, באַזונדערס די אַנעקסיע פון טשעכאָסלאָוואַקיע (15 מערץ 1939), האָבן אוממעגלעך געמאַכט דאָס רעאַליזירן די געהיימע אונטערהאַנדלונגען וועגן רעווינדיקאַציע פון קאָלאָניעס, באַשטימען אַ הלוואה און דורכפירן אַ מאַסן־עמיגראַציע פון יידן אין מזרח־אַפריקע. די פּאָליטישע סיטואַציע אין אייראָפּע איז דעמאָלט נישט געווען גינסטיק פאַרן פאַרנעמען זיך מיט די דאָזיקע פראַגן. ערשט אין יוני און יולי 1939 זענען אין לאָנדאָן קאָנטינוּאירט געוואָרן די געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט דער היטלערישער רעגירונג (וועמען ס'האָט רעפּרעזענטירט וואָהלטאַט) וועגן קומען צו אַ ברייטער פּאָליטישער פאַרשטענדיקונג מיטן פאַשיסטישן דייטשלאַנד.

* * *

דער אַנאַליז פון די היסטאָרישע געשעענישן נאָך פאַר דער היטלערישער אַגרעסיע אויף טשעכאָסלאָוואַקיע און פּוילן באַווייזט, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער באַרבאַרישער מלחמה און פאַר דער פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַלט נישט בלויז אויפן דייטשישן אַגרעסאָר — אויפן דייטשישן פאַשיזם. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַלט אויך אויף די רעאַקציאָנערע רעגירונגס־קרייזן פון אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך, וועלכע האָבן דעם היטלעריזם געשטיצט פּאָליטיש און ווירטשאַפטלעך. ווילנדיק ווענדן די עקספּאַנסיע פון פאַשיסטישן

[94] „Nasz Przegląd", 27.II.1939 r.

דייטשלאַנד אויף מזרח, האָבן די דערמאָנטע קרייזן אַפּראָבירט די העגעמאָניע פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד איבער מיטל־ און דרום־מזרח־אייראָפּע און איב אויף אַזאַ אופן געמוטיקט אָנצופאַלן אויף סוווערענע מלוכות.

אין ליכט פון דעם אויבן באַהאַנדלטן וועלן מיר בעסער קאָנען תופס זיין דעם ווייטערדיקן פּעריאָד, אין וועלכן די היטלערישע מאַכט האָט אויסגעפירט איר פאַרברעכערישן פּלאַן פון אומברענגען די יידן. די מאַסן־פאַרטיליקונג פון די יידן אין דער מלחמה־צייט, באַזונדערס נאָכן אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד, איז נישט געווען קיין צופעליקייט; די פעלקערמערדערישע פּלענער זענען נישט געקומען אומגעריכט, נאָר זענען געווען אַ המשך פון דער פאַרמלחמהדיקער היטלערישער פּאָליטיק בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג, באַנוצנדיק זיך איצט מיט מיטלען און מעטאָדן, וואָס זענען געווען צוגעפּאַסט צו דער נייער פּאָליטישער סיטואַציע אין אייראָפּע. „די מלחמה איז אַ קאָנטינואירונג פון דער פּאָליטיק מיט אַנדערע מיטלען, — שרייבט לענין — ...די זעלבע פּאָליטיק, וואָס א געוויסע מלוכה, אַ געוויסער קלאַס אינערהאַלב דער מלוכה האָט אַ לענגערע צייט געפירט פאַר דער מלחמה, קאָנטינואירט דער זעלבער קלאס אומפאַרמיידלעך בעת דער מלחמה, ענדערנדיק בלויז די אופנים פון דער טעטיקייט“.[95]

דער מאָרד איבער דער יידישער באַפעלקערונג איז, פּונקט ווי די אַגרעסיע אויף טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן און שפּעטער אויפן ראַטנפאַרבאַנד, געווען פּלאַנירט און צוגעגרייט נאָך לאַנג פאַרן קריגס־אויסברוך. די היטלערישע רעגירונג איז אָבער צוגעטראָטן צום רעאַליזירן אירע פאַרברעכערישע פּלענער אין אַ צייט, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר דער אַנטשפּרעכנדיקסטער און פּאַסיקסטער. אין גאַנג פון דער מלחמה, וואָס איז צעפלאַקערט געוואָרן דורכן דייטשישן אימפּעריאַליזם, האָט די היטלערישע רעגירונג געהאַלטן, אז די ביזאיצטיקע עקסטערמינאַציע־מעטאָדן בנוגע די יידן זענען שוין נישט גענוגנדיק. צוטרעטנדיק צום רעאַליזירן די פאַרברעכערישע אַגרעסיע־פּלענער און צום ביאָלאָגישן פאַרטיליקן די באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע לענדער, האָט די היטלערישע רעגירונג אָנגעהויבן ביי די יידן. דער ענגער בונד, וואָס האָט עקזיסטירט צווישן דער היטלערישער אַנטי־יידישער פּאָליטיק און דער אַגרעסיווער מלחמה, איז פּאַקטיש אַרויסגעטראָטן הן אין איר צוגרייטונגס־פּעריאָד, הן — וואָס מיר וועלן נאָך באַרינגען — בעתן פירן דעם קריג.

די היטלערישע רעגירונג האָט גענומען אין אַכט צוויי מעגלעכקייטן פון „לייזן“ די יידן־פראַגע: באַזייטיקן די יידן פון „דייטשלאַנדס לעבנס־רוים“ אָדער

[95] וו. אי. לענין „מלחמה און רעוואָלוציע“ (פּוילישע אויסג.), ווארשע 1950, ז. 286.

זייער פיזישער פארניכטונג. אין פרינציפ אונטערשיידן זיך נישט ביידע קאָנ־צעפּציעס איינע פון דער אַנדערער און טראָגן דעם זעלבן פאַרברעכערישן כאַראַק־טער. די דעפּאָרטאַציע פון די יידן פון אייראָפּע האָט אין רעזולטאַט באַדאַרפט דערפירן צו פיזישער פארניכטונג. היינט אונטערליגט שוין נישט קיין ספק, אז ביידע קאָנצעפּציעס פון לעזן די יידן־פראגע האָבן זיך אויסקריסטאליזירט שוין אין יאָר 1939. די היטלערישע רעגירונג האָט באַהאַנדלט די פּראָיעקטן פון דעפּאָרטירן יידן נאָך פאַרן יאָר 1940, אָבער אין אָקופּירטן פּוילן האָט זי שוין געהאַט אָנגעווענדעט געוויסע מעטאָדן פון פיזישן אויסראָטן די יידישע באַ־פעלקערונג. די ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט שטרייכער פאָ־רויסגעזאָגט נאָך אין מאי חודש 1939 אין א לייט־ארטיקל פונעם „שטירמער“, שרייבנדיק: „ס'מוז קומען א שטראָף־עקספּעדיציע קעגן די יידן אין רוסלאַנד, אן עקספּעדיציע, וועלכע וועט זיי צוגרייטן אזא גורל, אויף וועלכן ס'קאָנען זיך ריכטן אלע מערדער און קרימינעלע פאַרברעכער, ד. ה. טויט־שטראָף און עקזע־קוציעס. די יידן אין רוסלאַנד מוזן פאַרטיליקט ווערן, זיי מוזן אויסגעראָטן ווערן צוזאמען מיט די וואָרצלען“ [96]. שטרייכער האָט דאָ געמיינט נישט בלויז די יידן פון ראַטנפארבאנד, נאָר אויך די יידן אין גאַנץ אייראָפּע. קודם־כל האָט ער גע־מיינט די פּוילישע יידן, ווייל דעמלט איז שוין אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס פון דער היטלערישער אגרעסיע אויף פּוילן.

די פראגע פונעם ענדגילטיקן באַשטימען די פאַרברעכערישע מעטאָדן און מיטלען פון פאַרטיליקן די יידישע באַפעלקערונג האָבן, פאַרשטענדלעך, אין די היטלערישע פלענער געשפּילט א פיל גרעסערע ראָל, ווייל זי האָט זיך באצויגן נישט בלויז צו יידן. די יידן זענען בלויז געווען דער ערשטער אָביעקט פון דעם גרויסן פעלקערמערדערישן עקספּערימענט. די עקספּערימענטן, וואָס זענען גע־מאַכט געוואָרן בעת דער ביאָלאָגישער עקסטערמינאַציע פון דער יידישער באַ־פעלקערונג, האָבן באַדאַרפט אויסגענוצט ווערן אין פּראַקטיק פונעם רעאליזירן די גיגאַנטישע פלענער פון דייטשישן אימפּעריאליזם צו פאַרטיליקן די סלאווישע פעלקער.

[96] „נירענבערגער מאטעריאלן“, ז. 296, פון אורטייל פון נירענבערגער פּראָצעס.

קאַפּיטל צוויי

די רעאַליזאַציע פֿון „בליטשאַוז" פּלאַן פֿון יידן־פֿאַרניכטונג

(1941—1939)

1. די אַלגעמיינע ריכטליניעס פֿון דער פֿעלקערמערדערישער פּאָליטיק אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן

די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן אויפֿן באָדן פֿון היינטצייטיקן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם, וואָס זיין כאַראַקטער־שטריך איז די פֿאַרשאַרפֿונג — אין רעזולטאַט פֿון דער נישטגלייכמעסיקער אַנטוויקלונג פֿון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער — פֿון קאַמף פֿאַר נייע אָפּזאַץ־מערק, פֿאַר רוישטאָף־קוואַלן, פֿון קאַמף פֿאַר א נייער וועלט־פֿאַרטיילונג. די נייע וועלט־פֿאַרטיילונג האָט געדאַרפֿט דורכגעפֿירט ווערן אַנטשפּרעכנדיק צום נייעם צוזאַמענשטעל פֿון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע כוחות פֿון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אין זיין ארויסטרעטונג דעם 9־טן פֿעברואַר 1946 אויף דער פֿאָרוואַל־פֿאַרזאַמלונג אין מאָסקווע האָט סטאַלין אין פֿאָלגנדיקע ווערטער אויפֿגעקלערט די וואָרצלען און סיבה פֿון ביידע וועלט־מלחמות: „די מלחמה איז אויסגעבראָכן אַלס אומפֿאַרמיידלעכער רעזולטאַט פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע וועלט־כוחות אויפֿן באָדן פֿון היינטצייטיקן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם. מאַרקסיסטן האָבן נישט איינמאָל פֿעסטגעשטעלט, אז דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם פֿון דער וועלט־ווירטשאַפֿט אַנטהאַלט אין זיך עלעמענטן פֿון אַלגעמיינעם קריזיס און באַוואָפֿנטע צוזאַמענשטויסן, אז די אַנטוויקלונג פֿון וועלט־קאַפּיטאַליזם אין אונדזער עפּאָכע קומט דעריבער פֿאָר נישט גלאַטיק און גלייכמעסיק, נאָר דורך קריזיסן און מלחמה־קאַטאַסטראָפֿעס... אין רע־

זולטאַט פון ערשטן קריזיס פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם פון דער וועלט־ווירט־שאַפט איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, און אין רעזולטאַט פון צווייטן קריזיס — די צווייטע וועלט־מלחמה“ [1].

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָבער לויט איר כאַראַקטער אין גרונט אונטערשיידט פון דער ערשטער. סטאַלין האָט אונדז אויפגעקלערט, אַז ביים אַנאַליזירן און אָפּשאַצן די צווייטע וועלט־מלחמה דאַרף מען נעמען אין אכט, אַז דייטשלאַנד און אַנדערע פאַשיסטישע מלוכות האָבן נאָך „פאַרן אָנפאַל אויף די פאַרבינדעטע אָפּגעשאַפט ביי זיך די רעשטן פון די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע פרייהייטן, האָבן איינגעפירט א גרויזאַמען טעראָריסטישן רעזשים, האָבן צע־שטערט דעם פרינציפ פון סוווערעניטעט און פרייער אַנטוויקלונג פון קלענערע מלוכות. די דערקלערונג פון פרעמדע טעריטאָריעס האָבן זיי באַטראַכט אלס יסוד פון זייער פּאָליטיק און אָפן דערקלערט, אַז זיי שטרעבן צו א וועלט־הער־שאַפט און צו דער אויסשפּרייטונג פון פאַשיסטישן רעזשים אויף דער גאַנצער וועלט...“ [2]

די מלחמה האָט געדאַרפט ברענגען דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם קודם־כל די הערשאַפט איבער אייראָפּע. די היטלעריסטישע רעגירונג האָט געשטרעבט, ווי מיר וועלן דאָס באַווייזן, נישט נאָר צו צעשטערן די פּאָליטישע זעלבשטענדי־קייט פון דער מערהייט אייראָפּעישע מלוכות, נאָר אויך צו פאַרניכטן די נאַציאָ־נאַלע און פיזישע עקזיסטענץ פון די סלאַווישע פעלקער.

פּוילן איז געווען דער ערשטער רינג — נישט רעכענענדיק נאַטירלעך די „פרידלעכע“ אַנעקסיע פון עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע — אין דער קייט פון די היטלעריסטישע אַגרעסיע־אַקטן. שוין אין נאָוועמבער 1938 האָט די אויבער־קאָמאַנדע פון דער ווערמאַכט צוגעגרייט אינסטרוקציעס צום „פאַל־ווייס“ (מילי־טערישער קריפּטאָנים פאַר דער היטלעריסטישער אינוואַזיע אויף פּוילן), אין פרילינג 1939 האָט מען געמאַכט קאָנקרעטע צוגרייטונגען צום באַוואָפנטן אָנפאַל [3].

אויף דער געהיימער קאָנפערענץ דעם 23־טן מאי 1939 האָט היטלער אויפ־געקלערט די אָנפירער פון דער ווערמאַכט דעם ציל פון די מיליטערישע צוגריי־טונגען. „גדאַנסק איז בכלל נישט דער אָביעקט פון סכסוך, — האָט געזאָגט היט־לער, — דאָס איז א פּראָבלעם פון עקספּאַנסיע פון אונדזער לעבנס־רוים אויפן

---

[1] י. סטאַלינס רעדע פון 9 פעבר. איבערגעדרוקט אין „גלאָס לודו“ פון 10 פעבר. 1946.

[2] דאָרט.

[3] „נירענבערגער מאַטעריאַלן“, ז. 171; „אַגרעסיע אויף פּוילן“, ב. I, ז. 182.

מזרח"[4]. אויף דער קאָנפערענץ אין אָבערזאַלצבורג דעם 22-טן אויגוסט 1939 האָט היטלער דערקלערט די מיליטערישע שעפן:

„די פארניכטונג פון פוילן איז איינע ערשטע פלאַן. אונדזער אויפגאבע איז די פארניכטונג פון שונאס לעבעדיקע כוחות, און נישט דאָס דערגרייכן א באַשטימטע ליניע. אפילו ווען די מלחמה וואָלט אויסגעבראָכן אויף מערב, מוז די פארניכטונג פון פוילן זיין דער גרונט-פרינציפּ. דעצידירן דארף מען זיך שנעל, צוליב דעם צייטפעריאָד... איך וועל שוין אָנגעבן דער פראָפּאַגאַנדע ארגומענטן צו באַגרינדן דעם מלחמה-אויסברוך, נישט וויכטיק צי זיי זענען גלויבנסווערט, צי נישט. קיינער וועט נישט פרעגן דעם זיגער, צי ער זאָגט אמת..." „האָט נישט קיין רחמנות, זייט ברוטאַל, — האָט געזאָגט ווייטער היטלער, — דער שטאַרקסטער איז תמיד גערעכט; ווענדט אָן די גרעסטע ברוטאַליטעט"[5].

די אגרעסיע אויף פוילן אין 1939 איז בכן נישט געווען א צופעליקער רעזולטאַט פון דער דעמלטיקער פּאָליטישער קאָנסטעלאַציע, נאָר א פון פאָרויס באַשטימטער אקט, וואָס איז געווען א באַשטאַנדטייל פון פלאַן צו דעראָבערן די העגעמאָניע איבער דער וועלט. היטלער האָט דעצידירט אָנצופאלן אויף פוילן שוין אין אָנהייב פון זיין פּאָליטישער טעטיקייט, ווי ער האָט דערקלערט אויף דער געהיימער קאָנפערענץ דעם 23-טן נאָוועמבער 1939. ער האָט בלויז געהאט ספקות וועגן דער ריי פון אָנפאַל, וואָס איז געווען אָפּהענגיק פון דער פּאָליטישער קאָניונקטור[6]. שוין אין אפּריל 1939 האָט היטלער, גרייטנדיק זיך אָנצופאלן אויף פוילן, אנולירט דעם פויליש-דייטשישן אָפּמאַך פון 1934 יאָר. גלייכצייטיק האָט דער שעף פון גענעראַל-שטאַב קייטעל פאַנאַנדערגעשיקט א געהיימען באַפעל, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט צווו. אנד.: „די אויפגאַבע פון די מיליטערישע כוחות איז צו פארניכטן די פוילישע מיליטערישע כוחות. צוליב דעם דארף מען שטרעבן צו א פלוצעמדיקן אָנפאַל און אים געהעריק צוגרייטן"[7].

דער אָנפאַל אויף פוילן איז פאָרמעל געווען דער אָנהייב פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, הגם די פאשיסטישע מלוכות האָבן שוין זינט א לענגערער צייט

---

[4] „אגרעסיע אויף פוילן", ב. II, ז. 48.

[5] „אגרעסיע אויף פוילן", ב. I, ז. 203, ב.II, ז. 140, שוין דעם 10 אויגוסט 1939 האָט היידריך פערזענלעך ארויסגעגעבן א באַפעל צו אָרגאַניזירן א פיקטיוון אָנפאַל אויף דער ראַדיאָסטאַציע אין גליוויץ. „אגרעסיע אויף פוילן", ב. II, ז. 237.

[6] אויף דער געהיימער קאָנפערענץ דעם 23 נאָוועמב. 1938, ביים אָנטייל פון העכערע מיליטערלייט, האָט היטלער דערקלערט צווו. אַנד.: „לאַנג האָב איך זיך געוואַקלט, צי מען וואָלט, אייגנטלעך, נישט געדאַרפט פריער אַטאַקירן דעם מזרח און שפּעטער דעם מערב... די דעציזיע אָנצופאלן (אויף פוילן) איז שוין לאַנג געפאלן. פריער אָדער שפּעטער האָב איך געוואָלט דאָס פּראָבלעם לעזן. א ריי פאקטן האָבן דעצידירט, אז איך האָב באַשלאָסן קודם כל אָנצופאלן אויף פוילן". „אגרעסיע אויף פוילן" ב. I, ז. 213.

[7] „אגרעסיע אויף פוילן", ב. II, ז. 43, קייטעלס געהיימער באַפעל.

געפירט אימפעריאליסטישע מלחמות, אייגנטלעך זינט דעם אָנפאל פון איטאליע אויף עטיאָפיע און יאפאן אויף כינע, און די מיליטערישע אינטערווענץ פון דייטשלאנד און איטאליע קעגן דער שפאנישער רעפובליק.

די קאָנקרעטע פלענער און דעציזיעס פון דער היטלעריסטישער רעגירונג בנוגע דעם גורל פון פוילישן פאָלק קאָנען מיר דערקענען אויפן סמך פון דייטשישע דאָקומענטן, מעמאָריאלן, פאראָרדענונגען פון היטלערן, פראנקן און פון דער אָקופאציע=מאכט. אין ליכט פון זיי ווערט קלאָר, אז די היטלעריסטן האָבן שוין אין אָנהייב פון דער אָקופאציע געהאט אויסגעארבעט פארברעכערישע פלענער פון ביאָלאָגישער עקסטערמינאציע. ווי עס האָט באשטעטיקט דער גענעראל לאהאוזען אין זיין גבית=עדות אויפן אינטערנאציאָנאלן פראָצעס אין נירענבערג, זענען שוין דעם 12=טן סעפטעמבער 1939 אויף א קאָנפערענץ ביי היטלערן מיטן אָנטייל פון קאנארים, קייטעל, ריבענטראָפ א. אנד. באטראכט געוואָרן די פלענער פון מאסן=דערשיסונגען פון פאָליאקן און יידן [8]. אין צוזאמענהאנג מיטן באשלוס פון דער היטלעריסטישער רעגירונג איינצוגלידערן די פוילישע מערב=געביטן אין רייך און פון רעשט פוילישע טעריטאָריעס צו שאפן א „גענעראל=גובערניע“, זענען באשטימט געוואָרן די גרונט=עלעמענטן פון דער דעמלטיקער היטלעריסטישער פאָליטיק בנוגע די אָקופירטע געביטן.

אין דער אינסטרוקציע פון 19=טן אָקטאָבער 1939 האָט גערינג אָנגעצייכנט די אויפגאבן פון די היטלעריסטישע מאכט=אָרגאנען בנוגע דער ווירטשאפטלעכער עקספלאָאטאציע פון די אָקופירטע געביטן. די „איינגעגלידערטע געביטן“ האָט מען — לויט גערינגס אינסטרוקציע — געדארפט ווי צומשנעלסטן איינגלידערן אין דער אלגעמיינער דייטשישער ווירטשאפט און דערפאר איינהאלטן זייער פראָדוקציע=פעיקייט. „דאקעגן פון דער גענעראל=גובערניע — לייענען מיר אין דער אינסטרוקציע — דארף מען ארויספירן אלע רוישטאָפן, מאשינען א. ד. גל. אלץ, וואָס קאָן ברענגען נוצן דער דייטשישער ווירטשאפט. די אונטערנעמונגען, וואָס זענען נישט אבסאָלוט נייטיק איינצוהאלטן דעם נידעריקסטן לעבנס=שטייגער פון דער אָרטיקער באפעלקערונג — דארף מען ארויספירן קיין דייטשלאנד“ [9].

די ריכטליניעס פון דער היטלעריסטישער פאָליטיק בנוגע דער גענ.=גובערניע זענען גענויער אָנגעצייכנט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ ביי היטלערן דעם 17=טן אָקטאָבער 1939 [10]. לויט די אָנגענומענע דאָרט באשלוסן דארף מען

---

[8] „Nazi Conspiracy and Aggression“, t. VIII, p. 589.

[9] דצ"ו, ב. VII, ז. 466—469, דאָקום. ע. צ. — 410.

[10] פג"ל די נאָטיץ וועגן דער קאָנפערענץ פון 17 אָקט. 1939, פארעפנטלעכט אין „ביולעטין“ פון דער הויפט=קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פארברעכנס (ה. ק. פ. ה. פ.), ב. IV, ז. 109—117.

די גובערניע נישט שאנעווען, נישט אין ווירטשאפטלעכער און נישט אין פינאנציעלער הינזיכט. מען דארף זיך באמיען, אז עס זאָל דאָ איינגעשטעלט ווערן א פולשטענדיקע ווירטשאפטלעכע פּלאנלאָזיקייט און כאאָס. די גענ.-גובערניע דארף ווערן א דייטשישע אויספּאל-באזע — און דערפאר דארפן די „באנען, וועגן, טעלעגראף- און טעלעפאָן-ליניעס איינגעהאלטן ווערן אין דער פולער אָרדענונג און אויסגענוצט ווערן פאר די דאָזיקע צילן". ווייטער איז באשטימט געוואָרן, אז בנוגע די פּאָליאַקן דארף מען פירן א „הארטן, באוווּסטזיניקן נאציאָנאלן קאמף", וואָס דארף נישט געשטערט ווערן דורך די פארפליכטנדיקע געזעצן. מען דארף פארניכטן די פוילישע אינטעליגענץ, אראָפּשטויסן די פּאָליאַקן צום נידעריקסטן לעבנס-שטאפּל, פארניכטן די יסודות פון נאציאָנאלער קאָנסאָלידאציע און פארוואנדלען דאָס לאנד אין א רעזערוואר פון ביליקער ארבעטס-קראפט. צום סוף ווערט באטאָנט, אז די גענ.-גובערניע דארף אויפנעמען אלע פּאָליאַקן און יידן פון רייך און פון די פוילישע מערב-געביטן.

אין איינקלאנג מיט די אויבן דערמאָנטע באשלוסן זענען אָנגעצייכנט געוואָרן די ריכטליניעס פון דער באפעלקערונגס-פּאָליטיק סיי אויף די „איינגעגלידערטע געביטן", סיי אין דער גענ.-גובערניע.

אַ וויכטיקער מקור צו דערקענען די דעמלטיקע היטלעריסטישע באַפעלקערונגס-פּאָליטיק איז אן אויספירלעכער מעמאָריאל וועגן „דער באהאנדלונג פון דער באפעלקערונג פון ראסן-פּאָליטישן שטאנדפּונקט", וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אין נאָוועמבער 1939 דורך וועטצעל און העכט, די מיטארבעטער פון דער אָפּטיילונג פאר ראסן-פּאָליטישע ענינים אין דער היטלעריסטישער פארטיי-לייטונג [11]. אין מעמאָריאל ווערט אָנגעוויזן, אז „אין די איינגעגלידערטע אין רייך פוילישע געביטן דארף לעבן בלויז אַ דייטשישע באַפעלקערונג, וואָס איז ראַסע-איינהייטלעך און במילא אויך איינהייטלעך אין גייסטיק-פּסיכישן און נאציאָנאל-פּאָליטישן זין". דאָס האָט באדייט, אז די פוילישע באפעלקערונג, וועלכע מען וועט נישט קאָנען גערמאניזירן, דארף מיט צוואנג דעפּאָרטירט ווערן אין דער גענ.-גובערניע [12].

וועטצעל און העכט האָבן אָנגעוויזן, אז די אָקופּאציע-מאכט דארף פירן א

---

[11] דייטשישער מעמאָריאל: „די פראגע פון באהאנדלען די באפעלקערונג פון די אמאָליקע פוילישע שטחים פון ראסנפּאָליטישן קוק-ווינקל", וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אין נאָוועמ. 1939 לויטן אויפטראג פון אמט פאר ראסנפּאָליטישע ענינים, דאָקום. נ. אָ. — 3732 (פארעפנטלעכט אין „בולעטין" ה. ק. פ. ה. פ., ב. IV, ז. 136).

[12] וועגן די יסודות פון דער היטלעריסטישער באפעלקערונגס-פּאָליטיק אויף די אָקופּירטע פוילישע געביטן, איינגעגלידערטע אין רייך, פגל' דעם געהיימען באפעל פון הימלערן פון 12 סעפּטעמב. 1940 (אַקטן פון וואָיעוואָדישן נאַציאָנאַלן ראַט אין סטאַלינאָגראָד).

קאָנסעקווענטע פּאָליטיק אין דער ריכטונג צו פאַרקלענערן און אָפּשוואַכן דעם גאַטירלעכן צוווּקס פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, רעדוצירן די איינפלוסן פון דער אינטעליגענץ, פאַרמאַכן אַלע פּאָליטישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, איינשטעלן אַ שטרענגע צענזור, באַגרענעצן די מעדיצינישע הילף א. אז. וו. די איבערגעזידלטע פון די מערב=פּוילישע געביטן דאַרף מען קאָנצענטרירן אין אינדוסטריע=פּונקטן, באַזעצן אין פּרימיטיווע קאָלעקטיווע וווינונגען.

דעם פּראָגראַם פון פאַרניכטן דאָס פּוילישע פאָלק האָט הימלער דעם 15=טן מערץ 1940 אין זיין רעדע צו די לאַגער=קאָמענדאַנטן פאָרמולירט קלאָר און אָן שום שלייער:

„ס'איז אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט, אַז אַלע אונדזערע מיטאַרבעטער און מיטאַרבעטערינס זאָלן פאַרשטיין, אַז די וויכטיקסטע און הויפּט=אויפגאַבע איז אויסצוגעפינען אַלע פּוילישע אָנפירער... בכדי זיי אומשעדלעך צו מאַכן. איר אַלס לאַגער=קאָמענדאַנטן ווייסט דאָך צום בעסטן, וויאַזוי די דאָזיקע אויפגאַבע דאַרף דורכגעפירט ווערן. אַלע פאַכלייט פון פּוילישער אָפּשטאַמונג וועלן אויסגענוצט אין אונדזער קריגס=אינדוסטריע. נאָכדעם וועלן אַלע פּאָליאַקן פאַרשווונדן פון דער וועלט. אין גאַנג פון דער דאָזיקער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט מוזט איר שנעל און אין די פאָרגעזעענע טערמינען אויסראָטן דאָס פּוילנטום. איך גיב אַלע קאָמענדאַנטן פון די לאַגערן מיין פולמאַכט... ס'איז נייטיק, אַז דאָס גרויסע דייטשישע פאָלק זאָל פאַרשטיין, אַז זיין הויפּט=אויפגאַבע איז צו פאַרניכטן אַלע פּאָליאַקן“ [13].

הימלערס געהיימע דירעקטיוו פון 15=טן מאַי 1940 וועגן „באַהאַנדלען די פרעמדע פעלקער אויפן מזרח“ אַנטהאַלטן פּשוט אַ פּלאַן פון אויסמאָרדן דאָס פּוילישע פאָלק און אַנדערע פעלקער=גרופּן אויף די דאָזיקע געביטן. [14] שוין די דערמאָנטע דירעקטיוו רעקאָמענדירן צו באַנוצן זיך מיט מעטאָדן פון פיזישער מאַסן=עקסטערמינאַציע, חוץ דעם נעמען זיי אַרום אַלע אַנדערע האַנדלונגען און מיטלען, וואָס דאַרפן דערפירן צו דער פאַרניכטונג פון דער באַפעלקערונג. הימלער, אַלס רייכס=פירער פון עס=עס און פּאָליציי= און אויך אַלס רייכס=קאָמיסאַר פאַרן פאַרשטאַרקן דאָס דייטשישע פאָלקסטום, האָט די דערמאָנטע באַפעלן אַרויסגעגעבן אויפן סמך פון היטלערס געהיימען דעקרעט פון 7=טן אָקטאָבער 1939. אין הסכם מיטן דאָזיקן דעקרעט האָט הימלער באַקומען אומבאַגרענעצטע רעכט „אויסצועלימינירן... די שעדלעכע איינפלוסן פון פעלקער=גרופּן, וואָס זע=

---

[13] אַ פראַגמענט פון דאָזיקן דאָקומענט געפינט זיך אין באַזיץ פון אַרכיוו פון מערב=אינסטיטוט אין פּויזן.

[14] פג"ל הימלערס געהיימען דאָקומענט: „איניקע געדאַנקען וועגן טראַקטירן פרעמדשטאַמיקע אויפן מזרח“. נירענבערגער דאָקומענט נ. אָ. — 1880.

נען פרעמד דעם דייטשישן פאָלק, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר א געפאר פארן רייך, פאר דער דייטשישער נאציע“ [15].

די היטלעריסטישע פאָליטיק האָט נאָך בולטער אויסגעדריקט פראנק, אונטערשטרייכנדיק, אז די ווירטשאפטלעכע באזע פון דער פוילישער באפעלקערונג דארף פאַרשמעלערט ווערן „...ביז צום אַבסאָלוטן מינימום, וואָס איז אומבאדינגט נייטיק צו דער פרימיטיווער עקזיסטענץ. די פאָליאקן דארפן ווערן שקלאפן פון דער גרויסדייטשישער וועלט־אימפעריע“ [16]. ביי אן אנדערער געלעגנהייט האָט פראנק באטאָנט, אז אין איינקלאנג מיט היטלערס ווילן, דארף די גובערניע „ווערן דער ערשטער קאָלאָניאלער געביט פון דייטשישן פאָלק“. אויף א זיצונג פון דער גובערניאלער „רעגירונג“ אין אָנהייב סעפטעמבער 1940 האָט פראנק ווידער דערקלערט, אז „פאר יעדן פרייז דארפן מיר פארענדיקן מיט די פאָליאקן... עס אינטערעסירט אונדז נישט די אנטוויקלונג פון לאנד, מיר ווילן בלויז איינהאלטן דאָ דעם דייטשישן אויטאָריטעט. מיר דענקען דאָ אימפעריאליסטיש אין העכסטן סטיל פון אלע צייטן“ [17].

די ציטירטע ארויסזאָגונגען פון די היטלעריסטישע פירער דערמעגלעכן שוין צו דערקענען דעם קאָנקרעטן פלאן פון אונטעריאָכן און פארניכטן דאָס פוילישע פאָלק. די פעלקערמערדערישע פאָליטיק האָט מען געפירט אויף אלע לעבנס־אָפּשניטן. אין איינקלאנג מיט דעם אלטן אימפעריאליסטישן פרינציפ „טייל און הערש“ האָט די אָקופאציע־מאכט געשטרעבט צו צעברעכן די איינהייט פון פוילישן פאָלק און צעקריגן די פארשידענע נאציאָנאלע גרופן, וואָס וווינען אויף דער פוילישער ערד. דער ציל פון דער פאָליטיק איז געווען — אָפּצושוואכן די ווידערשטאנד־כוחות פון גאנצן פוילישן פאָלק אין קאמף קעגן אָקופאנט.

דאָס דערקענען די היטלעריסטישע פאָליטיק פון פארניכטן פוילן וועט אונדז פארלייכטערן צו פארשטיין די פעלקערמערדערישע פאָליטיק לגבי דער יידישער באפעלקערונג. דאָס וועט אונדז העלפן אויפצוקלערן, פארוואָס די היטלעריסטן האָבן דווקא אויסגעקליבן די פוילישע געביטן — אומאָפּהענגיק פון וויכטיקן מאָמענט, וואָס דאָ זענען געווען קאָנצענטרירט גרויסע יידישע מאסן, און פון דער צענטראלער לאגע פון פוילן לגבי די אָקופירטע לענדער — אלס פארניכטונגס־אָרט פון אייראָפּעישן יידנטום.

---

[15] „גרייזערס פראָצעס“, ווארשע 1948, ז. 377.

[16] „נירענבערגער מאטעריאלן“, ז. 216.

[17] פראנקס טאָגבוך, זיצונג פון די לייטער פון די רעגירונגס־אָפּטיילונגען אין דער גענ.־גובערניע, דעם 6 נאָוועמב. 1940.

2. די ריכטליניעס פון דער היטלעריסטישער אַנטי-ייִדישער אויסראָטונגס-פּאָליטיק

די היטלעריסטישע פּלענער פון ייִדן-אויסראָטונג זענען צוגעגרייט געוואָרן, ווי מיר האָבן דערמאָנט, פּאַראַלעל מיט די מיליטערישע פּלענער פון אַ נייער אַגרעסיווער מלחמה. היידריך האָט זיך אין אויפטראַג פון גערינגען פאַרנומען מיט זייער צוגרייטונג. עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז היידריכס פּלענער האָבן אַרומגענומען אַלע אייראָפּעישע לענדער, אַלזאָ, סיי די, וואָס האָבן געדאַרפט ווערן אָקופּירט, סיי די סאַטעליטן-מלוכות. עס איז אויך פעסטגעשטעלט, אַז די עקסטערמינאַציע-פּלענער זענען פריער אַרומגערעדט געוואָרן מיט דער אויבער-קאָמאַנדע פון דער ווערמאַכט און זייער רעאַליזאַציע איז געווען אָפּהענגיק פון פאַרלויף פון די מיליטערישע אָפּעראַציעס[1].

דער גענעראַל-פּלאַן פון דער „ענדגילטיקער לעזונג פון דער ייִדן-פראַגע" איז צוגעגרייט געוואָרן נאָך פאַרן אָנפאַל אויף פּוילן. ער האָט געקאָנט רעאַליזירט ווערן נאָר שטופנווייז, אין דער מאָס, אין וועלכער עס וועלן אונטערוואַרפט ווערן די באַזונדערע מלוכות. „דער גורל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, — האָט דערקלערט דער היטלעריסטישער יוריסט וואַלטער פראַנק, — איז געווען געחתמעט מיטן מאָמענט פון אָקופּירן די געביטן. איר פולשטענדיקע עקסטערמינאַציע איז געווען בלויז אַ צייט-פראַגע"[2].

די היטלעריסטישע רעגירונג האָט דעמלט נאָך מאַסקירט אירע פאַרברעכערישע צילן און פּלענער לגבי דער ייִדישער באַפעלקערונג. היטלער האָט אין זיין אַרויסטרעטונג אין רייכסטאַג דעם 6-טן אָקטאָבער 1939 צביעותדיק דערקלערט, אַז צווישן די פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נייער סיטואַציע געלעזט ווערן, רוקט ער אַרויס „די רעגולירונג פון ייִדישן פּראָבלעם אין אייראָפּע"[3].

דער וויכטיקסטער דאָקומענט, וואָס דערלויבט צו דערקענען די מעטאָדן און אופנים פון „לעזן" אָדער „רעגולירן" די ייִדן-פראַגע, איז היידריכס טעלעפאָנאָגראַם פון 21-טן סעפטעמבער 1939, פאַראַנדערגעשיקט צו אַלע „איינזאַץ-

---

[1] גבית-עדות פון לאַהוויזען פאַרן נירנבערגער טריבונאַל. „נאַצי קאָנספּירעישן", ב. VIII, ז. 589.

[2] דער פּאַסוס ביי פראַנקן לויטעט בוכשטעבלעך:

„Das Schicksal hatte über diese Juden in dem Augenblick entschieden, in dem das Gebiet in den Verband des Grossdeutschen Reiches eintrat. Nur noch die Durchführung der Entjudung war eine Frage der Zeit", Dr Sievert Lorentzen: „Die Juden u. d. Justitz", „Schriften des Reichsinstitutes für Geschichte d. neuen Deutschlands", 1942, p. 189.

[3] היטלערס רעדעס, ב. I, ז. 95.

גרופּן", וואָס זענען געווען טעטיק אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן [4]. דער דאָקומענט איז צוגעגרייט געוואָרן נאָך דער געהיימער באַראַטונג דעם 21-טן סעפּטעמבער (אלזאָ, נאָך בעת די מלחמה-אָפּעראַציעס), אויף וועלכער עס איז אָנגעצייכנט געוואָרן דער סטראַטעגישער פּלאַן פון קאַמף קעגן יידן, וואָס זיין ענדציל איז די פולשטענדיקע ביאָלאָגישע אויסראָטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף די אָקופּירטע געביטן [5].

אין איינקלאַנג מיט די דעציזיעס פון דער געהיימער סעפּטעמבער-באַראַטונג האָט היידריך אין זיין אינסטרוקציע צו די שעפן פון די עסעסישע איינזאַץ-גרופּן און פאַראינטערעסירטע צענטראַלע אמטן איבערגעגעבן זיי די ריכטליניעס און אָנווייזונגען, וואָס דאַרפן בילדן דעם יסוד פאַר זייער טעטיקייט און פאַרן אַרויסגעבן לאָקאַלע פאַראָרדענונגען בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג אויפן ערשטן עטאַפּ פון דער וועלט-מלחמה.

דער פּלאַן אונטערשיידט: ד ע ם ע נ ד צ י ל, ד. ה. די ביאָלאָגישע פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג און די ב א ז ו נ ד ע ר ע ע ט א פּ ן, וואָס זענען נייטיק צו רעאַליזירן דעם ענדציל. עס ווערט באַטאָנט, אַז די עטאַפּן דאַרפן זיין קורצטערמיניקע. היידריך פאַררופט זיך דערויף, אַז „די פּלאַנירטע מאָסמיטלען קעגן יידן פאַרלאַנגען אַ גרונטיקע צוגרייטונג סיי אין טעכנישער, סיי אין ווירטשאַפטלעכער הינזיכט", אַז אין בערלין קאָנען דערווייל אַלע אויפגאַבן נישט באַשטימט ווערן אין אַלע איינצלהייטן. דערפון דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון די ריכטליניעס. נישט געקוקט אָבער דערויף דערלויבן זיי צו דערקענען די גאַנצע פאַרברעכערישקייט פון דער היטלעריסטישער סטראַטעגיע אין דער צוגרייטונג פון דער יידן-אויסראָטונג.

דער פּלאַן באַשטימט, אַז קודם-כל דאַרף דורכגעפירט ווערן אַ קאָנצענטראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גרעסערע שטעט. עס איז שוין דעמלט באַשטימט געוואָרן, אַז די יידן וועלן באַזייטיקט ווערן פון די פּוילישע געביטן, וואָס וועלן בקרוב איינגעגלידערט ווערן אין רייך [6]. ווייטער האָט היידריך

---

[4] היידריכס טעלעפאָנאָגראַם פון 21 סעפּט. 1939, נירענבערגער דאָקום. פּ. ס. — 3363; „נאַצי קאָנספּירויסי ענד עגרעשן", ב. IV, ז. 97.

[5] די פראַגע פון אויסראָטן אַלע יידן איז באַהאַנדלט געוואָרן שוין אויף דער קאָנפערענץ דעם 12 סעפּט. 1939, פּג"ל:

Karol Małcużyński: Norymberga — Niemcy, Warszawa 1946, p. 83, „Nazi Concpiracy" — t. VII, p. 589.

[6] שוין אין דער העלפט סעפּטעמבער 1939 האָט היידריך אונטערשיידט פּוילישע פּראָווינצן, וואָס וועלן איינגעגלידערט ווערן אין רייך און די גענ.-גובערניע. דאָס באַשטעטיקט נאָך אַמאָל, אַז די פּלענער פון פּוילנס צעטיילונג זענען צוגעגרייט געוואָרן נאָך פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה.

באפוילן צו אָרגאניזירן אָרגאנען פון יידישער אדמיניסטראציע, א. ג. יודענראטן (עלטעסטען־ראטן), און פאר זיי באשטימט אזא טעטיקייטס־געביט, וואָס האָט זיי גלייך פארוואנדלט אין א געהילפס־אינסטרומענט פון דער אָקופּאציע־מאכט אין דער פארניכטונג פון דער יידישער באפעלקערונג.

היידריכס באפעל אנטהאלט אויך אלגעמיינע אָנווייזונגען וועגן אָרגאניזירן געטאָס, צוציען יידן צו צוואנגס־ארבעט, וועגן קענצייכן פון יידן, דורכפירן ציילונגען פון דער באפעלקערונג און וועגן באזייטיקן יידן פוןווירטשאפטלעכן לעבן.

היידריך האָט גלייכצייטיק אונטערגעשטראָכן, אז דער פּלאן קאָן דורכגעפירט ווערן נאָר ביי אן ענגער צוזאמענארבעט פון די עסעס־ישע איינזאץ־גרופּן מיט די מיליטערישע און אדמיניסטראטיווע אָרגאנען און דעריבער באפוילן זיי צו שטיין אין אן ענגן קאָנטאקט מיט די דערמאָנטע פאקטאָרן אין פארלויף פון רעאליזירן דעם פּלאן.

די שעפן פון די איינזאץ־גרופּן האָבן חוץ די פּעריאָדישע באריכטן פון זייער פארברעכערישער טעטיקייט געדארפט אויך צושטעלן סטאטיסטישן מאַטעריאל וועגן דער ראָל פון יידן אין ווירטשאפטלעכן לעבן פון דער געגעבענער פּראָווינץ, דער אָנטייל אין די באזונדערע ווירטשאפטס־צווייגן און בכלל וועגן דער דעמאָגראפישער און פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון יידן. מיר דערקענען ביי דער געלעגנהייט די ראָל פון דער פאשיסטישער סטאטיסטיק אלס אינסטרומענט פון דער היטלעריסטישער פעלקערמערדערישער פּאָליטיק, בפרט אויפן יידישן אָפּשניט.

די יידן־ציילונגען, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך דער אָקופּאציע־מאכט ביי דער מיטהילף פון די יודענראטן, האָבן צוגעשטעלט א ווערטפולן מאַטעריאל און האָט דערמעגלעכט צו אָריענטירן זיך אין דער צאָל יידן, וועלכע וווינען אויפן געגעבענעם געביט. דער מאטעריאל איז אין הסכם מיט היידריכס אינסטרוקציע איבערגעשיקט געוואָרן אין הויפּט־שטאב פון סיפּ"אָ. קיין בערלין זענען אויך איבערגעשיקט געוואָרן אלע אנדערע עווידענץ־מאטעריאלן, וואָס האָבן א שייכות צו דער יידישער באפעלקערונג [7].

די רעאליזירונג פון פארברעכערישן פּלאן איז נאטירלעך געווען אָפּהענגיק פון לאָקאלע באדינגונגען, אָבער ער האָט גלייך ארומגענומען אלע האנדלונגען, וואָס האָבן געדארפט אונטערשוועכן די לעבנס־יסודות פון די יידן, און צוֹאיילן דעם פּראָצעס פון זייער פולשטענדיקער עקסטערמינאציע.

[7] אלע נאָמענטלעכע רעגיסטערס פון יידן פון די באזונדערע שטעט האָבן געדארפט איבערגעשיקט ווערן קיין בערלין. פג"ל צירקוליאר־בריוו פון שעף פון אַדמיני.־אָפּטיילונג פון ווארשעווער גובערנאטאָר צו אלע בירגערמייסטער פון ווארשעווער דיסטריקט. (אָפיציעלער אַמטסבלאַט פון שעף פון ווארשעווער גובערנאַטאָר פון 12 דעצ. 1939).

היידריך האָט צוגעשיקט קאָפּיעס פון זיין טעלעפאָנאָגראַם צו דער אויבער־קאָמאַנדע פון דער ווערמאַכט, צום באַפּולמעכטיקטן פון 4־יאָר־פּלאַן, צו די פּאַלגנדיקע מיניסטעריומס: פאַר אינערן־ענינים, ווירטשאַפט, אַפּראָוויזאַציע, און צו די שעפן פון די ציוויל־פאַרוואַלטונגען אין די אָקופּירטע געביטן. עס איז אָן שום ספק, אַז אויף דער סעפּטעמבער־קאָנפערענץ זענען געווען פאָרשטייער פון די דערמאָנטע מאַכט־פאַקטאָרן און מיט זיי זענען אַרומגערעדט געוואָרן אַלע פראַגן פון דער אַנטי־יידישער אַקציע.

אין איינקלאַנג מיט היידריכס אינסטרוקציע זענען די היטלעריסטישע מאַכט־אָרגאַנען גלייך נאָכן אָקופּירן דעם געביט צוגעטראָטן צו דער אויסראָטונגס־אַקציע, וועלכע זיי האָבן געפירט מיט דער הילף פון אַלע מעגלעכע מיטלען, צוגרייטנדיק אַזוי אַרום דעם באָדן צו דער שפּעטערדיקער פולשטענדיקער ליקווידאַציע. די היטלעריסטן האָבן זיך באַמיט צו דערקענען די שוואַכע פּונקטן פון שונא, האַלטנדיק, אַז דאָס פאַרלייכטערט דורכצופירן די אַגרעסיווע פּלענער. וועטצעל און העכט האָבן דאָס אויסגעדריקט אין דערמאָנטן מעמאָריאַל אויף אַזאַ אופן: „פון דער אַנגעזאַמלטער דערפאַרונג וועט מיט דער צייט אַרויסקומען אַן ענדערונג אין אונדזער פּראַקטישער פּאָליטיק לגבי יידן"[8].

די דערמאָנטע צוויי שעפן פון ראַסן־פּאָליטישן אַמט אין דער היטלעריסטישער פּאַרטיי־לייטונג האָבן אָנגעוויזן אין זייער מעמאָריאַל, אַז מען דאַרף אָפּטיילן די יידן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, באַגרענעצן מיט אַלע מיטלען זייער באַטיילעכן צוווּקס, אַראָפּנידעריקן דעם געזונטהייטס־צושטאַנד, קאָנפיסקירן זייער פאַרמעגן א. ד. גל. זיי האָבן אויך אונטערגעשטראָכן, אַז „עס וועט זיין די אויפגאַבע פון דער דייטשישער אַדמיניסטראַציע צו צעקריגן צווישן זיך די פּאָליאַקן און יידן"[9].

וועטצעל־העכטס פּראָיעקטן פון נאָוועמבער 1939 און די פּלענער פון דער דייטשישער רעכט־אַקאַדעמיע (פון יאַנואַר 1940)[10], וועגן וועלכע מיר שרייבן אונטן, אויספירלעך, האָבן זיך אין פּרינציפּ נישט אונטערשיידט פון היידריכס ריכטליניעס. די אַלע פּראָיעקטן און קאָנצעפּציעס דערלויבן אונדז צו דערקענען דעם סטראַטעגישן פּלאַן פון די היטלעריסטן, ד. ה. דורך וועמען ער איז געווען צוגעגרייט, און אין וועלכער ריכטונג עס זענען געווען געווענדעט די הויפּט־אַטאַקעס קעגן דער יידישער באַפעלקערונג אין ערשטן אָקופּאַציע־פּעריאָד.

היידריכס אינסטרוקציע און די אַנדערע פּראָיעקטן האָבן באַשטימט אַ ריי פּראַקטישע שריט פאַר די ס.ס.־ישע איינזאַץ־גרופּן און אַדמיניסטראַציע־אָרגאַנען

---

[8] „ביולעטין" פון ה. ק. פּ. ה. פּ., ב. IV, ז. 171.

[9] דצ"וו.

[10] „דער פּראָצעס", ב. XXVI, ז. 206, דאָקום. פּ. ס. — 661.

בעת די צוגרייטונגען צום „ענדציל“. די אַלע מאַנעווערן זענען געווען אונטערגעאָרדנט דעם הויפּט־ציל — צוצוגרייטן די יידישע באַפעלקערונג מיט דער הילף פון באַשטימטע מיטלען און מעטאָדן צו דער שפּעטערדיקער מאַסן־פאַרטיליקונג.

3. די איבערזידלונגען אַלס אינסטרומענט פון פעלקערמאָרד

די איבערזידלונגס־פּאָליטיק איז געווען איינע פון די הויפּט־מיטלען, מיט וועלכע די היטלעריסטישע מאַכט האָט זיך באַנוצט אין קאַמף קעגן דער באַפעלקערונג, וואָס האָט זינט דורות געווינט אויפן געגעבענעם געביט. דער ציל פון די איבערזידלונגען איז אין זיין עצם אַ פאַרברעכערישער. די דעפּאָרטאַציעס האָבן געדאַרפט אויסוואָרצלען די באַפעלקערונג, אָפּשוואַכן זייער ביאָלאָגישן כוח און גלייכצייטיק שאַפן „לעבענסראַום“ פאַר אַ דייטשישער קאָלאָניזאַציע. די מעטאָדן און אופנים פון איבערזידלען פּאָליאַקן און יידן באַשטעטיקן אויך די פאַרברעכערישקייט פון די איבערזידלונגס־פּלענער לגבי דער באַזעסענער באַפעלקערונג.

די דעציזיע וועגן דער דעפּאָרטאַציע פון דער פּוילישער און יידישער באַפעלקערונג פון די פּראָווינצן: גדאַנסק, מערב־פּריסן, פּויזן און אויבערשלעזיע (וואָס זענען ביזן 1918 געווען אָקופּירט דורך דייטשלאַנד און האָבן איצט געדאַרפט איינגעגלידערט ווערן אין רייך), איז אָן ספק געפאַלן נאָך פאַרן אָנהייב פון די מלחמה־אָפּעראַציעס. היידריכס טעלעפאָנאָגראַם און דער מעמאָריאַל פון וועטצעל—העכט אַנטהאַלטן דערוויל אַלגעמיינע אינסטרוקציעס בנוגע דער איבערזידלונג פון דער יידישער און פּוילישער באַפעלקערונג אויף די פּוילישע צייטווייליק אָקופּירטע מזרח־געביטן. ערשט אויף דער דערמאָנטער באַראַטונג ביי היטלערן (17־טער אָקטאָבער 1939) איז באַשטימט געוואָרן, אַז „די ווערמאַכטקאָמאַנדע דאַרף דערמעגלעכן אָפּצורייניקן דעם אַלטן און נייעם רייכס־געביט פון פּאָליאַקן, יידן און אַנדערן אָנגעלויף“.[1] די איבערזידלונגען דאַרפן זיך אָנהייבן ערשט נאָך אַ פאַרשטענדיקונג פון היטלערן מיטן „אָבערבעפעלסהאַבער“ פון מזרח־פראָנט.

די ענינים זענען צענטראַל רעגולירט געוואָרן דורך דער געהיימער פאַראָרדענונג פון 30־טן אָקטאָבער 1939, וועלכע הימלער האָט אַרויסגעגעבן[2] אויפן

---

[1] כאַטיץ פון שעף פון אָ. ק. וו. צו גענ. וואגנער פון 17 אָקטאָב. 1939, „ביולעטין“ פון ה.ק.פּ.ה.פּ., ב. IV, ז. 110.

[2] געהיימע פאראָרדענונג פון הימלערן פון 30 אָקט. 1939, אין די אקטן פון ביהלערס פּראָצעס, ב. 86, ז. 10.

סמך פון דערהאַלטענעם (דעם 7=טן אָקטאָבער 1939) אומבאַגרענעצטן רעכט צו איבערזידלען און פאַרניכטן גאַנצע פעלקער.

אין הסכם מיט דער דערמאָנטער פאַראָרדענונג האָט די אָקופּאַציע=מאַכט פּלאַנירט צו איבערזידלען פון נאָוועמבער 1939 ביז פעברואַר 1940 אין דער גענ.=גובערניע אַלע יידן און אַ באַדייטנדיקן טייל פּאָליאַקן פון די אינקאָרפּאָרירטע אין רייך פּוילישע מערב=געביטן. דעם קאָנקרעטן איבערזידלונגס=פּלאַן האָבן געדאַרפט צוגרייטן און באַשטימען די העכערע ס.ס.= און פּאָליציי=פירער פון די געגעבענע פּראָווינצן. די איבערזידלונג פירן דורך די פּאָליציי=אָרגאַנען. דאַקעגן די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט אין דער גענ.=גובערניע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער „באַזעצונג“ פון דער באַפעלקערונג אויף די נייע ערטער.

דעם 7=טן און 8=טן נאָוועמבער איז אין קראָקע פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די העכערע ס.ס.= און פּאָליציי=פירער פון „וואַרטעלאַנד“ (ס.ס.=גרופּנפירער קאָפּפּע) און גענ.=גובערניע (ס.ס.=אָבערגרופּנפירער קריגער), אויף וועלכער עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז אין באַשטימטן טערמין דאַרפן דעפּאָרטירט ווערן אין דער גובערניע 200.000 פּאָליאַקן און 100.000 יידן.[3] וואַרשיינלעך האָבן אַנאַלאָגישע באַראַטונגען אָפּגעהאַלטן די פּאָליציי=פירער פון אַנדערע פּראָווינצן.

אין רעזולטאַט פון די באַראַטונגען און געשפּרעכן זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן די טערמינען און אַנדערע פּרטים פון די איבערזידלונגס=אַקציע. דעם 12=טן נאָוועמבער האָט הימלער אַרויסגעשיקט צו די פּאָליציי=אָרגאַנען און אַדמיניסטראַטיווער מאַכט אַ נייע געהיימע פאַראָרדענונג וועגן אופן פון דורכפירן די דעפּאָרטאַציע.[4]

די גרעסטע טראַנספּאָרטן פון גולים האָבן געדאַרפט אָנקומען אין דער גובערניע פון דעם א. ג. „וואַרטע=לאַנד“, אין וועלכער עס האָבן געוווינט אַן ערך 400.000 יידן. דער העכערער פּאָליציי=פירער קאָפּפּע האָט דעם 12=טן נאָוועמבער 1939 אַרויסגעשיקט גענויע אויספיר=פאַראָרדענונגען וועגן דער איבערזידלונג.[5] קאָפּפּע שטרייכט אונטער, אַז דער ציל פון דער אַקציע איז „די זיכערונג פון נייעם דייטשישן געביט“ און די נויטווענדיקייט צו שאַפן וווינונגען און אַרבעט

---

[3] „גרייזערס פּראָצעס“, ז. 378.

[4] פּג"ל:

„Erfahrungsbericht über die Umsiedlung von Polen und Juden aus dem Reichsgau Wartheland“, 26.I.1940.

דער דאָקומענט געפינט זיך אין אַרכיוו פון מערב=אינסטיטוט אין פּויזן, דאָקום. I—398 (קאָפּיע אין אַרכיוו פון יי. ה. א.); „גרייזערס פּראָצעס“, ז. 378.

[5] געהיימע פאַראָרדענונג פון קאָפּפּע: „די אויסזידלונג פון יידן און פּאָליאַקן פון וואַרטעלאַנד“, אַקטן פון ביהלערס פּראָצעס, ב. 86, ז. 12 א. וו.

פאַר פּאָלקס=דייטשן, וואָס דאַרפן דאָ אָנקומען. קאָפּפּע זעט פאָרויס, אַז ביז פעברואַר וועלן דעפּאָרטירט ווערן בסך=הכל 300.000 יידן און פּאָליאַקן. אין דער ערשטער ריי דאַרפן באַזייטיקט ווערן די פּאָליאַקן פון די קרייזן: פּויזן, גנעזן, וורעצלאַוו, ווייטער 30.000 יידן און 30.000 פּאָליאַקן פון לאָדזשער קרייז. די גולים דאַרפן קאָנצענטרירט ווערן אויף די שטחים פון מזרח=דרום=זייט פון וואַרשע און לובלין, אלזאָ, אויף מזרח פון דער ווייסל און בוג.

דער גאַולייטער גרייזער און קאָפּפּע האָבן אַרויסגעגעבן נאָך פיל אַנדערע אכזריותדיקע פאַראָרדענונגען וועגן דורכפירן די פאַרברעכערישע אקציע. צ. א. האָט מען פאַרווערט (13 נאָוועמבער) די יידן צו בייטן און בכלל פאַרלאָזן זייערע וווין=ערטער אויפן שטח פון דער גאַנצער פּראָווינץ.[6] חוץ דעם זענען די יודענראַטן פאַרפליכטעט געוואָרן (פאַראָרדענונג פון 24=טן נאָוועמבער) צו העלפן דער אָקופּאַציע=מאַכט אין דורכפירן דעם גירוש.[7] די פּוילישע און יידישע באַפעלקערונג האָט זיך מיט אַלע מעגלעכע מיטלען קעגנגעשטעלט דעם גירוש. כדי צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דער באַפעלקערונג, האָט הימלער פאַראָרדנט דעם 29=טן נאָוועמבער, אַז די פּאָליאַקן און יידן, וואָס וועלן זיך אויסבאַהאַלטן אָדער אַנטלויפן אין אַנדערע שטעט, „דאַרפן שטאַנדרעכטלעך דערשאָסן ווערן“. די געסטאַפּאָ אין פּויזן האָט נאַטירלעך וועגן דעם תיכף געמאָלדן אַלע לאַנדראַטן און יודענראַטן.[8]

בעת די פאַרברעכערישע גירוש=אַקציעס האָט מען אויך צוגערויבט דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון די גולים. מען האָט זיך דאָ געשטיצט אויף אַ פאָרמעלן דעקרעט פון גערינגן פון 1=טן נאָוועמבער 1939, לויט וועלכן דאָס גאַנצע אומבאַוועגלעכע און באַוועגלעכע פאַרמעגן פון דער יידישער באַפעלקערונג ווערט קאָנפיסקירט און איבערגענומען דורך דער „האַופּט=טרויהאַנדשטעלע“ אָסט“, וואָס פירט דורך דעם רויב מיט דער הילף פון די פּאָליציי=אָרגאַנען און זייערע עקספּאָזיטורן.[9] די יידישע גולים האָבן געמעגט מיטנעמען מיט זיך בלויז אַ האַנט=באַגאַזש און געמוזט איבערלאָזן אויפן אָרט זייער גאַנץ פאַרמעגן, איבערגעבן די שליסלען פון דער דירה דעם קאָמיסאַרישן טרויהענדער. די גאַנצע אי=

---

[6] קאָפּיע פון דער פאַראָרדענונג ציטירט אין דער לאָדזשער געטאָ=כראָניק, אַרכיוו פון יי. ה. א.

[7] „Sonderbefehl über die Heranziehung der jüd. Aeltestenräte bei der Evakuierung von Juden“, 24.XI.1939
אַרכיוו פון מערב=אינסטיטוט אין פּויזן, דאָקום. I — 398.

[8] הימלערס באַפעל פון 29 נאָוועמב. 1939; געהיימער בריוו פון געסטאַפּאָ אין פּויזן פון 13 דעצ. 1939 צום לאַנדראַט אין יאַראָטשין, אַרכיוו פון מערב=אינסטיטוט, דאָקום. I—200, ז. 35.

[9] „דויטשער רייכסאַנצייגער“ 1939, נר. 260.

בערזידלונג איז פֿאַרגעקומען אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען: אין נישט גע־הייצטע לאַסט־וואַגאָנען, ביי 30 גראַד קעלט, אָן עסן און טרינקען. אין רעזולטאַט איז דאָס געווען אַן אמתער גיהנום פֿאַר די גולים, האָט דערפֿירט צו פֿיל קרבנות — האָט זיך, אַלזאָ, אַרויסגעוויזן אַלס געהעריקער אינסטרומענט צו פֿאַרניכטן מענטשן.

די אַקופּאַציע־מאַכט האָט אָבער אין גאַנג פֿון דער אַקציע אָנגעטראָפֿן אויף גרויסע שוועריקייטן, קודם־כל טראַנספּאָרט־ און אַפּראָוויזאַציע־שוועריקייטן. מען האָט צוליב דעם נישט געקאָנט דורכפֿירן הימלערס באַפֿעל וועגן דעפּאָרטירן 300.000 יידן און פּאָליאַקן אין דער גענ.־גובערניע. פֿאַר דער צייט ביזן 17־טן דעצעמבער 1939 זענען סך־הכל אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון „וואַרטעלאַנד" 80 טראַנספּאָרטן מיט 87.883 נפֿשות[10] און עטלעכע קלענערע טראַנספּאָרטן פֿון עסטרייך און משעכאָסלאָוואַקיע.[11]

שטיצנדיק זיך אויף דער דערפֿאַרונג פֿון די ערשטע גירושים, האָט היידריך פֿון רסה"א צוגעגרייט אַ גענויעם פּלאַן פֿאַרן צווייטן עטאַפּ און באַשטימט אַ ספּעציעלן אַמט, וואָס זאָל קאָאָרדינירן מיט אַלע ענינים פֿון דער פֿאַרברעכערישער אויסזידלונגס־אַקציע. דעם 30 יאַנואַר 1940 איז אין בערלין פֿאַרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון די העכערע ס.ס.־ און פּאָליציי־פֿירער און אַנדערע מלוכה־פֿאַרשטייער, אויף וועלכער היידריך האָט אינפֿאָרמירט וועגן די נייע באַשלוסן און באַשטימט מיט זיי געוויסע איינצלהייטן פֿון פּלאַן. אויף דער קאָנפֿערענץ האָבן צ. אנד. אָנטיילגענומען פֿראַנק, זיין פֿאַרטרעטער סיים אינקוואַרט, היטלערס פֿאַרטרעטער גרייפֿעלדט, קריגער, קאָפּפּע און די העכערע פּאָליציי־פֿירער פֿון אַנדערע פּראָווינצן. עס זענען אויך געווען אָנוועזנד גובערנאַטאָרן פֿון אייניקע דיסטריקטן, שעפֿן פֿון די סיפּאָ, געסטאַפּאָ, חוץ דעם די מיטאַרבעטער פֿון רסה"א — מילער, אייכמאַן, גינטער, אָהלענדאָרף און דער הויפּט־שעף פֿון טרויהאַנדשטעלע ווינקלער און אַנדערע.[12]

היידריך האָט אינפֿאָרמירט די פֿאַרזאַמלטע וועגן די רעזולטאַטן פֿון די ביזאיצטיקע איבערזידלונגס־אַקציעס און וועגן די ווייטערדיקע פּלענער. כדי צו שאַפֿן אָרט פֿאַר דייטשישע איבערזידלער פֿון די באַלטישע לענדער לויט דער „גרונטזעצלעכער פֿאַראָרדענונג" פֿון הימלערן, דאַרפֿן דעפּאָרטירט ווערן נאָך די באַפֿעלקערונגס־גרופּן, וואָס זענען פֿון ראַסן־פּאָליטישן שטאַנדפּונקט שעדלעך פֿאַרן רייך. היידריך האָט ווייטער אינפֿאָרמירט, אַז 1 מיליאָן פּאָליאַקן פֿון

---

[10] „ערפֿאַהרונגס־באַריכט" פֿון פּויזנער העכערן ס.ס.־ און פּאָליציי־פֿירער פֿון 26 יאַנואַר 1939; דאָקום. נ.אָ. — 5322 (פֿון 31 יאַנואַר 1939).

[11] „דער פּראָצעס", ב. XXXII, ז. 255, דאָקום. פּ.ס. — 3398.

[12] נירענבערגער דאָקומענטן נ.אָ. — 5322 און 5323.

די אינקאָרפּאָרירטע געביטן וועלן דעפּאָרטירט ווערן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. עס בלייבט אַלזאָ איבער צו איבערזידלען אַלע ייִדן, ציגײַנער און עטלעכע פּראָצענט פּאָליאַקן. די ווײַטערדיקע מאַסן־גירושים וועלן אָרגאַניזירט ווערן לויט פאָלגנדיקער ריי:

1) עס וועלן אויסגעזידלט ווערן 40.000 ייִדן און פּאָליאַקן פון „וואַרטעלאַנד“. די אַקציע וועט אַרומנעמען דער עיקר אַ שטאָטישן עלעמענט.

2) אַן איבערזידלונג פון 120.000 פּוילישע פּויערים, כּדי צו שאַפן אָרט פאַר די באַלטישע דײַטשן.

3) די אויסזידלונג פון דעם רעשט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון רייך און אינקאָרפּאָרירטע פּראָווינצן.

4) די אויסזידלונג פון 30.000 ציגײַנער פון גאַנצן געביט פון „גרויס־דײַטשלאַנד“.

ווי מיר זעען פון פּראָטאָקאָל פון דער יאַנואַר־קאָנפערענץ, האָט זיך די איבערזידלונג פון 120.000 פּוילישע פּויערים געדאַרפט אָנהייבן ערשט אין מערץ 1940. צוליב דעם האָט מען די גירושים פון ייִדן און ציגײַנער אָפּגעלייגט ביז נאָכן פאַרענדיקן די ערשטע 2 אַקציעס.

קריגער האָט אָנגעוויזן, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נויטווענדיקייט צו שאַפן אָרט פאַר פאַרשידענע מיליטערישע און ס.ס.־ישע פאָרמאַציעס וועט מען דאַרפן אויפן שטח פון דער גענ.־גובערניע גופא איבערבאַזעצן אַן ערך 100—120 טויזנט מענטשן. כּדי אויסצומײַדן שפּעטערדיקע שוועריקייטן, דאַרף מען שוין איצט נעמען אין אַכט די אינערלעכע איבערזידלונגען. דערויף האָט היידריך געענטפערט, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיטן בויען אויפן מזרח פאַרשידענע מיליטערישע אָביעקטן, וועט מען האָבן גענוג געלעגנהייט צו באַשעפטיקן דאָרט ביי צוואַנגס־אַרבעט הונדערטער טויזנטער ייִדן פון די רײַכס־געביטן. „אויך זייערע פאַמיליעס וועט מען שפּעטער איבערוואַרפן אין דער גענ.־גובערניע און אויף אַזאַ אופן לעזן דעם ענין“. דערווייל קאָן מען נישט, — האָט דערקלערט היידריך, — דורכפירן די מאַסן־גירושים פון ייִדן. עס וועלן בלויז אין פעברואַר דעפּאָרטירט ווערן אין דער גענ.־גובערניע העכער 1000 ייִדן פון שטשעטשין „מחמת זייערע וווינונגען זענען צוליב קריגס־ווירטשאַפטלעכע סיבות דרינגענדיק גייטיק“.[13]

היידריך האָט ווײַטער אויפגעקלערט, אַז עס וועלן באַזייטיקט ווערן אַלע טראַנספּאָרט־ און אַפּראָוויזאַציע־שוועריקייטן, אַז דאָס רײַכסבאַן־מיניסטעריום

---

[13] לויטן באַריכט פון לובלינער יודענראַט פון 17 פעברואַר 1940 זענען דעמלט קיין לובלין אָנגעקומען אַן ערך 1200 ייִדן פון שטשעטשין און פּאָמערן. אַרכיוו פון י.ה.א., אַקטן פון לובלינער יודענראַט, טעקע 6.

האָט שוין צענטראַל אויסגעאַרבעט די טראַנספּאָרט־פּלענער. די מאַכט־אָרגאַנען פון מערב־פּרייסן, גדאַנסק, שלעזיע, ציעכאַנאָוו דאַרפן זיך פאַרשטענדיקן מיט דעם רסה"א וועגן די צוגרייטונגען צו דער אויסזידלונג אין דער גענ.־גובערניע, וווהין עס דאַרפן גיין די טראַנספּאָרטן. מען דאַרף אויך באַצייטנס מודיע זיין די אָרגאַנען פון טרויהאַנדשטעלע, כדי זיי זאָלן תיכף קאָנען איבערנעמען דאָס איבערגעלאָזענע פאַרמעגן פון די גולים.

די קאָנפערענץ האָט געהאַט אַ ריין אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער, אָבער שוין דאָ האָבן זיך אַנטפּלעקט באַדייטנדיקע שוועריקייטן פון דורכפירן די דעפּאָר־טאַציע־פּלענער. פון דער אַנדערער זייט איז אַזאַ באַפעלקערונגס־פּאָליטיק געווען אין סתירה צו די וויטאַלע אינטערעסן פון רייך, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין אַ טאָטאַלער מלחמה. די שוועריקייטן זענען כסדר אָנגעוואַקסן און האָבן שוין אין קורצן דערפירט צום אָפּשטעלן די אויסזידלונגס־אַקציעס. דאָ האָבן נאַ־טירלעך געווירקט נישט קיין הומאַניטאַרע מאָטיוון, עס איז נישט פאָרגעקומען קיין ענדערונג אין דער היטלעריסטישער פּאָליטיק לגבי פּאָליאַקן און יידן. די ענדערונג איז געווען בלויז אַ רעזולטאַט פון דער נויטווענדיקייט אויסצונוצן די אַרבעטס־כוחות אין דער ווירטשאַפט פון דער געגעבענער פּראָווינץ. היידריך האָט נאָך דערמאָנט וועגן אַ פּלאַן אַרויסצושיקן אין רייך אַ מיליאָן פּוילישע אַרבעטער. דער עיקר איז דאָ געגאַנגען וועגן איבערוואַרפן אין דער גובערניע די יידישע באַפעלקערונג פון רייך, אָקופּירטן עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע (אַן ערך 400.000 נפשות) און פון די אינקאָרפּאָרירטע אין רייך פּוילישע גע־ביטן (600.000 יידן). דער גענעראַל־פּלאַן האָט אַלזאָ אַרומגענומען — ווי דאָס האָט אויף אַ קאָנפערענץ ביי פראַנקן דערקלערט דער שעף פון סיפּאָ און זיכער־הייטס־דינסט, בריגאַדעפירער פון ס.ס. שטרעקענבאַך — 1 מיליאָן יידן און איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן פאַרברעכערישן פּלאַן צו שאַפן אויף מזרח פון דער ווייסל אַ „יידן־רעזערוואַט".[14] אין איינקלאַנג דערמיט האָט דער אָפּטיילונגס־לייטער ד"ר זיבערט אָנגעזאָגט אויף אַ באַראַטונג אין קראָקע דעם 5־טן פעברואר 1940, אַז אין קורצן דאַרפן אָנקומען 20.000 פּאָליאַקן און יידן און ביז מאַי וועלן איבערגעזידלט ווערן 450.000 יידן.

אויף די גרויסע שוועריקייטן, וואָס וועלן אַנטשטיין אין לויף פון דורכפירן די איבערזידלונגען בעת דער מלחמה, האָבן שוין אָנגעוויזן די דערמאָנטע וועטצעל און העכט אין זייער מעמאָריאַל. אויך אין דער אַרבעט א.ד.ט. „וועגן דער רעכט־לעכער שטעלונג פון דער דייטשישער פּאָליטיק לגבי די פּאָליאַקן פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישן שטאַנדפּונקט", וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דער אַקאַדעמיע פון

---

[14] פראַנקס טאָגבוך, קאָנפערענץ פון 31 אָקטאָב. 1939.

דייטשישן רעכט,[15] ווערט אָנגעוויזן, אַז אַן אויסזידלונג פון פיל מיליאָנען מענטשן וועט קאָנען פאָרקומען ערשט נאָך אַ זיגרייכער מלחמה, דעמלט, שרייבן די מחברים, וועלן די פּאָליאַקן אַרויסגעשיקט ווערן, למשל, קיין סיביר און די יידן אויף מאַדאַגאַסקאַר און עס וועט געשאַפן ווערן פּלאַץ פאַר דייטשישער קאָלאָניזאַציע.

דאָס האָט לחלוטין נישט באַדייט, אַז מען איז אָפּגעטראָטן פון פּלאַן אויסצוראָטן פּאָליאַקן און יידן, נאָר אַז דער פעלקערמערדערישער פּלאַן וועט אין דער פולער מאָס קאָנען רעאַליזירט ווערן ערשט ביי מער גינסטיקערע באַדינגונגען. אין קורצן אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך די קליינע פּלענער האָבן נישט קיין שאַנסן פאַר רעאַליזאַציע. געשטערט האָבן די באַדערפענישן פון דער דייטשישער קריגס־ווירטשאַפט.

די ענינים זענען נאָכאַמאָל באַהאַנדלט געוואָרן אויף אַ קאָנפערענץ ביי גערינגען אין קארינהאַל דעם 12־טן פעברואַר 1940, וואָס איז געווען געווידמעט ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון די אינקאָרפּאָרירטע אין רייך פּוילישע געביטן. אין דער קאָנפערענץ האָבן צוו. אַנד. אָנטיילגענומען: הימלער, שווערין קראָסיג, פראַנק, גרייזער, די אויבער־פּרעזידענטן קאָך און וואַגנער, שטאַטס־סעקרעטאַרן פון די פאַראינטערעסירטע מיניסטעריומס, דער שעף פון טרויהאַנדשטעלע ווינקלער א. אַנד.[16] גערינג האָט גלייך אין אָנהייב פון זיין אַרויסטרעטונג אָנגעוויזן, אַז „דער ציל פון אַלע אין מזרח פאַראָרדנטע מאָסמיטלען איז צו שטאַרקן דעם קריגס־פּאָטענציאַל פון רייך“. כדי די ווירטשאַפט זאָל דאָרט קאָנען אַרבעטן און זיך אַנטוויקלען, מוזן דאָרט איינגעהאַלטן ווערן די אַרבעטס־כוחות. אין דער מערהייט וועלן דאָס זיין פּאָליאַקן. חוץ דעם וועלן פון דאָרט צוגעשטעלט ווערן פּוילישע אַרבעטער פאַרן רייך. צוליב די אַלע מאָטיוון — האָט גערינג אונטערגעשטראָכן — מוזן דערווייל אָפּגעשטעלט ווערן אַלע איבערזידלונגען.

די אָנוועזנדיקע גאַולייטערס האָבן זיך נישט געקאָנט קעגנשטעלן גערינגס אַרגומענטן. זיי האָבן דעריבער בלויז ראַפּאָרטירט וועגן דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס דאַרף איבערגעזידלט ווערן.

גרייזער, למשל, האָט אינפאָרמירט, אַז אין זיין פּראָווינץ לעבן נאָך 400 טויזנט יידן, וואַגנער (שלעזיע) האָט געשאַצט די צאָל יידן אויף 100—120 טויזנט, פאָרסטער (פּרייסן) האָט אָנגעגעבן די צאָל 1800 נפשות, און קאָך (ציעכאַנאָוו)

---

15 „דער פּראָצעס“, ב. XXVI, ז. 206, דאָקום. פּ.ס.—661; פּג"ל אויך די נאָטיץ וועגן דער באַראַטונג ביים לאַנדראַט זיבערט אין קראָקע, אין די טשענסטאָכאָווער אַקטן (אין אַרכיוו ייה"א).

16 „נאַצי קאָנספּיראַסי“, ב. VII, ז. 402, דאָקום. ע.צ. — 305. אָנוועזנד זענען געווען: קערנער, נוימאַן, לאַנדפריד, באַקע, סירופּ, קליינערמאַן, אַלפּערס און אַנדערע היטלעריסטישע קריגס־פאַרברעכער.

האָט דערקלערט, אַז די יידן אַרבעטן אויף די באַנען און זענען דערווייל אים נייטיק.[17]

הימלער האָט אינפאָרמירט אויף דער קארינהאל־קאָנפערענץ, אַז פון די איינגעגלידערטע געביטן זענען שוין אויסגעזידלט געוואָרן 300.000 נפשות (יידן און פּאָליאַקן), אָבער צוליב די מלחמה־שוועריקייטן האָט ער געהייסן אָפּשטעלן די אויסזידלונגען און דאָס איבערבאַזעצן די ליטווישע, בעסאַראַבישע און בוקאָווינישע דייטשן. אויך די דייטשן, וואָס וווינען אויף מערב פון דער ווייסל, וועלן דאָרט דערווייל מוזן בלייבן.[18] בלויז די דייטשן, וואָס געפינען זיך אין לובלינער געגנט, אויף מזרח פון דער ווייסל, וועלן מוזן איבערבאַזעצט ווערן, ווייל דער שטח איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ „יידן־רעזערוואַט“.

הימלערס דערקלערונג האָט באַדייט, אַז מען וועט קאָנטינואירן די איבערזידלונג פון יידן. דאָס איז קודם־כל געווען נוגע דעם גרויסן יידישן קיבוץ אין לאָדזש, וואָס איז דעמלט איינגעשלאָסן געוואָרן אין אַ געטאָ. דאָס לאָדזשער געטאָ איז געווען אַ דורכגאַנגס־לאַגער, אין וועלכן עס האָבן געלעבט אַן ערך 160 טויזנט יידן. ווי עס דרינגט פון אַ שפּעטערדיקן דאָקומענט, האָט פראַנק אין קארינהאל צוגעזאָגט גרייזערן צו איבערנעמען די לאָדזשער יידן.[19] עס זענען טאַקע אין יענער צייט געמאַכט געוואָרן אין לאָדזש און אין דער גאַנצער לאָדזשער פּראָווינץ צוגרייטונגען צו דעפּאָרטירן די יידן אין דער גענ.־גובערניע.

אָבער אויך די אַקציע האָט שוין נישט געקאָנט דורכגעפירט ווערן. כדי נישט אַריינצופירן אַ כאַאָס איןווירטשאַפטלעכן לעבן, האָט גערינג מיטן דעקרעט פון 23־טן מערץ 1940 אָפּגעשטעלט אויף להבא אַלע איבערזידלונגס־אַקציעס.[20] אויף דעם סמך האָט אויך הימלער אַרויסגעשיקט אַן אַנטשפּרעכנדיקן באַפעל צו די פּאָליציי־אָרגאַנען.[21] דאָס האָט נאַטירלעך איבערגעשטראָכן אַלע פריער באַשטימטע פּלענער צו באַזייטיקן די יידישע באַפעלקערונג פון די אינ־

---

[17] קאָך האָט דערקלערט בוכשטעבלעך: „די יידן ווערן באַשעפטיקט ביים בויען גאַסן און זענען דעריבער דערווייל נויטיק“.

[18] דייטשישע דאָקומענטן באַשטעטיקן, אַז אין „וואַרטע־לאַנד“ האָט מען איבערגעזידלט העכער 200.000 דייטשן, פג"ל:

W a s z a k: Bilans walki narodowościowej rządów Greisera, „Przegląd Zachodni“ 1946, Nr 6, p. 488.

[19] קאָפּיע פון דער נאָטיץ וועגן דער בערלינער קאָנפערענץ דעם 1 אַפּריל 1940, אין „לאָדזשער געטאָ“ (דאָקומענטן צונויפגעזאַמלט דורך א. אייזענבאַך), לאָדזש 1946, ז. 167.

[20] דצ"ו, ז. 167.

[21] פג"ל צירקולאַר־בריוו פון פּרעזידענט פון דער לאָדזשער רעיענץ, 8 מאי 1940; שריפט פון ביבאָוו, שעף פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג צום פּאָליציי־פּרעזידענט אין לאָדזש פון 22 מאי 1940, „לאָדזשער געטאָ“, ז. 168—169.

קאָרפּאָרירטע געביטן. גרייזער האָט געמאַכט ווייטער באַמיונגען אויף דער קאָנפערענץ אין בערלין דעם 1־טן אַפּריל 1940 צו ענדערן דעם באַשלוס וועגן די לאָדזשער יידן. אויף דער פאָדערונג פון גרייזערן האָט די קאָנפערענץ באַשלאָסן צו פועלן ביי גערינגען און פראַנקן, זיי זאָלן רעווידירן די דעציזיעס וועגן אָפּשטעלן די איבערזידלונגען פון די לאָדזשער יידן. די אינטערווענץ האָט דערווייל נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן, און עס זענען דערווייל אָפּגעשטעלט געוואָרן די דעפּאָרטאַציעס פון וואַרטעלאַנד צוליב קריגס־ווירטשאַפטלעכע מאָטיוון.

וועלכע זענען געווען די רעזולטאַטן פון די דורכגעפירטע פאַרברעכערישע אַקציעס? מיר האָבן נישט קיין גענויע ציפערן, אָבער לויט הימלערס און זעראַפימס סטאַטיסטישע אָנגאַבן זענען דעפּאָרטירט געוואָרן אין דער גובערניע אַז ערך 350.000 יידן.[22] דאָ זענען שוין וואַרשיינלעך אַריינגערעכנט געוואָרן די טראַנספּאָרטן פון רייך און אַנדערע אָקופּירטע לענדער.[23]

די איבערזידלונגען, וואָס זענען געווען איין קייט פון נגישות און טעראָראַקטן און בעת וועלכע פיל גולים זענען געשטאָרבן פון הונגער און קעלט — האָבן אַרויסגערופן אַ שטאַרקן פּראָצעס פון דעקלאַסאַציע און פּויפּעריזאַציע. די היטלעריסטישע מאַכט, נישט קאָנענדיק צוליב די אָנגעוויזענע סיבות ווייטער דורכפירן די דעפּאָרטאַציע, האָט געזוכט נייע וועגן פון „לעזן די יידן־פראַגע“. תחילת האָבן די היטלעריסטישע מאַכט־אָרגאַנען רעאַליזירט די פּלענער אין א. ג. „יידן־רעזערוואַט“, שפּעטער, נאָכן שליסן וואָפנשטילשטאַנד מיט פראַנקרייך אין יולי 1940, האָט מען זיך אומגעקערט צום אַלטן פּלאַן פון דעפּאָרטירן יידן אין די אַפריקאַנישע קאָלאָניעס.

---

[22] S e r a p h i m: Die Judenfrage im GG als Bevölkerungsproblem, „Die Burg“ 1940, Nr 1(X).

אין אַן אַנדער בוך שרייבט זעראַפים, אַז אין דער גענ.־גובערניע האָט מען איבערגעזידלט 333.000 יידן. פּג"ל:

I. H. Seraphin: „Das Judentum, seine Rolle und Bedeutung in Vergangenheit und Gegenwart“, München 1942, p. 49.

[23] לויטן באַריכט פון שעף פון סיפּאָ און ס.ד. אין בערלין זענען ביזן 15 נאָוועמב. 1940 איינגעזידלט געוואָרן אין דער גענ.־גובערניע פון ווין, פּראָג, מעריש־אָסטרוי — 5035 יידן, פון שטשעטשין — 1000 יידן. גלייכצייטיק גיט דער דאָקומענט אָן, אַז אין דער זעלבער צייט זענען איבערגעזידלט געוואָרן 294.336 פּאָליאַקן. (לויט „איבערזיכט איבער די דורכגעפירטע עוואַקואירונגען“, נירנב. פּראָצעס נר. VIII, דאָקום. נ.אָ. — 5150).

4. דער ציל פון די פּראָיעקטן וועגן אַ „רעזערוואַט" אין לובלינער געגנט און אויף מאַדאַגאַסקאַר

דאָס אויסזידלען די יידישע באַפעלקערונג פון די פּוילישע געביטן, וואָס זענען פאַראייניקט געוואָרן צום רייך, און פון אָקופּירטן עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע אויף די מזרח־געביטן פון דער גענעראַל־גובערניע איז אַ געוויסע צייט געווען פאַרבונדן מיטן פאַרברעכערישן פּראָיעקט פון שאַפן אויף מזרח־זייט פון דער ווייסל אַ „רעזערוואַט פאַר יידן".

די „אידעע" פון רעזערוואַט איז נישט געווען קיין נייע. די היטלערישע פירער האָבן נאָך לאַנג פאַר דער אַגרעסיע אויף פּוילן געגרייט אַזעלכע פאַרברעכערישע פּלענער. אַלפרעד ראָזענבערג איז נאָך אָנהייב 1939 יאָר אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּראָיעקט איבערצוזידלען מיליאָנען יידן אין אַן אַפריקאַנישער קאָלאָניע און שאַפן אַ רעזערוואַט אונטער דער אויפזיכט פון דער עסעסישער פּאָליציי.

נאָכן אָקופּירן פּוילן זענען די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען צוגעטראָטן צום רעאַליזירן די דאָזיקע פאַרברעכערישע פּלענער, האַלטנדיק, אַז די סיטואַציע איז איצט אַ גינסטיקע, מחמת אין דער גענעראַל־גובערניע האָבן פון לאַנג געלעבט גרויסע יידישע מאַסן. אין אַכט איז גענומען געוואָרן נישט ערגעץ אַ ווייט לאַנד, נאָר מ'האָט זיך דערוויייל באַנוגנט מיט אַ לאַנד, וואָס ליגט אין מיטל־אייראָפּע. דער אורשפּרונג פון דער „אידעע" איז געווען אַ נישט ווייניקער פאַרברעכערישער: קאָנצענטרירן און פולשטענדיק איזאָלירן די יידישע באַפעלקערונג, בכדי זי ענדגילטיק צו פאַרניכטן.

מיר קענען נישט די אָפיציעלע דאָקומענטן, לויט וועלכע מ'וואָלט געקאָנט פעסטשטעלן, ווען די היטלערישע מאַכט האָט פאַראָרדנט צו שאַפן אַ געשלאָסענעם געביט פאַר יידן. ס'איז אָבער קיין ספק נישט, אַז ביים אָנהייב פון דער אָקופּאַציע איז שוין אַזאַ מין דעציזיע אָנגענומען געוואָרן, אויב דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק האָט אויף דער קאָנפערענץ פון די קאָמיסאַרן פון ראַדאָמער דיסטריקט, וואָס איז פאָרגעקומען אין ראַדאָם דעם 25־טן נאָוועמבער 1939, שוין אָפן וועגן דעם גערעדט. פראַנק, פאָרויסזאָגנדיק, אַז די גענעראַל־גובערניע וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסן קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס וועט אַריינגעמען אין זיך נאָך 2,5 ביז 3 מיליאָן יידן, האָט באַטאָנט: „מיר ווילן האָבן אַ העלפט ביז דריי פערטל פון אַלע יידן אויף מזרח פון דער ווייסל. די דאָזיקע יידן וועלן מיר פאַרפּלאָגן אומעטום, ווו ס'וועט זיך נאָר לאָזן. דאָס באַציט זיך צו אַלע יידן פונעם רייך, פון ווין און פון אומעטום. אינעם רייך זענען אונדז די

יידן נישט נייטיק. ווארשיינלעך, די ווייסל=ליניע, קיינער נישט הינטער דער לי=
ניע“.[1]

דער גוט אינפארמירטער ה. ע. זייפערט דערמאנט אין זיין ארבעט „דער
ייד אויף דער מזרח=גרענעץ“, אז „מ'האט א געוויסע צייט גערעדט וועגן א יידישן
באזעצונגס=געביט אין לובלינער ראיאן — וועגן א יידן=רעזערוואט“.[2] ידיעות
וועגן שאפן א יידן=רעזערוואט געפינען מיר אויך אין אפיציעלע דאקומענטן:
אינעם געהיימען ראפארט פון שעהנע, דעם לייטער פון דער „אומזידלונגס=אפ=
טיילונג“ אין אמט פון ווארשעווער דיסטריקט,[3] און אינעם ראפארט פון גענע=
ראל סטראאפ.[4] די דאזיקע ידיעות און אויך הימלערס אויבן דערמאנטע דערקלע=
רונגען אויף דער פעברואר=קאנפערענץ אין קארינהאל באווייזן, אז דער פלאן
פון ארגאניזירן א „רעזערוואט“ פאר יידן איז אין א געוויסן מלחמה=עטאפ
פאקטיש דורך די היטלעריסטן גענומען געווארן אין אכט.

דער פראיעקטירטער רעזערוואט האט באדארפט ארומנעמען א געשלא=
סענעם געביט צווישן דער ווייסל און דעם סאן פון איין זייט, און דער גרענעץ
פון ראטנפארבאנד — פון דער צווייטער זייט.[5] אינעם דאזיקן „רעזערוואט“
האט מען געזאלט איבערזידלען די יידישע באפעלקערונג פונעם רייך, פון עסט=
רייך, טשעכאסלאוואקיע און פון די געביטן, וואס זענען אנגעשלאסן געווארן צים
רייך. דאס באשטימען פארן „רעזערוואט“ די געביטן, וואס האבן זיך געפונען
אין מזרח=זייט פון דער ווייסל און סאן איז ווארשיינלעך געווען פארבונדן מיט
די אונטערגענומענע מעליאראציע=ארבעטן און אויך מיט אנדערע ארבעטן פון
מיליטערישן כאראקטער.

היידריכס ארויסזאגונגען אויף דער קאנפערענץ אין דער רסה“א, וואס איז
פארגעקומען דעם 30=טן יאנואר 1940, וועגן אויסנוצן יידישע ארבעטס=כוחות
ביים בויען די מזרח=פארפעסטיקונגען באשטעטיקט נאך מער אונדזערע
השערות.

אין חודש אקטאבער 1939 זענען אין „רעזערוואט“ אנגעקומען די ערשטע
טראנספארטן פון אקופירטן עסטרייך און טשעכאסלאוואקיע. אנגעקומען זענען
דעמלט עטלעכע טויזנט יידן פון פראג, מאראווער אסטראווע, טשעשין, באגומין,

---

[1] ארכיוו פון יה“א, פאטאקאפיע פון פראטאקאל פון דער קאנפערענץ אין ראדאם
דעם 25.XI.1939.

[2] H. E. Seifert: Der Jude an der Ostgrenze, Berlin 1940, p. 88.

[3] שיינס רעפעראט: „איבער די בילדונג פון יוד. וואהנבעצירק“, 20 יאנואר 1941,
אין די אקטן פון סטראאפס פראצעס אין ווארשע, ב. I, ז. 210.

[4] סטראאפס ראפארט, נירענב. דאקומענט. פ.ס. — 1061, קאפיע אין ארכיוו פון
יה“א.

[5] John Evans: „The Nazi Order in Poland“, London 1941, p. 150.

פּילזנע און פון סלאָוואַקיע.[6] ס׳זענען אויך אָנגעקומען יידן פון ווין [7] און משע־כאַנאָוו.[8] אין חודש פעברואַר 1940 זענען אַהין — אין הסכם מיט היידריכס פאָרויסזאָגן — אויסגעזידלט געוואָרן פּאַרטיעס יידן פון שטשעטשין.[9] אַהין זענען אויך געשיקט געוואָרן די אויסגעזידלטע יידן פון „וואַרטעלאַנד", ס׳רוב אויסגעזידלטע יידן האָבן זיך אָבער פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער אַלע שטעט און שטעטלעך פון דער גענעראַל־גובערניע.

אין די נאָטיצן פון רינגעלבלומען, געשריבן אין וואַרשע אין די טעג פון 17—20־טן יאַנואַר 1940, ווערט דערמאָנט, אַז לויט די קלאַנגען, וואָס קורסירן אין וואַרשע, וועלן די יידן פון אַלע אָקופּירטע פּוילישע געביטן אַרויסגעשיקט ווערן אין „רעזערוואַט".[10]

דאָס לעבן פון די יידן, וואָס זענען אַהין דעפּאָרטירט געוואָרן, האָט זיך נישט פיל אונטערשיידט פונעם לעבן פון די אַסורים אין די דעמלטיקע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די אויסערגעוויינלעכע געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג, די נויט פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז באַרויבט געוואָרן פון אַלץ, דער גרויזאַמער און אַלץ וואַקסנדיקער הונגער האָבן דערפירט צו דער פאַרשפּרייטונג פון עפּידעמישע קראַנקהייטן און צו הויכער שטערבלעכקייט צווישן די דעפּאָרטירטע. דער געפּלאַנטער ציל — צו שאַפן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אַזעלכע באַדינגונגען, אין וועלכע זי וועט אַליין אומקומען, — איז דערגרייכט געוואָרן.

דער פּלאַן פון קאָנצענטרירן די יידישע באַפעלקערונג אין לובלינער „רעזער־וואַט" איז דורך דער היטלערישער מאַכט אינגיכן איבערגעריסן געוואָרן. דער רייכסאַמטלייטער שעהן און דער גענעראַל סטראָאַפּ האָבן פעסטגעשטעלט אין זייערע ראַפּאָרטן, אַז דער הויכער עסעס־ און פּאָליציי־פירער קריגער האָט שוין אין אַפּריל 1940 געמאָלדן די גובערנאַטאָרן פון די באַזונדערע דיסטריקטן, אַז די רעגירונג פון דער גענעראַל־גובערניע האָט רעזיגנירט פון איר פריערדיקן פּלאַן צו שאַפן אַ „רעזערוואַט" אין לובלינער געגנט.

---

[6] פג"ל „באַזעלער נאַציאָנאַל־צייטונג" פון 7 נאָוועמבער 1939; „לוקסעמבורגער וואָרט" פון 1939.XI.21.

[7] „דער פּראָצעס", ב. XXXII, ז. 255, דאָקום. פּ.ס. — 3398, בריוו פון סיוס־אינ־קוואַרט צו הימלערן פון 4 נאָוועמב. 1939 וועגן באַפעל צו אָרגאַניזירן טראַנספּאָרטן עס־טרייכישע יידן אין דער גענ.־גובערניע. דעם באַפעל האָט די יידישע קהילה אין ווין באַקומען אין אָקטאָב. 1939, פג"ל „ווינער־בלעטער" 1940, נר. 1—2, ז. 156.

[8] „דער פּראָצעס", ב. VII, ז. 182, רעדע פון גענ. רודענקאָ.

[9] ארכיוו פון ייה"א, אקטן פון „דזשוינט" נר. 414, רשימה פון שטעט און צאָל פּליטים.

[10] ארכיוו פון ייה"א, רינג. I,

שוין אין די ערשטע חדשים זענען אַנטשטאַנען קאָלאָסאַלע שוועריקייטן, און דאָס דורכפירן דעם דאָזיקן פּלאַן איז געוואָרן אוממעגלעך. וועגן דעם האָט געגווי גערעדט זעראַפּים אויף דער קאָנפערענץ אין פראַנקפורט אין מערץ 1941.[11] דער פּלאַן פון קאָנצענטרירן 5 מיליאָן אייראָפּעישע יידן אין לובלינער געגנט — האָט זעראַפּים דערקלערט — וואָלט געצוווּנגען צו איבערזידלען פון דער דאָזיקער געגנט פון 2 ביז 3 מיליאָן פּאָליאַקן און 200 טויזנט אוקראַינער אין אַנדערע טיילן פון אייראָפּע, און דאָס וואָלט פּראַקטיש געווען נישט דורכפירבאַר.[12] דער לובלינער דיסטריקט איז צו קליין פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין אייראָפּע. אויך איןווירטשאַפטלעכן זין איז דער דיסטריקט נישט אויסגעאַרבעט. אין שייכות מיט די דאָזיקע שטערונגען — קאָנקלודירט זעראַפּים — איז אין אייראָפּע נישטאָ אַזאַ שטח, וואָס וואָלט געקאָנט באַשטימט ווערן אַלס איזאָלאַציע־פּלאַץ פאַר יידן. דאָס איז נאָך מער נוגע דעם לובלינער דיסטריקט צוליב סטראַטעגישע טעמים. דעריבער איז די קאָנצעפּציע פון שאַפן אַ „רעזערוואַט" אין מיטל־אייראָפּע נישט רעאַל. „פון דעם קאָן מען לערנען — שרייבט זעראַפּים — אַז ....די לעצטע מעגלעכקייט ראַדיקאַל צו לעזן דאָס יידן־פּראָבלעם איז אַ יידן־עמיגראַציע פון אייראָפּע".[13]

די פּאָליטישע מאַכט־אָרגאַנען און די מיט זיי מיטאַרבעטנדיקע „וויסנשאַפטלעכע" אינסטיטוטן, וואָס זענען געשטאַנען אין דינסט פון היטלעריזם, האָבן טראַקטירט דעם „רעזערוואַט" אַלס גרויסן עקספּערימענט, וואָס גיט די מעגלעכקייט צום אָבסערווירן און פאָרשן דעם טעמפּ פונעם אונטערגאַנג פון פעלקער־גרופּן. די ביזאַיצטיקע דערפאַרונגען האָבן אויך דערמעגלעכט פעסטצושטעלן, וועלכע נייע רעפּרעסיע־מיטלען מ'דאַרף אָנווענדן אויפן ווייטערדיקן עטאַפּ פון קאַמף קעגן דער פּוילישער באַפעלקערונג.

פאַר יענעם עטאַפּ פון כסדרדיקן זוכן וואָס מער בעסטיאַלישע מעטאָדן פון קאַמף קעגן דער פּוילישער באַפעלקערונג איז כאַראַקטעריסטיש דער אויבן ציטירטער רעפעראַט אונטערן טיטל „רעכטגעשטאַלטונג פון דער דייטשישער פּאָליטיק לגבי פּוילן". די אויטאָרן פונעם רעפעראַט, וואָס איז באַאַרבעט געוואָרן פאַר דער „אַקאַדעמיע פון דייטשישער רעכט", נאָכן פעסטשטעלן, אַז ס'זענען פאַראַן שוועריקייטן פון ווירטשאַפטלעכן און טראַנספּאָרט־כאַראַקטער, נאָכן

[11] „וועלטקאַמף" 1941, ב. I, ה 1—2.

[12] רינגעלבלום ברענגט אין זיינע נאָטיצן די ידיעה וועגן רעזערוואַט און שטרייכט אונטער, אַז מען רעדט וועגן טעכנישע שוועריקייטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער איבערזידלונג פון עטלעכע מיליאָן מענטשן, וועגן די טראַנספּאָרט־שוועריקייטן און קאָלאָסאַלע הוצאות.

[13] זעראַפּים: באַפעלקערונגס־ און ווירטשאַפט־פּאָליטישע פּראָבלעמען פון אַן אַלגעמיין־אייראָפּעישער לעזונג פון דער יידן־פראַגע (דייטש), מינכען 1943, ז. 24.

קומען צום אויספיר, אַז אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן איז אומעטגלעד צו דערפירן צו א פולשטענדיקער איזאָלאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, זענען אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּראָיעקט צו שאַפן געמישטע באַפעלקערונגס־ראַיאָנען. אַזאַ לעזונג פון דאָזיקן פּראָבלעם אויף די אָקופּירטע געביטן וואָלט געשאַפן צווישן פאַרשידענע פעלקער־גרופּן אַ סיטואַציע פון אַנטאַגאָניזמען, וואָס וואָלטן געדינט די אינטערעסן פון דער היטלערישער נאַציאָנאַליסטן־פּאָליטיק. „...מען דאַרף זיך באַמיען, — לייענען מיר אינעם רעפּעראַט, — אַז די שנאה און פאַר־ביטערונג פון די פּאָליאַקן קעגן רייך, דער רייכס־רעגירונג און די רייכס־פאַר־שטייער זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַנטאַגאָניזמען קעגן די באָלשעוויקעס, יידן, אוקראַינער, ווייסרוסן און עוואַנגעליקער. די דינאַמיק פון דער פאַרביטערונג דאַרף זיך אין פוילישן פאָלק נישט אויסלאָדן אין איין ריכטונג". דאָס קאָן דערגרייכט ווערן דורכן דעצענטראַליזירן די ישובים. דערביי דאַרף מען „...פאַרויסזען פאַר־שידענע לעזונגען פאַר באַזונדערע דיסטריקטן, שאַפנדיק פּויליש־יידישע און פּוי־ליש־אוקראַינישע געביטן...". די לעזונג פונעם דאָזיקן פּראָבלעם — איזאָלאַציע אָדער געמיינזאַמע ישובים פאַר יידן — איז אָפּהענגיק פון די לאָקאַלע באַדינ־גונגען [14].

די אויבן געבראַכטע ציטאַטן כאַראַקטעריזירן די פּאָליטיק פון די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען אויפצוהעצן קעגנאַנאַנדער די יידן און פּאָליאַקן, בכדי אָפּצו־שוואַכן זייער שנאה קעגן געמיינזאַמען שונא — קעגן אָקופּאַנט. זיי זענען אויך א באַוויז, אַז אין אָנהייב יאָר 1940 איז שוין פאַר געוויסע קרייזן קלאָר געווען, אַז די קאָנצעפּציע פון א „רעזערוואַט" איז אבסורדאל, און אַז שוין דעמלט האָט מען געקלערט וועגן אנדערע קאַמפּס־מעטאָדן קעגן פּוילישן פאָלק. דער צירקו־ליאַר פון ד"ר גאָטאָנג, דעם רעפּערענט פאַר יידן־פראַגן ביי דער אינערן־אָפּטיי־לונג פון דער רעגירונג אין דער גענעראַל־גובערניע, וואָס איז דעם 6־טן אַפּריל 1940 פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן צו די גובערנאַטאָרן פון די באַזונדערע דיס־טריקטן, האָט וואַרשיינלעך געהאַט דעם ציל אויסצופאָרשן די מעגלעכקייטן, וועל־כע זענען אין דער ריכטונג פאַראַן אין דער גענעראַל־גובערניע [15]. די גובערנאַ־טאָרן האָבן באַדאַרפט — אין זין פונעם דאָזיקן צירקוליאַר — אינפאָרמירן וועגן דעם פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די באַזונדערע קרייזן פונעם געגעבענעם דיסטריקט, וועלכע זענען שוואַך באַוווינט, וואָס פאַר א נאַציאָנאַלי־טעטן־גרופּן ס'וווינען דאָרט, צי די דאָזיקע געגנטן גיבן זיך איין פאַר א „יידישן באַפעלקערונגס־געביט" א. אז. וו.

---

[14] „דער פּראָצעס", ב. XXVI, ז. 223.

[15] אַרכיוו פון יה"א, אַקטן פון שטעט, נר. 40, ז. 87—90, צירקוליאַר פון ד"ר גאָטאָנג.

ד״ר גאָטטאנג האָט אין זיין צירקוליאר אויך אונטערגעשטראָכן, אז דאָס באזעצן יידן אין די באזונדערע ראיאָנען (ער האָט פאָרגעזען, אז פונעם 1־טן מאי 1940 אָן וועלן אָנקומען 400.000 יידן) איז א צייטווייליקער באשלוס, אז אלע מיטלען ווערן אָנגעווענדט אין דער ריכטונג פון קאָנצענטרירן די גאנצע יידישע באפעלקערונג אויף אן אָרט, וואָס וועט זיך געפינען אונטער דער קאָנטראָל פונעם רייך.

דאָס האָט אויך באשטעטיקט זייפערט, וועלכער האָט אין יאָר 1940 געשריבן צווישן אנדערן: „דאָס אלץ איז ערשט א צוגרייטונג צום לעזן דאָס יידן־פראָבלעם. ווי דאָס דאָזיקע פראָבלעם וועט ענדגילטיק געלעזט ווערן, איז נאָך פריצייטיק צו רעדן... דאָס לעצטע וואָרט איז נאָך נישט געזאָגט געוואָרן, אָבער אינעם פאסיקן מאָמענט וועלן מיר דאָס הערן פון די מאָסגעבנדיקע פאקטאָרן“ [16]. וואָס שייך דעם „רעזערוואט“, שטרייכט זייפערט אונטער, „דער „רעזערוואט“ ביי לובלין איז נאָך אויך נישט די ענדגילטיקע לעזונג. דאָס קאָן דערגרייכט ווערן אויפן סמך פון פרינציפ, אז די יידן דארפן נישט געהערן צו דער וועלט און צום וווינונגס־געביט פון די ווייסע מענטשן, נאָר פון די קאָלירטע. אויף זייערע לעבנס־שטחים דארף באשטימט ווערן אן אָרט אויף צו באזעצן יידן“ [17]..

רעזיגנירנדיק פונעם לובלינער „רעזערוואט“, האָבן זיך די היטלערישע מאכט־אָרגאנען צוריק אומגעקערט צום פריערדיקן פעלקערמערדערישן פראָיעקט פון קאָנצענטרירן און איזאָלירן די אייראָפעישע יידן אין אן אפריקאנער קאָלאָניע.

הארבסט צייט 1940 האָט די היטלערישע רעגירונג געהאלטן, אז די אינטערנאציאָנאלע סיטואציע איז גינסטיק אויף צו באנייען די פלענער פון א „רעזערוואט“ אין אפריקע, און אז ס'זענען פאראן רעאלע מעגלעכקייטן דאָס צו רעאליזירן. די היטלערישע ארמיי האָט געהאט באהערשט די מערב־אייראָפעישע לענדער. נאָכן פארכאפן פאריז האָט די היטלערישע רעגירונג געגלייבט, אז איר וועט זיך אָן שום שוועריקייטן איינגעבן איבערצונעמען די בעלגישע און באזונדערס די פראנצויזישע קאָלאָניעס אין אפריקע. דעמלט וועלן ערשט אנטשטיין די באדינגונגען פארן פארניכטן די אייראָפעישע יידן דורכן דעפאָרטירן זיי אויף מאדאגאסקאר.

די דאָזיקע באשלוסן זענען אָנגענומען געוואָרן נאָך פאר דער קאפיטולאציע פון פראנקרייך. דעם 14־טן יוני 1940 האָט דאָס היטלערישע מיליטער פארנומען פאריז. דעם 17־טן יוני האָט דער פרעזידענט לעברון — נאָך דער דימיסיע פון דער רענאָ־רעגירונג — איבערגעגעבן די מיסיע פון שאפן א נייע רעגירונג דעם מארשאל פעטען. דעם זעלבן טאָג האָט פעטען זיך געווענדט צו היטלערן מיט

---

[16] זייפערט, דצ״ו, ז. 88.
[17] דאָרט.

דער ביטע וועגן וואָפנשטילשטאַנד, און וועגן שליסן א סעפּאַראַטן שלום. דעם 18=טן יוני, פאָרן צוטרעטן צו די פראַנצויזיש=דייטשישע אונטערהאַנד=לונגען וועגן וואָפנשטילשטאַנד, האָט היטלער זיך געטראָפן אין מינכען מיט מוסאָליניִן, כדי צו באַשטימען די שלום=באַדינגונגען מיט פראַנקרייך [18]. ביידע פאַשיסטישע מלוכות האָבן געהאַט געמיינזאַמע אינטערעסן, באַזונדערס וועגן ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן די קאָלאָניעס פון צפון= און מזרח=אַפריקע. ס'איז א פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז בעת די מינכענער אונטערהאַנדלונגען האָט היטלער מיטגעטיילט מוסאָליניִן, אַז איצט וועט ער צוטרעטן צום רעאַליזירן דעם „מאַדאַ=גאַסקאַר"=פּלאַן. דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אין די נאָטיצן פון היטלערס דאָלמעטשער, פּאַול שמידט, און פון איטאַליענישן אויסערן=מיניסטער, גראַף טשיאַנאָ [19]. אונדז איז אויך באַקאַנט, אַז דער „מאַדאַגאַסקאַר"=פּלאַן איז באַ=האַנדלט געוואָרן אויף א געהיימער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 20=טן יוני 1940 אין דער הויפּט=קוואַרטיר פון היטלערן, אין דער אָנוועזנהייט פון העכערע ווערמאַכט=אָנפירער [20].

דער אויסוואַל איז געפאַלן אויף מאַדאַגאַסקאַר, קודם=כל צוליב מיליטעריש=סטראַטעגישע טעמים. דאָס באַהערשן דאָס דאָזיקע אינדזל וואָלט דערמעגלעכט דעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד זיך צו פאַרפעסטיקן אויפן מזרח=אַפריקאַנישן ברעג, אויפן וויכטיקן ים= און יבשה=פּונקט, נאָענט פון א וויכטיקן וואַסער=קנופּ, נישט ווייט פון די געוועזענע דייטשישע קאָלאָניעס, וועלכע מ'האָט געפּלאַנט צוריק אָפּ=צונעמען. מאַדאַגאַסקאַר צוזאַמען מיט זיינע ים= און לופט=פּאָרטן וואָלט געוואָרן אַן אַנטשפּרעכנדיקע באַזע, פון וואַנען מען וואָלט געקאָנט אָרגאַניזירן אָנפאַלן אויפן אַפריקאַנער קאָנטינענט. דאָ האָט מען גערעכנט אויף דער פולער אונטערשטי=צונג פון פעטענען און זיין קליקע, וועלכע האָבן נאָך פאָרן אונטערשרייבן דעם וואָפנשטילשטאַנד — גייענדיק היטלערן אויף דער האַנט — געמאַכט די נייטיקע שריט, אַז צפון=אַפריקע און אַנדערע פראַנצויזישע קאָלאָניעס זאָלן נישט ווערן קיין קאָנצענטראַציע=געביט פאַר די מיליטערישע כוחות פון די פראַנצויזישע פּאַטריאָטן [21].

---

[18] Kordt E.: Wahn und Wirklichkeit. Die Aussenpolitik des Dritten Reiches, Stuttgart 1948, p. 251.

[19] מעמואַרן פון ציאַנאָ (פּויליש), 1949. גבית=עדות פון ווײסליצעני:

Paul Schmidt: Statist auf dipl. Bühne, p. 485, „Nazi Conspiracy" t. VIII, p. 606.

[20] Anthony Martiensen: Hitler e i suoi ammiragli, Roma 1951, p. 99.

אויף דער קאָנפערענץ זענען אָנוועזנדיק געווען יאָדל, רעדער, פּוטקאַמער.

[21] פג"ל: יערמאַשאָוו: „די פּאָליטיק פון וואָל=סטריט" (פּויליש), וואַרשע 1948, ז. 92. קאָרדט, דצ"ו, ז. 252.

היטלער האָט אין זיינע פּלענער פון דעפּאָרטירן די יידן אויף מאדאגאסקאר גערעכנט אויף דער אונטערשטיצונג פון דער רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן און טיילווייז פון ענגלאנד. ס׳איז דאָך באקאנט, אז די אמעריקאנער רעגירונג האָט שוין דעם 26=טן יוני אָנערקענט די פּעטען=רעגירונג. די היטלעריסטישע רעגירונג האָט אויך אויסגעשטעלט אויף דער מעגלעכקייט פון פארענדיקן די מלחמה מיט ענגלאנד, ווייל שוין אָנהייב יוני זענען אין דער שווייץ געפירט געוואָרן אומאָפיציעלע געשפּרעכן צווישן ענגלאנד און דייטשלאנד[22]. היטלער איז דעם 19=טן יולי 1940, ווען ער האָט זיך געגרייט איבערצורייסן די געשלאָסענע אָפּמאכן מיטן ראטנפארבאנד[23], אין זיינער א רעדע אין רייכסטאג ארויסגעטראָטן מיט אָפיציעלע פּראָפּאָזיציעס. די היטלערישע רעגירונג איז ארויסגעטראָטן מיט קאָנקרעטע פּאָרשלאָגן צו ענגלאנד — וועגן וועלכע טשערטשיל דערמאָנט אין זיינע מלחמה=זכרונות — דורך דער פארמיטלונג פון די דיפּלאָמאטישע פּלאצוווקעס אין דער שווייץ, אמעריקע און ביים וואטיקאן[24].

די האָפענונגען אויף א שנעלן שלום=אָפּמאך מיט פראנקרייך און ענגלאנד און אויפן פארענדיקן די מלחמה אין מערב האָבן דעריבער געווירקט, אז די היטלערישע רעגירונג זאָל צוטרעטן אויסצופירן איר פארברעכערישן „מאדאגאסקאר“=פּלאן, אויף וועלכן די רעגירונגען פון די מערב=מלוכות האָבן נאָך מיט א יאָר צוריק אין פּרינציפּ אויסגעדריקט זייער הסכם.

בעת די צוגרייטונגען צום שלום=טראקטאט, קודם=כל מיט פראנקרייך, זענען אין דער לעצטער דעקאדע פון יוני גענוי פּרעציזירט געוואָרן די פּראָיעקטן אין ענין מאדאגאסקאר. נאָכדעם איז עס אָפּגעשטימט געוואָרן מיט די העכסטע פּארטיי=פאקטאָרן און אויף די צווישן=מיניסטעריאלע בעראטונגען. דער רעפערענט פאר יידישע ענינים ביים אויסערן=מיניסטעריום, דער באוווסטער קריגס=פארברעכער רעדעמאכער, האָט נאָכן באקומען די אפּראָבאטע פונעם מיניסטער ריבענטראָפּ אויסגעארבעט אן אויספירלעכן מעמאָריאל א. נ. „די יידן=פראגע איגעם שלום=טראקטאט“, דאטירט פון דעם 3=טן יולי 1940[25]. אויך היידריך האָט

[22] אין דער שווייץ איז פאָרגעקומען א צוזאמענטרעף פון קעלי, דעם בריטישן געזאנדטן אין בערלין, מאקס האָהענלאָע, דעם באפולמעכטיקטן פון די היטלעריסטישע רעגירונגס=קרייזן. פג״ל:

Maxime Maurin: Les tentatives de paix dans la seconde guerre mondiale (1939—1945), Paris 1949, p. 86.

[23] דעם 20 יוני 1940 האָט היטלער געזאָגט צו ריבענטראָפּן: „מיין אָפּמאך (מיטן ראטנפארבאנד) איז געשלאָסן געוואָרן מיטן אויסבליק פון א לאנג=דויערנדיקער מלחמה; היות אָבער ווי די מלחמה איז א קורצע, איז דער פאקט מיר שוין נישט נוציק“;
„Przegląd Zachodni“ 1947 Nr 9, p. 785.

[24] I. Kadomskij: Formirowanije anglo-amerikanskowo bloka pośle kapitulacji Francji „Woprosy Istorii“ 1950 ,Nr 1, p. 47.

[25] נירענבערגער דאָקומ. נ.ג. — 2586, אין די אַקטן פון נירענב. פּראָצעס נר. XI.

אויסגעארבעט אן אויספירלעכן פּלאַן פון יידן=דעפּאָרטאציע פון אייראָפּע אויף מאדאגאסקאר[26]. דער דאָזיקער פּלאַן — ווי דער אונטערשטאַטס=סעקרעטאר לוטער האָט אונטערגעשטראָכן אין זיינע נאָטיצן פון העלפט יאָר 1942 — איז באשטעטיקט געוואָרן דורך הימלערן[27] און היידריך האָט אים איבערגעשיקט די רעקט צו ריבענטראָפּן. די דאָזיקע פּלענער האָבן אבסאָרבירט נישט בלויז די עסעס=אָרגאנען און די דיפּלאָמאטישע פּלאצוווקעס, נאָר אפילו היטלערן פּערזענלעך[28].

ראדעמאכערס מעמאָריאל פאָרמולירט די הויפּט=אויפגאבן פון אויסערן מיניסטעריום צום רעאליזירן די פארברעכערישע מאדאגאסקאר=פּלענער. ער רוקט ארויס די נויטווענדיקייט פון שליסן אָפּמאכן אין דער דאָזיקער פראגע מיטן פאשיסטישן איטאליע[29], ארייננעמען דעם ענין אין שלום=טראקטאט מיט די באזיגטע מערב=מלוכות און אויך דורכפאָרסירן ענלעכע פאָדערונגען אין די אָפּמאכן מיט אנדערע רעגירונגען. אויסער דעם ווייזט ער אָן, אז די דיפּלאָמאטישע פּלאצוווקעס אין אויסלאנד דארפן פעסטשטעלן די צאָל יידן אין די באזונדערע אייראָפּעישע לענדער און די מעגלעכקייטן פון פארכאפּן זייער פארמעגן.

היידריכס דאָקומענט ווידער אנטהאלט אן אויספירלעכן אָרגאניזאציאָנעלן פּלאַן פון דעפּאָרטירן א פילמיליאָניקע יידן=מאסע אויף דעם אפריקאנער אינדזל. די דערמאָנטע דאָקומענטן, נישט געקוקט אויף זייער פראגמענטארישן כאראקטער, דערמעגלעכן, אונדז זיך צו באקענען מיטן היטלערישן פּלאַן פון פארטיליקן די יידישע באפעלקערונג, וואָס איז גענוי אויסגעארבעט געוואָרן אין די חדשים יולי—אויגוסט פון 1940 יאָר. ביים אויסארבעטן דעם דאָזיקן פּלאַן האָבן די היטלעריסטן אויסגענוצט די דערפארונגען, וועלכע זיי האָבן באקומען אויף די אָקופּירטע געביטן.

דער פּלאַן האָט פאָרגעזען, אז דאָס רייך וועט באקומען דעם מאנדאט איבערן אינדזל מאדאגאסקאר. די יידן, וואָס וועלן דעפּאָרטירט ווערן פון די בא=

---

[26] דער „מאַדאַגאַסקאַר=פּלאַן“, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך רסה"אַ איז אונדז באקאנט בלויז אין פראגמענטן פון עקזעמפּליאר, וועלכן ראדעמאכער האָט דעם 15 אויגוסט 1940 איבערגעשיקט צום ס.ס.=אָבערשטורמפירער דאנעקער, אייכמאנס מיטארבעטער, דאָקום. נ.ג.—2586.

[27] געהיימער ראַפּאָרט פון אונטערשטאַטס=סעקרעטאַר לוטער פון 21 אויגוסט 1940, דאָקום. נ.ג.—2586.

[28] לוטער דערמאָנט אין זיין ראַפּאָרט, אז אבעץ, דער היטלעריסטישער אמבאסאדאָר אין פּאריז, האָט בעת זיין אוידיענץ ביי היטלערן אין אויגוסט 1940 בארירט דעם ענין פון מאדאגאסקאר=פּלאַן.

[29] די ענינים זענען מסתמא באַהאַנדלט געוואָרן בעת דעם וויזיט פון גראַף ציאַנאָ אין בערלין דעם 7 יולי 1940, ווען ער האָט ארויסגערוקט די דעזידעראטן פון איטאליע אין צוזאמענהאנג מיט די צוגרייטונגען צום שלום=טראקטאט מיט פראנקרייך.

זונדערע אייראָפּעישע לענדער, פאַרלירן זייער בירגערשאַפט פון די געגעבענע מלוכות, און זיי פאַלן אַרונטער אונטער מאַנדאַט פון מאַדאַגאַסקאַר.

וויאַזוי האָט באַדאַרפט אויסזען דאָס לעבן פון די יידן אויף מאַדאַגאַסקאַר? אין פּרינציפּ האָט דאָס אינדזל — ווי אַ מאַנדאַט=לאַנד פונעם רייך — באַדאַרפט ווערן אַ סטראַטעגישע באַזע פאַרן ים= און לופט=פלאָט פון רייך. די פּאָרטן, וואָס האָבן אַ סטראַטעגישע באַדייטונג, ווי פאַי, דיעגאָ=סואַרעז, אַנטסיראַנע וועלן ווערן ים=באַזעס. אַנדערע טיילן פון אינדזל וועלן באַשטימט ווערן אַלס לופט=באַזעס. ערשט די איבעריקע טיילן פון אינדזל, וואָס האָבן נישט קיין סטראַטעגישע באַדייטונג, וועלן זיך געפינען אונטער דער אָנפירונג פון דייטשישן פּאָליציי=גובערנאַטאָר, וועלכער וועט אונטערליגן הימלערן.

אין ליכט פון ראַדעמאַכערס און הייידריכס פּראָיעקטן זעט מען קלאָר, אַז מאַדאַגאַסקאַר האָט געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גיגאַנטישן קאָנצענטראַציע=לאַגער אונטער דער ליייטונג פון עסעס=קאָמענדאַנטן, אָפּגעשניטן פון דער וועלט דורכן ים און מיט אַ קייט פון ים= און פלי=באַזעס. די לעבנס=באַדינגונגען פון מיליאָנען יידן וואָלטן דאָרט דערפירט געוואָרן צו דער נידעריקסטער מדרגה פון שקלאַפישער וועגעטאַציע. דער ציל פונעם „מאַדאַגאַסקאַר“=פּלאַן איז געווען אַ קלאָרער — די פאַרטיליקונג פון מיליאָנען דעפּאָרטירטע יידן וואָלט אין אַזעלכע באַדינגונגען געווען בלויז אַ פראַגע פון צייט, אויב די היטלערישע מאַכט=אָרגאַנען וואָלטן פריער נישט אָנגעווענדט קיין ספּעציעלע מיטלען אויף צוצואיילן דעם פאַרניכטונגס=פּראָצעס.

די פאַרברעכערישע פּראָיעקטן פון ראַדעמאַכערן און הייידריכן האָבן אויך פאָרגעזען, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאַרמעגן אין אייראָפּע זאָל דורך די ספּעציעלע אַמטן פון רסה“א אָדער דורך אירע עקספּאָזיטורן צוגערויבט ווערן. ראַדעמאַכער איז אפילו אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּראָיעקט צו גרינדן אַן אייראָפּעישע באַנק, וואָס וועט זיך באַשעפטיקן מיטן דורכפירן די דאָזיקע רויב=מלאכה.[30] זיין מעמאָריאַל האָט חוץ דעם פאָרגעזען, אַז די דעפּאָרטירטע יידן וועלן קאָנען מיטנעמען מיט זיך בלויז האַנט=באַגאַזש, פּונקט ווי בעת די אויסזידלונגען אין די ערשטע מלחמה=חדשים און נאָכדעם, בעת די אויסזידלונגען אין די טויט=לאַגערן.

ראַדעמאַכער האָט חוץ דעם פּראָפּאַגירט, אַז צוליב פּראָפּאַגאַנדע=טעמים זאָל מען אין די אָפּמאַכן באַריקזיכטיקן די רעכט פאַר דער דעפּאָרטירטער באַפעלקערונג צו שאַפן אַ „זעלבסטפאַרוואַלטונג“ און אַפילו אייגענע פּאָליציי. אין אַזעלכע באַדינגונגען וואָלט די „יידישע אַדמיניסטראַציע“ אויסגעפירט די זעלבע פאַרעטערישע ראָל, ווי די יודענראַטן אין דער גענעראַל=גובערניע און אין אַנ=

[30] דער דייטשער טיטל:
„Gedanken über die Gründung einer intereuropäischen Bank für die Verwertung des Judenvermögens in Europa“, NG-2586.

דערע אָקופּירטע געביטן. זי וואָלט געדינט אַלס אינסטרומענט צום רעאַליזירן די פאַרברעכערישע היטלערישע פּלענער.

דאָס זענען נאַטירלעך געווען בלויז פּראָיעקטן פאַר די צווישן=מלוכהשע אָפּמאַכן, וועלכע האָבן געדאַרפט אין אַ געוויסער מאָס שאַפן דעם איינדרוק פון לעגאַלקייט פון די איבערזידלונגען. אין דער ווירקלעכקייט האָט דאָס באַדאַרפט זיין אַ צוואַנגס=רעפּאַרטאַציע, וואָס איז סאַנקציאָנירט געוואָרן דורך די אָפּמאַכן מיט די מערב=אייראָפּעישע מלוכות. די רעפּאָרטאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג פון אייראָפּע האָט פאַקטיש געהאַט אויסשליסלעך פעלקערמערדערישע צילן.

אין שייכות מיט די צוגרייטונגען אין די חדשים יולי און אויגוסט 1940 צו דעם הויפּט=פּלאַן פון רעפּאָרטירן די יידן פון אייראָפּע, איז פּאָרלויפיק אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן אויפגעהאַלטן געוואָרן די איבערזידלונג פון די אינקאָרפּאָרירטע געביטן אין דער גענעראַל=גובערניע. דער גענעראַל=גובערנאַטאָר פראַנק, וואָס איז געווען גענוי אינפאָרמירט וועגן די פּלענער פון דער צענטראַלער היטלערישער רעגירונג, האָט דעם 12=טן יולי 1940 וועגן דעם מיטגעטיילט די אַמט=לייטערס אין דער גענעראַל=גובערניע, און דעם 25=טן יולי האָט ער נאָכאַמאָל אינפאָרמירט דער רעגירונג פון דער גענעראַל=גובערניע, אונטערשטרייכנדיק דערביי, אַז „אַלע יידן, וועלכע וווינען אין דער גענעראַל=גובערניע, וועלן — אויפן סמך פוגעם ספּעציעלן פּראָגראַם — אַלציינס אַזוי טראַקטירט ווערן, אַז די גענעראַל=גובערניע וועט צו אַ באַשטימטער צייט באַפרייט ווערן פון יידן. ווי נאָר די קאָמוניקאַציע=באַדינגונגען וועלן דערלויבן אַפּטראַנספּאָרטירן די יידן, וועלן זיי, שטיק נאָך שטיק, פרוי נאָך פרוי, מאַן נאָך מאַן, מיידל נאָך מיידל, אַרויסגעשיקט ווערן“.[31]

דער שעף פון דער זיכערהייטס=פּאָליציי פון דער גענעראַל=גובערניע, דער עסעס=בריגאַדעפירער שטרעקענבאַך, האָט דעם 31=טן יולי 1940 אויף אַ קאָנפערענץ ביי פראַנקן געמאָלדן, אַז דער רעפּאָרטאַציע=טערמין פאַר די יידן אויף מאַדאַגאַסקאַר איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט. „ווען און וויאַזוי די אויסזידלונג וועט פאָרקומען, וועט אויפגעקלערט ווערן נאָכן פרידנס=אָפּמאַך“.[32]

ביי די דעמלטיקע גינסטיקע פּאָליטישע באַדינגונגען אין אייראָפּע האָט זיך די היטלערישע רעגירונג גערעכנט, אַז איר וועט זיך לייכט איינגעבן צו באַקומען די ווירטשאַפטלעכע און טראַנספּאָרט=שוועריקייטן ביים רעפּאָרטירן די יידן.

---

[31] „די היטלעריסטישע אָקופּאַציע אין פּוילן אין ליכט פון פראַנקס טאָגבוך און פּראָטאָקאָלן פון די רעגירונגס=זיצונגען אין דער גענ.=גובערניע“, „בולעטין“ פון דער ה.ק.פּ.ה.פּ., ב. II, ז. 37.

[32] דצ"ו.

וועגן דעם זאָגן עדות — וואָס אַז אמת, כראָנאָלאָגיש שפּעטערע — דערקלערונגען פון א. ראָזענבערגן און פון ה. ע. זייפּערטן,[33] וועלכע זענען נוגע דער מאַדאַגאַסקאַר=פּראַגע. די רעאַליזאַציע פון פּלאַן פון טראַנספּאָרטירן די מיליאָנען=מאַסע אונטער דער וואַך פון דער עסעסישער פּאָליצײ וואָלט געברענגט פאַרן היטלערישן רייך פּראַקטישע מעגלעכקייטן פון פּאָליטישער פּענעטראַציע אין דער טיף פון אַפריקאַנישן קאָנטינענט.

ווי ס'דרינגט פון ריבענטראָפּס דערקלערונגען פאַרן נירענבערגער טריבונאַל, האָט דעמאָלט דאָס דייטשישע אויסערן=מיניסטעריום אַרויסגעשיקט נאָטעס צו די אייראָפּעישע רעגירונגען, כדי אויסצופאָרשן זייערע מיינונגען וועגן דעם היטלערישן „מאַדאַגאַסקאַר“=פּלאַן און וועגן „לעזן דאָס יידן=פּראָבלעם אין אייראָפּע“.[34] די דערגרייכטע רעזולטאַטן — הן בעת די אונטערהאַנדלונגען מיט פראַנקרייך, ווי אויך מיט אנדערע מלוכות — בלייבן פאָרלויפיק דער סוד פון די דיפּלאָמאַטישע אַרכיוון. ס'אונטערליגט אָבער נישט קיין ספק, אַז די פאַשיסטישע ווישי=רעגירונג, וועלכע האָט צוגעהאָלפן די היטלעריסטן צו פאַרכאַפּן פראַנקרייך, איבערגעמען און אויסנוצן די רייכטימער פון לאַנד און אויך פאַרוואַנדלען די פראַנצויזישע קאָלאָניעס אין אָנגריף=באַזעס פאַר דער היטלערישער אַרמיי, האָט מסכים געווען אָפּצוגעבן מאַדאַגאַסקאַר. אונטערן דרוק פון טאָקיאָ האָט די ווישי=רעגירונג שפּעטער מסכים געווען צו פאַרוואַנדלען מאַדאַגאַסקאַר אין אַ ים=באַזע פאַר יאַפּאַן. דער דאָזיקער פּלאַן איז, וואָס אַז אמת, געקרייצט געוואָרן דורך די ענגלישע מיליטערישע דעסאַנטן און דורך די זעלנער פון קעמפנדיקן פראַנקרייך,[35] דער פאַקט אַליין אָבער זאָגט עדות וועגן דעם, אַז די ווישי=רעגירונג איז לגמרי נישט געווען קעגן איבערגעבן דעם אינדזל. די שוועריקייטן זענען געווען גאַנץ אַנדערע, דער עיקר פון מיליטערישן כאַראַקטער. אַלע וועגן, וואָס האָבן געפירט צום באַשטימטן ציל, זענען פאָרלויפיק געווען בלאָקירט. נאָך דעם, ווי דאָס בריטישע מיליטער האָט פאַרנומען איראַק און סיריע, זענען די פּלענער פון יידן=דעפּאָרטאַציע געוואָרן נישט אויספירבאַר. סוף אויגוסט 1940 האָט די היטלערישע רעגירונג אָנגעהויבן מאכן צוגרייטונגען צו דער אַגרעסיע אויפן ראַטנפאַרבאַנד, אין גאַנג פון אויסאַרבעטן דעם „באַרבאַראָסע“=פּלאַן האָט זי אויך גענומען אין אכט די „לאָקאַלע לעזונג“ פונעם יידן=פּראָבלעם, ד. ה. די אויסראָטונג אויפן אָרט.

די פּלענער פון קאָנצענטרירן די יידן אין „אַ רעזערוואַט“ האָבן שפּעטער, ווען עס איז דורכגעפירט געוואָרן די מאַסנווייזע עקסטערמינאַציע פון דער יידי=

---

[33] פּג״ל ראָזענבערגס שלוס=רעדע אויף דער קאָנפערענץ אין פראַנקפורט אַ./מ. דעם 28 מערץ 1941 און זייפּערטס אַרבעט: „דער יודע צווישן דען פראָנטן“, ז. 154.

[34] La Persecution des Juifs, 1947, p. 250.

[35] יערמאַשאָוו, דצ״וו, ז. 62.

שער באַפעלקערונג, געדינט אַלס שלייער צום פאַרמאַסקירן די באַגאַנגענע פאַר־ברעכנס.[36] זיי האָבן באַדאַרפט אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די פעלקער פון די פעלקער־מערדערישע אַקציעס און שאַפן דעם איינדרוק, אַז די יידן לעבן נאָך אין די אָקופּירטע לענדער, און אַז נאָכן זיגרייכן פאַרענדיקן דעם קריג וועט די היטלערישע רעגירונג כלומרשט ענדגילטיק „רעגולירן“ די יידן־פראַגע.[37]

עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דער „מאַדאַגאַסקאַר“־פּלאַן און די מיט אים פאַרבונדענע צוגרייטונגען און דורכגעפירטע עקספּערימענטן זענען נישט געווען קיין אָפּגעריסענע דערשיינונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות בלויז צו יידן. אַנאַלאָגישע פּלענער לגבי די סלאַווישע פעלקער זענען אַנטשטאַנען סוף יאָר 1941. די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען און די פאַשיסטישע „וויסנשאַפטס“־אינסטיטוטן האָבן ז.ב. דעמאָלט באַשעפטיקט מיטן אויסאַרבעטן פּראָיעקטן פון אַרויסשיקן אויף סיביר 50 מיליאָן סלאַוון פון אייראָפּע און קודם־כל פּאָליאַקן. ס'זענען דעמאָלט אָן שום ספק אויסגענוצט געוואָרן די דערפאַרונגען, וואָס זענען אָנגעזאַמלט געוואָרן בעתן צוגרייטן די יידן־אויסזידלונגען פון אייראָפּע. ביידע פּראָיעקטן זענען געווען אַ פּועל־יוצא פון די פעלקער־מערדערישע פּלענער פונעם דייטשישן אימפּעריאַליזם.

דאָ דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז די בורזשואַזע געשיכטע־פעלשער באַמיען זיך אויף אַלע אופנים — קעגן די פעסטגעשטעלטע פאַקטן — סוגערירן די עפנטלעכע מיינונג, אַז די היטלערישע פּלענער צו דעפּאָרטירן די יידן אויפן אַפריקאַנישן אינדזל האָבן נישט געהאַט פאַר זיך דעם ציל זיי צו פאַרטיליקן, נאָר בלויז דאָס באַזייטיקן זיי פון אייראָפּע. דער אַרויסטריט פון שרתן, דעם אויסערן־מיניסטער פון ישראל, אין פאַרלאַמענט אין דער העלפט פעברואַר 1953, וואָס האָט אַרויס־

[36] Dr A. Hochberg: Perspektiven der Judenfrage. Ein Vergleich mit dem Mittelalter, „Das Reich“, 28.IX.1941.
Gollert: Zwei Jahre Aufbauarbeit im Distrikt Warschau; H. E. Seifert: Der Jude zwischen den Fronten, Berlin 1942, p. 157; C. Axel von Gondalin: Der Norden, der Ostraum und das neue Europa, München 1943.

[37] אין די געהיימע אונטערהאַנדלונגען, בעת וועלכע עס האָבן געדאַרפט דעצידירט ווערן צ.ו.א. די רעווינדיקאַציע פון די דייטשישע קאָלאָניעס און די דעפּאָרטאַציע פון די יידן פון די אָקופּירטע אייראָפּעישע לענדער, האָט די היטלעריסטישע רעגירונג אויסגענוצט די לייטערס פון די קאָלאַבאָראַנטישע יודענראַטן ווי אַן אינסטרומענט פון איר פּאָליטיק. די יידישע צייטונג אין שוועדן „יודיש קראָניקאַ“ האָט דעם 10 מאַי 1941 אינפאָרמירט, אַז די היטלעריסטישע רעגירונג האָט גערופן די קאָלאַבאָראַציאָניסטישע יידישע פאַרשטייער פון דייטשלאַנד און פון אָקופּירטן עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און פּוילן „צו נעמען אָנטייל אין אַ ספּעציעלער קאָנפערענץ געווידמעט דער דעפּאָרטאַציע פון די אייראָפּעישע יידן אויף מאַדאַגאַסקאַר“.

פג״ל „El Diozo Israelita“, Buenos Aires, 10.V.1952.

גערופן אַ כוואַליע פון טיפער אויפרעגונג צווישן דער דעמאָקראַטישער עפנטלעכקייט אויף דער גאַנצער וועלט, איז געווען איינער פון אַזעלכע פרוון. שרת האָט ווערטלעך דערקלערט: „היטלער האָט צוערשט נישט געפלאַנט אויסצומאָרדן און באַרויבן די יידן, ער האָט נאָר געוואָלט זיי צווינגען צו פאַרלאָזן אייראָפּע“.

איצט, 9 יאָר נאָכן נירענבערגער פּראָצעס, ווען ס׳זענען שוין אַלגעמיין באַקאַנט די דערקלערונגען פון די היטלעריסטישע פירער פונעם פעריאָד פאַרן יאָר 1939, די טויזנטער דאָקומענטן און די אויספירלעכע ליטעראַטור וועגן די צוגרייטונגען פון די היטלעריסטן צו די פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט, ווי אויך היידריכס באַפעל פונעם 21־טן יוני 1939, וועלכער זאָגט שוין קלאָר פאַרויס דעם „ענדציל“, ד. ה. די יידן־פאַרניכטונג, איז קלאָר, אַז שרתס דערקלערונג איז איינע פון די פרוון רייניצוּוואַשן די היטלערישע הויפּט־פירער פון דער שולד פון פעלקער־מאָרד. בלויז דאָס קאָן זיין דער פּאָליטישער זין פון מיניסטער שרתס דערקלערונג.

שרתס אויבנדערמאָנטע דערקלערונג איז אַ נייער באַווייז פון די פּראָפּאַשיסטישע און אַנטישלום־איינשטעלונגען פון דער געוו. בן־גוריון־רעגירונג. ווי ס׳איז שוין באַוווּסט, האָט אין יאָר 1952 די רעאַקציאָנערע בן־גוריון־רעגירונג אין ישראל געשלאָסן מיט דער אַדענאַוער־רעגירונג אַן אָפּמאַך וועגן אַנטשעדיקונג פאַר די יידישע שאָדנס. די אַזוי־גערופענע אַנטשעדיקונג האָבן אויפן סמך פונעם דאָזיקן אָפּמאַך נישט באַקומען די דירעקט געליטענע פונעם פאַשיזם אַלס „פאַרגיטיקונג“, ווייל דאָס איז געווען אַן אָפּמאַך צווישן די קאַפּיטאַליסטן פון מערב־דייטשלאַנד און ישראל, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אויף דער אינספּיראַציע פון די אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָליסטן. דער דאָזיקער שענדלעכער אָפּמאַך האָט באַדאַרפט מאַכן פאַרגעסן די היטלערישע פאַרברעכנס אין פעריאָד פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געבן די הסכמה אויפצובויען די נעאָ־היטלערישע ווערמאַכט און די אַפּראָבאַטע אויף דער באַפרייונג פון די באַקאַנטע היטלערישע פאַרברעכער.

די יידישע פאָלקס־מאַסן אין דער וועלט און בתוכם אויך פון ישראל, וועלכע זענען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פאַרעטערישן אָפּמאַך מיט דער נעאָהיטלערישער אַדענאַוער־רעגירונג, וואָס איז אַ שענדלעכער האַנדלען מיטן בלוט פון מיליאָנען מאַרטירער — קרבנות פון פאַשיזם — האָבן גלייכצייטיק פאַראורטיילט שרתס דערקלערונג, וואָס איז געווען אַן אויסדרוק פון דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פון דער בן־גוריון־רעגירונג.

5. די צוגרייטונגען צו דער אַגרעסיע אויפן ראַטנפאַרבאַנד

דער פעריאָד פון די צוגרייטונגען צום אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד, וואָס דאַטירט זיך פון חודש אויגוסט 1940 ביז פרילינג 1941, איז אַ נייער עטאַפ אין דער געשיכטע פון דער היטלעריסטישער פאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז דאָך דער פעריאָד פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע צוגרייטונגען צו דער מאַסנווייזער יידן=ליקווידאַציע אין אייראָפעישן מאַסשטאַב.

פאַרן צוטרעטן צום גענויעם באַהאַנדלען די גרונט=מאָמענטן פון דער עקסטערמינאַציע=פאָליטיק דאַרף מען אָנגעבן — כאָטש אין גאַנץ אַלגעמיינע שטריכן — די כאַראַקטעריסטיק פונעם דערמאָנטן פעריאָד.

איינער פון די הויפט=צילן פון די דייטשישע אימפעריאַליסטישע אַגרעסיע=פלענער איז געווען דאָס צעקלאַפן דעם ראַטנפאַרבאַנד. די היטלעריסטן זענען גע=מוטיקט געוואָרן צו דעם דורך די רעגירונגען פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך, וועלכע האָבן אין העלפט יאָר 1940 אַליין זיך אויך געגרייט צו אַן אַגרעסיע אויפן ראַטנפאַרבאַנד[1]. די היטלעריסטישע רעגירונג, נאָכן פאַרכאַפן גאַנץ מערב=אייראָפע, האָט שוין סוף זומער 1940 באַשלאָסן אָנצופאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד[2]. ס'איז שוין גענוי פעסטגעשטעלט, אַז דער גענעראַל=שטאַב פון דער ווערמאַכט האָט שוין אין חודש סעפטעמבער אויסגעאַרבעט אַ מיליטערישן פלאַן פון אַגרעסיע אויפן ראַטנפאַרבאַנד. דער דאָזיקער פלאַן איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „באַרבאַראָסע“. היטלער האָט אין זיין פאַראָרדענונג פונעם 18טן דעצעמבער באַפוילן צו פאַרענדיקן אַלע צוגרייטונגס=אַרבעטן, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיטן פלאַן פון דער נייער אַגרעסיע, אויפן 15טן מאַי 1941.

דער גענעראַל טאָמאַס, דער שעף פון דער עקאָנאָמישער קריגס=ביוראָ ביי דער העכסטער מיליטערישער אָנפירונג, האָט אין צוזאַמענהאַנג מיטן דאָזיקן פלאַן צוגעגרייט אַ באַריכט וועגן די ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן פונעם ראַטנפאַרבאַנד, וועגן זיינע רוישטאָפן, ענערגעטיק, טראַנספאָרט א.א.וו. אין הסכם מיטן דאָזיקן באַריכט איז אונטער גערינגס אָנפירונג געשאַפן געוואָרן אַן עקאָנאָמישער שטאַב, וואָס האָט ענג מיטגעאַרבעט מיטן שטאַב פון דער ווערמאַכט, און האָט אויסגעאַרבעט קאָנקרעטע פלענער וועגן דער ווירטשאַפטלעכער עקספלאָאַטאַציע פון ראַטנפאַרבאַנד אין די אינטערעסן פונעם דייטשישן אימפעריאַליזם.

דער פאָליטישער ציל פון די היטלעריסטישע אַגרעסיע=פלענער איז געווען אַ קלאָרער: צו פאַרניכטן דאָס סאָציאַליסטישע לאַנד, שאַפן אַ פאַשיסטישע אָרדענונג אַזש ביזן אוראַל. אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, די באַלטישע לענדער, קרים,

[1] אויספירלעכער אין „די פעלשער פון געשיכטע“, ז. 60.
[2] „Nazi Conspiracy“, t. III, dokum. PS-3012, PS-3030, PS-3032.

די געביטן ביי דער וואָלגע א.א.וו. האָבן באַדאַרפט אָנגעשלאָסן ווערן צום רייך אַלס דייטשישע קאָלאָניעס. די באַפעלקערונג ווידער פון די אָקופּירטע געביטן האָט אין דער מערהייט געדאַרפט פאַרטיליקט ווערן.

אין הסכם מיטן דאָזיקן פּראָיעקט איז שוין אין חודש אַפּריל אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ נייע סכעמע פון דער אַדמיניסטראַטיווער סטרוקטור פון די צוקונפטיקע אָקופּירטע געביטן פון ראַטנפאַרבאַנד. דעם 20טן אַפּריל איז אַלפרעד ראָזענבערג נאָמינירט געוואָרן אַלס הויפּט־קאָמיסאַר איבער די מזרח־אייראָפּעישע געביטן, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע צוצוגרייטן די פּלענער און אינסטרוקציעס פון אָרגאַניזירן די אַדמיניסטראַציע אויף די דאָזיקע געביטן. אין חודש מאַי 1941 האָט גערינג אַרויסגעגעבן אַן אינסטרוקציע וועגן דער ווירטשאַפטלעכער פּאָליטיק, וואָס האָט פאָרגעזען די ליקווידאַציע פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער אינדוסטריע, די אומבאַדינגטע קאָנפיסקאַציע פון אַלע דערנערונגס־מיטלען, אַפילו ווען דאָס וואָלט דערפירט צום אומקום פון צענדליקער מיליאָנען פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער באַפעלקערונג.

צוגרייטנדיק זיך צום נייעם קריג, איז געשלאָסן געוואָרן אַ „פּאַקט פון דריי", און די באַלקאַן־מלוכות (בולגאַריע, רומעניע און אונגאַרן) זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סאַטעליטן פונעם היטלעריסטישן רייך. די דאָזיקע מלוכות צוזאַמען מיט פינלאַנד און איטאַליע זענען צוגעטראָטן צום קריג קעגן ראַטנפאַרבאַנד, און דאָס פאַשיסטישע שפּאַניע האָט פאַקטיש אויך אָנטייל גענומען אין דער מלחמה אויף דער זייט פון די פאַשיסטישע מלוכות.

איינצייטיק מיט די געהיימע מיליטערישע און דיפּלאָמאַטישע צוגרייטונגען זענען אונטערגענומען געוואָרן „ווּיסנשאַפטלעכע" אַרבעטן פאַר דער טעאָרעטישער באַגרינדונג פון דער ווייטערדיקער עקספּאַנסיע פונעם דייטשישן אימפּעריאַליזם. אין חודש יאַנואַר 1941 איז געשאַפן געוואָרן אַ „געזעלשאַפט פאַר אייראָפּעישער ווירטשאַפטס־פּלאַנונג און גרויספאַרנעמיקער עקאָנאָמיק", וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַגרינדן אין אירע פּובליקאַציעס די נויטווענדיקייט פון פאַרוואַנדלען דאָס קאָנטינענטאַלע אייראָפּע אין איין גרויסן ווירטשאַפטלעכן געביט, כלומרשט אין די אינטערעסן פון דער דאָרטיקער באַפעלקערונג.[3]

די יסודותדיקע הנחות פון דער קאָנצעפּציע וועגן אַן אייראָפּעישן ווירטשאַפטס־געביט איז, פאַרשטענדלעך, געווען דאָס אונטעראָרדענען אייראָפּע דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם. אין דער דעמאָלטיקער דייטשישער ליטעראַטור האָט מען אָבער זיך באַמיט באַווייזן, אַז די אָנפירנדיקע ראָל אויפן דאָזיקן געביט מוז אויספאַלן אויפן גרויסן רייך אויפן סמך פון דייטשלאַנדס פּאָליטישער איבערגע=

[3] „Das neue Europa. Beiträge zur nationalen Witschaftsordnung und Grossraumwirtschaft", Gesellschaft f. europäische Wirtschaftsplanung und Grossraumwirtschaft, Berlin 1941, p. 12.

ווינצט, ווי אויך אויפֿן סמך פֿון דער קולטורעלער און אָרגאַניזאַציאָנעלער העכערקייט פֿון די דייטשן. דערביי איז צביעותדיק דערקלערט געוואָרן, אַז די אייראָפּעיִשע לענדער וועלן פֿון דעם האָבן די גרעסטע ווירטשאַפֿטלעכע נוצן. נאָך דער אַגרעסיע אויפֿן ראַטנפֿאַרבאַנד האָט מען צו דער אויבן דערמאָנטער אַרגומענטאַציע צוגעגעבן נאָך אַנדערע כאַראַקטעריסטישע אַקצענטן: „מיר זענען באַדעכטיקט אָנצופֿירן מיט די נייע געביטן צוליב אונדזער צאָלמעסיקייט (מיר זענען דאָס גרעסטע פֿאָלק אין אייראָפּע), צוליב אונדזער פּאָזיציע (מיר געפֿינען זיך אינעם האַרץ פֿונעם נייעם קאָנטינענט...), צוליב די שאַפֿונגס־פֿעיִקייטן פֿונעם דייטשישן בלוט, און לסוף — צוליב אונדזערע קרבנות, וואָס מיר האָבן געבראַכט אין קאַמף פֿאַר באַפֿרייען אייראָפּע פֿונעם באָלשעוויזם פֿון מזרח און פֿון דער פּלוטאָקראַטיע פֿון מערב!“ [4].

די אַגרעסיע אויפֿן ראַטנפֿאַרבאַנד האָט באַדאַרפֿט שאַפֿן — חוץ פּאָליטישע און ווירטשאַפֿטלעכע נוצן — רעאַלע מעגלעכקייטן (שוין אין גאַנג פֿון די מלחמה=אָפּעראַציעס) פֿאַר „ביאָלאָגישע אָפּרעכענונגען“, קודם=כל מיט די סלאַווישע פֿעלקער, ווי אויך פֿאַר דער פֿאַרטיליקונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. די דייטשישע וויסנשאַפֿט, די מעדיצין, די ביאָלאָגיע און אַנדערע וויסנשאַפֿטס=צווייגן האָבן באַדאַרפֿט אַרבעטן לטובת די פֿעלקערמערדערישע פּלענער. די וויסנשאַפֿט האָט באַדאַרפֿט באַגרינדן די „טעאָרעטישע“ נויטווענדיקייט פֿונעם דורכפֿירן די פֿעלקערמערדערישע אַקטן. דערביי האָבן די געביטן פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד און פּוילן באַדאַרפֿט ווערן דאָס ליקווידאַציע=אָרט פֿון די סלאַוון און פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג פֿון אייראָפּע.

די היטלעריסטישע מאַכט=אָרגאַנען האָבן אין שייכות מיט די נייע מלחמה=צוגרייטונגען אַרויסגעגעבן אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן אַ ריי נייע, נאָך מער דראַקאָנישע אויסנאַם=פֿאַראָרדענונגען, וואָס האָבן „רעגולירט“ דאָס לעבן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אויף אַלע געביטן. אייניקע פֿאַראָרדענונגען האָבן געדאַרפֿט שאַפֿן דעם איינדרוק פֿון סטאַביליזאַציע פֿון די באַדינגונגען [5]. דער הויפּט=ציל איז אָבער געווען נאָך מער צו עקספּלאָאַטירן די יידישע באַפֿעלקערונג, זי פֿיזיש אָפּשוואַכן און צוגרייטן צו דער צוקונפֿטיקער פֿאַרניכטונג.

---

[4] Dr Friedrich Lange: Deutsche Volksgeschichte, Berlin 1943 p. 126.

[5] אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל פֿון דער פּערפֿידער טאַקטיק פֿון דער אָקופּאַציע=מאַכט איז דאָס פֿאַרעפֿנטלעכן דעם 31 אויגוסט 1940 דורך דער רעגירונג פֿון דער גענ.=גובערניע אַ פֿאַראָרדענונג וועגן יידישן שול=וועזן, אויפֿן סמך פֿון וועלכער די יודענראַטן האָבן געדאַרפֿט אָרגאַניזירן יידישע שולן (פֿאַראָרדנונגס=בלאַט פֿון דער ג.ג. פֿון סעפּטעמבער 1940).

6. די ווייטערדיקע קאָנצענטראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג

די היטלעריסטישע רעגירונג האָט באַשלאָסן קודם־כל צו פאַרענדיקן די „אָפּ־רייניקונגס"־אַקציע, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן נאָך אין יאָר 1939 אויף די אָנגעשלאָסענע צום רייך פוילישע געביטן, דורך דעפּאָרטירן פון דאָרט די פּאָליאַקן און יידן אין דער גענעראַל־גובערניע. די דאָזיקע אַקציע איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער ראָל, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער גענעראַל־גובערניע, אַלס רעזערוואַט פון אַרבעטס־כוחות און אַלס אָרט פון אַ מאַסנוויינז שעכטהויז.

די נאָטיץ, וואָס באַציט זיך צו דער געהיימער באַראַטונג, וואָס איז דעם 2טן אָקטאָבער 1940 פאָרגעקומען ביי היטלערן אין דער אָנוועזנהייט פון באָרמאַנען און די גאַולייטערס פון די באַזונדערע פּראָווינצן, באַקענט אונדז מיט דער היטלעריסטישער פעלקערמערדערישער פּאָליטיק אין אָקופּירטן פוילן. היטלער האָט אויף דער דאָזיקער באַראַטונג באַטאָנט, אַז „די גענעראַל־גובערניע דאַרף בשום אופן נישט ווערן קיין געשלאָסענער ווירטשאַפטס־געביט, וואָס פּראָדוצירט — פולשטענדיק אָדער טיילווייז — די פאַר איר נויטיקע אינדוסטריע־אַרטיקלען. די גענעראַל־גובערניע איז פאַר אונדז אַ רעזערוואַר פון אַרבעטס־קראַפט פאַר שוואַרצער אַרבעט". דאָס לעבן פון די פּאָליאַקן „דאַרפן מיר נישט אויפהייבן אויף אַ העכערן ניוואָ, ווייל אין אַזאַ פאַל וואָלטן זיי געוואָרן אַנאַרכיסטן אָדער קאָמוניסטן". „מ'דאַרף אויסראָטן אַלע פאָרשטייער פון דער פוילישער אינטעליגענץ. דאָס קלינגט טאַקע שאַרף, אָבער אַזאַ איז דאָס געזעץ פון לעבן"[2].

אין הסכם מיט היטלערס פאַראָרדענונג האָט די גענעראַל־גובערניע באַדאַרפט אויפנעמען אַלע יידן פון די פוילישע מערב־געביטן און אויך פון אַנדערע אָקופּירטע לענדער. אין זעלבן גייסט האָבן זיך אויך ארויסגעזאָגט אַלע גאַולייטערס, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ. פאָן שיראַך האָט פאַרלאַנגט פונעם גענעראַל פראַנק, ער זאָל אויפנעמען 30.000 יידן פון ווין, און קאָך האָט אָנגעוויזן, אַז אין ראַיאָן טשעכאַנאָוו געפינען זיך נאָך אויך פּאָליאַקן און יידן. „ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, — האָט קאָך צוגעגעבן — אַז די גענעראַל־גובערניע דאַרף די דאָרטיקע פּאָליאַקן און יידן אויפנעמען". אויף פראַנקס באַמערקונג, אַז די גענעראַל־גובערניע איז נישט אימשטאַנד אויפצונעמען מער קיין נייע טראַנספּאָרטן, „ווייל זי האָט נישט קיין וווינונגס־מעגלעכקייטן פאַר זיי", האָט היטלער געענטפערט, אַז „די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אין דער

[1] די נאָטיץ וועגן דער קאָנפערענץ ביי היטלערן אונטערגעשריבן דורך באָרמאַנען, „בולעטין" פון דער ה.ק.פּ.ה.פּ., ב. IV, ז. 123—131.

[2] רצ"ו, ז. 129.

גענעראַל-גובערניע איז אַ גלייכגילטיקער ענין". דאָס דאָזיקע לאַנד דאַרף דאָך ווערן „אַ שקלאַפן-קאָלאָניע". אַזאַ סיטואַציע, — פירט אויס היטלער, — וועט מיטהעלפן צום אַראָפּנידערן דעם לעבנס-ניוואָ פון די פּאָליאַקן אַזוי, אַז זיי וועלן סוף-כל-סוף מוזן „זיך אַליין עקספּאָרטירן", ד. ה. אַרויספאָרן אויף אַרבעט אין רייך.

ס'איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן צו קאָנצענטרירן די ווייטערדיקע דעפּאָרטאַציע פון דער פּוילישער און יידישער באַפעלקערונג אין דער גענעראַל-גובערניע [3].

דער צופלוס פון נייע מאַסן — באַזונדערס פון דער פּויפּעריזירטער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז באַרויבט געוואָרן פון פאַרמעגן, פון אַרבעט און פון מיטלען צום לעבן — האָט אַרויסגערופן נייע שוועריקייטן. די גענעראַל-גובערניע האָט דעריבער ווייטער געמאַכט באַמיונגען אָפּצוהאַלטן די ווייטערדיקע טראַנספּאָרטן, ביז ס'וועט זיין אַ צענטראַלער באַשלוס וועגן גורל פון די יידן.

אַלס אויסדרוק פון די דאָזיקע איינשטעלונגען איז געווען דאָס אויספירלעכע אַרטיקל פון זעראַפימען: „די יידן-פראַגע אין דער גענעראַל-גובערניע אַלס באַפעלקערונגס-פּראָבלעם" [4]. „די יידן-פראַגע אין דער גענעראַל-גובערניע איז נישט בלויז — דערקלערט זעראַפים — אַ ווירטשאַפטלעכער פּראָבלעם אָדער אַ פראַגע פון פרעמדער קולטור, נאָר... זי איז געוואָרן אַן ערשטראַנגיק פּראָבלעם פון דער באַפעלקערונגס-פּאָליטיק... און מוז אין דער צוקונפט געלייזט ווערן. פון דעם, שרייבט זעראַפים, דרינגט דער ציל אָפּצורייניקן אין דער צוקונפט דאָס דאָזיקע געביט פון דער באַפעלקערונג, וועגן וואָס מירן בלויז אָנדייטן. איידער מיר וועלן זיך אָבער נעמען צו דעם, דאַרף מען אויסמיידן אַ ווייטערדיקע אָנגעשטרענגטע סיטואַציע אויפן באַפעלקערונגס- און ווירטשאַפטס-געביט און אָפּהאַלטן דעם ווייטערדיקן צופלוס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער גענעראַל-גובערניע" [5].

מיר ציטירן זעראַפימס אַרויסזאָגונגען, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע מיינונגען צום סוף 1940 יאָר וועגן אָפּהאַלטן די דעפּאָרטאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער גענעראַל-גובערניע, סוגערירנדיק גלייכצייטיק, אַז

---

[3] דער שעף פון דער רייכס-קאַנצעלריי לאַמערס האָט דעם 3 דעצעמ. 1940 אָפּיציעל מודיע געווען דעם גענ.-גוב. פראַנק וועגן היטלערס דעציזיע צו דעפּאָרטירן פון ווין 50.000 יידן אין דער גענ.-גובערניע. פאָן שיראַך האָט דאַן צוזאַמען געגעבן קאַלטענברונערן, דעם העכערן ס.ס.- און פּאָליציי-פירער און דעם געסטאַפּאָ-שעף, אַז די דעפּאָרטאַציע וועט זיך אָנהייבן אָנהייב 1941. „דער פּראָצעס", ב. XXIX, ז. 175—177, דאָקומ. פּ.ס. — 1950.

[4] „די בורג" 1940, נר. 1(X).

[5] דצ"ו.

מ'דאַרף אויפֿן אָרט אויסגעפֿינען אַ מיטל פּטור צו ווערן פֿון איר, ד. ה. פֿיזיש זי פֿאַרניכטן.

די דעפּאָרטאַציע פֿון דער יידישער און פּוילישער באַפֿעלקערונג אין דער גענעראַל-גובערניע האָט — אין הסכם מיט היטלערס באַשלוס — געזאָלט בקרוב זיך אָנהייבן. אין חודש נאָוועמבער 1940 איז אין קראָקע פֿאָרגעקומען אַ פֿאַרקאָנפֿערענץ, אין וועלכער עס האָבן זיך אויך באַטייליקט דער גאַליציער גרייזער און קאָפּפּע, דער העכערער עס-עס- און פּאָליציי-פֿירער [6].

דער רייכס-זיכערקייטס-הויפּטאַמט, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט דער איבערזידלונגס-אַקציע, האָט — לויטן מוסטער פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָר — צונויפֿגערופֿן אויפֿן 8טן יאַנואַר 1941 אין בערלין אַ קאָנפֿערענץ. דער ציל פֿון דער קאָנפֿערענץ איז געווען דאָס באַשטימען מיט די עס-עס- און פּאָליציי-פֿירער פֿון די פּראָווינצן די איינצלהייטן און טערמינען פֿון די איבערזידלונגען. ווי פֿראַנק גיט אָן אין זיין טאָגבוך, איז אויף דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ באַהאַנדלט געוואָרן די פֿראַגע פֿון איבערזידלען אין דער גענעראַל-גובערניע 831.000 פּערזאָן. ס'איז אויך באַהאַנדלט געוואָרן די פֿראַגע פֿון איבערזידלען אין די גרענעצן פֿון דער גענעראַל-גובערניע גופֿא אַן ערך 180.000 פּערזאָן [7]. דעם 15טן יאַנואַר 1941 איז אין קראָקע פֿאָרגעקומען אַ באַראַטונג, אויף וועלכער ס'זענען אַרומגערעדט געוואָרן די לאָקאַל-און אַפּראָוויזאַציע-שוועריקייטן, וועלכע זענען פֿאַרבונדן מיטן אויפֿנעמען אַזאַ גרויסע צאָל גולים. דער מיניסטער בילער האָט דעמלט דערקלערט, „אז ער האַלט פֿאַר אוממעגלעך, אַז די גענעראַל-גובערניע זאָל קאָנען אויפֿנעמען, לויטן פֿאַרגעזעענעם פּלאַן, אַ מיליאָן מענטשן. די שוועריקייטן — פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער עפּידעמישער פּאָליצייאישער געפֿאַר און דערנערונגס-פּאָליטיק — וואָלטן געווען אַזוי גרויס, אַז מ'וואָלט אויף אַ לענגערער צייט נישט געקאָנט אויסמיידן קיין אומרוען...“ [8].

דער ענין איז שוין אָבער געווען אַ דעצידירטער. ביהלער האָט דעריבער — אין הסכם מיט די פּרינציפּן פֿון רסה"א און מיט די באַשטימטע טערמינען — אין געהיימען צירקוליאַר פֿונעם 17טן יאַנואַר 1941 געמאָלדן אַלע דיסטריקט-גובערנאַטאָרן, אַלע סטאַראָסטעס און בירגערמייסטערס, אַז „פֿונעם 1טן פֿעברואַר 1941 וועלן פֿון די איינגעגלידערטע געביטן אָנקומען אין דער גענעראַל-גובערניע גרעסערע טראַנספּאָרטן יידן און פּאָליאַקן [9]. טעגלעך וועלן אָנקומען צוויי טראַנספּאָרטן, צו 1.000 מאַן אין יעדן טראַנספּאָרט. דער צירקוליאַר האָט אויך מיטגע-

[6] „גרייזערס פּראָצעס“ ז. 249.

[7] „ביולעטין“ ה.ק.פּ.ה.פּ., ב. II, ז. 30.

[8] דצ"ו.

[9] אַרכיוו פֿון ייה"א, אַקטן פֿון שטעט, טעקע נר. 40, ביהלערס געהיימער צירקוליאַר פֿון 1941.I.17.

טיילט, אַז די טראַנספּאָרטן וועלן אָנקומען אין הסכם מיטן פּלאַן, וואָס איז אויסגעארבעט געוואָרן מיט די באַרופענע אמטן אין בערלין אויף דער צייט ביזן 1טן מאַי 1941. די דיסטריקט=שעפן וועלן באַקומען פון דער רסה"א אַ פּלאַן, ווען די טראַנספּאָרטן וועלן אָנקומען, חוץ דעם, וועלן די באַרופענע רעגירונגס=אַמטן אין קראָקע אַרויסשיקן צו זיי די זעלבע פּלענער מיט אַ וואָך פריער. די טערמינען פון אַרויסשיקן די איינצלנע טראַנספּאָרטן פון די איבערזידלונגס=פּונקטן אין לאָדזש, דזיאַלדאָווו, גדיניע, קאַטאָוויץ און ווין וועט זיי טעלעפאָניש מיטגעטיילט ווערן.

ביהלערס געהיימער דאָקומענט אַנטהאַלט (אין 16 קאַפּיטלעך) גענויע אינסטרוקציעס וועגן איבערזידלען פּאָליאַקן און יידן: וועגן די טערמינען, אָרגאַניזאַציע, טראַנספּאָרט=הוצאות, באַשפייזונג, איינקוואַרטירונג, דאָס אָרט פון צייטווייליקן פאַרהאַלטן זיי א.א.וו. דער צירקוליאַר באַפעלט איבערזידלען די יידן באַזונדער און די פּאָליאַקן באַזונדער (קאַפּיטל 21). דער צירקוליאַר באַצייכנט, אַז די איבערגעזידלטע האָבן רעכט מיטצונעמען מיט זיך באַשפייזונג אויף 14 טעג און 140 זלאָטעס. דאָס איבערגעבליבענע האָב=און=גוטס אונטערליגט דער פולשטענדיקער קאָנפיסקאַציע.

די פּאָוויאַט= און דיסטריקט=שעפן זענען מחויב איבערצושיקן קיין קראָקע גענויע באַריכטן און רשימות פון די אָנגעקומענע טראַנספּאָרטן.

אין הסכם מיט דער דאָזיקער אינסטרוקציע איז מען תיכף צוגעטרעטן צו דער אויסזידלונגס=אַקציע. פון טשעכאַנאָווער ראַיאָן (פון מלאַווע און אומגעגנט) איז נאָך אין דעצעמבער 1940 אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ קלענערע גרופּע יידן קיין לובלין [10]. אין פעברואַר און מערץ איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דער גענעראַלגובערניע אַן ערך 5000 יידן פון ווין, וועלכע זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין יאַנאָווער און פּולאַווער פּאָוויאַטן [11].

די אויסזידלונג פון „וואַרטע=לאַנד" האָט נישט אָנגענומען קיין גרעסערן פאַרנעם. פון דער דאָזיקער פּראָווינץ איז ביזן 1טן מערץ 1941 אויסגעזידלט געוואָרן — לויט די נישט קאָמפּלעטע דאָקומענטן פון וואַשאַקן [12] — 19226 פערזאָן, אין דעם 2140 יידן. די צאָל אויסגעזידלטע איז פאַקטיש געווען גרעסער. בלויז פון פּלאָצק זענען סוף פעברואַר אויסגעזידלט געוואָרן אַן ערך פון 7.000 יידן [13], און פון קאָנסקער פּאָוויאַט זענען אויסגעזידלט געוואָרן אַן ערך 1.000

---

[10] בערנשטיין: „דעפּאָרטאַציעס אַלס איינער פון די עטאַפּן פון דער היטלעריסטישער פּאָליטיק צו פאַרניכטן די יידישע באַפעלקערונג", „בלעטער פאַר געשיכטע", ב. III, ח. 1—2, ז. 70.

[11] דצ"וו.

[12] Waszak: Bilans walki narodowościowej rządów Greisera, „Przegląd Zachodni", 1946, Nr 6, p. 491.

[13] י. טרונק: „סטודיע צו דער געשיכטע פון יידן אין „וואַרטע=לאַנד" אין דער תקופה פון אומקום", „בלעטער פאַר געשיכטע", ב. II, ה. 1—4, ז. 91, הערה 31.

יידן [14]. פּאַרלויפיק איז נאָך נישט אָנגענומען געוואָרן קיין באַשלוס וועגן גורל פונעם גרעסטן יידישן ישוב אין „וואַרטע־לאַנד" — פונעם לאָדזשער געטאָ, וואָס האָט געציילט צו יענער צייט 150.000 פּערזאָן. פון ביבאָווס אַמטלעכע נאָ־טיצן דרינגט, אַז נאָך אין חודש מערץ 1941 איז דערוואַרט געוואָרן אַ דעציזיע פון בערלין וועגן לאָדזשער געטאָ [15].

דאָס לאָדזשער געטאָ — פּונקט ווי אַנדערע יידישע ישובים אין די באַזונ־דערע ראַיאָנען — איז צו יענער צייט נישט ליקווידירט געוואָרן. די אויסזידלונגס־אַקציע אין גענעראַל־גובערניע האָט — אומאָפּהענגיק פון די גרויסע צוגרייטונ־גען — נישט אָנגענומען קיין גרעסערן פאַרנעם, און אין פעברואַר 1941 איז זי אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן. די סיבה דערפון זענען נישט געווען בלויז די לאָקאַל־ און טראַנספּאָרט־שוועריקייטן (דעמאָלט זענען שוין פאָרגעקומען די אי־בערגרופּירונגען פונעם דייטשישן מיליטער אויף מזרח), נאָר קודם־כל אין דעם, וואָס מ'האָט געהאַלטן, אַז אַלע יידן־איבערזידלונגען — ווי זעראַפּים האָט זיך אויסגעדריקט — זענען נישט צוועקמעסיק און איבעריק, אויב ס'דאַרף בקרוב פאַלן דער באַשלוס צו לעזן דאָס יידן־פּראָבלעם אינעם גאַנצן פאַרנעם. אין דעם פּרט איז זייער כאַראַקטעריסטיש די אַרויסזאָגונגען פונעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק אויף דער קאָנפערענץ, וואָס איז גערופן געוואָרן אַרומצורעדן דיווירט־שאַפטלעכע שוועריקייטן אינעם וואַרשעווער געטאָ. פראַנק, ווילנדיק בארואיקן דעם גובערנאַטאָר פישער, האָט דערקלערט, אַז „אין געגעבענעם פאַל גייט נישט אינעם שטענדיקן באַלאַסט, נאָר אין אַ טיפּישן צייטווייליקן מלחמה־באַלאַסט". „...דער פירער האָט מיר פאַרזיכערט, — האָט אונטערגעשטראָכן פראַנק, — אַז די גענעראַל־גובערניע וועט זיין דער ערשטער שטח, וואָס וועט ווערן פריי פון יידן" [16].

אין דער גובערניע האָט מען נישט איבערגעזידלט קיין יידן, אָבער פרילינג 1941 זענען אין באַזונדערע דיסטריקטן פון דער גענעראַל־גובערניע און אין אַנ־דערע פּראָווינצן דורכגעפירט געוואָרן איבערגרופּירונגען. גלייכצייטיק איז דורכ־געפירט געוואָרן אַ קאָנצענטראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין געשלאָ־סענע געטאָס, פאַרקלענערנדיק דערביי די צאָל ערטער, אין וועלכע די יידן האָבן געהאַט רעכט צו וווינען.

---

[14] ארכיוו פון יה"א, רינג. I, נר. 1203; גבית־עדות: 750, 1502.

[15] „לאָדזשער געטאָ" (צוזאַמענגעשטעלט א. אייזענבאך), ז. 176, אקטן־נאָטיץ פון ביבאָוו פון 23 מערץ 1941.

[16] פראנקס טאָגבוך, קאָנפערענץ פון 19 אפּריל 1941 וועגןווירטשאַפטלעכע ענינים, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן וואַרשעווער געטאָ.

פון קראָקע, ווו ס'איז געווען די רעזידענץ פון גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט מען שוין אין מאי 1940 אָנגעהויבן אויסזיידלען יידן [17], צעוואַרפנדיק זיי איבער שטעט פון פאַרשידענע דיסטריקטן.

פראַנק האָט פּראָיעקטירט איבערצולאָזן אין קראָקע 5—10 טויזנט יידן, וועלכע זענען נויטיק געווען אַלס קוואַליפיצירטע באַלמעלאָכעס [18]. „אויב דאָס רייך וויל צושיקן 450.000 יידן אין דער גענעראַל־גובערניע, — האָט פראַנק אונטערגעשטראָכן, — קען איך נאָך 50.000 פון קראָקע איינאָרדענען אין אַנדערע טיילן פון דער ג.־ג.“. דער ראַטגעבער ד״ר עמעריך האָט, וואָס אַן אמת, אויף דער רעגירונגס־באַראַטונג [19] אָנגעוויזן, אַז די יידן־אויסזידלונגען וועלן אַרויסרופן אַ ווירטשאַפטלעכן כאַאָס, און דער גובערנאַטאָר וועלכער האָט אינפאָרמירט, אַז די סטאַראָסטעס פון אַנדערע שטעט באַקלאָגן זיך אויף דעם צופלוס פון דער יידישער באַפעלקערונג פון קראָקע. די אויסזידלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פון קראָקע איז אָבער דאָך פאָרגעזעצט געוואָרן. ביזן 1־טן אָקטאָבער 1940 זענען — לויט די אָפיציעלע ציפערן — אויסגעזידלט געוואָרן 32.000 פערזאָן [20], אין פעברואַר 1941 האָבן נאָך עטלעכע טויזנט יידן פאַרלאָזט קראָקע.

אויפן זעלבן דעקאָנצענטראַציע־פּראָצעס טרעפן מיר אָן אין לובלינער דיסטריקט. אין די חדשים מערץ און אַפּריל פון יאָר 1941 זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לובלין און פון אַנדערע גרעסערע פּאָוויאַטאָווע שטעט אַן ערך 15 טויזנט יידן. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיטן איינאָרדענען אין די דאָזיקע שטעט די שטאַבן און אויך מיליטערישע און פּאָליציייאישע אַמטן. אין קעגנזאַץ צו די מזרח־געביטן פון דער גובערניע, טרעפן מיר אָן אין וואַרשע אויף אַ דערשיינונג פון קאָנצענטראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין די חדשים יאַנואַר און מערץ 1941 יאָר זענען פון 30 שטעט פון די מערב־פּאָוויאַטן אַרויסגעשיקט געוואָרן אַן ערך 72.000 יידן און זיי זענען אַריינגעשטויסן געוואָרן אין דעם ענגן וואַרשע־

---

[17] D. Agatstein. Żydzi w Krakowie w okresie okupacji niemieckiej („Roczniki krakowskie“, t. XXXI, p. 197).
פג״ל פראַנקס רעדע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסזידלונג אין „קראַקאַוער צייטונג“ פון 17/16 אויגוסט 1940.

[18] פראַנקס רעדע אויף דער באַראַטונג פון די שעפן פון די רעגירונגס־אָפּטיילונגען, דעם 12 אַפּריל 1940.

[19] פראַנקס טאָגבוך.

[20] גאָלערט, דצ״ו, ז. 101; אין קראָקע זענען דעמלט געבליבן 36.000 יידן. אויף דער היטלעריסטישער פּאַרטיי־באַראַטונג דעם 15 אָקטאָבער 1940 האָט פראַנק פאַרענדיקט זיין רעדע מיט די ווערטער: „עס איז קלאָר, אַז די יידן־אויסזידלונג פון קראָקע וועט זיין דער ערשטער סיגנאַל. די יידן מוזן פאַרשווינדן פון גאַנץ אייראָפּע“, „קראַקאַוער צייטונג“ פון 16/15 אָקטאָבער 1940.

וער געטאָ. אויף זייערע ערטער זענען באזעצט געוואָרן פּאָליאַקן, וועלכע זענען פאַרטריבן געוואָרן פון „וואַרטע־לאַנד" און פון מערב־פּרייסן [21].

אויף אַן אַנאַלאָגישער מעטאָדע פון יידן־קאָנצענטראַציע טרעפן מיר אָן אין „וואַרטע־לאַנד". דאָס לאָדזשער געטאָ האָט געזאָלט ווערן (און איז געוואָרן) דאָס צענטראַלע געטאָ פון דער פּראָווינץ. ביבאָוו, דער ציווילער שעף פונעם געטאָ, האָט — אין זיין באַריכט פונעם 3־טן יוני 1941 — ארויסגערוקט א ריי פּאָרבאַהאַלטן לגבי דעם אויסזידלען נאָך 100.000 יידן פון דער פּראָווינץ אין געטאָ אריין. זיינע פּאָרבאַהאַלטן האָט ביבאָוו מאָטיווירט מיט אַפּראָוויזאַציע־ און וווינונגס־שוועריקייטן [22]. מיט א חודש שפּעטער האָט אויך וועגנצקי, דער לאָדזשער בירגערמייסטער, ארויסגעשיקט א בריוו צו איבעלהערן, דעם פּרעזידענט פון לאָדזשער רעגירונג, אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן אויף די שוועריקייטן, וואָס וועלן אַנטשטיין פאַר דער שטאָט אלס פועל־יוצא פון צופלוס פון אזא גרויסער צאָל יידן [23].

נאָך דער אגרעסיע אויפן ראַטנפאַרבאַנד זענען אָבער די פּרינציפּיעלע פראַגן שוין געוואָרן באַשטימט, הגם ס'איז נאָך דעמלט, קאָן זיין, נאָך נישט קלאָר געווען אויף וואָס פאַר אן אופן ס'וועט פאָרקומען די פולשטענדיקע יידן־אויסראָטונג. דער פּראָצעס פון קאָנצענטראַציע און פון פולשטענדיקן איזאָלירן די יידן פון דער ארומיקער סביבה האָבן באַדאַרפט פאַרלייכטערן די צוקונפטיקע „לייזונג".

דעריבער איז אויף דער באַראַטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּויזן ביי גרייזערן דעם 16־טן יולי 1941, אוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן איבערזידלען די יידישע באַפעלקערונג פון דער גאַנצער פּראָווינץ אין לאָדזשער געטאָ און דאָרט שאַפן א „מאַסנלאַגער" פאַר 300.000 יידן [24]. אין הסכם מיטן דאָזיקן באַשלוס, האָט זיך מיטן ענין פון איבערזידלען אין געטאָ פאַרנומען די קאָנפערענץ פון די לאַנדראַטן פון דער לאָדזשער פּראָווינץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 24־טן יולי 1941, וועלכע האָט באַשלאָסן איבערצוזידלען אין לאָדזשער געטאָ בלויז געזונטע מענטשן. קראַנקע יידן האָט מען באַדאַרפט איבערלאָזן אויף

---

[21] „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ" פון II.7., III.11, IV.15. 1941; בערנשטיין: „די גירושים און פאַרניכטונג פון די יידישע ישובים אין וואַרשעווער דיסטריקט", „בלעטער פאַר געשיכטע", ב. IV, ה. 2, ז. 105.

[22] „לאָדזשער געטאָ", ז. 184.

[23] אַרכיוו פון יי.ה.א., אַקטן ג.־פּ. V/61, ז. 79, 138, וועגנצקיס בריוו פון 19 יולי און 24 סעפּטעמבער 1941 צו איבעלהערן.

[24] אַקטן פון גרייזערס פּראָצעס, ב. II, ז. 567—568, אורטייל פון קרייז־געריכט אין ענין העפּנער און שטרייכנער.

די ערטער און דאָרט זיי איזאָלירן[25]. זייער גורל איז שוין געווען א געחתמעטער. איבעלהער האָט אין דאָזיקן גייסט ארויסגעשיקט א ספּעציעלן וואָרנונגס־צירקוליאַר צו אַלע לאַנדראַטן און צום פּרעזידענט פון דער לאָדזשער פּאָליציי[26].

אויך אין דער דאָזיקער פּראָווינץ שטעלן מיר פעסט א פאַרענדיקונג פון דער יידן־קאָנצענטראַציע און אן איבערגאַנג צו קאָנקרעטע צוגרייטונגען צו דער פיזישער פאַרטיליקונג. אויב אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1941 און אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1942 זענען פאָרגעקומען יידן־אויסזידלונגען פון די שטעט און פון דער פּראָווינץ אין לאָדזשער געטאָ אריין, האָבן זיי שוין געטראָגן א גאַנץ אנדערן כאַראַקטער. דאָס איז געווען א פּועל־יוצא פון סעלעקציעס פון יידישער ארבעטס־קראַפט, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן בעת די ליקווידירונגס־אַקציעס איבער די יידן.

7. די היטלעריסטישע אַנטי־יידישע געזעצגעבונג

אין סיסטעם פון דער היטלעריסטישער פעלקערמערדערישער פּאָליטיק אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן האָט די געזעצגעבונג, באַזונדערס אין באַצוג צו יידן, נישט געשפּילט קיין שום ראָל. אין דער אַנטי־יידישער געזעצגעבונג האָבן זיך געפינען א סך דראַקאָנישע געזעצן, וועלכע זענען געווען אין ווידערשפּרוך צו די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן און האָבן לעגאַליזירט די פאַרשידענע פאָרמען פון רעכטלאָזיקייט פון יידן. זיי האָבן אָבער נישט אָפּגעשפּיגלט אפילו אין דער מינימאַלסטער מאָס די פּאַקטישע פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן געהערשט אויף די אָקופּירטע געביטן. דעריבער קאָן די געזעצגעבונג נישט דינען אלס קריטעריום אויף צו פאָרשן די פאַרברעכערישע פּאָליטיק פון די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען לגבי יידן.

אין דער היטלעריסטישער מלוכה, ווו היטלערס דערקלערונגען האָבן געדינט אלס מקור פון געזעץ, איז די באַדייטונג פון דער געזעצגעבונג, באַזונדערס אויף די אָקופּירטע געביטן, געווען א גאַנץ ספּעציעלע. די דאָזיקע געזעצגעבונג האָט נישט געהאַט דעם ציל צו נאָרמירן דאָס לעבן אין געוויסע ראַמען פון א געזעצלעכער סיסטעם. און אין דער ווירקלעכקייט האָט זי נישט געשאַפן אזא סיטואַציע, וואָס האָט באַדאַרפט זיין א פּועל־יוצא פונעם פאָרמעלן אַנאַליז פון די פאַרעפנטלעכטע געזעצן. די באַציונג פון דער ווערמאַכט און פון די אדמיניסטראַטיווע און

[25] „לאָדזשער געטאָ“, ז. 186; קודם כל זענען אויסגעזידלט געוואָרן יידן פון וולאָצלאַוועק אין איינקלאַנג מיט גרייזערס באַפעל פון 16 יולי 1941; „לאָדזשער געטאָ“, ז. 190—193.

[26] דצ״ו, ז. 187, צירקוליאַר פון 16 אויגוסט 1941.

פּאָליצייאישע אָרגאַנען לגבי יידן האָבן זיך געשטיצט נישט אויף די פאַרעפנטלעכטע געזעצן, נאָר אויף די דירעקטיוון און ספּעציעלע פאַראָרדענונגען, וואָס האָבן געטראָגן אַ געהיימען אָדער פאַרטרוילעכן כאַראַקטער.

די האַנדלונגען פון די דערמאָנטע מאַכט־אָרגאַנען אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן האָבן זיך פון ערשטן טאָג אָן געשטיצט אויף די דעציזיעס פון די צענטראַלע מאַכט־אָרגאַנען און ספּעציעל אויף דער טעלעפאָנאָגראַמע פון היידריכן פונעם 21־טן סעפּטעמבער 1939. דאָס איז געווען די באַזע פאַר דער אָקופּאַציע־מאַכט ביי „נאָרמירן" אַלע לעבנס־געביטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווי איזאָלאַציע אין געטאָ, צוואַנגס־אַרבעט, שאַפן יודענראַטן א.א.וו. אין די ראַמען פון די אַלגעמיינע דירעקטיוון האָבן די גאולייטערס אָדער דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק און זיינע אונטערגעאָרדנטע געהאַט פאַרהעלטענישמעסיק פרייע הענט אין זייער אַנטי־יידישער טעטיקייט. זיי האָט פאַרפליכטעט בלויז דאָס אָפּהיטן די גרונט־צילן און די ריכטונג פון דער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק און דאָס אָנווענדן די געהעריקע מעטאָדן ביים רעאַליזירן די דאָזיקע פּאָליטיק. די לאַגע, וואָס איז אַנטשטאַנען אויף אַלע אָקופּירטע געביטן, איז געווען אַ פּאַקטישע אָפּשפּיגלונג פון די דאָזיקע פעלקערמערדערישע צילן. די יידישע באַפעלקערונג איז פון אָנהייב אָקופּאַציע אָן געוואָרן באַרויבט פון יעדער רעכטלעכער שוץ, הגם סיי די היטלערישע רעגירונג און סיי די אָרטיקע אָקופּאַציע־אָרגאַנען האָבן נישט געהאַט אַרויסגעגעבן קיין געזעצן אין דער דאָזיקער ריכטונג. דאָס איז געווען אין בולטן קעגנזאַץ מיט די באַשלוסן פון האַגער קאָנווענץ און פון די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן, וואָס גאַראַנטירן די רעכט פון דער באַפעלקערונג אויף די אָקופּירטע געביטן.

כדי צו פאַרמאַסקירן זייערע פאַרברעכערישע פּלענער, האָבן די מאַכט־אָרגאַנען אַרויסגעגעבן געוויסע פאַראָרדענונגען און געזעצן. דאָס איז געטאָן געוואָרן, כדי שוין פון אָנהייב איינצושלעפערן די וואַכזאַמקייט פון דער יידישער געזעלשאַפט, אָפּשוואַכן אין איר דעם וואַקסנדיקן דראַנג צו ווידערשטאַנד און קאַמף. אויף אַזאַ אופן האָבן די מאַכט־אָרגאַנען געוואָלט אויספירן זייערע פאַרברעכערישע פּלענער, ברענגענדיק וואָס ווייניקער אייגענע קרבנות. אויסער דעם האָבן זיי פאַר דער אייגענער געזעלשאַפט און פאַר דער עפנטלעכער מיינונג אין דער גאַנצער וועלט געוואָלט שאַפן אַ שאָטן פון לעגאַלקייט, כדי אויסצומיידן אַ פּריצייטיקע פּראָטעסט־באַוועגונג. אויף אַזאַ אופן האָט מען געשטרעבט אַרויסצורופן אַן איינדרוק ביי די יידן און ביי דער עפנטלעכער מיינונג, אַז לגבי דער יידישער באַפעלקערונג פאַרפליכטן געוויסע געזעצן — ווי ס'האָט געשריבן די „קראָקעווער צייטונג" דעם 13־טן מערץ 1940 — „האַרבע, אָבער יושרדיקע"[1].

---

[1] „קראַקאַוער צייטונג", 13 מערץ 1940. אַרטיקל פון ד. ראַדעקער: „דייטשע אָרדנונג קערט צוריק אין געטאָ".

פאַקטיש איז די היטלערישע געזעצגעבונג לגבי ייִדן געווען נישט מער ווי אַ חוזק פון די עלעמענטאַרסטע געזעצלעכע פּרינציפּן, אַ פיקציע פון געזעץ, אַ פאַרנעפּלונגס־פאָרהאַנג צו פאַרמאַסקירן דעם אמת פון די פאַרברעכערישע צילן. די פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט פלעגן כמעט שטענדיק פאַרעפנטלעכט ווערן נאָך דעם, ווי זיי זענען שוין איינגעפירט געוואָרן אין לעבן. די פאַראָרדענונגען האָבן בלויז סאַנקציאָנירט די פאַקטישע לאַגע פון רעכטלאָזיקייט, וואָס האָט שוין פון לאַנג עקזיסטירט. אויף אַזאַ אופן איז געשאַפן געוואָרן אַ מין אָנשטעל פון לעגאַלקייט פון דער אין עצם פאַרברעכערישער טעטיקייט. די געזעצגעבונג לגבי ייִדן איז נאָך אַ באַווייז פון דער צביעות און אומפאַרשעמטקייט, מיט וועלכן די היטלעריסטן האָבן זיך באַנוצט.

די היטלעריסטישע געזעצגעבונג איז אויך געווען איינע פון די טעראָר־סיסטעמען. טעראָריזירן די ייִדישע באַפעלקערונג האָט געדאַרפט נישט אַזוי ווייט די ריקזיכטלאָזיקייט פון די פאַרעפנטלעכטע פאַראָרדענונגען — די ווירקלעכקייט איז דאָך געווען פיל גרויזאַמער פון די דראַקאָנישע פאַראָרדענונגען — ווי זייער דערנידעריקונגס־ און ברוטאַלער כאַראַקטער. די פאַרעפנטלעכטע פאַראָרדענונגען האָבן געדינט פאַר די היטלעריסטישע מאַכט־אָרגאַנען אַלס „אַליבי“ פאַר זייער פאַרברעכערישער טעטיקייט. ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס פאַרשידענע מלחמה־פאַרברעכער האָבן זיך בעת די פּראָצעסן אָפט פאַררופן אויף דער דאָזיקער „אַליבי“, אַז זיי האָבן געהאַנדלט אויפן סמך און אין הסכם מיט די פאַרעפנטלעכטע פאַראָרדענונגען פון דער העכערער מאַכט.

די היטלעריסטישע מאַכט־אָרגאַנען, אָקופּירנדיק פּוילן, האָבן נישט איינגעפירט די אַנטי־ייִדישע דיסקרימינאַציע־געזעצן, וואָס האָבן ביזן יאָר 1939 פאַרפליכטעט אין רייך. אויפן נייעם מלחמה־עטאַפּ, ווען ס'האָבן זיך שוין אויסקריסטאַליזירט די פּלענער פון אַלגעמיינער ייִדן־פאַרניכטונג, האָבן די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען געהאַלטן, אַז אויף צו דערגרייכן די געפּלאַנטע צילן זענען די ראַסיסטישע און ווירטשאַפטלעכע דיסקרימינאַציע־געזעצן שוין נישט גענוגנדיק.

די ייִדישע באַפעלקערונג אין פּוילן און אין אַנדערע אָקופּירטע לענדער איז פאַקטיש אַרויסגענומען געוואָרן פון אונטער דער געזעצלעכער שוץ אָן שום פּריערדיקע פאַראָרדענונגען. צוליב אינערלעכע און אויסערלעכע טעמים האָבן די היטלעריסטן אויסבאַהאַלטן זייערע פעלקערמערדערישע פּלענער. הגם אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז די מאַסן־אויסראָטונג פון די ייִדן פאָרגעקומען אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט, האָבן די היטלעריסטן אַרויסגענומען די ייִדן פון אונטערן געזעצלעכן שוץ ערשט מיטן געזעץ פון 1־טן יולי 1943.

ס'איז נייטיק צו באַמערקן, אַז די היטלערישע פּאַרלאַמענטאַריער האָבן בעת די אונטערהאַנדלונגען וועגן דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע פאַרזיכערט, אַז דער ייִדישער באַפעלקערונג וועט קיין שלעכטס נישט געשען. אויך דער הויפּט־מילי־

מערישער פירער וואַלטער פאָן בראוכיטש האָט אין זיין ראַדיאָ-רעדע דעם 4-טן סעפּטעמבער 1939 צביעותדיק פאַרזיכערט, אַז די פּוילישע יידן קענען זיין רואיק וועגן זייער גורל. בראוכיטש האָט אויך אין אַן אויפרוף פון 11-טן סעפּטעמבער צוגעזאָגט, אַז „אַלע אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן וועלן רעספּעקטירט ווערן“ [2]. די זעלבע פאַרזיכערונגען האָט איבערגעחזרט גענעראַל בליאַסקאָוויץ, דער הויפּט-פירער פון דער דייטשישער אַרמיי הינטער וואַרשע, אין זיין אויפרוף פון 30-טן סעפּטעמבער, ראַטנדיק די יידן, זיי זאָלן זיך רואיק אומקערן צו זייערע באַשעפטיקונגען [3].

די אַלע דערקלערונגען זענען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געווען אַ מאַנעווער, וואָס האָט געהאַט דעם ציל צו באַרואיקן די באַפעלקערונג, כדי צו קאָנען לייכטער דאָס לאַנד אָקופּירן.

גאַנץ אַנדערע אַקצענטן האָט אַנטהאַלטן גרייזערס רעדע דעם 7—8 נאָוועמבער אויף אַ באַראַטונג אין לאָדזש [4], ווי אויך די פּראָקלאַמאַציע פון גענעראַל-גובערנאַטאָר פראַנק פון 20-טן אָקטאָבער 1939 [5]. פראַנק און גרייזער האָבן אָנגעזאָגט אַן אומברחמנותדיקן קאַמף מיט דער יידישער באַפעלקערונג.

אין הסכם מיט די דירעקטיוון פון הייידריכן, וועלכער האָט אויפן סמך פון די דורכגעריכטע אייבערגעגאַנגענע פונקציעס געהאַט די אויפזיכט איבער דער יידישער באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע לענדער, איז די גאַנצע יוריסדיקציע איבער די יידן איבערגעגאַנגען צו דער „שופּאָ“ און עסעס. אַלע ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער יידישער באַפעלקערונג, ווי איבערזידלונגען, עווידענץ, צוואַנגס-אַרבעט, שאַפן יודענראַטן א.א.וו., זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער קאָמפּעטענץ פון געסטאַפּאָ. אַזאַ סיטואַציע האָט געהערשט הן אין דער צענטראַלער גובערניע, הן אין „וואַרטע-לאַנד“, הן אין שלעזיע [6]. ערשט פון פרילינג 1940 זענען די דאָזיקע ענינים שטופנווייז איבערגעגאַנגען צו דער קאָמפּעטענץ פון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט, וועלכער האָט ביי דער יידן-עקסטערמינאַציע ענג צוזאַמענגעאַרבעט מיט די אָרגאַנען פון געסטאַפּאָ און קריפּאָ.

די ערשטע פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט זענען געווען נוגע באַגרענעצונגען פון יידן אין זייער רעכט פון פרייער באַוועגונג, אין דער פליכט צו טראָגן געלע לאַטעס אָדער אַ מגן-דוד, ווי אויך באַשטימטע צייכנס אויף די יידישע וווינונגען

[2] געזעץ-בלאַט פאַר די אָקופּירטע געביטן, נר. 1.
[3] אַרטיקל פון פ. פרידמאַן אין „ביולעטין“ ה.ק.פ.ה.פ., ב. I, ז. 177.
[4] „ליצמ. צייטונג“ פון 1939.XI.13.
[5] „פעראָרדנונגס-בלאַט“ פון דער גענ.-גובערניע 1939, נר. 1.
[6] באַקאַנטמאַכונג פון ס.ס.- און פּאָליציי-פירער פון וואַרשעווער דיסטריקט פון 13 נאָוועמבער 1939; אַגאַטשטיין, דצ"וו, ז. 188; „לאָדזשער געטאָ“, ז. 18; שטערנפינקעל: „דער אומקום פון די יידן אין סאָסנאָוויצע“, ז. 13.

און אונטערנעמונגען. כמעט אין אַלע שטעט פון דער גובערניע און „וואַרטעלאַנד“ זענען באַשטימט געוואָרן פּאָליציי=שעפן פאַר יידן. ס'איז זיי פאַרווערט געוואָרן צו בייטן די וווינונגען און אַרויסצופאָרן אויסער די גרענעצן פון זייער שטענדיקן וווינאָרט. אין שייכות מיט דעם זענען אין דער גובערניע איינגעפירט געוואָרן פאַר יידן קאָמוניקאַציע=באַגרענעצונגען (פאַרווערט צו פאָרן מיט טראַמוויען, אויטאָבוסן, מיט דער באַן א.א.וו. פאַראָרדענונג פון 26=טן יאַנואַר 1940). פאַר איבערשטרייטן די פאַראָרדענונגען האָבן געדראָט דראַקאָנישע שטראָפן, ביז טויט=שטראָף איינשליסלעך [7]. פון דעמלט אָן זענען די יידן געוואָרן פאַקטישע אסורים, עס איז געווען בלויז איין שריט צום אַנטשטיין פון די געטאָס.

די פאַראָרדענונג, אז יידן דאַרפן טראָגן אָרעמבענדער אָדער געלע לאַטעס און דאָס צייכענען די יידישע וווינונגען און געוועלבער, האָט זיך שוין באַוויזן אין חודש סעפּטעמבער [8] (קראָקע). שפּעטער זענען ענלעכע פאַראָרדענונגען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין וולאָצלאַוועק, אין לאָדזש, אין פּיעטרקאָוו, אין קאַליש, זשעשוו און אין א ריי אנדערע שטעט. די דאָזיקע פאַראָרדענונגען פון די אָרטיקע מאַכט=אָרגאַנען זענען געקומען נאָך איידער ס'איז דערשינען די פאַראָרדענונג פון גענעראַל=גובערנאַטאָר פראַנק פונעם 23=טן סעפּטעמבער, וועלכע האָט די פליכט פון יידן צו טראָגן שאַנד=צייכנס אויסגעשפּרייט אויף דער גאַנצער גענעראַל=גובערניע [9].

אויף די געביטן, וואָס זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן אין רייך, האָט די דאָרטיקע אָקופּאַציע=מאַכט, אין קעגנזאַץ צו דער גובערניע, אין יאָר 1939 אזא פאַראָרדענונג נישט ארויסגעגעבן. אויף יענע געביטן האָבן די אָרטיקע קאָמיסאַרן געהאַנדלט אויפן סמך פון א געהיימער אינסטרוקציע, וואָס זיי האָבן דערהאַלטן פון זייער העכערער מאַכט. אין דייטשלאַנד איז די פאַראָרדענונג וועגן „צייכענען די יידן“ איינגעפירט געוואָרן ערשט האַרבסט=צייט 1941 [10], בעת עס זענען געמאַכט געוואָרן די צוגרייטונגען צו דעפּאָרטירן פון דאָרטן די יידישע באַפעלקערונג אין די פאַרניכטונגס=לאַגערן. דאָס דאָזיקע געזעץ איז דעמלט פאָרמעל אויסגעברייטערט געוואָרן אויף די מערב=געביטן פון פּוילן, ווו עס האָט פאַקטיש די דאָזיקע לאַגע שוין געהערשט פון העכער צוויי יאָר.

דער וויכטיקסטער ציל פון דער אויבנדערמאָנטער פאַראָרדענונג איז געווען צו פאַרלייכטערן די מאַכט=אָרגאַנען דאָס רויבן פון יידישן פאַרמעגן, די דורכ=

---

[7] צ. ב. אין לאָדזש, „ליצמ. צייטונג“, 18 נאָוועמבער 1939.

[8] אַגאַטשטיין, דצ"וו, ז. 186.

[9] פראַנקס פאַראָרדענונג פון 23 סעפּטעמבער 1939; פאַראָרדענונג פון איבערלהער אין לאָדזש פון 14 סעפּטעמבער 1939 („לאָדזשער געטאָ“, ז. 23); פאַראָרדענונג פון פישער, וואַרשעווער גובערנאַטאָר, פון 25 נאָוועמבער 1939.

[10] ר.ג.=בלאַט 1941, ב. I, ז. 547, פּאָליציי=פאַראָרדענונג פון 1 סעפּטעמבער 1941.

פירונג פון איבערזידלונגען און אויסזידלונגען פון יידן אין ארבעטס-לאגערן און רעאליזירן אנדערע פארברעכערישע פלענער. די אקופאנטישע מאכט האט דורך די אפצייכענונגען געוואלט אפטיילן די יידישע באפעלקערונג פון דער פוילישער און אויף דעם אופן נישט צולאזן צו א געמיינזאמען קאמפס-פראנט קעגן אקופאנט.

די פארארדענונגען וועגן שאפן געטאס, וועגן צוואנגס-ארבעט א.א.וו. וועלן מיר באהאנדלען באזונדער אין די וויטערדיקע קאפיטלעך. דא איז אבער וויכטיק צו דערמאנען, אז די פארארדענונגען פון די לאקאלע מאכט-ארגאנען וועגן די געטאס האבן זיך אויסשליסלעך געשטיצט אויף א געהיימער אינסטרוקציע פון היידריכן. הן דער גענעראל-גובערנאטאר פראנק, הן די גאולייטערס פון אנדערע געביטן האבן נישט ארויסגעגעבן קיין אלגעמיינע פארארדענונגען וועגן שאפן געטאס. די פאליציייאישע פארארדענונגען ווידער, וואס קריגער האט ארויסגעגעבן דעם 28-טן אקטאבער און דעם 10-טן נאוועמבער 1942, האבן גיכער געטראגן א כאראקטער פון ליקווידירן די געטאס און נישט פון שאפן אזעלכע.

צוואנגס-ארבעט פאר יידן איז איינגעפירט געווארן אויפן גאנצן געביט פון פוילן נאך אין די ערשטע אקופאציע-טעג. דעם 26-טן אקטאבער 1939 איז אין דער גענעראל-גובערניע דערשינען אן אלגעמיינע פארארדענונג פון גענעראל-גיבערנאטאר פראנק, וואס האט געדינט אלס באזע פאר די וויטערדיקע פארארדענונגען וועגן צוואנגס-ארבעט פאר דער יידישער באפעלקערונג. אין די איינגעגלידערטע געביטן איז אזא פארארדענונג נישט דערשינען. ערשט דעם 3-טן אקטאבער 1941, ווען אין דייטשלאנד איז דערשינען א געזעץ וועגן צוואנגס-ארבעט פאר יידן[11], איז דאס אויך חל געווען אויף „ווארטע-לאנד“ און אויף שלעזיע, הגם צו צוואנגס-ארבעט זענען די יידן דא גערופן געווארן באלד ביים אנהייב פון דער היטלעריסטישער אקופאציע. דערביי איז נייטיק אונטערצושטרייכן, אז דאס דאזיקע געזעץ איז, כדי אפצונארן די עפנטלעכע מיינונג אין אויסלאנד, אזוי פארמולירט געווארן, אז ס'ווערט אין דעם נישט דערמאנט וועגן צוואנגס-ארבעט. דער ארבעטס-מיניסטער ווערט בלויז באפולמעכטיקט, אין פארשטענדיקונג מיטן קאנצעלאריע-שעף פון דער פארטיי און מיטן אינערן-מיניסטער, צו „רעגולירן דאס באשעפטיקן די יידן“. ערשט דערמיט האט גרייזער ארויסגעגעבן אן אלגעמיינע פארארדענונג וועגן צוואנגס-ארבעט פאר יידן און ציגיינער אין „ווארטע-לאנד“[12]. די דאזיקע פארארדענונג האט בלויז סאנקציאנירט די פאקטישע לאגע.

די פארארדנונג וועגן צוואנגס-ארבעט פאר דער יידישער באפעלקערונג האט איינגעפירט די אמתע פארשקלאפונג, וואס האט געבראכן די פארשריפטן

[11] דצ"וו, 1941, נר. 124.
[12] ארכיוו פון יי.ה.א., אקטן ג.פ. IV/29, ז. 54.

נישט בלויז פון דער האַגער קאָנווענץ, נאָר אויך די קאָנווענץ פונעם 25־טן סעפּטעמבער 1936 וועגן שקלאַפעריי, וואָס דייטשלאַנד האָט ראַטיפיצירט.

א בולטער ביישפּיל פון לעגאַליזירן די רעכטלאָזיקייט איז געווען דאָס געזעץ פון 4־טן דעצעמבער 1941 וועגן שטראָפן פאַר ייִדן און פּאָליאַקן אויף די געביטן, וואָס זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן צום רייך[13]. די דאָזיקע פאַראָרדענונג, וואָס האָט געדינט אַלס געזעצלעכע באַזע איינצופירן שנעל־געריכטן, האָט פאָרויסגעזען טויט־שטראָף פאַר יעדער באַמערקונג, פאַר יעדן וואָרט אָדער פאַרן פאַרהאַלטן זיך אַזוי, וואָס קען אויסגעטייטשט ווערן אַלס באַליידיקונג פאַרן כבוד פון אַ היטלעריסט אָדער פאַרן פאַשיסטישן רעזשים. די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן ביים אָנהייב פון אָקופּירן פּוילן און מיטן מאָמענט, ווען די ייִדן זענען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון יעדער געזעצלעכער שוץ, שוין געהאַנדלט אין גייסט פון דאָזיקן געזעץ.

הגם די ראַסיסטישע נירנבערגער געזעצן פונעם 15־טן סעפּטעמבער 1935 זענען פאָרמעל אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן תיכף נישט איינגעפירט געוואָרן, האָט אָבער די אָקופּאַציע־מאַכט אין איר טאָגטעגלעכער פּראַקטיק לגבי דער ייִדישער באַפעלקערונג געהאַנדלט אין גייסט פון די דאָזיקע געזעצן. דאָס געגוויע באַצייכענען דעם באַגריף „ייִד“ איז ערשט געקומען אַלס פּועל־יוצא פון די פיל פאַראָרדענונגען פון פאַרשידענע אָפּטיילונגען, באַזונדערס פון דער אָפּטיילונג פאַר ייִדן־ענינים ביי דער רעגירונג פון דער גענעראַל־גובערניע. אין חודש מאַי 1940 איז שוין צוגעגרייט געוואָרן אַ פּראָיעקט פון אַ געהעריקער פאַראָרדענונג „וועגן דער דעפיניציע פון באַגריף ייִד“ (געשטיצט אויף די נירנבערגער געזעצן), וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט דעם 24־טן יולי 1940[14].

ס'איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז אויף „די „אָנגעשלאָסענע געביטן“ האָבן די נירנבערגער געזעצן פאָרמעל אָנגעהויבן פאַרפליכטן ערשט מיט דער פאַראָרדנונג פונעם 31־טן מאַי 1941[15], אין צוזאַמענהאַנג מיט די צוגרייטונגען צו דער ייִדן־אויסראָטונג און דעפּאָרטאַציע פון די דייטשע ייִדן אין די לאַגערן אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן.

אַזוי־אַרום האָט די געזעצגעבונג פון די היטלעריסטישע אָקופּאַנטישע מאַכט־אָרגאַנען, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף די געהיימע אָנווייזונגען פון דער צענטראַלער מאַכט, קאָנסעקווענט איינגעפירט אַלץ נייע באַגרענעצונגען לגבי ייִדן,

---

[13] ר.ג.־בל. 1941 I, ז. 759.

[14] „פעראָרדנונגס־בלאַט“ פון דער גענ.־גובערניע נר. 48. אין גאַנצן דיסטריקט איז די פאַראָרדענונג איינגעפירט געוואָרן דעם 7 אויגוסט 1941.

[15] ר.ג.־בל. 1941, נר. 60 פון 4 יוני 1941; אין „וואַרטעגאַו“ זענען די נירענבערגער געזעצן איינגעפירט געוואָרן פאַקטיש אין דער העלפט דעצעמבער 1939, „ליצמאַנשטעטער צייטונג“ פון 22 דעצ. 1939.

צוגעגרייט און פארלייכטערט די שפּעטערדיקע עקסטערמינאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג און געוואָרן אן אינסטרומענט פון פעלקערמאָרד. די פאָרשריפטן און פאראָרדענונגען, וואָס זענען פון צייט צו צייט ארויסגעגעבן געוואָרן דורך פארשידענע מאַכט־אָרגאַנען און געהאַט א שייכות צו פארשידענע לעבנס־געביטן, האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך א קאָאָרדינירטן קאָמפּלעקס פון געזעצלעכע נאָרמעס, וואָס האָבן סיסטעמאַטיש און קאָנסעקווענט געשטרעבט צו איין ציל — צו טאָטאַלער פארניכטונג פון די יידן.

8. די געטאָס

אינעם אַרסענאַל פון מיטלען, מיט וועלכע די היטלערישע אָקופּאַנטישע מאכט האָט זיך באנוצט אין פעריאָד פון טעכנישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע צוגרייטונגען צו דער מאַסן־ליקווידאציע פון די יידן, זענען די געטאָס געווען איינס פון די ווירקזאַמסטע מיטלען. די היטלערישע און די אָקופּאַנטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך באַמיט — כדי אָפּצונאַרן די אייגענע באַפעלקערונג און ארייננצופירן אין א טעות די עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט — „טעאָרעטיש“ צו באַגרינדן די נויטווענדיקייט צו איזאָלירן די יידן פון דער ארומיקער באַפעלקערונג.

די נויטווענדיקייט פון שאַפן געטאָס איז קודם־כל באַגרינדעט געוואָרן מיט טעמים פון זיכערקייט. היידריך האָט פאראָרדנט — אין דער אויבן ציטירטער אינסטרוקציע פונעם 21־טן סעפּטעמבער 1939 — די אָפּעראַציע־גרופּן, אז זיי זאָלן די אקציע פון קאָנצענטרירן די יידן אין די שטעט און זייער איזאָלירן באַגרינדן דערמיט, וואָס די יידן נעמען אָנטייל אין די פארטיזאנער־אקציעס[1]. אנדערע אויטאָרן האָבן אָנגעגעבן, אז די יידן סאַבאָטירן די פאראָרדענונגען פון דער אָקופּאַנטישער מאַכט, אז זיי פירן א פיינטלעכע „פליסטער־פּראָפּאַגאַנדע“ לגבי דייטשלאַנד א.וו.

די היטלעריסטן האָבן גלייכצייטיק פארשפרייט פערפידע „ארגומענטן“, אז די יידן זענען פארשפרייטער פון אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן און אז די מאַכט איזאָלירט די יידן, כדי צו פארהיטן די באַפעלקערונג פון עפּידעמיעס. מיט די לעצטע ארגומענטן האָבן זיך אָפט באַנוצט די גובערנאַטאָרן און די בירגערמייסטער אין זייערע פאראָרדענונגען וועגן שאַפן געטאָס.

אייניקע היטלערישע פאקטאָרן האָבן אָנגעגעבן ביים שאַפן די געטאָס עקאָנאָמישע סיבות. זיי האָבן דערקלערט, אז די יידן פירן ארויין א צעמישונג אין דער

[1] דער פּאַסוס קלינגט ווערטלעך: „Als Begründung für die Konzentrierung der Juden in die Staedte hat zu gelten, dass sich Juden angaeblich an den Franktirerüberfallen und Plünderungs-aktionen beteiligt haben“.

„גערעכטער“ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פאַרטיילונג פון די קאָנסומציע־רייכ־טימער און אין דער פרייזן־פּאָליטיק, דעריבער דאַרף מען זיי איזאָלירן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. דאָס איזאָלירן די ייִדן וועט דערמעגלעכן די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען אַ געניייערע קאָנטראָל איבער דערווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג [2].

די היטלעריסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אויך פאַרשפּרייט אַ „טעזע“, אַז די ייִדן האָבן נישט ליב און ווילן נישט אַרבעטן און דעריבער דאַרף מען זיי דערצו צווינגען. דאָס איזאָלירן זיי אין די געטאָס וועט זיין אַ גאַראַנטיע, אַז זיי וועלן זיך צוגעוווינען צו עפּעס אַן אַרבעט [3]. דאָס וועט אפילו אויף זיי האָבן אַ „דער־ציערישע“ ווירקונג.

פישער, דער גובערנאַטאָר פון וואַרשעווער דיסטריקט, האָט אויף דער קאָנ־פערענץ ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 3־טן אַפּריל 1941, אויסגעדריקט די גאַנצע היטלערישע אַרגומענטאַציע אין דעם דאָזיקן ענין אין פאָלגנדיקע ווערטער: „פאַראַן דריי סיבות, וועלכע האָבן דערפירט צו שאַפן גע־שלאָסענע ייִדישע געביטן, סיבות פון פּאָליטישן, ווירטשאַפטלעכן און סאַניטאַרן כאַראַקטער. פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט — האָט מען באַדאַרפט עלימינירן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג דעם איינפלוס פון די ייִדן, וואָס האָבן געהעצט קעגן די דייטשן און באַאיינפלוסט צו סאַבאָטירן די פאַראָרדענונגען פון די דייטשישע מאַכט־אָרגאַנען. אַזוי האָט נישט געקענט דורכגעפירט ווערן די פאַראָרדענונג וועגן פרייזן־קאָנטראָל, ווייל די ייִדן האָבן געשטערט איר אויספירונג. אויפן ווירט־שאַפטלעכן געביט — דאָס פאַנאַנדערבויען און איינשטעלן די ווירטשאַפט איז מעגלעך געוואָרן ערשט דעמאָלט, ווען די ייִדישע עלעמענטן זענען באַזייטיקט גע־וואָרן. דאָס איזאָלירן די ייִדישע באַפעלקערונג צוליב געזונטהייטס־טעמים איז געווען נויטווענדיק, כדי די עפּידעמיעס זאָלן ווירקזאַמער באַקעמפט ווערן. אַזוי לאַנג ווי די ייִדן האָבן זיך פריי באַוועגט, איז כסדר געווען די געפאַר פון פאַר־שפּרייטן זיך פון פלעקטיפוס. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז זינט דאָס געטאָ איז גע־שלאָסן געוואָרן, האָט זיך די צאָל פאַלן פון פלעקטיפוס שטאַרק פאַרקלענערט“.

מיט אַזאַ דעמאַגאָגישער און צביעותדיקער מאָטיווירונג זענען די היטלע־רישע „טעאָרעטיקער“ געקומען צום אויספיר, אַז דאָס שאַפן געטאָס איז לגמרי נישט קיין אַגרעסיווער אַקט קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג. פאַרקערט, די פאַר־

---

[2] פגל' אַרטיקלען אין „די דויטשע פּאָליציי“ 1941, נר. 3 פון 1 פעבר. 1941; „קראַקאַוער צייטונג“ פון 23 יאַנואַר 1941; „אָסטדויטשער בעאָבאַכטער“ פון 22 פעב־רואַר 1941; גאָלערט: „צווויי יאַהרע אַופבאַו אַרבייט...“, ז. 71; שיינס רעפּעראַט: „איבער דער בילדונג פון אַ ייִדישן ווינבאַצירק“ און אַנדערע.

[3] אַרטיקל פון אַלבערטן אין „די דויטשע פּאָליציי“ פון 1 פעב. 1941.

אָרדענונג וועגן געטאָס האָט א ריין פּאַרטיידיקונגס=כאַראַקטער („די געטאָס אַלס אָפּוועהרמאַסנאַמע“) [4]. די יידן באַדראָען די דייטשן מיט עפּידעמיעס פון אָנשטעקנדיקע קרענק, די יידן זענען א רעוואָלוציאָניזירנדיקער עלעמענט און רופן די פּוילישע באַפעלקערונג צום ווידערשטאַנד קעגן דער דייטשישער מאַכט, א.א.וו.

די היטלעריסטן זענען אין זייער פּערפידער ליגנערישער אַרגומענטאַציע דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן אפילו געפּרוווט סוגערירן די יידן דעם „געדאַנק“, אז דאָס געטאָ דינט אייגנטלעך זיי אלס שוץ=מיטל, ווייל עס פּאַרהיט זיי פון די אומאָנגענעמלעכקייטן, וואָס זיי דראָט כלומרשט מצד דער ארומיקער באַפעלקערונג. אויסער דעם האָבן זיי דערקלערט, אז די אָקופּאַציע=מאַכט האָט גאָרנישט געענדערט, ווייל פּאַקטיש האָבן די יידן שטענדיק געוווינט אין געטאָס און האָבן זיך אליין איזאָלירט פון דער ארומיקער סביבה. אלפרעד ראָזענבערג האָט דעריבער געשריבן, אז די פּאַראָרדענונגען פון דער מאַכט זענען בלויז א געזעצלעכע סאַנקציע פון דער פּאַקטישער לאַגע [5]. די דאָזיקע „טעזע“ איז איבערגעחזרט געוואָרן אין פיל אַנטי=יידישע אויסגאַבן, בראָשורן און אַרטיקלען [6].

אַזאַ אַרגומענטאַציע איז, ווייזט אויס, געווען א נישט גענוגנדיקע, אויב דאָס געטאָ האָט געדאַרפט ווערן אַ מיטל אויף צוצוגרייטן די באַפעלקערונג צו דער קומענדיקער מאַסן=עקסטערמינאַציע. אויף די אונטערשיידן אינעם באַגרינדן די פּאַקטישע צילן פון געטאָ האָט דער ערשטער אויפמערקזאַם געמאַכט ה. פּ. זעראַפים, וועלכער האָט געשריבן:

„אָפט ווערט אָנגעוויזן, אַז די דאָזיקע לעזונג איז אַ זאַך, וואָס די געשיכטע אליין האָט באַשטימט, ווייל אין מיטלאַלטער האָט דאָך עקזיסטירט א יידישער וווין=שטח — א געטאָ. די דאָזיקע היסטאָרישע אַרגומענטאַציע איז, דאַכט זיך, נישט אויפן אָרט. אין מיטלאַלטער איז דאָס געטאָ אין א גרויסער מאָס געווען דאָס ר ע כ ט פון יידן און נישט קיין צוואַנג... אין מיטלאַלטער איז דאָס געטאָ אין גרונט געווען א פרייוויליקע וווינונגס=שותּפות, וואָס האָט נישט אויסגעשלאָסן א ווירטשאַפטלעכן קאָנטאַקט פון יידן מיט נישט=יידן... הייסט עס, אז דאָס היינטיקע געטאָ, אויב עס דאַרף האָבן א זינען, דאַרף זיין אַנדערש, ווי אין מיטלאַלטער, [ס'דאַרף זיין] אָן אַ קאָנטאַקט אָדער אָן די מעגלעכקייטן פון א קאָנטאַקט מיט נישט=יידן“ [7].

---

[4] דצ"ו.

[5] Alfred Rosenberg: „Die Spur der Juden im Wandel der Zeit“, Berlin 1939.

[6] „Das Reich“ IX. 1941; Seifert: Der Jude an der Ostgrenze, Berlin 1940, p. 11, Du Prel: Das deutsche Generalgouvernement Polen, Krakau 1940, p. 142.

[7] Seraphim: Bevölkerungs u. wirtschaftliche Probleme, „Weltkampf“, I, (1941), p. 43 — 51.

די אויבן ציטירטע באַגרינדונג פון זעראַפימען, ווי אויך די ווייטער ציטירטע דאָקומענטן, דעקן אויף דעם פּאַקטישן פאַרברעכערישן ציל פון די געטאָס, וועלכע די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן געשאַפן אין די אָקופּירטע לענדער.

אויב דאָס שאַפן פון געטאָס האָט יאָ געהאַט אַ שייכות מיט די עפּידעמישע קראַנקהייטן, איז עס באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס פאַרמאַכן די יידישע באַפעל־קערונג אין די געטאָס האָט געשאַפן די הויפּט־סיבה פון עפּידעמישע קראַנק־הייטן און זייער שנעלע פאַרשפּרייטונג. פאַר די געטאָס האָט מען דאָך באַוווסט־זיניק און ספּעציעל באַשטימט די ענגסטע, שמוציקסטע און נישט קאַנאַליזירטע שטאָט־טיילן. מ'האָט דאָרט צוזאַמענגעדריקט גרויסע מאַסן מענטשן, וועלכע האָבן צוליב דער אויסערגעוויינלעכער ענגשאַפט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אָפּצוהיטן די היגיענע און געזונטהייט־שוץ. צוליב דעם איז אין די געטאָס אומ־געהויער געוואָקסן די צאָל קראַנקע און די שטערבלעכקייט. דאָס צורויבן ביי די יידן די מאַטעריעלע באַזע, די כסדרדיקע און סיסטעמאַטישע פאַרקלענערונגען פון די שפּייז־צוטיילונגען פאַר די געטאָס און דער הונגער, וואָס איז דורך דעם אַרויסגערופן געוואָרן, האָבן דערפירט, אַז די עפּידעמישע קראַנקהייטן צווישן דער איזאָלירטער אין די געטאָס יידישער באַפעלקערונג זאָלן זיך שטאַרק אויס־ברייטערן.

אויב ביים שאַפן די געטאָס האָט די אָקופּאַציע־מאַכט זיך גערעכנט מיט ווירטשאַפטלעכע סיבות, זענען זיי קודם־כל באַשטאַנען אין דעם, וואָס די איזאָ־לאַציע פון יידן האָט איר פאַרלייכטערט די קאָנפיסקאַציע פון יידישן פאַרמעגן, די קאָנטראָל פון זייער באַזיץ און צו נאָרמירן זייער לעבן אויף דעם נידעריקסטן ניוואָ. דערביי איז אָן גרעסערע שוועריקייטן געוואָרן געוואָרן אַ גרויסע מאַסע אַרבעטער, וועלכע מ'האָט אויסגענוצט צו שקלאַפן־אַרבעט.

די קאָנצעפּציע צו קאָנצענטרירן און איזאָלירן די יידן אין געטאָס איז באַ־האַנדלט געוואָרן דורך די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען נאָך פאַר דער אָקופּאַציע פון פּוילן, ווי אַ צוגרייטונג אויסצוראָטן די יידישע באַפעלקערונג [8]. דער דאָזיקער געדאַנק הזרט זיך איבער פיל מאָל אין דער שטרענג־געהיימער קאָרעספּאָנדענץ פון די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען. די שוין ציטירטע דורך אונדז אינסטרוקציע פון הײדריכן פון 21־טן סעפּטעמבער 1939 רעקאָמענדירט אָפן צו שאַפן געטאָס אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן. „די יידן ווערט פאַרווערט צו וווינען אין געוויסע קוואַרטאַלן און פון די צוגעטיילטע קוואַרטאַלן דאַרף זיי פאַרווערט ווער־ן אַרויסצוגיין, היות אין די אויסנאַם־פאַלן, וואָס ווען דיקטירט זיין דורך ווירט־שאַפטלעכע נויטווענדיקייטן“ [9].

[8] אויף דער קאָנפערענץ ביי גערינגן דעם 12 נאָוועמבער 1938 איז הײדריך אַרויס־געטראָטן מיט אַ פּראָיעקט פון שאַפן געטאָס. נירענב. דאָקומ. פּ.ס. — 1816.

[9] הײדריכס טעלעפאָנאָגראַם פון 21 סעפּטעמבער 1939, קאַפּ. II פּונקט 5.

הײדריך האָט אָנגעװיזן, אַז דאָס געטאָ איז נישט קײן צװעק פאַר זיך אַלײן, נאָר אַ מיטל צום ציל, אַ דורכגאַנגס=עטאַפּ. דער שעף פון דער זיכערהײטס=פּאָליצײ האָט באַצײכנט דאָס קאָנצענטרירן די ײדן אין געשלאָסענע קװאַרטאַלן „אַלס דאָס ערשטע מאָסמיטל צום ענדציל", װי דאָס ערשטע מיטל אינעם פּראָצעס פון רעאַליזירן דעם ענדגילטיקן ציל, ד. ה. אין דער פאַרניכטונג פון דער ײדישער באַפעלקערונג. אױך אין אַנדערע געהײמע דאָקומענטן פון יענער צײט איז אונטערגעשטראָכן געװאָרן דער איבערגאַנגס=כאַראַקטער פון געטאָ, אָנדײטנדיק, אַז עס דאַרף דינען אַלס אינסטרומענט אױסצוראָטן די ײדן. אַזױ האָט דער פּרעזידענט פון דער רעגירונג איבעלהער אין זײן שטרענג געהײמען צירקוליאַר פון 10=טן דעצעמבער 1939 װעגן אָרגאַניזירן אַ געטאָ אין לאָדזש (אינעם צװײטן נאָך װאַרשע לױט דער צאָל ײדישן ישוב אין פּױלן) דײטלעך אונטערגעשטראָכן, אַז „דאָס אױפשטעלן אַ געטאָ איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נאָר אַן איבערגאַנגס=מיטל. װען און מיט װאָס פאַר אַ מיטלען דאָס געטאָ און ממילא די שטאָט װעט אױסגערײניקט װערן פון ײדן, לאָז איך פאַר זיך. דער ענדציל איז יעדנפאַלס פולשטענדיק אױסצוברענען די מכה" [10].

דאָס געטאָ איז דעריבער פון אָנהײב פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע געװען אײנער פון די הױפּט=אינסטרומענטן צו פאַרניכטן די ײדישע באַפעלקערונג. די ײדישע באַפעלקערונג, איזאָלירט און פאַרשלאָסן אין אײן אָרט, איז דעריבער אַ לײכטער אָביעקט פאַר אַלע מינים רעפּרעסיעס און שפּעטער פון ליקװידאַציע=אַקציעס. די אוממענטשלעכע װעגעטאַציע=באַדינגונגען, װעלכע די היטלערישע מאַכט=אָרגאַנען האָבן געשאַפן אין די געטאָס און לאַגערן, האָבן באַדאַרפט שטופנװײז דערפירן צום אונטערגאַנג פון זײנע אײנװױנער. די היטלערישע מאַכט=אָרגאַנען האָבן אַפילו גענומען אין אַכט די פּעיקײט, װעלכע זײ האָבן די ײדן צוגעשריבן, צוצופּאַסן זיך צו דעם פּערמאַנענטן פאַרערגערן זיך פון די באַדינגונגען. דער גובערנאַטאָר פישער האָט זיך אין שײכות דערמיט אױסגעדריקט: „די ײדן קענען זיך צופּאַסן צו אַלע באַדינגונגען, און מיר װעלן פאַר זײ שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, צו װעלכע ס'װעט זײ שװער זײן זיך צוצופּאַסן". די דאָזיקע באַדינגונגען, — האָט געזאָגט פישער — װעלן זײן אַזעלכע, אַז די ײדן „װעלן אױסגײן פון הונגער און נױט און פון ײדן=פּראָבלעם װעט װערן אַ בית=עולם" [11].

---

[10] „לאָדזשער געטאָ", ז. 31, עטלעכע חדשים שפּעטער, זומער 1940, װען דאָס געטאָ האָט שױן עקזיסטירט, האָט װאָלפגאַנג בערגמאַן געשריבן, אַז דאָס געטאָ איז „...אַ נױטװענדיקע צװישנלעזונג פון דער ײדנפראַגע", אַלזאָ, אַ צײטװײליקער, נױטװענדיקער פּאַליאַטיװ („ליצמ. צײטונג" פון 9 יוני 1940).

[11] „בלעק=בוק", 1946, ז. 178, 180.

אין הסכם מיטן באַפעל, וואָס די אָפּעראַציע-גרופּעס האָבן דערהאַלטן, זענען נאָך אין יאָר 1939 געשאַפן געוואָרן די ערשטע געטאָס אין דער גענעראַל-גובערניע. אין חודש אָקטאָבער איז אַנטשטאַנען דאָס געטאָ אין פּיעטריקאָוו, שפּעטער אין פּולאַוו, פרילינגס-צייט 1940 אין לוויטש און אומגעגנט[12]. אויך אין „וואַרטע-לאַנד" זענען די געטאָס פאַרהעלטענישמעסיק פרי אַנטשטאַנען. דאָס ערשטע געטאָ איז דאָ אַנטשטאַנען אין לאָדזש אויפן סמך פון א פאַראָרדענונג פון לאָדזשער פּאָליציי-פּרעזידענט פונעם 8-טן פעברואַר 1940[13]. אינעם זעלבן חודש איז לויטן זעלבן מוסטער אַנטשטאַנען דאָס געטאָ אין פּאַביאַניץ[14]. די איבעריקע געטאָס אין „וואַרטע-לאַנד" זענען געשאַפן געוואָרן שפּעטער, ווייל צוליב ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן האָבן גערינג און הימלער אין מערץ 1940 פאַראָרדנט אָפּצושטעלן אַלע אויסזידלונגס-אַקציעס פון „וואַרטע-לאַנד". פאַר דער רעשט יידישער באַפעלקערונג זענען די געטאָס געשאַפן געוואָרן ערשט שפּעטער: אין בזשעזשין — אין אַפּריל[15], אין גלאָווגע[16] און אין קראָשניעוויץ אין מאַי, שפּעטער אין קוטנע, אין שאַדעק (VI-16), אין זשיכלין (VII-9) און אין אַנדערע שטעט[17].

אויסער די איינצלנע פאַלן, טרעפן מיר נישט ביז סוף זומער 1940 אויף קיין איינהייטלעכער אָרגאַניזירטער אַקציע פון שאַפן געטאָס נישט אין ג. ג. און אויך נישט אין אַנדערע פּראָווינצן. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין דער דאָזיקער צייט — ווי מיר האָבן וועגן דעם אויספירלעך אויבן געשריבן — זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע קאָנצעפּציעס וועגן אופן פון „לייזן דאָס יידן-פּראָבלעם". צוערשט — דורך קאָנצענטרירן די יידן אין דער לובלינער געגנט, שפּעטער — דורך דעפּאָרטירן אַלע יידן אויפן אינדזל מאַדאַגאַסקאַר. אין שייכות דערמיט האָט מען געהאַלטן, אַז אין אַזעלכע באַדינגונגען איז דאָס שאַפן געטאָס נישט צוועקמעסיק, באַזונדערס צוליב דעם, וואָס מ'האָט אָנגעטראָפן אויף ווירטשאַפטלעכע און טראַנספּאָרט-שוועריקייטן. ערשט ווען מען האָט אָנגעהויבן זיך גרייטן צו דער אַגרעסיע אויפן ראַטנפאַרבאַנד און צוזאַמען דערמיט האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטפּלעקן נייע פעלקערמערדערישע קאָנצעפּציעס, האָט מען זיך אומגעקערט צום פריערדיקן פּלאַן פון שאַפן געטאָס, ווי אן אינסטיטוציע, וואָס וועט מיטהעלפן אין דער געפּלאַנטער יידן-ליקווידאַציע.

---

12 מ. ווײַנרייך: „היטלערס פּראָפעסאָרן"; די פּרעל, דצ"ו (ווירצבורג 1942).
13 „לאָדזשער געטאָ", ז. 35, פּאָליציי-פאַראָרדענונג פון 8 פעברואַר 1940.
14 „ליצמ. צייטונג" פון 18 פעבר. 1940.
15 דאָרט, פון 28 אַפּריל 1940.
16 אַרכיוו פון יי.ה.א., רינג I — 1123, פאַראָרדענונג פון 8 מאַי 1940.
17 י. טרונק: „סטודיע צו דער געשיכטע פון יידן אין „וואַרטע-לאַנד", ז. 82, 95.

די געזעצלעכע באַזע אויף צו אָרגאַניזירן געטאָס אין דער ג.—ג. איז געווען די פאַראָרדענונג פון גענעראַל-גובערנאַטאָר פראַנק פון 13-טן סעפּטעמבער 1940 וועגן באַשרענקען דאָס וווינאָרט און די פאַראָרדענונג פון דער זעלבער דאַטע וועגן אַדמיניסטראַטיווער שטראָף-פּראָצעדור[18]. אין הסכם מיטן פּאַראַגראַף 2 פון דער ערשטער פאַראָרדענונג קאָן די באַשרענקונג פון וווינאָרט איינגעפירט ווערן „אין זין פון אָרט און צייט" פאַר דער גאַנצער אָדער פאַר באַשטימטע גרופּן פון דער באַפעלקערונג. די פּערזאָנען, וואָס זענען אין הסכם מיט די ארויסגעגעבענע פאַראָרדענונגען מחויב צו בייטן זייער וווינאָרט, מוזן איבערלאָזן די שטוב-איינריכטונגען און אַנדערע זאַכן אין די פאַרלאָזטע דורך זיי וווינונגען, (§ 3.), פאַר וועלכע זיי באַקומען נישט קיינע אַנטשעדיקונגען (§ 4.). אויף איינצופירן די דאָזיקע באַגרענעצונגען זענען באַפולמעכטיקט געוואָרן די סטאַראָסטעס אָדער די גובערנאַטאָרן, אָפּהענגיק פון שטח, אויף וועלכן די פאַראָרדענונג איז חל.

פון דעמלט אָן ווערן געשאַפן געטאָס אין דער גענעראַל-גובערניע. אין יאָר 1940 קומט עס פאָר לאַנגזאַמער, און פון אָנהייב 1941 — אין א שנעלן טעמפּ[19].

אין חודש אָקטאָבער 1940 זענען די מאַכט-אָרגאַנען צוגעטרעטן צום שאַפן געטאָס אין ווארשע און אין ווארשעווער ראַיאָן. נאָך לאַנגע צוגרייטונגען[20], נאָך דעם, ווי אין משך פון זומער איז דער באַשטימטער שטח פארן געטאָ ארומגעצוימט געוואָרן מיט א מויער פון 3 מעטער די הייך, האָט זיך באַוויזן פישערס פאַראָרדענונג פון 2-טן אָקטאָבער 1940 וועגן שאַפן א געטאָ אין ווארשע. דאָס איבערזידלען אן ערך 150.000 יידן פון דער שטאָט אויף דעם געטאָ-שטח און אן ערך 100.000 פּאָליאַקן פון דאָזיקן קוואַרטאַל אויף דעם א. ג. אַרישן שטאָטטייל האָט באדאַרפט פאָרקומען אמשפּעטסטנס ביז דעם 31-טן אָקטאָבער[21].

די ווירטשאַפטלעכע און וווינונגס-שוועריקייטן, וועלכע זענען אַנטשטאַנען אין שייכות מיט דער אויבן דערמאָנטער פאַראָרדענונג, האָבן געצווונגען די

---

[18] „פאַראָרדענונגס-בלאַט" פון גענ.-גובערנאַטאָר, 1940, ב. I, ז. 280—300.

[19] דער קראָקעווער סטאַראָסטע האָט שוין אין אויגוסט 1940 אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, וואָס באַגרענעצט די רעכט פון פרייער באַוועגונג און אויפהאַלט, פג"ל באַריכט פון סטאַראָסטע פון 8 סעפּט. 1940 איבערגעשיקט צו דער רעגירונג פון דער גענ. גובערניע, אַרכיוו פון מערב-אינסטיטוט אין פּוילן. דאָקום. I—151, טעקע 5, ז. 2.

[20] אויף דער קאָנפערענץ פון די דיסטריקט-שעפן דעם 6—7 יוני 1940 האָט דער גובערנאַטאָר פישער אונטערגעשטראָכן, אַז „דאָס יידישע פּראָבלעם איז רייף צום לעזן: דער איינציקער אויסוועג איז די איזאָלירונג פון יידן. די יידן דאַרף מען נישט דערלויבן אַרויסצוגיין פון געטאָ, און פּראָדוקטן דאַרף מען זיי צושטעלן ערשט נאָכן באַקומען פון זיי סחורות". פראַנקס טאָגבוך, 7 יוני 1940.

[21] אַמטס-בלאַט פון שעף פון ווארשעווער דיסטריקט פון 11 נאָוועמבער 1940.

מאַכט=אָרגאַנען צו פאַרלענגערן דעם איבערזידלונגס=טערמין ביזן 15=טן נאָוועמבער 1940[22]. פאַר דער יידישער באַפעלקערונג איז גלייכצייטיק אויך איינגעפירט געוואָרן פּאָליצײ=שעה פון 19 ביז 8 א זייגער אין דער פרי[23].

כמעט אין דער זעלבער צייט, ווען ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער געשלאָסענער וווין=באַצירק פאַר יידן אין וואַרשע, זענען אין וואַרשעווער ראַיאָן געשאַפן געוואָרן עטלעכע געשלאָסענע באַצירקן אויף וויניק באַוווינטע אָדער לגמרי נישט באַוווינטע שטחים. די יידן פון עטלעכע גמינעס זענען קאָנצענטרירט געוואָרן אין ערטער אויף מערב=זייט פון דער ווייסל[24]. אין יאַנואַר 1941 זענען אין אָטוואָצק און אין אַנדערע שטעטלעך פון וואַרשעווער דיסטריקט געשאַפן געוואָרן יידישע וווין=קוואַרטאַלן.

אין דער זעלבער צייט זענען שוין אין אַנדערע ראַיאָנען געווען אין פולן גאַנג די צוגרייטונגען צום שאַפן געטאָס. אויף דער קאָנפערענץ, וואָס איז דעם 2=טן אָקטאָבער 1940 פאָרגעקומען ביי היטלערן, האָט פראַנק געמאָלדן דעם פירער וועגן די דורכגעפירטע צוגרייטונגען, און אין זיין אינטערוויו סוף דעצעמבער פאַרן קאָרעספּאָנדענט פון „פעלקישן בעאָבאַכטער" האָט פראַנק דערקלערט, אַז „די יידנפראַגע אין גענעראַל=גוווערנעמענט קען מען אין איצטיקן מאָמענט האַלטן פאַר געלעזט. די שאַפונג פון יידישע וווין=קוואַרטאַלן איז פאַרענדיקט אָדער אין פולן גאַנג"[25].

אַן אויסדרוק פון דער דאָזיקער פּאָליטיק איז געווען די פאַראָרדענונג פון פראַנקן פון 20=טן פעברואַר 1941, וואָס האָט פאַרווערט די יידן זיך צו באַנוצן אויפן שטח פון דער גענעראַל=גובערניע מיט יעדע קאָמוניקאַציע=מיטל, ד. ה. נישט בלויז מיט דער באַן, נאָר אויך מיט אויטאָבוסן, וועגענער, שליטנס א.א.וו.[26]

דער גובערנאַטאָר צערנער האָט דעם 15=טן פעברואַר 1941, גרייטנדיק זיך צו שאַפן געטאָס אין לובלינער דיסטריקט, אַרויסגעגעבן „א פאַראָרדענונג וועגן באַגרענעצן דעם וווינונגס=שטח פאַר יידן אין לובלינער ראַיאָן"[27]. אין הסכם מיט דער דאָזיקער פאַראָרדענונג איז „פאַרווערט געוואָרן די יידן אפילו צייטווייליק צו פאַרלאָזן זייער וווינונגס=אָרט" (§ 1). אין אייניקע וואָכן אַרום איז אַנטשטאַנען דאָס געטאָ אין לובלין (פאַראָרדענונג פונעם 24=טן מערץ 1941), און

---

22 אַמטס=בלאַט פון 11 נאָוועמבער 1940.

23 דצ"ו, צירקוליאַר פון 10 אָקטאָבער 1940.

24 פג"ל בערנשטיין: „איבערזידלונג"..., „בלעטער פאַר געשיכטע", ב. I, ה. 3—4, ז. 135.

25 „פעלקישער בעאָבאַכטער" פון 26 דעצעמבער 1940.

26 „פאַראָרדענונגס=בלאַט" פון ג.=ג., 1941, ז. 69 (נר. 14).

27 אַמטס=בלאַט פון לובלינער דיסטריקט=שעף פון 24 פעבר. 1941.

זוי א צוגרייטונג דערצו איז געווען די אויסזידלונג פון לובלין אין די טעג פון 10—13 מערץ פון אן ערך 10.000 יידן, וועלכע מ'האָט איבערגעפירט אין פאַרשידענע קלענערע שטעט און דערפער. גלייכצייטיק זענען אָרגאַניזירט געוואָרן געטאָס אין אַנדערע שטעט פון לובלינער דיסטריקט.

אין קראָקע איז געשאַפן געוואָרן א געטאָ אויפן סמך פון גובערנאַטאָר וועכטערס פאַראָרדענונג פונעם 3־טן מערץ 1941. דעם 20־טן מערץ האָט שוין דער יידישער קוואַרטאַל באַדאַרפט געשלאָסן ווערן. און אלס סיבות זענען דאָ — פונקט ווי אין אנדערע שטעט — אָנגעגעבן פּאָליצייאישע און סאַניטאַרע. געטאָס אַנטשטייען אויך אין באָכניע (פאַראָרדענונג פון 15־טן מערץ), אין טאַרנאָוו, ניי־סאָנץ און אין אַנדערע שטעט.

אין ראַדאָמער דיסטריקט אַנטשטייען געשלאָסענע וווין־קוואַרטאַלן פאַר יידן אַמשפּעטסטנס. אין הסכם מיט דער אַלגעמיינער פאַראָרדענונג פונעם שעף פון ראַדאָמער דיסטריקט [28] זענען אין חודש אַפּריל 1941 געשאַפן געוואָרן געטאָס אין א ריי שטעט פון דאָזיקן דיסטריקט, ווי אין ראַדאָם, קעלץ, טשענסטאָכאָוו און אין אַנדערע שטעט. שפּעטער, אין חודש דעצעמבער, אין פעריאָד פון דירעקטער צוגרייטונג צו דער מאַסן־ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָט דער גובערנאַטאָר קונדט ארויסגעגעבן א נייע פאַראָרדענונג וועגן „באַגרענעצן די וווינונגס־ערטער פאַר יידן אין ראַדאָמער דיסטריקט“ [29]. די דאָזיקע פאַראָרדענונג רעקאָמענדירט גלייכצייטיק אַלע סטאַראָסטעס און בירגערמייסטערס, אז פאַר די איינצלנע יידן, וואָס לעבן אין נעגעבענעם פּאָוויאַט, זאָל באַשטימט ווערן א געוויסע שטאָט, וווּ זיי וועלן קאָנצענטרירט ווערן אין א באַשטימטן וווינונגס־קוואַרטאַל.

די טענדענץ צו רעדוצירן די צאָל יידישע ישובים און אלץ מער צו קאָנצענטרירן די יידישע באַפעלקערונג אָבסערווירן מיר אין יאָר 1941 אויף אַלע אָקופּירטע פּוילישע געביטן, באַזונדערס שטרענג איז דאָס פאָרגעקומען אין וואַרשעווער דיסטריקט. אין דער העלפט יאָר 1941 איז אין די מערבדיקע פּאָוויאַטן פון וואַרשעווער דיסטריקט באַזייטיקט געוואָרן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין א צאָל פון אן ערך 72.000 און זי איז איבערגעזידלט געוואָרן אין דעם אזוי אויך איבערבאַפעלקערטן וואַרשעווער געטאָ. אן ענלעכן פּראָצעס באַמערקן מיר האַרבסט־צייט אין די מזרח־פּאָוויאַטן פון וואַרשעווער דיסטריקט. די צאָל ערטער, וווּ יידן איז דערלויבט געוואָרן צו וווינען, איז באַדייטנדיק רעדוצירט געוואָרן.

---

[28] אַרכיוו פון יי.ה.א., אַקטן פון טשענסטאָכאָווער שטאָט־קאָמיסאַר, צירקוליאַר פון 2 מאַי 1941 פון דער אָפּט. „בעפעלקערונג און פירזאָרגע“ אין אַמט פון ראַדאָמער דיסטריקט צו אַלע סטאַראָסטעס וועגן צושטעלן באַריכטן בנוגע שאַפן געטאָס.

[29] אַקטן פון טשענסטאָכאָווער שטאָט־קאָמיסאַר, אין אַרכיוו פון יי.ה.א.

דאָס צענטראַלע געטאָ פאַרן גאַנצן דיסטריקט און דאָס גרעסטע אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס איז געווען דאָס וואַרשעווער געטאָ. אין העלפט יאָר 1941 האָט דאָס וואַרשעווער געטאָ געציילט לויט אָפיציעלע אָנגאַבן אין ערך 435.000 (פּאַקטיש א האַלבן מיליאָן) נפשות, וואָס האָט אויסגעמאַכט א דריטל פון דער גאַנצער וואַרשעווער באַפעלקערונג. נישט געקוקט דערויף, איז זיין שטח באַגרענעצט געוואָרן ביז 1/20 פונעם וואַרשעווער שטח [30].

כדי זיך צו פאַרזיכערן א פּאַסיקע לייטונג מיט די ענינים פון אזא גרויסן לאַגער, ווי ס'האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס וואַרשעווער געטאָ, האָט מען באַדאַרפט באַשטימען פאַר אים נייע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען, טיילווייז לויטן מוסטער פון לאָדזשער געטאָ [31]. דער גענעראַל-גובערנאַטאָר פראַנק האָט אין זיין פאַראָרדענונג פונעם 19-טן אַפּריל 1941 באַשטימט א קאָמיסאַר-אַמט איבערן יידישן באַצירק (ד"ר אוערסוואַלד), וועלכער איז געווען דירעקט אונטערגעאָרדנט דעם גובערנאַטאָר פישער [32]. לויט דער זעלבער פאַראָרדענונג איז גלייכצייטיק באַשטימט געוואָרן א ספּעציעלער אַמט „טראַנספערשטעלע" אויף צו רעגולירן אַלע ווירטשאַפטלעכע ענינים.

אן אַנאַלאָגישע סיטואַציע איז געווען אין „וואַרטע-לאַנד". אין דער צווייטער העלפט פון 1940 יאָר און אָנהויב 1941 יאָר זענען געשאַפן געוואָרן געטאָס אין וולאָצלאַוועק, פּאַבּיאַניצע, קאָלאָ, לענטשיץ און אין אַנדערע שטעט. אין דאָזיקן ראַיאָן זענען געווען צוויי מינים געטאָס — אָפענע און פאַרמאַכטע. די אָפענע געטאָס (בעלכאַטאָוו, אָזאָרקאָוו, קאַליש, לאַסק, זדונסקא וואָלא א.א.) זענען נישט געווען שטרענג איזאָלירט, זיי האָבן נישט געהאַט קיין פּאַרקאַנס אָדער אַרומצוימונג פון שטעכיקן דראָט. די אָקופּאַציע-מאַכט האָט אָבער געהאַלטן, אַז אין שייכות מיט די אויפגאַבן, וואָס די געטאָס דאַרפן אויספירן, איז אזא לאַגע נישט באַפרידיקנדיק. אויף דעם האָט מען אויפמערקזאַם געמאַכט אין דער העלפט יאָר 1941, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צו דער מאַסן-ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג. האָט דעם 12-טן יולי אין שייכות דערמיט דער פּרעזידענט פון דאָזיקן רעגיעץ איבעלהער אויפגעפאָדערט די בירגערמייסטערס און לאַנדראַטן, אז אין די פּאָוויאַטן זאָלן די יידן ווערן שטרענג איזאָלירט. דער פּאָליציי-פּרעזידענט פון לאָדזש האָט אפילו אויסגעאַרבעט א ספּעציעלן פּראָיעקט,

---

[30] סטאַטיסטישער ביולעטין פון וואַרשעווער" יודענראַט, 1941 יאָר.

[31] פראַנקס טאָגבוך, קאָנפערענץ וועגן וואַרשעווער געטאָ דעם 19 אַפּריל 1941; וועגן דעם איינפלוס פון לאָדזשער געטאָ אויף וואַרשע פג"ל א. אייזענבאַך: „די ווירקונג פון לאָדזשער געטאָ אויף דער געשטאַלטיקונג פון געטאָ אין וואַרשע", „דאָס נייע לעבן" פון 19 אַפּריל 1949.

[32] פאַראָרדענונגס-בלאַט פון דער גענ.-גובערניע 1941, ז. 211, פאַראָרדענונג פון 19 אַפּריל 1941.

געשטיצט אויפן ביישפּיל פון לאָדזש, איינצואָרדענען אין די פּאָוויאַטן שטרענג איזאָלירטע געטאָס[33].

די אַלע לאָקאַלע פּלענער זענען אָבער אין קורצן געוואָרן נישט אַקטועל צוליב דעם באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דעם 16=טן יולי 1941 אויף דער קאָנפערענץ אין פּויזן, וועגן שאַפן אין לאָדזש א „מאַסן=לאַגער פאר 300.000 יידן". פאַקטיש איז צוליבן מאַנגל אין וווינונגען בלויז א קליינער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג־דאָרט באַזעצט געוואָרן. די ווייט גרעסטע מערהייט איז ארויסגעשיקט געוואָרן אין טויטן=לאַגער כעלמנע ביים נער.

נאָכן איבערבליק איבער די פאַראָרדענונגען פון די אָקופּאַנטישע מאַכט=אָרגאַנען וועגן קאָנצענטרירן און איזאָלירן די יידישע באַפעלקערונג אין געשלאָסענע וווין=באַצירקן, דאַרף מען אויך באַטאָנען, אז געטאָס זענען אין דער צווייטער העלפט פון 1941 געשאַפן געוואָרן אויך אויף די אָקופּירטע געביטן פון ראַטנפאַרבאַנד, נעמלעך אויפן שטח פון מערב=אוקראַינע, וואָס איז טיילווייז איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער גענעראַל=גובערניע (דער אזוי גערופענער גאַליציש‌ער דיסטריקט[34]), אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן, וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן צו מזרח=פּרייסן, ווי אויך אין ראַיאָן פון מערב=ווייסרוסלאַנד.

דאַקעגן אין שלעזיע — צוליב די ספּעציפישע באַדינגונגען און באַדערפענישן פון אינדוסטריע=ראַיאָן — זענען די געטאָס איינגעפירט געוואָרן ערשט סוף יאָר 1942 און אָנהייב 1943. דאָ זענען די געטאָס טראַקטירט געוואָרן, ווי איבערגאַנגס=לאַגערן פאר דער ארומיקער יידישער באַפעלקערונג פארן דעפּאָרטירן זי קיין אָשוויענטשים.

אין ליכט פון דעם רייכן ארכיוו=מאַטעריאַל, אויף וועלכן מיר שטיצן זיך ביים אויפקלערן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, קענען מיר פעסטשטעלן, אז די געטאָס זענען געווען א טיפּישער ביישפּיל פון אָרגאַניזירטן פאַרברעכן פון פעלקערמאָרד. שוין פון אָנהייב אָן איז דאָס געטאָ געווען באַטראַכט ווי אן אינסטרומענט פון פיזישער אויסראָטונג פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

די יידישע באַפעלקערונג, וואָס איז ארייַנגעשטויסן געוואָרן אין די ענגע געטאָ=מויערן, האָט וועגעטירט אין שרעקלעכע סאַניטאַרע און וווינונגס=באַדינגונגען, באַקומענדיק דערנערונג, וואָס האָט אין דורכשניט באַטראָפן 300 קאַלאָריעס טעגלעך אויף א פּערזאָן, זייענדיק אין א גרויסער מאָס באַרויבט פונעם

[33] ארכיוו פון יי.ה.א., אַקטן ג.פ. III/46, פּראָיעקט: „בילדונג פון געטאָס אין די לאַנדקרייזן פון ליצמ.=רעגירונגס=בעצירק".

[34] וועגן געטאָס אין גאַליצישן דיסטריקט פּג"ל ראַפּאָרט פון ס.ס.= און פּאָליציי פירער קאצמאן פון 30 יוני 1943 („לעזונג פון דער יידנפראגע אין גאליציע"), דאָקום. ל — 18.

פּאַרמעגן, איז זי פון פּאָרויס געווען פאַרמשפּט אויף אומקום. ס'איז בלויז געווען א פראגע פון צייט. אלס ביישפּיל וועט געבוג זיין אָנצוגעבן, אז די שטערבלעכקייט אין ווארשעווער און לאָדזשער געטאָ האָט אין די מלחמה־יאָרן דורכשניטלעך באַטראָפן:[35]

יאָר	וואַרשע		לאָדזש	
	צאָל געשטאָרבענע	אויף 1000 איינוווינער	צאָל געשטאָרבענע	אויף 1000 איינוווינער
1940	8.981	23,5	6.197	39,2
1941	43.238	90.0	11.378	75,7
1942	29.788	140,0	18.134	159,8

אין די פאַרמלחמה־יאָרן האָט די שטערבלעכקייט אויסגעמאַכט 9,6 פּראָמיל. אזויאַרום זענען די געטאָס געוואָרן „טויט־קאַסמנס", ווי געבעלס האָט זיי אָנגערופן. די „קעלנישע צייטונג" (פונעם 5־טן אפריל 1941), שרייבנדיק וועגן דעם הערמעטיש פאַרמאַכטן לאָדזשער געטאָ, האָט אונטערגעשטראָכן, אז הגם דאָס געטאָ איז „געשאַפן געוואָרן בלויז אלס פּראָבע, אלס פּרעלודיע צום לעזן דאָס יידן־פּראָבלעם — האָט עס זיך אויפן איצטיקן עטאַפּ אַרויסגעוויזן אַלס דאָס בעסטע און אויסגעצייכנטסטע מיטל ביים לעזן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם".

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט די אָקופּאַציע־מאַכט געהאַלטן דאָס שאַפן געטאָס פאַר א צייטווייליקע „איבערגאַנגס־לעזונג", וואָס גיט נאָכנישט די פולקאָמע, ראַדיקאַלע לעזונג. דאָס אויסטיילן אין די באַזונדערע שטעט געשלאָסענע קוואַרטאַלן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג און די אַלץ שטרענגערע איזאָלאַציע פון די קוואַרטאַלן האָבן גלייכצייטיק אַרויסגערופן קאָמוניקאַציע־ אין ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן[36]. אויף די זיצונגען פון דער רעגירונג אין דער גענעראַל־גובערניע האָט מען פיל דעבאַטירט איבער די דאָזיקע שוועריקייטן. רעלאַציעס אויף דער דאָזיקער טעמע געפינט מען אין טאָגבוך פון האַנס פראַנק. אויך אין דער דעמאָלטיקער היטלעריסטישער ליטעראַטור איז וועגן דעם פיל געשריבן געוואָרן. אויספירלעך האָט דעם דאָזיקן ענין באַהאַנדלט פ. ה. זעראַפים. אין זיין רעפעראַט, וואָס ער האָט אין חודש מערץ געהאַלטן אין פראַנקפורט, איז ער געקומען צום אויספיר, אז דורכן געטאָ וועט מען קיינמאָל נישט דערגרייכן די פולשטענדיקע לעזונג, ד. ה. דעם אומקום פון דער יידישער באַפעלקערונג.

---

[35] אַרכיוו פון י.ה.א., אַקטן פון רומקאָווסקים קאַנצעלאַריע, סטאַטיסט. אָפּט.; סטאַטיסט. ביולעטין פון וואַרשעווער יודענראַט.

[36] פּראַנקס טאָגבוך, זיצונג פון 3 אַפּריל 1941. דעם 22 מערץ האָט עמעריך איבערגעגעבן פראַנקן אַ מעמאָראַל וועגן די ענינים פון וואַרשעווער געטאָ.

נישט אומעטום וועט זיך איינגעבן אזוי שטרענג צו איזאָלירן דאָס געטאָ, ווי אין לאָדזש[37]. חוץ דעם איז א גרויסע צאָל פּאָליציי=כוחות פאַרנומען ביים היטן די יידישע קוואַרטאַלן; דאָס געטאָ שאַפט אויך פיל שוועריקייטן אויפן געביט פון אויסנוצן די ארבעטס=קראַפט, וואָס קאָלידירט מיט די מלחמה=באַדערפענישן פונעם רייך.

אויף די איינטערווענצן פון די סטאַראָסטעס און שטאָט=קאָמיסאַרן וועגן דאָזיקן ענין, האָט דער גענעראַל=גובערנאַטאָר פראַנק אויף א זיצונג פון 19=טן אַפּריל 1941 דערקלערט, אז „דער פירער האָט מיר צוגעזאָגט, אז די גענעראַל=גובערניע וועט זיין פון די ערשטע געביטן, וואָס וועלן פריי ווערן פון יידן. אין דאָזיקן פאַל האַנדלט זיך דעריבער נישט אין פערמאַנענטע באַלאַסטונגען, נאָר אין א טיפּישער מלחמה=דערשיינונג, מעגלעך אפילו אין א פאַראָרדענונג, וואָס איז דיקטירט געוואָרן דורך די פאַרטיידיקונגס=אינטערעסן פון רייך“. נאָכן אדורכפירן דעם פאַרברעכערישן אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד, ווען דער היטלעריסטישער מאַכט האָט זיך געדוכט, אז א „בליץ=קריג“ וועט איר ברענגען א שנעלן זיג און דעמלט וועט זי קענען שטראָפלאָז אומברענגען די יידן אין אלע אָקופּירטע לענדער, האָט פראַנק זיך אפילו ארויסגעזאָגט קעגן דעם ווייטערדיקן שאַפן פון געטאָס. אין פראַנקס טאָגבוך לייענען מיר אונטער דער דאַטע פון 17=טן יולי 1941: „דער הער גענעראַל=גובערנאַטאָר איז נישט מסכים מיטן ווייטערדיקן שאַפן פון געטאָס, ווייל — לויט דעם פירערס דייטלעכע דערקלערונג פונעם 19=טן יוני ה. י. — וועלן די יידן אין א פּאַסיקן מאָמענט בכלל באַזייטיקט ווערן. די גענעראַל=גובערניע דאַרף אין א געוויסער מאָס זיין אן איבערגאַנגס=לאַגער“.

אָבער די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן. די מפּלה אויפן מאָסקווער פראָנט, די טעכנישע שוועריקייטן ביים צוגרייטן די פאַבריקן פאַר מאַסן=פאַרניכטונג פון מענטשן — האָבן געצוווּנגען די היטלערישע מאַכט אויפצוהאַלטן די געטאָס און אפילו צו שאַפן נייע געטאָס. האַרבסט=צייט 1941 זענען די געטאָס נאָך מער אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער וועלט און כמעט הערמעטיש געשלאָסן געוואָרן. פאַרן פאַרלאָזן דעם יידישן קוואַרטאַל זענען ארויפגעלייגט געוואָרן נאָך שאַרפערע שטראָפן. שוין די צווייטע פאַראָרדענונג פון גענעראַל=גובערנאַטאָר פראַנק

[37] „Das Ghetto nähert sich hier dem Typus einer jüdischen Isolierungszone, wie beispielsweise (aber ausgesprochen als Übergangslösung) der Versuch einer Ghettobildung für die Juden in Litzmannstadt. Soweit ein solches streng geschlossenes Gheto nicht geschaffen... ist das Ghetto praktisch in starken Masse unwirksam“. Seraphim: „Bevölkerungs und wirtschaftliche Probleme einer europäischen Gesamtlösung der Judenfrage“. „Weltkampf“ 1941 I. 1/2.

פונעם 29סטן אַפּריל 1941 וועגן באַגרענעצן דעם וווינונגס-געביט[38] האָט פאַרגעזען שטרענגע שטראָפן פאַר ייִדן. די דריטע פאַראָרדענונג ווידער פונעם 15טן אָקטאָבער 1941 האָט געדראָט די ייִדן אפילו מיט טויט-שטראָף פאַר פאַרלאָזן דאָס געטאָ[39]. די לעצטע פאַראָרדענונג האָט פאָרמעל טאַקע פאָרויסגעזען, אַז אַרויסצוטראָגן אַזעלכע אורטיילן זענען באַרופן בלויז די שטאַנד-געריכטן; אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז עס געמאַכט געוואָרן גאַנץ פּשוט: ייִדן, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן אויסערן געטאָ האָט מען גלייך דערשאָסן. מען האָט געשאָסן אָן שום פריערדיקער וואָרענונג צו ייִדן, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו די מויערן אָדער צו די טויערן פון געטאָ. אויף דער גענעראַלער פאַראָרדענונג פון פראַנקן האָבן זיך געשטיצט אַלע פאַראָרדענונגען, וואָס די פאַרשידענע דיסטריקט-שעפן האָבן אַרויסגעגעבן און וואָס האָבן איינגעפירט האַרבע שטראָפן[40]. די פאַראָרדענונגען האָבן געהאַט, פאַרשטייט זיך, דעם ציל פולשטענדיק אָפּצושניידן די ייִדן פון דער אַרומיקער וועלט, אוממעגלעך זיי צו מאַכן דאָס אַנטלויפן פון געטאָ און זיך אויסבאַהאַלטן. די פאַראָרדענונגען האָבן גלייכצייטיק געצילט אוממעגלעך צו מאַכן, אַז די ייִדן זאָלן קענען באַקומען הילף פון דער פּוילישער באַפעלקערונג.

אין פּעריאָד פון די דירעקטע צוגרייטונגען צו דער מאַסן-ליקווידאַציע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג זענען אין פיל שטעט (צ. ב., אין לובלין, אין נייסאַנץ, אין זשעשוו, אין קראָקע, אין סאָסנאָוועץ א.א.וו.) געשאַפן געוואָרן צוויי געטאָס, פון וועלכע איינס איז געווען באַשטימט פאַר דער נישט אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, ד. ה. פאַר זקנים, פרויען און קינדער. די ייִדישע באַפעלקערונג איז אויף אַזאַ אופן געטיילט געוואָרן אויף קאַטעגאָריעס, דער געזעלשאַפטלעכער און פאַמיליען-בונד איז צעריסן געוואָרן; דערמיט האָט מען זיך פאַרלייכטערט אויסצופירן אין דער צוקונפט דעם געפּלאַנטן פעלקערמאָרד.

פאַר דער היטלערישער געזעצגעבונג איז שטאַרק כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, וואָס אין משך פון א לענגערער צייט, אין וועלכער עס איז פאָרגעקומען דאָס קאָנצענטרירן די ייִדן, האָט די אָקופּאַציע-מאַכט נישט אַרויסגעגעבן קיין איין געזעץ, קיין איין אַלגעמיינע פאַראָרדענונג וועגן שאַפן געטאָס. ערשט האַרבסט-צייט 1942 יאָר, ווען ס'איז שוין געווען דורכגעפירט די בעסטיאַלישע איינראָטונג פון אַן ערך 90% פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, האָט קריגער,

38 פאַראָרדענונגס-בלאַט פון דער גענ.-גובערניע, ב. II, ז. 274.
39 דאָרט, ז. 595; פג"ל פראַנקס דערקלערונג אויף דער רעגירונגס-זיצונג פון 16 דעצ. 1941, פראַנקס טאָגבוך; „די פאַרניכטונג פון וואַרשע" (פּויליש), ז. 230.
40 אַמטסבלאַט פון לובלינער דיסטריקט-שעף 1941, נר. 12; 1942 נר. 4, פאַראָרדענונגען פון לובלינער גובערנאַטאָר צערנער פון 9 נאָוועמב. 1941 און פון 16 אַפּריל 1942.

דער מיניסטער פאר זיכערהייטס־ענינים, ארויסגעגעבן צוויי פאראָרדענונגען: דעם 28־טן אָקטאָבער 1942 — פארן ווארשעווער און לובלינער דיסטריקט און דעם 10־טן נאָוועמבער 1942 — פאר די דיסטריקטן: ראדאָמער, קראָקעווער און פאר דעם א. ג. גאליציש. די פאראָרדענונגען האָבן באַשטימט אויפן געביט פון דער גענעראל־גובערניע 54 וווינונגס־קוואַרטאַלן. קריגערס פאראָרדענונגען זענען אין גרונט גענומען געווען פשוט א יורידישע פיקציע און א שלייער פאר די פאַרברעכנס און געזעצלאָזיקייט. זיי זענען א בולטער דאָקומענט פון היטלערישער צביעות און פאַלשקייט. די פאראָרדענונגען זענען ארויסגעגעבן און פארעפנטלעכט געוואָרן מיט ציל אריינצונאַרן צוריק אין די געטאָס די יידן, וואָס זענען געווען אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער און אויף דער אַרישער זייט, איינצושלעפערן זייער וואַכזאַמקייט און צו פארנאַרן דעם נאָך לייכט־גלויביקן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. קריגערס באַפעל האָט אויך געהאַט דעם ציל אָפצונאַרן די עפנטלעכע מיינונג אין אויסלאַנד, פארהוילן דעם אמת וועגן די מאָנסטרועלע פארברעכנס דורכן שאַפן אן אילוזיע פון א געוויסער סטאַביליזאַציע פון דער לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אין אָקופירטן פוילן.

אין ליכט פון די געבראַכטע פאַקטן ווערן קלאָר די פארברעכערישע אינטענצן פון דער היטלעריסטישער מאַכט ביים אָרגאַניזירן די געטאָס, וועלכע האָבן — אין הסכם מיט אירע פלענער — באַדאַרפט ווערן אן אינסטרומענט פון מאָראַלישער דערנידערונג און פיזישער אָפשוואַכונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געדאַרפט פארלייכטערן איר אויסראָטונג.

9. די פּאָליטיק פון שקלאַפישער אַרבעט

דער סטראַטעגישער פלאן פון אומברענגען די יידן האָט אין ערשטן עטאַפּ פאָרויסגעזען די פארניכטונג פון דער מאַטעריעלער באַזע פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין דייטשלאַנד, אין אָקופירטן עסטרייך און אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז דאָס דורכגעפירט געוואָרן נאָך אין יאָר 1938/39. די טעלעפאָנאָגראַמע פון היידריכן פונעם 21־טן סעפטעמבער 1939 צו די אָפעראַציע־גרופּן האָט פאָרויסגעזען, אז די אַנטי־יידישע פאראָרדענונגען זענען נוגע אויך דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן. אין דער קאָנסעקווענץ וועט דאָס דערפירן צו דער קאָנפיסקאציע פון די יידישע אונטערנעמונגען, געוועלבער, ווארשטאַטן, און אפילו פון פערזענלעכן פארמעגן. די יידישע באַפעלקערונג, זייענדיק בארויבט פון יעדן הכנסה־קוואַל, וועט אויף אזא אופן שנעל פּויפּעריזירט ווערן. אין רעזולטאַט פון דער הערמעטישער איזאָלירונג אין די געטאָס, פון דער צופיר־באַגרענעצונג פון שפּייז־אַרטיקלען, פון בלוטיקן טעראָר און פון אָנווענדן דעם פּרינציפּ פון קאָ־

לעכמיווער פאַרגאַנטוואָרטלעכקייט וואָלט געקומען דער שנעלער פּראָצעס פון אונטערגאַנג — ווי היטלער האָט זיך אויסגעדריקט — „דער בלוטלאָזער" אומקום פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין דעם האָבן באַדאַרפט באַשטיין די ווירטשאַפטלעכע „צוגרייטונגען" — לויט דער טעלעפאָנאָגראַמע פון היידריכן — צו דער צוקונפטיקער טאָטאַלער אויסראָטונג פון די יידן. די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן די דאָזיקע פאַרברעכערישע פּאָליטיק קאָנסעקווענט דורכגעפירט נישט בלויז אין באַצוג צו יידן, נאָר אויך לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג אין אָקופּירטן לאַנד. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק האָט די דאָזיקע פּאָליטיק פון די היטלעריסטן אויסגעדרוקט אין פאָלגנדיקע ווערטער: „דעם 15־טן סעפּטעמבער 1939 האָב איך באַקומען א דירעקטיוו איבערצונעמען די אַדמיניסטראַציע איבער די באַזיגטע מזרח־געביטן צוזאמען מיטן באַפעל פון אַבסאָלוטער עקספּלאָאַטאַציע פון די דאָזיקע געגנטן ווי א קריגס־געביט און ווי א באַזיגט לאַנד, וואָס דאַרף פון זיין ווירטשאַפטלעכער, סאָציאַלער, קולטורעלער און פּאָליטישער סטרוקטור פאַרוואַנדלט ווערן אין א חורבה" [1].

אין הסכם מיט די דאָזיקע פּרינציפּן האָבן שוין אין די ערשטע פאַראָרדענונגען פון די לייטערס פון דער ציוויל־פאַרוואַלטונג ביי דער אָנפירונג פון דער ווערמאַכט באַפוילן „פולשטענדיק צו באַזייטיקן די יידן פון ווירטשאַפטלעכן לעבן און איבערנעמען זייערע אונטערנעמונגען". אזעלכע מינים פאַראָרדענונגען זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט אין טשענסטאָכאָוו, קראָקע, לאָדזש און אין אַנדערע שטעט, וועלכע האָבן באַפוילן אוועקצושטעלן טרויהענדער אין אַלע יידישע אונטערנעמונגען און אַרבעטס־וואַרשטאַטן [2].

חוץ דעם איז פאַרווערט געוואָרן די יידן צו אַרבעטן אין געוויסע פאַכן. לערער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אַרטיסטן, מוזיקער, וויסנשאַפטלער א. א. זענען באַזייטיקט געוואָרן פון זייערע אַמטן. צוליב דער דאָזיקער דראַקאָנישער פאַראָרדענונג איז די יידישע אינטעליגענץ דעקלאַסירט געוואָרן. ס'זענען אויך באַזייטיקט געוואָרן די יידישע אייגנטימער און דער יידישער פּערסאָנאַל פון די רעסטאָראַנען, קאַוויאַרניעס, באַרן, טעאַטערס א.אַ.וו.[3] יידן איז אויך פאַרווערט געוואָרן צו אַרבעטן ביי טראַנספּאָרט. גלייכצייטיק זענען אַלע זאַפּאַסן פון רוישטאָפן און סחורות קאָנפיסקירט געוואָרן. אַלע קאָנטעס און דעפּאָזיטן פון דער

[1] פראַנקס טאָגבוך, דעם 19 יאַנואַר 1940.

[2] „ליצמ. צייטונג" פון 6 דעצעמבער 1939, 20 יאַנואַר 1940; בערנשטיין: היטלעריסטישע ווירטשאַפטלעכע דיסקרימינאַציעס לגבי יידן אין וואַרשע ביזן שאַפן דאָס געטאָ", „בלעטער פאַר געשיכטע", ב. V, ה. 3.

[3] אַרכיוו פון יי.ה.א., טשענסטאָכאָווער אַקטן, באַפעל פון שעף פון דער ציוויל־פאַרוואַלטונג צו אַלע לאַנדראַטן אין טשענסטאָכאָווער קרייז פון 15 סעפּטעמבער 1939; „לאָדזשער געטאָ", ז. 40, 55—52.

יידישער באַפעלקערונג אין די בענק און אין לאָמבאַרדן זענען פאַרבלאָקירט געוואָרן. אין דער פּראַקטיק איז עס פאַקטיש געווען קאָנפיסקאַציע.

די דאָזיקע פאַראָרדענונגען, וואָס האָבן אַרויסגעשטויסן די יידן פון די פּרנסה-פּלאַצוווקעס, בעת ס'איז אויך באַגרענעצט געוואָרן זייער פרייע באַוועגונג, האָבן אוממעגלעך געמאַכט וועלכע עס איז ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט, און אויף אַזאַ אופן צוגענומען ביי זיי יעטוועדע מעגלעכקייט פון פאַרדינען אויף עקזיסטענץ. דערפאַר אָבער האָט מען לטובת דער דייטשישער מלחמה-ווירטשאַפט איינגעשפּאַנט די יידישע באַפעלקערונג אין יאָך פון צוואַנגס-אַרבעט, דער עיקר אין ספּעציעלע אַרבעטס-לאַגערן, וועלכע זענען פאַקטיש געווען לאַגערן פון פיזישער אויסראָטונג.

* * *

די גרונט-פּרינציפּן פון דער היטלעריסטישער פּאָליטיק אויסצונוצן די אַרבעטס-כוחות אין די אָקופּירטע לענדער זענען געווען: מאַסן-דעפּאָרטאַציע און שקלאַפישע עקספּלאָאַטאַציע. די שקלאַפישע אַרבעט האָט געהאַט דעם ציל אָפּצושוואַכן פיזיש אָדער אויסראָטן די פעלקער, וועלכע די היטלעריסטישע ראַסיסטן האָבן געהאַלטן פאַר נידעריקע אָדער פיינטלעכע. גלייכצייטיק האָט די שקלאַפן-אַרבעט באַדאַרפט זיין צום דינסט פון דרינגנדיקע ווירטשאַפטלעכע מלחמה-באַדערפענישן פון רייך.

היטלער האָט אויף אַ געהיימער קאָנפערענץ פונעם 23-טן מאַי 1939 פאַרגעזאָגט, אַז די באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע לענדער וועט ווערן אויסגענוצט אַלס שקלאַבישע אַרבעטס-קראַפט [4]. אויף די שפּעטערדיקע קאָנפערענצן, וואָס זענען אין יאָר 1939 פאָרגעקומען אין דער הויפּט-קוואַרטיר פון היטלערן, איז פיל מאָל באַטאָנט געוואָרן, אַז די פּוילישע געביטן דאַרפן דינען אַלס קוואַל פון ביליקער אַרבעטס-קראַפט פאַר דער דייטשישער ווירטשאַפט, און דאָס וועט דערפירן צו דער ביאָלאָגישער אָפּשוואַכונג פונעם פאָלק. טאַקע אַזאַ פּאָליטיק האָבן די דייטשישע מאַכט-אָרגאַנען אָנגעוואָנדן לגבי דער יידישער און פּוילישער באַפעלקערונג. אין יאַנואַר 1940 האָט פראַנק די דאָזיקע פּאָליטיק אויסגעדריקט אויף פאָלגנדיקן אופן: „מ'דאַרף אַרויסבאַקומען פון דער גענעראַל-גובערניע הונדערטער און טויזנטער ביליקע אַרבעטס-כוחות. דאָס וועט באַשווערן דעם ביאָלאָגישן פאַרמערונגס-פּראָצעס פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג" [5]. ווען די שקלאַפן-אַרבעט און די הונגער-נאָרמעס פון אַפּראָוויזאַציע האָבן נישט געבראַכט די געוווּנטשענע רעזולטאַטן, זענען אַרויסגערוקט געוואָרן פּראָיעקטן פון דירעקטער

[4] „אַגרעסיע אויף פּוילן", ב' II, ז. 48.
[5] „נירנבערגער מאַטעריאַלן", ז. 216.

פיזישער אויסראָטונג. אין דאָזיקן פּרט איז כאַראַקטעריסטיש דער עלאַבאָראַט פון הויכן שופּאָ=באַאַמטן אין לאָדזש אין דעצעמבער 1941 וועגן דער היטלעריסטישער באַפעלקערונגס=פּאָליטיק לגבי די פּאָליאַקן. ער רעדט קלאָר, אַז היות די ווירטשאַפטלעכע עקסטערמינאַציע האָט בלויז אין אַ קלענער מאָס געווירקט אויף דער ביאָלאָגישער אָפּשוואַכונג פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, דאַרף מען דעריבער זיך באַנוצן מיט אַנדערע אויסראָטונגס=מעטאָדן [6].

די היטלעריסטישע מאַכט=אָרגאַנען האָבן תיכף נאָכן אָקופּירן דאָס לאַנד איינגעפירט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג צוואַנגס=אַרבעט. די מיליטערישע און ציווילע מאַכט=אָרגאַנען האָבן אָרגאַניזירט לאַפּאַנקעס אויף די גאַסן און מיט טעראָר געצוואונגען די יידן צו פאַרשידנאַרטיקע אַרבעטן. דער ציל פון די לאַפּאַנקעס איז געווען נישט אַזוי צוליב דער באַדערפעניש אין אַרבעטער, ווי כדי צו איזדיעקעווען זיך איבער דער יידישער באַפעלקערונג. חוץ דעם, האָט די אָקופּאַציע=מאַכט באַשטימט פאַר די גמינעס אָדער יודענראַטן קאָנטינגענטן אין אַ צאָל פון עטלעכע הונדערט און אַפילו פון עטלעכע טויזנט יידן טעגלעך, וועלכע זענען געווען געצוואונגען צו אומזיסטער אַרבעט אָדער פאַר אַ נישטיקער באַלוינונג פון די יודענראַטן. די יידן זענען געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע אַרבעטן, צ. ב. ביי לאָדעווען סחורות, רייניקן די גאַסן פון שניי און פון אַנדערע אומריינקייטן.

די ערשטע פאַראָרדענונג וועגן צוואַנגס=אַרבעט זענען געווען די פאַראָרדענונגען פון לאָדזשער פּאָליציי=שעף פונעם 5=טן אָקטאָבער 1939, וואָס האָט באַשטימט צוואַנגס=אַרבעט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין עלטער פון 14 יאָר. אין גייסט פון דער דאָזיקער פאַראָרדענונג האָט דער שעף פון דער ציווילער אַדמיניסטראַציע אין לאָדזש דעם 13=טן אָקטאָבער 1939 אויפגעפאָדערט די יידישע גמינע, זי זאָל צושטעלן טעגלעך 600 מאַן צו דער אַרבעט [7]. אויף די צום רייך „איינגעגלידערטע געביטן" איז די צוואַנגס=אַרבעט פאָרמעל איינגעפירט געוואָרן ערשט מיטן געזעץ פונעם 3=טן אָקטאָבער 1941 [8].

אין דער גענעראַל=גובערניע איז צוואַנגס=אַרבעט פאַר יידן איינגעפירט געוואָרן לויט דער פאַראָרדענונג פון פראַנקן פונעם 26=טן אָקטאָבער 1939, ד. ה. תיכף נאָך זיין איבערנעמען דעם אַמט פון גענעראַל=גובערנאַטאָר [9]. אין דער פאַראָרדענונג ווערט געזאָגט, אַז „פאַר יידן, וואָס וווינען אין דער גענעראַל=גובערניע, ווערט פון דאָזיקן טאָג איינגעפירט צוואַנגס=אַרבעט. צוליב דעם ווערן די

---

6 בוליעטין פון דער ה.ק.פּ.ה.פּ., ב. III, ז. 136.

7 „לאָדזשער געטאָ", ז. 18.

8 ר.ג.=בל. 1941, ב. I, ז. 124.

9 פאַראָרדנונגס=בלאַט פון דער ג.=ג. 1939, נר. 1.

יידן איינגעשלאָסן אין אָפּטיילונגען פון צוואַנגס-אַרבעט". אין הסכם מיטן § 2 פון דער פאַראָרדענונג האָט דער העכערער עסעס- און פּאָליציי-פירער קריגער דעם 11-טן און 12-טן דעצעמבער 1939 אַרויסגעגעבן אויספיר-באַשטימונגען[10].

די פאַראָרדענונגען וועגן צוואַנגס-אַרבעט, וועלכע זענען נוגע דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין עלטער פון 14 ביז 60 יאָר, האָבן שוין געטראָגן אין זיך דעם זין פון אַלע שפּעטערדיקע פאַראָרדענונגען, וועלכע האָבן סיסטעמאַטיש געצילט צו דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון די יידן. קריגערס פּאָליציייִשע אויספיר-פאַרשריפטן זענען נוגע די פונקציעס פון די יודענראַטן, די באַגרענעצונגען פון דער באַוועגונגס-פרייהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג און דעם פאַרבאָט צו באַנוצן די עפנטלעכע קאָמוניקאַציע-מיטלען. די דאָזיקע פאַראָרדענונגען זעען אויך פאָר די קאָנפיסקאַציע פון אַרבעטס-מכשירים, די איזאָלאַציע פון מענער פון די פרויען און דאָס אָפּזונדערן זיי אין אַרבעטס-לאַגערן.

פון אינהאַלט פון די דאָזיקע פאַראָרדענונגען איז קלאָר, אַז דער היטלעריסטישער מאַכט איז בכלל נישט געגאַנגען אינעם ראַציאָנעלן אויסנוצן די יידישע אַרבעטס-קראַפט צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. די צוואַנגס-אַרבעט, וועלכע האָט געזאָלט דויערן 2 יאָר, האָט — ווי קריגער האָט אָנגעגעבן — באַדאַרפט דינען אַלס „דערציונגס-מיטל" פאַר יידן. דורך „דערציונג" האָבן די היטלעריסטן פאַרשטאַנען — שטופנווייז דערפירן די באַפעלקערונג צו אַזאַ מאָראַלישער און פיזישער ירידה, וואָס זאָל דערמעגלעכן איר פולשטענדיקע עקסטערמינאַציע.

פון אָרגאַניזאַציאָנעלן שטאַנדפּונקט זענען אין די יאָרן 1939—1941 געווען עטלעכע אופנים פון צוואַנגס-אַרבעט. אין די שטעט זענען די יודענראַטן געווען פאַרפליכטעט צו אָרגאַניזירן באַטאַליאָנען אָדער אַרבעטס-בריגאַדעס. די יודענראַטן האָבן צוגעשטעלט אַרבעטער פון די באַטאַליאָנען פאַר די שטאָט-פאַרוואַלטונגען, פאַר די ווערמאַכט-אָפּטיילונגען און פאַר אַנדערע דייטשישע אַמטן. אָנהייב 1940 האָבן די יודענראַטן אין וואַרשע, אין לאָדזש, אין קראָקע און אין אַנדערע שטעט צוגעשטעלט טעגלעך צו עטלעכע טויזנט יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך רעקרוטירט פון צווישן די אָרעמסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג און פון די פּליטים. פאַר דער אַרבעט ביי די היטלעריסטן האָבן זיי געקראָגן באַצאָלט פון די יודענראַטן, וועלכע האָבן אויף דעם צוועק געשאַפן פאָנדן פון ספּעציעלע אָפּצאָלן פון די רייכערע פאַר באַפרייען זיי פון דער פליכט פון צוואַנגס-אַרבעט.

אין הסכם מיטן פּאַראַגראַף 2 פון קריגערס פאַראָרדענונג פונעם 12-טן דעצעמבער 1939 יאָר האָט די גרעסטע צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג באַדאַרפט דעפּאָרטירט ווערן אין אַרבעטס-לאַגערן. די היטלעריסטישע מאַכט-אָרגאַ-

[10] דצ"ו.

גען האָבן נאָך אין יאָר 1939 פּלאַנירט דורכצופירן אויף די מזרח=גרענעצן פון
דער גענעראַל=גובערניע גרויסע פאָרטיפיקאַציע=אַרבעטן, וועגן וועלכע היידריך
האָט דערמאָנט אויף דער קאָנפערענץ אין רסה"א, וואָס איז פאָרגעקומען אין
יאַנואַר 1940. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז פּלאַנירט געוואָרן צו שאַפן אויף
די קרעסן צווישן בוג און סאַן אַ גרעסערע צאָל אַרבעטס=לאַגערן. קריגער האָט
אין יאַנואַר 1940 אַרויסגעגעבן ווייטערדיקע אויספיר=פאַראָרדענונגען, אין וועלכע
ער האָט פאַרפליכטעט די יודענראַטן אַדורכצופירן אַ גענויע רעגיסטראַציע פון
דער באַפעלקערונג, וואָס איז פאַרפליכטעט צו צוואַנגס=אַרבעט. די דאָזיקע פאַר=
אָרדענונגען האָבן געדאַרפט ברענגען די היטלעריסטישע מאַכט=אָרגאַנען מאַטער=
יאַלן אויפן סמך פון אַ גענויער עווידענץ וועגן דער יידישער אַרבעטס=קראַפט,
באַקענען מיט דער פראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג
און איינשטעלן א קארטאָטעקע, וואָס זאָל דינען פאר דער עקספּלאָאטאציע פון די
עווידענציאָנירטע אַרבעטס=כוחות. די רעגיסטראַציע האָט גלייכצייטיק אַרומגע=
נומען אַלע אונטערנעמונגען און וואַרשטאַטן, וואָס האָבן געהערט צו יידן, וועלכע
זענען באַשטימט געוואָרן אין די צוואַנגס=לאַגערן. די יודענראַטן האָבן אויך באַ=
דאַרפט אָרגאַניזירן דאָס טראַנספּאָרטירן פון די יידן אין די לאַגערן.

אין דער גענעראַל=גובערניע איז די רעגיסטראַציע דורכגעפירט געוואָרן אין
משך פון פעברואַר ביז מאַי 1940. אין משך פון די נאָענטסטע חדשים זענען אין
די לובלינער לאַגערן קאָשאַרירט געוואָרן די יידן פון לובלינער, וואַרשעווער און
ראַדאָמער דיסטריקט. פון וואַרשע זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן 11 טראַנספּאָרטן
אין אַ צאָל פון העכער 3500 יידן[11]. די אַסורים זענען באַשעפטיקט געוואָרן ביי
בויען בריקן, שאָסייען, אויסהאַקן וועלדער, רעגולירן טייכן, טריקענען זומפּן,
האַקן שטיינער א.א.וו. זיי זענען געצוווּנגען געוואָרן אויסצופירן די שווערסטע
פיזישע אַרבעטן אין אוממענטשלעכע סאַניטאַרע, וווינונגס= און אַפּראָוויזאַציע=
באַדינגונגען. אין די לאַגערן האָט געהערשט אַ דראַקאָנישע שטראָף=סיסטעם. די
יידישע אַרבעטער, דערשעפּט פון שקלאַפּישער אַרבעט און פון קראַנקהייטן, וואָס
האָבן זיך פאַרשפּרייט אין די לאַגערן, זענען מאַסנווייז אויסגעשטאָרבן[12]. די
ווידער, וואָס האָבן זיך נאָך עטלעכע חדשים יאָ אומגעקערט אין זייערע היימ=
שטעט, זענען געווען אַזוי דערשעפּט און שווער קראַנק, אַז זיי זענען אין קורצן
געשטאָרבן. אַרבעטס=לאַגערן זענען אָרגאַניזירט געוואָרן נישט בלויז אין לובלינער
געגנט, וווּ זיי זענען געווען אונטער דער קאָנטראָל און ליטונג פונעם עסעס=
און פּאָליציי=פירער גלאָבאָצניק, נאָר אויך אויפן געביט פון דער גאַנצער גענעראַל=

[11] בולעטין פון דער סטאַטיסטישער אָפּטיילונג פון וואַרשעווער יודענראַט, נר. 11.
[12] וועגן די אַרבעטס=לאַגערן אין לובלינער געגנט, פג"ל די אַרבעט אין ריננ. I,
אַרכיוו פון יי.ה.א.

גובערניע. די אסורים האָבן דאָרט געאַרבעט ביים בויען וועגן און טרוקענען זומפּן אין ענלעכע אוממענטשלעכע באַדינגונגען, ווי אין די לובלינער לאַגערן.

חוץ דעם זענען יידן אויך באַשעפטיקט אויף באַדינגונגען פון „פרייער לוין-אַרבעט“. אין שייכות דערמיט, וואָס פּוילישע אַרבעטער זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט און ס'איז כסדר געוואַקסן די נאָכפראַגע אויף אַרבעטס-קראַפט אין דער גענעראַל-גובערניע, אין „וואַרטע-לאַנד“ און אין שלעזיע, האָט זיך די היטלעריסטישע מאַכט פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע פון יידישער אַרבעט. די מאַכט-אָרגאַנען האָבן זיך איבערצייגט, אַז צווישן דער יידישער באַפעלקערונג געפינט זיך אַ גרויסע צאָל פאַכלייט אויפן געביט פון פאַרשידענע אינדוסטריע-צווייגן. דאָס האָבן אויך באַשטעטיקט די דורכגעפירטע פאָלקס-ציילונגען. די דייטשישע פירמעס, מיליטערישע און פּאָליציי-פלאַצוווקעס האָבן דעריבער אָנגעהויבן באַשעפטיקן וואָס ווייטער אַלץ מער יידישע בעל-מלאכות.

אין דער העלפט יאָר 1940 האָט די רעגירונג פון דער גענעראַל-גובערניע באַשלאָסן דעם ענין פון באַשעפטיקן יידן איבערגעבן אין דער קאָמפּעטענץ פון די אַרבעטס-אַמטן. קריגער האָט און זיין באַפעל פונעם 4-טן יולי 1940 וועגן דעם געמאָלדן אַלע אָנפירער פון עסעס און פּאָליציי אין דער גענעראַל-גובערניע, און דעם 5-טן יולי האָט דער אַרבעטס-אַמט ביי דער רעגירונג פון דער ג.-ג. ארויסגעשיקט וועגן זעלבן ענין אַן אויספירלעכן צירקוליאַר צו אַלע אַרבעטס-אַמטן[13]. דער דערמאָנטער צירקוליאַר שטרייכט אונטער, אַז פראַנקס פאַראָרדענונגען און קריגערס אינסטרוקציעס פון דעצעמבער 1939 בלייבן ווייטער אין קראַפט. דער צירקוליאַר ווייזט אָן אויף דער מעגלעכקייט פון נאָך שטאַרקערער ווי ביז איצט עקספּלאָאַטאַציע פון די יידן אין דער קריגס-אינדוסטריע.

דער צירקוליאַר רעגולירט אויך דעם ענין פון לוין פאַר די יידישע אַרבעטער. די יידן, וואָס זענען באַשעפטיקט אין געשלאָסענע אַרבעטס-לאַגערן, באַקומען נישט קיין לוין, דאַקעגן די יידישע בעל-מלאכות, וואָס זענען באַשעפטיקט דורך די אַרבעטס-אַמטן, באַקומען אַ לוין לויט אַ ספּעציעלן טאַריף, וואָס איז אויף 20 פּראָצענט נידעריקער, ווי דער לוין פון פּוילישע אַרבעטער. אַלע פאָרשריפטן וועגן אַרבעטס-שוץ: דאָס באַגרענעצן די צייט, אַ צוגאָב-לוין פאַר איבער-שעהן, פּרעמיעס, אורלויבן א.אַ.וו. זענען אויף יידן נישט חל. אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס אַלץ אויך פריער לגבי יידן נישט אָנגעווענדט געוואָרן, ווייל די דייטשישע פירמעס און די פּאָליצייאישע און מיליטערישע פלאַצוווקעס האָבן זיך באַמיט צו עקספּלאָאַטירן די יידישע אַרבעטער פולשטענדיק אומזיסט.

---

[13] אַרכיוו פון יי.ה.א., אַקטן פון אַרבעטס-אַמט. אין אַמט פון לובלינער דיסטריקט.

אין די חדשים יולי און אויגוסט 1940 האָט דער ארבעטס-אַמט ביי דער רעגירונג פון דער ג.-ג. אַרויסגעגעבן אַ ריי דערגענצונגס-פאַראָרדענונגען וועגן באַשעפטיקן יידן דורך דייטשישע פירמעס. דערביי איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די נויטווענדיקייט אָפּצוטיילן די יידישע אַרבעטער פון די פּוילישע. הגם די דאָזיקע פאַראָרדענונגען האָבן אין צענטראַלן מאַסשטאַב רעגולירט די פראַגע פון באַשעפטיקן יידן, האָבן דאָך די פּלאַצוווקעס פון ווערמאַכט און עסעס ווייטער דורכגעפירט לאַפּאַנקעס אויף יידן און ווייטער געצוווּנגען די יודענראַטן, זיי זאָלן פאַר געוויסע אַמטן צושטעלן אַרבעטער. דער שעף פון אַרבעטס-אַמט ביי דער רעגירונג פון ג.-ג. פראָוענדאָרפער, ווילנדיק אַ סוף מאַכן צום כאַאָס אויפן געביט פון אַרבעטס-קראַפט, האָט דעם 28-טן אויגוסט 1940 אַרויסגעשיקט אַ בריוו צו די העכערע מיליטערישע און פּאָליציייִשע פאַקטאָרן. אין דאָזיקן בריוו האָט ער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די שאָדנס, וואָס די דאָזיקע לאַגע ברענגט מיט זיך און גלייכצייטיק אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט צו רעגולירן אין צענטראַלן מאַסשטאַב דעם ענין צוואַנגס-אַרבעט פאַר יידן אין די געשלאָסענע לאַגערן, אויף פאַרשידענע אונטערנעמונגען און אויף דינסטלעכע פּלאַצוווקעס. אין שייכות מיט דעם האָט קריגער דעם 3-טן סעפּטעמבער 1940 אַרויסגעשיקט צו גלאָבאָצניקן אַ בריוו, אין וועלכן ער מאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז די באַשטעלונגען אויף יידישע אַרבעטער, באַזונדערס ביים בוג און סאַן, דאַרפן געשיקט ווערן צו אים. אויפן סמך פון גלאָבאָצניקס באַשטעלונגען האָט קריגער געוואָלט פאָדערן פון די ארבעטס-אמטן די נייטיקע צאָל יידישע ארבעטער.

פון סוף יאָר 1940 האָבן זיך די באַשטעלונגען אויף יידישער אַרבעטס-קראַפט אין אַלע דיסטריקטן פון דער ג.-ג. געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן. די אָקופּאַנטישע מאַכט-אָרגאַנען, ווילנדיק פולשטענדיק אויסנוצן די יידישע פּראָדוציר-כוחות, האָבן דערלויבט צו פאַרלייגן אין פיל געטאָס אַרבעטס-וואַרשטאַטן, די אַזוי גערופענע יידישע ווירטשאַפטלעכע געמיינשאַפטן, וועלכע האָבן פּראָדוצירט אויף באַשטעלונג פון מאַטעריאַלן פון פאַרשידענע פירמעס. אויסער דעם האָבן די דייטשישע פירמעס אָרגאַניזירט אין אַ ריי געטאָס די אַזוי גערופענע אַרבעטס-שאָפּן פאַר פאַרשידענע אינדוסטריע-צווייגן, אויסנוצנדיק דערביי די וואַרשטאַטן, מאַשינען און רוישטאָפן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די געטאָס.

אַן ענלעכע סיטואַציע טרעפן מיר אָן אין „וואַרטע-לאַנד“, באַזונדערס אין דער לאָדזשער געגנט, וווּ ס'האָט זיך געפונען די גרעסטע צאָל יידישע באַפעלקערונג פון דער דאָזיקער פּראָווינץ. אין לאָדזש און אין די אַרומיקע שטעט (פּאַביאַניץ, בזשעזשין, בעלכאַטאָוו, אָזאָרקאָוו א.א.) האָבן די אָרטיקע מאַכט-אָרגאַנען, נאָכן קאָנפיסקירן ביי די יידן די מאַשינען און די פאַבריקס-איינריכטונגען, פאַרלייגט פּראָדוציר-וואַרשטאַטן, קודם-כל באַקליידונגס-וואַרשטאַטן, נאָכדעם טאַפּיציר-וואַרשטאַטן, סטאָלערײַ-וואַרשטאַטן א.א.וו.

סוף יאָר 1940 זענען שוין געווען אין לאָדזשער געטאָ 19 פאַרשידענע אַרבעטס=רעסאָרטן. שפּעטער זענען די וואַרשטאַטן אינטענסיוו פאַנאַנדערגעבויט געוואָרן. גלייכצייטיק איז אויך אין זיי געוואַקסן די צאָל באַשעפטיקטע ייִדן. דאָס לאָדזשער געטאָ און די געטאָס אין די אַרומיקע שטעט זענען פּאַקטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַרבעטס=לאַגערן, וועלכע האָבן הויפּטזעכלעך אויסגעפירט באַשטעלונגען פאַר די באַדערפענישן פון דער וועהרמאַכט.

די אָקופּאַציע=מאַכט האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דער צוואַנגס=אַרבעט פאַר ייִדן אויפן אָרט. ייִדישע אַרבעטער זענען אויך דעפּאָרטירט געוואָרן אין אַרבעטס=לאַגערן, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין דער דאָזיקער פּראָווינץ, דער עיקר אויפן געביט פון דער פּויזנער רעיענץ. דאָס אַרויסשיקן אין די אַרבעטס=לאַגערן האָט זיך אָנגעהויבן האַרבסט=צייט 1940. די ערשטע טראַנספּאָרטן פון לאָדזש זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם 10=טן דעצעמבער 1940. דאָס אויסזידלען אין די לאַגערן האָט אָנגענומען אַ מאַסן=כאַראַקטער ערשט אין דער העלפט פון יאָר 1941. די אַרויסגעשיקטע ייִדן אין די לאַגערן האָבן געאַרבעט ביי פאַרשידענע עפנטלעכע אַרבעטן, דער עיקר ביים בויען די אויטאָסטראַדעס פּויזן=פראַנקפורט[14]. דער רעזשים אין די דאָזיקע לאַגערן איז געווען ענלעך צום רעזשים, וואָס האָט געהערשט אין די לאַגערן פון דער גענעראַל=גובערניע.

האַרבסט=צייט 1940 הייבט זיך אָן דער וווּקס פון די באַשעפטיקטע ייִדן אין שלעזיע. מיט דער צוואַנגס=ווערבירונג פון דער באַפעלקערונג אויף אַרבעט אין די פאַבריקן און אונטערנעמונגען אין דייטשלאַנד און אין שלעזיע האָט זיך פאַרנומען אַ ספּעציעל געשאַפענער אַמט, די אַזוי גערופענע „שמעלט=אָרגאַניזאַציע“[15]. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז פּאַקטיש געווען אַן עקספּאָזיטור פון דער געשטאַפּאָ און האָט אויך געהאַט איר ייִדן=רעפעראַט, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט קוטשינסקי, וואָס האָט אַמטירט אין סאָסנאָוויעץ. קוטשינסקי איז תיכף צוגעטרעטן צום אָרגאַניזירן די ייִדן=טראַנספּאָרטן אין אַרבעטס=לאַגערן אין שלעזיע. די „דינסטשטעלע“ האָט פאַרפליכטעט די יודענראַטן, זיי זאָלן צושטעלן די באַשטימטע קאָנטינגענטן פון ייִדישע אַרבעטער.

חוץ דעם אַרויסשיקן אין די לאַגערן איז די „דינסטשטעלע“ געווען אַ פאַרמיטלונגס=אַמט פון אַרבעט פאַר די גרויסע אינדוסטריע=פירמעס אין שלעזיע

---

[14] י. טרונק: „אַרבעטס=לאַגערן אין „וואַרטע=לאַנד“, „בלעטער פאַר געשיכטע“, ב. I, ה. 1, ז. 115.

[15] „דינסטשטעללע דעס זאָנדערבעאויפטראַגטען דעס ר.פ.ס.ס. און שעף דער דויטשען פּאָליצײַ פיר פרעמדפעלקישן אַרבײַטסאײַנזאַץ אין אָבערשלעזיען“. שמעלט איז געווען שעף פון דער „דינסטשטעללע“, אַרכיוו פון י.ה.א., באַשולדיקונגס=אַקט קעגן קוטשינסקין, דעם רעפערענט פאַר ייִדישע ענינים.

און דייטשלאַנד. דאָס וואָרבירן יידן — אויפן סמך פון „פרייע“ אַרבעטס־באַדינגונגען — דורך פאַרשידענע אַרבעטס־פּלאַצוווקעס האָט געקאָנט דורכגעפירט ווערן בלויז דורך דער פאַרמיטלונג און דערלויבעניש פון דער „שמעלט־אָרגאַניזאַציע“. שוין דעם 31־טן אָקטאָבער 1940 האָט דער געשטאַפּאָ־שעף אין קאַטאָוויץ אין אַ געהיימען צירקוליאַר אויפגעפאָדערט אַלע פירמעס און אונטערנעמונגען אין אויבערשלעזיע, זיי זאָלן צושטעלן דער „דינסטשטעלע“ גענויע סטאַטיסטישע ציפערן וועגן דער צאָל באַשעפטיקטע יידן, לוינען א. א. וו.

די „דינסטשטעלע“ האָט נאָכן באַקומען די געפאָדערטע מאַטעריאַלן צוגעטיילט די באַזונדערע פירמעס דערלויבענישן צו באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער ביזן סוף יאָר 1940. דעם 12־טן נאָוועמבער האָט „שמעלט“ אויפגעגייט זיך געוואָנדן צו אַלע דייטשישע פירמעס, וואָס באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער, מיט אַ וואָרנונג, אַז זיי זאָלן זוכן נייע אַרבעטס־כוחות, ווייל די דערלויבענישן קאָנען צו יעדער צייט אָפּגערופן ווערן. „שמעלטס“ צירקוליאַר האָט פאַרפליכטעט די דייטשישע פירמעס אויסצורעכענען דעם באַטרעף פון די לוינען פאַר די יידישע אַרבעטער לויטן פולן טאַריף. בלויז אַ טייל פון לוין האָט באַדאַרפט אויסגעצאָלט ווערן די יידישע אַרבעטער, די רעשט איז איבערגעשיקט געוואָרן אין דער קאַסע פון דער עסעס־דינסטשטעלע.

אין אַלע אָקופּירטע פּוילישע געביטן האָבן אויפן געביט פון עקספּלאָאַטירן די שקלאַפן־אַרבעט פון יידן אָנגעהויבן הערשן די זעלבע פאַרהעלטענישן. די דאָזיקע אַרבעט איז טראַקטירט געוואָרן אַלס אינסטרומענט צו פאַרניכטן די יידישע באַפעלקערונג.

10. די יודענראַטן — א היטלעריסטישער אינסטרומענט פון יידן־אויסראָטונג

דער סטראַטעגישער פּלאַן פון אויסראָטן די אייראָפּעישע יידן, קודם־כל די פּוילישע יידן, האָט פאַרגעזען — אומאָפּהענגיק פון די אָנגעווענדטע טעראָר־מעטאָדן לגבי דער באַפעלקערונג און דאָס כסדרדיקע אָפּשוואַכן אירע ביאָלאָגישע כוחות דורך אויסזידלונגען, שקלאַפן־אַרבעט און הונגער־נאָרמעס פון באַשפּייזונג — אויך די דעמאָראַליזאַציע פון דער באַפעלקערונג מיט דער הילף פון פאַרשידנאַרטיקע מיטלען. דאָס האָט באַדאַרפט פאַרלייכטערן איר עקסטערמינאַציע. „אונדזער סטראַטעגיע וועט באַשטיין אין דעם, — האָט היטלער פיל מאָל באַטאָנט, — אַז מיר זאָלן פאַרניכטן דעם שונא פון אינעווייניק, אים צווינגען, ער זאָל מיט די אייגענע הענט זיך צעברעכן...“[1]

---

[1] „די וועלט־אונטערצינדער“ (פּויליש), ז. 64.

די היטלעריסטן — געטריי זייער פּערפֿידן דעוויז — האָבן אין אַלע אָקופּירטע לענדער פֿאַרלייגט אַ נעץ פֿון קאַנאַלן, דורך וועלכע זיי האָבן דערהאַלטן גענויע און סיסטעמאַטישע אינפֿאָרמאַציעס וועגן די שטימונגען, וועלכע האָבן געהערשט צווישן דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג. צו דער מיטאַרבעט מיט די היטלעריסטן האָבן זיך מיט דער צייט געשטעלט אַלע דעמאָראַליזירטע, אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן פֿון דער אָרטיקער בורזשואַזיע. אויך פֿון צווישן דער יידישער באַפֿעלקערונג האָבן די היטלערישע מאַכט-אָרגאַנען זיך צוגעקליבן אייניקע פּראָסאַנאַטאָרישע טוער, רעכט-ציוניסטישע, קלעריקאַלע עלעמענטן, וועלכע זיי האָבן אויסגענוצט אַלס אינסטרומענט פֿון דורכפֿירן זייערע פֿאַרברעכערישע פּלענער. דער אָקופּאַנט, פֿאַרניכטנדיק איין טייל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, האָט גלייכצייטיק געגאַרט דעם צווייטן טייל מיט דער אילוזיע פֿון אַן עלענדן איבערהאַלטן פֿאַרן פּרייז פֿון געטרייען דינען, כּדי שפּעטער, ווען דער דאָזיקער טייל וועט אים מער נישט זיין נוציק, אויך אים אַרויסשיקן אויף אומקום. אויפֿן סמך פֿון די דערהאַלטענע אינפֿאָרמאַציעס פֿון די קאָלאַבאָראַציאָניסטישע עלעמענטן האָבן די היטלערישע מאַכט-אָרגאַנען צו יעדער צייט געקאָנט רעגולירן דעם בריית פֿאַרצווייגטן סיסטעם פֿון פּסיכישער, מאָראַלישער און פֿיזישער פֿאַרניכטונג פֿון די יידן.

די גענעזע פֿון די יודענראַטן, אַלס מכלומרשטע יידישע אַדמיניסטראַציע-אָרגאַנען אין די געטאָס, איז ענג געבונדן מיטן פּראָצעס פֿון די פֿעלקער-מערדערישע פֿאַרניכטונגס-פּלענער לגבי יידן. שוין אין העלפֿט יאָר 1939 האָט די היטלעריסטישע רעגירונג פֿאַרגעזען די שאַפֿונג פֿון אַמטן, וועלכע דאַרפֿן ווערן אין די הענט פֿון דער אָקופּאַציע-מאַכט אַ געווער פֿאַר אינערלעכער צעפֿאַלונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג און אַלס געהילפֿס-אינסטרומענט פֿאַר די פֿאַרברעכערישע אַקציעס אינעם אָקופּירטן לאַנד. זייערע פֿונקציעס און פֿליכטן האָבן באַדאַרפֿט זיין באַשטימט און צוגעפּאַסט צו די היטלעריסטישע פּלענער לגבי יידן. מיטן דאָזיקן טאַקטישן מאַנעווער האָט מען גלייכצייטיק זיך געקאָנט באַנוצן פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע-צילן, אָפּנאַרנדיק די עפֿנטלעכע מיינונג אין לאַנד און אין אויסלאַנד, אַז די היטלעריסטישע מאַכט האָט כּלומרשט אָנערקענט פֿאַר די יידן אַ זעלבסטפֿאַרוואַלטונג, אַז די יידן האָבן כּלומרשט אַ מעגלעכקייט פֿון זעלבסטשטענדיקן אָרגאַניזירן זיך דאָס לעבן אין די געטאָס. די טאַקטיק פֿון די היטלעריסטן אויפֿן דאָזיקן אָפּשניט וועט זיי געבן שפּעטער די מעגלעכקייט אַרויפֿצוּוואַרפֿן די גאַנצע שולד פֿאַר דער קאַטאַסטראָפֿאַלער לאַגע פֿון דער באַפֿעלקערונג אין די געטאָס אויסשליסלעך אויף דער יידישער אַדמיניסטראַציע. די דאָזיקע לאַגע האָט פֿאַרשאַרפֿט די קלאַסן-אַנטאַגאָניזמען אין געטאָ און האָט געגעבן דער היטלעריסטישער מאַכט אַ געלעגנהייט, כּלומרשט אין שוץ פֿונעם אויטאָריטעט פֿון די אַוועקגעשטעלטע דורכן אָקופּאַנט יודענראַטן, צו אינגערירן אינעם לעבן פֿון די יידן (אין לאָדזש, אין סאָסנאָוויעץ א. א.). די היטלעריסטן האָבן אייפֿעריק

אויסגעפירט די ראָל פון אַרביטערס, צוגרייטנדיק אײנצייטיק אַ גרונט פאַרן רעאַליזירן זייערע פאַרברעכערישע פּלענער. דאָס איז געווען אין אײנקלאַנג מיט דער היטלעריסטישער פּאָליטיק אין די אָקופּאַציע-געביטן.

די היטלער-רעגירונג האָט אין העלפט יאָר 1939 געשאַפן אין דייטשלאַנד אַ נייע אינסטיטוציע, וועלכע איז שנעל געוואָרן אַ געווער אין די הענט פון די היטלערישע מאַכט-אָרגאַנען. דעם 4-טן יולי 1939 איז דערשינען די צענטע פאַראָרדענונג צו די ראַסיסטישע געזעצן וועגן דייטשישער בירגערשאַפט[2], וואָס האָט פאָרגעזען די שאַפונג פון אַן אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „פאַראייניקונג פון ייִדן אין רייך“. דאָס איז געווען אַ צוואַנגס-פאַרבאַנד פון מענטשן פון ייִדישער אָפּשטאַמונג (אין גייסט פון ראַסיסטישן געזעץ פונעם יאָר 1935). די היטלערישע מאַכט-אָרגאַנען האָבן אַרויפגעוואָרפן אויף דער דאָזיקער „פאַראייניקונג“ די פאַרפליכטן אויפן געביט פון שול-וועזן, סאָציאַלער הילף א.א.וו. די „פאַראייניקונג פון ייִדן אין רייך“ איז געווען אַן אָרגאַן, וואָס איז קאָנטראָלירט געוואָרן דורכן הויפּט-זיכערקייטס-אַמט אין רייך. די „פאַראייניקונג“ איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַקטישער עקספּאָזיטור פון דער געשטאַפּאָ און האָט אויסגעפירט אַלע אָן אויסנאַם דירעקטיוון פון די היטלערישע מאַכט-אָרגאַנען, אַפילו די פאַראָרדענונגען וועגן דעפּאָרטירן ייִדן אין די טויט-לאַגערן[3].

די היטלעריסטישע מאַכט האָט באַוווסטזיניק איבערגעלאָזט אין דייטשלאַנד די דערמאָנטע „פאַראייניקונג“ ביז סוף 1943, כדי אָפּצונאַרן און אײנפירן אין אַ טעות די עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט און אויך די דייטשישע באַפעלקערונג. דאָס האָט געשאַפן אילוזיעס, אַז עס עקזיסטירן אין דייטשלאַנד ייִדישע ישובים און אַ כאַריטאַטיווע טעטיקייט פון דער „פאַראייניקונג“.

אַנדערש איז געווען די טאַקטיק פון דער היטלעריסטישער מאַכט אין די אָקופּירטע לענדער, באַזונדערס אויף די פּוילישע געביטן, וועלכע זענען באַשטימט געווען אַלס פלאַץ פאַר מאַסן-פאַרניכטונג פון מיליאָנען ייִדן. אין צוגרייטונגס-פּעריאָד פון אָנפאַלן אויף פּוילן זענען שוין אין אַלגעמיינע שטריכן פעסטגעשטעלט געוואָרן די פּרינציפּן פון דער עקסטערמינאַציע-פּאָליטיק און די פונקציעס, וואָס די יודענראַטן אָדער די „עלטעסטענראַטן“, אַלס געהילפס-אָרגאַנען פון די

---

[2] ר.ג.=בל., 1939, ב. I, ז. 1097.

[3] דאָס האָט אויך באַשטעטיקט דער לייטער פון סטאַטיסטישן אַמט אין שטאַב פון ר.פ.ס.ס. קאָרהערער, וועלכער האָט אין זיין ראַפּאָרט פון אָנהייב יאָר 1943 דערמאָנט, אַז „די דאָזיקע אינסטיטוציע אַרבעט אונטער דער קאָנטראָל און פאַר די צילן פון הויפּט-זיכערהייטס-אַמט אין רייך. אומאָפּהענגיק פון דער נישט-זיכערער לאַגע פון די ייִדן, דאַכט זיך, אַז „די פאַראייניקונג פון די ייִדן אין דייטשלאַנד אַרבעט ערלעך“. פג“ל קאָרהערערס ראַפּאָרט פון 23 מערץ 1943 א.ד.ט. „די ענדלעזונג פון דער ייִדנפראַגע“, אַרכיוו פון יי.ה.א.

עסעסישע אָפּעראַציע־גרופּן און פון די אָרטיקע אַדמיניסטראַטיווע מאַכט־אָרגאַנען, דאַרפן אויספירן.

היידריך האָט אין אַ געהיימער טעלעפאָנאָגראַמע פונעם 21־טן סעפּטעמבער באַצייכנט די אויפגאַבן פון די יודענראַטן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זענען אין פולן זין פון וואָרט פולשטענדיק פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פּינקטלעכן און גענויעם אויספירן אַלע זיי אָנפאַרטרויטע דירעקטיוון[4]. דער כאַראַקטער פון דער גייער אינסטיטוציע איז דעריבער אויף אַזאַ אופן שוין פון אָנהייב פון דער אָקופּאַציע געווען גענוי באַשטימט. היידריך דערמאָנט לגמרי נישט וועגן די רעכט און וועגן די פונקציעס פון די יודענראַטן. ער שטרייכט בלויז אונטער, אַז עס לאַסטעט אויף זיי א פליכט פאַרן תיכּפדיקן אויספירן אַלע באַפעלן, וואָס זיי באַקומען פון דער אָקופּאַציע־מאַכט.

אינעם דערמאָנטן צירקוליאַר רעדט היידריך אויך אַרום דעם טעטיקייטס־פאַרנעם פון די יודענראַטן אינעם ערשטן אָקופּאַציע־פּעריאָד. זיי דאַרפן דורכפירן אַ פאָלקס־ציילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער געגעבענער שטאָט און אין הסכּם מיט די פאַראָרדענונגען פון דער עסעסישער מאַכט אָרגאַניזירן די אויסזידלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. פון די פריערדיקע פונקציעס זענען אין דער קאָנסעקווענץ שפּעטער אַרויסגעקומען אַנדערע: די רעגיסטראַציע פון יידן, וועלכע זענען באַשטימט דעפּאָרטירט צו ווערן אין די אַרבעטס־לאַגערן, אויפמאָנען ביי די יידן די אַרויפגעלייגטע אויף זיי קאָנטריבוציעס, מיטטיילן דער ,,קריפּאָ" וועגן די אויסבאַהאַלטענע ווערטפולע חפצים, דערשטיקן די ווידערשטאַנדס־באַוועגונג אין די געטאָס און מיטאַרבעטן מיט דער אָקופּאַציע־מאַכט ביים אויסזידלען די יידן אין די טויט־לאַגערן.

אין הסכּם מיט די דערמאָנטע אינסטרוקציעס האָבן די עסעסישע אָפּעראַציע־גרופּן, אין פאַרשטענדיקונג מיטן שעף פון ציוויל־אַמט ביי דער מיליטערישער אָנפירונג, שוין אין די ערשטע וואָכן באַשטימט יודענראַטן און אַרויפגעלייגט אויף זיי די פליכטן, וואָס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן אין בערלין. שוין אין די ערשטע וואָכן זענען געשאַפן געוואָרן יודענראַטן אָדער עלטעסטענראַטן אין כאָסנאָווצע, קראָקע, וואַרשע, לאָדזש, פּיעטריקאָוו און אין אַנדערע שטעט[5]. כמעט אין אַלע פאַלן האָבן די געשטאַפּאָ־אָרגאַנען אָדער די אָרטיקע קאָמיסאַרן נאָמינירט בלויז פּרעזעסן (אבמאַן), וועלכע האָבן צוגעקליבן ראַט־מיטגלידער, וואָס האָבן נאָכדעם באַדאַרפט באַשטעטיקט ווערן דורך די היטלעריסטישע מאַכט־אָרגאַנען. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט אין אירע באַפעלן נישט אָנגעגעבן די אויפ־

[4] היידריכס טעלעפאָנאָגראַם, קאַפּ. II, פונקט 2. דאָקום. פּ.ס. — 3363.

[5] ,,לאָדזשער געטאָ", ז. 20; באַריכט פון קראָקעווער יודענראַט (העקטאָגר.), ז. 135, (אַרכ. יי.ה.א.).

גאַבן פון די יודענראַטן, נאָר זיך בלויז באַגרענעצט מיט דער פאָרמולירונג, אַז די יודענראַטן זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אויספירן אַלע אירע פאַראָרדענונגען.

ערשט נאָך צוויי חדשים, נאָכן שאַפן אין פיל שטעט יודענראַטן, איז דער־שינען אַ פאַראָרדענונג פון גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק פונעם 28־טן נאָוועמ־בער 1939 וועגן שאַפן יודענראַטן אין אַלע געמיינעס[6]. די פונקציעס פון די יודענ־ראַטן זענען אינעם פאַראַגראַף 5 פון דער פאַראָרדענונג פאָרמולירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן: „דער ראַט איז פאַרפליכטעט אָפּצונעמען דורך זיין פאָרזיצער אָדער דורך זיין פאַרטרעטער די באַפעלן פון די דייטשישע מאַכט־אָרגאַנען. דער ראַט איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן געוויסנהאַפטן אויספירן די באַפעלן אין זייער פולן פאַרנעם. יידישע מענער און פרויען זענען מחויב געהאָרכזאַם אויסצופירן די דירעקטיוון פון די יודענראַטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן אויספירן די דייטשי־שע באַפעלן“.

אין די שפּעטערדיקע חדשים זענען — אין הסכם מיט פראַנקס פאַראָרדע־נונג — באַשטימט געוואָרן יודענראַטן אין אַלע ישובים פון דער צענטראַלער גו־בערניע. די היטלעריסטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן — אין קעגנזאַץ צו זייערע האַנדלונגען אין דער גענעראַל־גובערניע — אויף די אָנגעשלאָסענע צום רייך פוי־לישע געביטן („וואַרטע־לאַנד“, שלעזיע) נישט ארויסגעגעבן קיין אַלגעמיינע פאַר־שריפטן וועגן שאַפן יודענראַטן, פונקט אַזוי, ווי זיי האָבן נישט ארויסגעגעבן קיין אַלגעמיינע פאַרשריפטן וועגן צוואַנגס־אַרבעט פאַר יידן א.א.וו. די אָרטיקע קאָמיסאַרן האָבן געהאַנדלט אין הסכם מיט די אינסטרוקציעס פון זייער העכע־רער מאַכט. דער כאַראַקטער פון די יודענראַטן און זייערע פליכטן אין „וואַרטע־לאַנד“ און אין שלעזיע זענען דאָך געווען ענלעך צום כאַראַקטער פון די יודענ־ראַטן אין דער גענעראַל־גובערניע.

כדי צו פאַרמאַסקירן דעם פאַקטישן כאַראַקטער פון דער „יידישער פאַר־שטייערשאַפט“, האָט פראַנקס פאַראָרדענונג באַשטימט (פאַראַגראַף 2, 4), אַז די יודענראַטן דאַרפן ווערן אויסגעוויילט. די מיטגלידער פון יודענראַט זענען פאַקטיש, אויסער איינציקע אויסנאַמען, דאָך באַשטימט געוואָרן דורך די היטלע־ריסטישע מאַכט־אָרגאַנען. באַשטימט זענען געוואָרן מענטשן פון צווישן די מער אָפּאָרטוניסטישע און הכנעהדיקע עלעמענטן פון דער יידישער בורזשואַזיע, גע־וועזענע פראָפעסיאָנאַלישע טוער, רעכטע ציוניסטן, אגודה. די צאָל פון די יודענ־ראַט־מיטגלידער האָט זיך געוואַקלט צווישן 12—24, אָפּהענגיק פון דער גרויס פון יידישן ישוב. פאָרמעל זענען זיי אונטערגעלעגן דעם היטלערישן שטאָטישן אָדער־פאָוויאַטאָוון קאָמיסאַר. פאַקטיש אָבער האָבן זיי באַקומען באַפעלן הן פון די אָרגאַנען פון עסעס און פאָליציי, הן פון דער אדמיניסטראַטיווער מאַכט.

[6] פאַראָרדנונגס־בלאַט פון דער ג.־ג. 1939.

ס'איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז די אָקופּאַציע=מאַכט האָט אין אַ סך ערטער באַשטימט פּאָוויאַטאָווע יודענראַטן. די היטלערישע קאָמיסאַרן אין די פּאָוויאַטן, וועלכע האָבן אָנגעווענדעט דעם פּרינציפּ פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, איז געווען באַקוועמער אַרויסצוגעבן באַפעלן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג דורך דער פאַרמיטלונג פון איין אָרגאַן און אים מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אויספירן די באַפעלן דורך די יודענראַטן פון אַ נידעריקן שטאַפּל. אַ פּאָוויאַטאָווער יודענראַט איז געשאַפן געוואָרן אין יאַסלע (בריוו פון פּאָוויאַטאָוון קאָמיסאַר פונעם 29=טן אַפּריל 1940) [7], וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער טעטיקייט פון אַלע יודענראַטן אין די שטעט פון דאָזיקן פּאָוויאַט און איז אויך געווען פאַרפליכטעט צוצושטעלן דעם קאָמיסאַר רעגולערע באַריכטן וועגן דער אויספירונג פון די דערהאַלטענע דירעקטיוון.

פּאָוויאַטאָווע יודענראַטן האָבן עקזיסטירט אין יענדזשעיעוו, כעלם, וולאָדאַווע, ראַדאָמסק, מיעכאָוו, פּשעמישל און אין אַ ריי אַנדערע שטעט [8]. אין ראַדאָם איז אַפילו געשאַפן געוואָרן אַ דיסטריקט=יודענראַט (אָדער עלטעסטענראַט), וועלכער האָט לויט די דירעקטיוון פון דער מאַכט געהאַט די אויפזיכט איבער אַלע יודענראַטן אין ראַדאָמער דיסטריקט און לגבי דער מאַכט איז ער געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער טעטיקייט. אין אויבערשלעזיע איז געשאַפן געוואָרן איין צענטראַלער יודענראַט (צענטראַלע פון די יידישע עלטעסטענראַטן), וועלכע האָט געדינט אַלס טראַנסמיסיע פאַר דער אָקופּאַציע=מאַכט צו אַלע שלעזישע יודענראַטן. די „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ“, דער אָרגאַן פון די יודענראַטן, וואָס איז דערשינען אין קראָקע, איז אין העלפט סעפּטעמבער 1940 אַרויסגעטרעטן מיט אַ פּראָיעקט צו שאַפן אין קראָקע אַ צענטראַלע פון אַלע יודענראַטן אין דער גאַנצער גענעראַל=גובערניע [9]. דער פּראָיעקט פון דער יודענראַטישער לאַנד=פּרעסע האָט אויסגעדריקט די שטרעבונגען פון דער קאָלאַבאָראַנטישער יידישער בורזשואַזיע איינצוהאַלטן אירע אַמאָליקע פּאָזיציעס אינעם לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

---

[7] אַרכיוו פון י.ה.א., אַקטן פון יאו"ס, טעקע יאַסלאָ, צירקוליאַר פון קרייזהויפּטמאַן פון 29 אַפּריל 1940 צום יודענראַט; „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ“ פון 13 דעצ. 1940.

[8] אַרכיוו פון י.ה.א., אַקטן פון יאו"ס, נר. 213, 120, צירקוליאַר פון כעלמער קרייז=הויפּטמאַן פון 27 יאַנואַר 1940. די מאַכט=אָרגאַנען האָבן זיך געשטיצט טיילווייז אויף פראַנקס פאַראָרדענונג פון 31 אויגוסט 1940 וועגן שול=וועזן פאַר יידן אין דער גענ.=גובערניע.

[9] „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ“ 1940, נר. 17.

די יודענראַטן האָבן באַקומען פֿון דער אָקופּאַנטישער ציווילער מאַכט און פֿון די פּאָליציי־אָרגאַנען אַ סך פֿאַראָרדענונגען און באַפֿעלן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער פֿליכט פֿון צושטעלן צירונג, וועש, מעבל, פּוטערס און פֿאַרשידענע סחורות פֿאַר דער ווערמאַכט און פֿאַר די אַמטן. דאָס זענען דעריבער אין אַ געוויסער מאָס געווען קאָנטריבוציעס אין נאַטור, אומאָפּהענגיק פֿון די געלט־קאָנטריבוציעס, וואָס זענען כמעט אין אַלע שטעט אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אויף דער יידישער באַפֿעלקערונג. צו די גרונט־אויפֿגאַבן פֿון די יודענראַטן האָבן געהערט: דאָס פּינקטלעכע דורכפֿירן פֿאָלקס־ציילונגען אין שייכות מיט דער פֿאַראָרדענונג וועגן צוואַנגס־אַרבעט, אָרגאַניזירן מיט דער מיטהילף פֿון דער יידישער פּאָליציי אויסזידלונגען אין אַרבעטס־לאַגערן, העלפֿן דער אָקופּאַציע־מאַכט ביים אויסזידלען די יידישע באַפֿעלקערונג און לסוף צושטעלן די באַשטימטע קאָנטינגענטן צום אַרויסשיקן אין די טויט־לאַגערן. די דאָזיקע אויפֿגאַבן פֿון די יודענראַטן זענען באַצייכנט געווען אין די צענדליקער און הונדערטער פֿאַראָרדענונגען, וואָס די היטלערישע מאַכט האָט אויפֿן אַדמיניסטראַטיוון וועג אַרויסגעגעבן.

די יודענראַטן האָבן, וואָס אַן אמת, באַקומען געוויסע רעכט צו רעגולירן דאָס אינערלעכע לעבן אין יידישן קוואַרטאַל אויפֿן געביט פֿון אַפּראָוויזאַציע, סאָציאַלער הילף, מעדיצינישער הילף, הילף פֿאַר פּליטים א.אַ.וו. די יודענראַטן האָבן אויך געפֿירט די עווידענץ פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין געטאָ, אָרגאַניזירט ציוויל־אַמטן און אויפֿזיכט איבער די בית־עולמס. כמעט אַלע יודענראַטן איז אָנערקענט געוואָרן דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן אַן אייגן געריכט־וועזן, געטאָ־פּאָליציי און תפיסה־וועזן. אין אייניקע שטעט — אין לאָדזש און אין טערעזין (טשעכאָסלאָוואַקיע) — האָט די מאַכט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע עמיסיע פֿון באַנקנאָטן און מטבעות פֿאַרן אומלויף אין געטאָ, וואָס האָט פֿאַרשטענדלעך געדינט פֿאַר די רויב־צילן פֿון אָקופּאַנט. אין אייניקע שטעט זענען די יודענראַטן געווען געצוווּנגען צו שאַפֿן בענק, וועלכע האָבן פֿאַר נישטיקע גראָשנס באַדאַרפֿט אויסקויפֿן ביי דער יידישער באַפֿעלקערונג דאָס צירונג, אויסלענדישע וואַלוטע א.אַ.וו.

הגם די היטלערישע מאַכט האָט דערלויבט די יודענראַטן, באַזונדערס אין די גרעסערע שטעט, ברייט פֿאַנאַנדערצובויען דעם אַדמיניסטראַציע־אַפּאַראַט, דאָך זענען זיי ווייטער געבליבן אַן אָרגאַן, וואָס איז מחויב געווען אויסצופֿירן אַלע אַנטי־יידישע פֿאַראָרדענונגען. די רעכט, וואָס זענען כלומרשט אָנערקענט געוואָרן די יודענראַטן, האָבן געדינט די היטלעריסטן לשם פּראָפּאַגאַנדע. פּרעל, שרייבנדיק וועגן די פֿונקציעס פֿון די יודענראַטן, האָט ציניש אונטערגעשטראָכן, אַז די אויסלענדישע זשורנאַליסטן, וועלכע שרייבן וועגן די גרויזאַמקייטן, וואָס די היטלעריסטן באַגייען לגבי יידן, דאַרפֿן זיך איבערצייגן אויפֿן אָרט וועגן ברייטן פֿאַרנעם פֿון די געטאָ־זעלבסטפֿאַרוואַלטונגען. די היטלערישע מאַכט — האָט פּרעל אומפֿאַרשעמט אונטערגעשטראָכן — האָט געגעבן די יידן (דורך דער פֿאַרמיט־

לונג פון די יודענראַטן) די מעגלעכקייט מיטצואַרבעטן מיטן אָקופּאַנט „ביים
לעזן די יידן=פראַגע“.[10]

די היטלערישע מאַכט האָט אונטערן מאַנטל פון כלומרשטער יידישער
זעלבסטפאַרוואַלטונג אויסגענוצט די יודענראַטן אַלס געווער אין זייער עקסטער=
מינאַציע=פּאָליטיק לגבי יידן. די יודענראַטן, וואָס האָבן לפנים געהאַט געוויסע
מאַכט=אַטריבוטן, האָבן באַדאַרפט פאַרלייכטערן און צוהעלפן די פאַשיסטן אין
מאָמענט פון אומברענגען זייערע ברידער. דעריבער טאַקע האָט די עסעסישע
מאַכט דערלויבט די יודענראַטן צו אָרגאַניזירן געטאָ=פּאָליציי (אָרדנונגס=דינסט).
די יידישע פּאָליציי איז אָרגאַניזירט געוואָרן לויטן מוסטער פון דער גראַנאַט=
פּאָליציי. זי איז געווען מונדורירט, קיין געווער האָט זי דאָך נישט געהאַט, זי איז
אָבער געווען באַוואָפנט מיט גומענע שטעקנס. די פּאָליציי האָט באַדאַרפט וואַכן
איבערן „אויפהאַלטן די אָרדענונג און רו“ אין די געטאָס, אין אייניקע געטאָס
האָט זי געהאַט די אויפזיכט איבער די תפיסות. עס זענען אויך אָרגאַניזירט גע=
וואָרן ספּעציעלע גרופּעס אַלס עקספּאָזיטורן פון דער קריפּאָ (ביים קאָנפיסקירן
פון פאַרמעגן), אָדער אַגענטורן פון געשטאַפּאָ (אין קאַמף מיט דער ווידערשטאַנד=
באַוועגונג ביים דעקאָנספּירירן די לינקע עלעמענטן אאַוו). די דערמאָנטע קאָלאַ=
באָראַנטישע גרופּן זענען אויפגעטרעטן אונטער פאַרשידענע נעמען: „זאָנדערקאָ=
מאַנדע“, „אַמט אין קאַמף מיט ליכווע“, דאָס אַזוי=גערופענע „דרייצנטל“ אין
וואַרשע און אַנדערע.

די יידישע פּאָליציי=פונקציאָנאַרן און אויך די דערמאָנטע ספּעציעלע גרופּן
האָבן זיך רעקרוטירט אין דער מערהייט פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ, רע=
וויזיאָניסטן, געוועזענע פּילסודטשיקעס און לומפּענפּראָלעטאַריער. די געטאָ=פּאָ=
ליציי האָט אויסגענוצט איר אילוזאָרישע מאַכט אויף „צו מאַכן אַ לעבן“ מיט
דער הילף פון שאַנטאַזש, לאַפּוועס אאַוו. לגבי דער טעראָריזירטער יידישער
באַפעלקערונג.

די יידישע פּאָליציי איז געווען די אַממייגסטן דעמאָראַליזירטע און קאָרום=
פּירטע אינסטיטוציע אין געטאָ. די דעמאָראַליזאַציע פון דער יידישער פּאָליציי
און פון אַנדערע קאָלאַבאָראַנטישע עלעמענטן האָט דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז
זיי האָבן בלינד אויסגעפירט אַלע באַפעלן פון דער היטלעריסטישער פּאָליציי און
עסעס, און האָבן אייפעריק זיי פאַרטרעטן אין דער שמוציקער אַרבעט. די יידישע
פּאָליציי און אַנדערע קאָלאַבאָראַנטישע עלעמענטן האָבן דורכגעפירט רעוויזיעס,
זוכנדיק דאָס אויסבאַהאַלטענע יידישע פאַרמעגן, זיי האָבן דורכגעפירט פאָרמעלע
געיעגן אויף מענטשן, כדי זיי איבערצוגעבן אין די הענט פון עסעס אאַוו. ריגנעל=

---

[10] די פּרעל, רצ"ו, ז. 142—143.

בלום האָט געשריבן אין זיינע נאָטיצן, אַז די אַלגעמיינע עפנטלעכע מיינונג אין געטאָ האָט געהאַלטן, אַז די עסעס און פּאָליציי וואָלטן זיך אַזוי שנעל קיין עצה נישט געגעבן ביים דורכפירן די מאַסן-אויסזידלונג פון די יידן אין די לאַגערן און נאָכדעם, אין זומער 1942, אין די טויט-לאַגערן קיין טרעבלינקע אָן דער הילף פון דער יידישער פּאָליציי.

די היטלערישע מאַכט האָט באַוויזן צו דעמאָראַליזירן די פּאָליציי-פונקציאָנערן, מיטגלידער פון די יודענראַטן און די באַאַמטע פון זייער אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט און זיי פולשטענדיק פאַרוואַנדלען אין איר געהאָרכזאַמען אינסטרומענט ביים רעאַליזירן די פאַרברעכערישע פּלענער. דעריבער איז לגמרי נישט קיין וווּנדער, וואָס שוין ביים אָנהייב פון דער אָקופּאַציע האָט זיך צווישן די יודענראַטן און דער פּאָליציי, פון איין זייט, און די ברייטע יידישע מאַסן, פון דער צווייטער זייט, געשאַפן אַ מויער פון פאַראַכטונג און שנאה. „אַן אַלגעמיינע פאַראַכטונג, אַ קאַלטע שנאה, אַ דראַנג צו נקמה, עקל פון יעדן ערלעכן מענטשן צו דער גמינע, צום אַפּראָוויזאַציע-אַמט, צום קוואַרטיר-אַמט און צו אַנדערע אָפּטיילונגען, און קודם-כל צו דער פּאָליציי — דאָס זענען די געפילן, וואָס הערשן ביי די מאַסן“.[11]

רינגעלבלום, כאַראַקטעריזירנדיק אין זיינע נאָטיצן די טעטיקייט פון יודענראַט אין יאָר 1941, שרייבט: „דאָס היהשע פּנים פון דער יידישער בורזשואַזיע, איר מענטשנפאַרעכטערישער כאַראַקטער איז געקומען בולט צום אויסדרוק אין די לעצטע צייטן פון הונגער. די גאַנצע אַרבעט פון דער קהלה איז איין גרויסע הימלשרייענדיקע עוולה לגבי דער אָרעמקייט... די גאַנצע פינאַנס-פּאָליטיק פון דער קהלה איז איין גרויסער סקאַנדאַל: „אַלע גלייך“ — דאָס איז דער אומגליקלעכער דעוויז פון דעם פינאַנס-מיניסטער“. רינגעלבלום ברענגט צענדליקער ביישפּילן אויף צו באַשטעטיקן דעם פאַקט, אַז די אָרעמקייט אין געטאָ מוז אויסטראָגן כמעט די גאַנצע לאַסט פון גמינע-בודזשעט, דערווייל ווען די רייכע און די רייך-געוואָרענע שיבטן זענען — אַדאַנק די „גוטע באַציונגען“ און מאַכינאַציעס — כמעט באַפרייט פון די גמינע-שטייערן, אַז אין די אַרבעטס-לאַגערן שיקט מען אויסשליסלעך דעם אָרעמסטן טייל פון דער באַפעלקערונג אאַז. די יידישע מאַסן אין די געטאָס האָבן זיך געבויגן אונטער דער דאָפּלטער לאַסט פון אונטערדריקונג און אויסנוצונג: פון בלוטיקן פאַשיסטישן אָקופּאַנט און פון קאָלאַבאָראַנטישן טייל פון דער יידישער בורזשואַזיע.

אויף אַ צווייט אָרט שרייבט רינגעלבלום: „די גמינע האָט נישט געהאַט קיינע אונטערשטיצונג פון די ברייטע מאַסן פון דער יידישער געזעלשאַפט, זי איז

[11] סטאַניסלאַוו רוזשיצקיס רעפּאָרטאַזשן אין אַרכיוו פון י.ה.א., רינג. I, נר. 428.

דורך די מאַסן פאַרהאַסט געווען פאַר איר בולטן קלאַסן־כאַראַקטער, פאַרן איגנאָרירן די לעבעדיקסטע אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג".*[11]

אַזוי האָבן אויך געשריבן אַנדערע מיטאַרבעטער פון אונטערערדישן אַרכיוו אין וואַרשעווער געטאָ. אויף ענלעכע פאַקטן טרעפן מיר זיך אָן אויך אין אַנדערע שטעט, באַזונדערס אין לאָדזש, סאָסנאָוויצע, ווילנע, לעמבערג אאוו. די פאַראַכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג צו די משרתים פונעם אָקופּאַנט איז געווען אַן אַלגעמיינע דערשיינונג אין אַלע געטאָס.

די יודענראַטן, די געטאָ־פּאָליציי און זייערע אַגענטורן אין געטאָ האָבן שוין אין פעריאָד פאַר דער מאַסן־דעפּאָרטאַציע און די פאַרניכטונגס־לאַגערן אַרויסגעוויזן זייער אַנטיפאָלקישן כאַראַקטער און זייער קאָלאַבאָראַנטישן פּרצוף. זייערע איינשטעלונגען און פונקציעס, וואָס זיי האָבן אויסגעפירט בעת די פעלקערמערדערישע אויסזידלונגען, האָבן פולשטענדיק אויפגעדעקט זייער פאַרעטערישן כאַראַקטער. די יידישע פּאָליציי, גייענדיק אויף דער ליניע פון קאָלאַבאָראַציע, איז וואָס ווייטער אַלץ מער געזונקען אין זומפּ פון פאַרברעכנס, זי האָט זיך מאָראַליש צוגעגרייט אָנטיילצונעמען אינעם נייעם גרויסן פאַרברעכן פון ברידער־מאָרד. די יידישע פּאָליציאַנטן האָבן אייפעריק זיך באַטייליקט אין די בלאָקאַדעס פון די געטאָס, זיי זענען געווען צעווילדעוועט, ברוטאַל און אומרחמנותדיק לגבי די פאָלקס־ברידער, זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט מענטשן פון די באַהעלטעגישן און אָפּגעפירט אויף די זאַמל־פּונקטן, פונוואַנען מ'האָט זיי אונטער דער עסקאָרטע פון עסעסאָווצעס טראַנספּאָרטירט אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן.

דער ראַפּאָרט פונעם 15־טן נאָוועמבער 1942, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורך די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשעווער געטאָ אין שייכות מיט דער ליקווידאַציע־אַקציע, שטעמפּלט די יודענראַטן און די יידישע פּאָליציי אויף פאָלגנדיקן אופן: „דער היסטאָרישער פאַראַט פון יודענראַט אין וואַרשע, וואָס האָט באַקומען זיין אויסדרוק אינעם הסכם דורכצופירן די אויסזידלונגען, וואָס איז באַשטאַנען אין פולקאָמער איגנאָראַנץ אָדער אינעם כלומרשטן נישט אויפפּאַסן די פאַקטישע סיטואַציע, וועט צוזאַמען מיטן פאַראַט פון דער יידישער אָרדענונגס־דינסט (געטאָ־פּאָליציי) בלייבן אַלס אייביקער שאַנדפלעק אויפן געוויסן פון דער יידישער מאכט אין געטאָ... שטעמפּלענדיק דעם דאָזיקן פאַקט, דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז די יידישע מאכט אין געטאָ — דער דאָזיקער מאָנסטרום פון די אָקופּאַציע־באַדינגונגען האָט נישט אָפּגעשפּילט די פאַקטישע שטימונגען פון דער באַפעלקערונג. די נאָמינאַנטן, קאַריעריסטן און דיגניטאַרן פונעם אָקופּאַנטישן חסד האָבן נישט געקענט קוקן דעם אמת אין די

---

*[11] וועגן די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע פג"ל א. אייזענבאַך: „די סאָציאַלע ווידערשפּרוכן אין וואַרשעווער געטאָ", „דאָס נייע לעבן", נר. 51 פון 13 מאַי 1949.

אויגן. חוץ דעם, האָבן זיי באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק צו דער טאַקטיק פון אויסזידלונגסאַמט: „טייל און הערש“, באַקומענדיק אַ ביסל קאָנצעסיעס פאַר אייניקע גרופּן פון אַרבעטנדיקע און באַאַמטע, געגעבן אַ הסכם דורכצופירן די אַקציע פון יידן-פאַרניכטונג“ [12].

אויף אַ צווייט אָרט, אַרומרעדנדיק די ראָל פון דער געטאָ-פּאָליציי און אַנדערע עקספּאָזיטורן פון דער געסטאַפּאָ, שרייבט אונטער דער ראַפּאָרט: „די גרויזאַמע און ברוטאַלע באַציונג צו די אָן אונטערשיד פון עלטער און געשלעכט געכאַפּטע קרבנות, דאָס אויפדעקן באַהעלטענישן, דאָס אויספּרעסן גרויסע סומעם אויסקויף-געלט און דער אָפּענער רויב פון געבליבענע יידישע פאַרמעגנס — כאַראַקטעריזירט די יידישע אָרדענונגס-דינסט און די גיכע הילף“ [13].

די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק דאַרף מען אָנווענדן צו אַלע יודענראַטן און יידישער פּאָליציי אויף אַלע אָקופּירטע פּוילישע געביטן.[14] אומעטום האָט דאָך דער סערוויליזם פון די יודענראַטן לגבי די היטלערישע מאַכט-אָרגאַנען סוף-כל-סוף זיי (די יודענראַטן) אַריינגעשטויסן אין תהום פון מאָראַלישער געפאַלנקייט. זייער טעטיקייט, באַזונדערס פון יאָר 1942, איז געווען אַן אַקטיווע מיטבאַטייליקונג אינעם מאָנסטרועלן פאַרברעכן, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אויפן אייגענעם פאָלק.

מיר האָבן זיך נישט געשטעלט קיין אויפגאַבע פאָרצושטעלן די טעטיקייט פון די יודענראַטן אויפן פאָן פון די דעגענערירטע אָקופּאַנטישע פאַרהעלטענישן, אונהוער אינטענע אין געווען אַנצווייזן, אַז די מאַכט האָט צעריסן — באַנוצנדיק זיך מיט פאַרשידענע מיטלען און מעטאָדן — די אייניקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, אָפּגעשוואַכט איר קאַמף קעגן דעם אַלגעמיין פאַרהאַסטן אָקופּאַנט און פאַרוואַנדלט די „יידישע אַדמיניסטראַציע“ אין אַ געהאָרכזאַם געצייג ביים רעאַליזירן אירע פעלקערמערדערישע פּלענער לגבי די יידן. בלויז די קאָמוניסטישע גרופּן „ספּאַרטאַקוס“, „סיערפּ-מלאָט“, „געזעלשאַפט פריינט פון הפסק“ און זייט 1942 די פּפּרישע אָרגאַניזאַציעס אין געטאָ און די אַנטיפאַשיסטישע עלעמענטן האָבן כסדר און עקשנותדיק דעמאַסקירט די פאַררעטערישע טעטיקייט פון די יודענראַטן, פון דער פּאָליציי און פון אַנדערע אַגענטן פונעם אָקופּאַנט, זיי האָבן אויפגעדעקט דעם אמתן פּרצוף פון די דאָזיקע אַגענטורן און כסדר געוואָרנט פאַר די פאַרברעכערישע היטלערישע פּלענער. אויך דער זעלבסטמאָרד פון טשערניאַקאָוו, דעם פּרעזעס פון וואַרשעווער יודענראַט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן דעמלט, ווען מ'האָט פון אים געפאָדערט, ער זאָל צושטעלן אַ

[12] „בולעטין“ פון יי.ה.א. (פּויליש), נר. I, ז. 72.

[13] דצ"ו, ז. 87.

[14] אַנאַלאָגישע קאָלאַבאָראַציאָניסטישע אינסטיטוציעס זענען געשאַפן געוואָרן דורך דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע-מאַכט אין פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד.

גרעסערן קאָנטינגענט מענטשן אין פאַרניכטונגס־לאַגער אין טרעבלינקע, איז דורכן גאַנצן אַנטיפאַשיסטישן לאַגער אין געטאָ אָפּגעשאַצט געוואָרן נעגאַטיוו. „זיין פּליכט איז דאָך געווען, — שטרייכט אונטער דער שוין דערמאָנטער ראַפּאָרט פונעם 15־טן אָקטאָבער 1942, — פאַרשטייענדיק די אומפאַרמיידלעכע אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער טראַגעדיע, רופן די יידישע באַפעלקערונג צו אַקטיוון און פּאַסיוון ווידערשטאַנד לגבי דעם אָקופּאַנט. אַזאַ דרייסטער און מוטיקער רוף וואָלט אויפגעוועקט די יידישע מאַסן פון זייער שלאָף. דאָס ברענגען דורך טשערניאַקאָוון אַלס קרבן דאָס אייגענע לעבן איז געווען צוועקלאָז און איז פאַרלוירן געגאַנגען אינעם טומל פון דעם שנעלן לויף פון די געשעענישן". בלויז די פּפּר, די אַנטיפאַשיסטישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן גערופן צום זעלבסטפאַרטיידיקונג און קאַמף הן קעגן די אָקופּאַנטן, הן קעגן זייערע יידישע משרתים אין דער יידישער סביבה. „די יידישע באַפעלקערונג מוז איבעררייסן מיט דער פאַטאַלער אילוזיע — האָט געשריבן די „כלאָפּסקאַ טריבונאַ", אָרגאַן פון פּפּר אין אויגוסט 1942 — אַז דורך פּאַסיווקייט וועט זי עפּעס דערגרייכן. אין אַזעלכע מאָמענטן קאָן מען נאָר דורך העראָיזם עפּעס דערגרייכן. דעריבער מוז מען בכוח אַנטוואָפענען די קאָנוואָיענטן, די זשאַנדאַרן, וואָס היטן די געטאָ־גרענעצן... די וואָס קענען קעמפן דאַרפן אַוועק אין די וועלדער, צו דער פּאַרטיזאַנקע. מיר ווייסן, אַז עס וועלן זיין קרבנות, אָבער דאָס איז דער איינציקער וועג פון רעטונג" [15].

11. די פּסיידאָ־וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג פון פּלאַנירטן פעלקערמאָרד

די אויבן באַהאַנדלטע עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק פון דער אָקופּאַציע־מאַכט און איר גענויע אויסגעאַרבעטע סטראַטעגיע פון טעראָר דורך געזעצלעכע באַגרענעצונגען, איזאָלירונגען אין די געטאָס, אונטערגראָבן די עקאָנאָמישע באַזע פון דער באַפעלקערונג, ביז דער טיילווייזער פאַרניכטונג אין די שקלאַפישע אַרבעטס־לאַגערן — איז געווען א טיילווייז מיטל. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט לגמרי נישט געקלערט זיך מיט דעם צו באַגנוגענען. אַלע שריט, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין הסכם מיטן פריערדיקן פּלאַן, האָבן, וואָס אַן אמת, געברענגט מיט זיך פאַר די יידן קאָלאָסאַלע מאַטעריעלע און ביאָלאָגישע פאַרלוסטן, אויף דורכצופירן אָבער דעם פּלאַן פון פולשטענדיקער יידן־פאַרניכטונג האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט גענוגנדיק.

---

[15] „צום 10־טן יאָרטאָג פון אַנטשטיין פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי — דאָקומענטן און מאַטעריאַלן", וואַרשע, 1952, ז. 47, אַרטיקל: „450.000 מענטשן וואַרטן אויפן טויט".

די פּאַראָרדענונגען פון ערשטן פּעריאָד האָבן דער עיקר אַרומגענומען די ייִדן אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן, און די היטלעריסטישע פּלענער האָבן נעצילט אומצוברענגען אַלע ייִדן אין אייראָפּע און אויך די סלאַווישע פעלקער. מ'האָט דעריבער באַדאַרפט זיך באַנוצן מיט מער ראַדיקאַלע מיטלען, ווי ביז איצט, און ביי דער געלעגנהייט — אויפן סמך פון די ביזאיצטיקע דערפאַרונגען — אויסאַרבעטן פּלענער פון אַ ברייטערן פאַרנעם, וועלכע וואָלטן אַרומגענומען נישט בלויז די ייִדישע באַפעלקערונג, נאָר אויך די סלאַווישע פעלקער.

דער דאָזיקער באַשלוס איז וואַרשיינלעך אָנגענומען געוואָרן אייגנצייטיק מיטן אָנהייבן רעאַליזירן דעם פּלאַן פון „באַרבאַראָסאַ". די קאָנצעפּציע אָבער וועגן ווירקזאַמערע מעטאָדן פון ייִדן־עקסטערמינאַציע האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין פרילינג פון 1941 יאָר, ד. ה. שוין אין פּעריאָד פון די לעצטע צוגרייטונגען צום אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד.

דער צענטער, וווּ ס'איז צוגעגרייט געוואָרן דער הויפּט־פּלאַן פון דורכפירן דאָס פעלקערמערדערישע פאַרברעכן, איז געווען די אָפּטיילונג IV. B. 4. רסהא, בראש פון וועלכן ס'איז געשטאַנען דער עסעס־אָבערשטורמפירער אדאָלף אייכמאַן. ווי ס'דרינגט פון די דאָקומענטן פון נירנבערגער פּראָצעס און פון די דערקלערונגען פון העסן,[1] דעם קאָמענדאַנט פון אָשוויענטשימער לאַגער, האָט אייכמאַן אויסגעאַרבעט גענויע פּלענער פון ייִדן־פאַרניכטונג אין אייראָפּע, און זומער 1941 האָט ער אַרומגערעדט מיט העסן און גלאָבאָצניקן די אופנים און מעטאָדן פון דורכפירן די פּלענער.[2] די היטלעריסטישע פּלענער פון פעלקער־פאַרניכטונג לגבי ייִדן און אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער זענען געהאַלטן געוואָרן אין שטרענגער געהיימעניש, ווייל בלויז דאָס האַלטן זיי אין געהיימעניש האָט פאַרזיכערט די מעגלעכקייט די פּלענער דורכצופירן. דער לייטער פון דער אָפּטיילונג פאַר באַפעלקערונגס־פּאָליטיק אין פּויזן האָט דאָס באַצייכנט אויף פּאָלגנדיקן אופן: „מיר מוזן זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר מאַכן, אַז די פּאָליטיק לגבי פרעמדע פעלקער ווערט רעאַליזירט לויטן פּרינציפּ, אַז מען קלערט, מען טוט, אָבער מען שווייגט וועגן דעם".[3]

אַנאַלאָגיש צו דער פּאָליטיק אין פּעריאָד ערב דער אַגרעסיע אויף פּוילן האָט מען אויך איצט מאָביליזירט אַ פאַרצווייגטן „וויסנשאַפטלעכן" און פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט, וועלכער האָט באַדאַרפט טעאָרעטיש באַגרינדן די נויטיקייט פון „פּולשטענדיקן לעזן" דאָס ייִדן־פּראָבלעם אין אייראָפּע. ווי געווינלעך, האָט

[1] פּראָצעס פון העסן, ב. XXI, ז. 186—189.
[2] דצ"וו, ז. 162.
[3] פון גאַולייטער העפּנערס רעפעראַט אויף דער געהיימער זיצונג דעם 20 מערץ 1943 אין פּויזן (דאָקום. אָקופּאַצ. טעאוטאָניצע, ב. IV, ז. 291).

20

A b s c h r i f t

Der Reichsmarschall
des Großdeutschen Reiches

Hauptquartier, den 1.Mai 41

Der Kampf gegen Juden, Freimaurer und der ihnen verbündeten und sonstigen weltanschaulichen und gegnerischen Mächte ist eine vordringliche Aufgabe des Nationalsozialismus während des Krieges.

Ich habe daher den Entschluß des Reichsleiters Rosenberg begrüßt, Einsatzstäbe in allen besetzten Gebieten zu errichten mit der Aufgabe, alles Forschungsmaterial und die Kulturgüter der so gekennzeichneten Kreise sicherzustellen und nach Deutschland abzutransportieren.

Alle Dienststellen von Partei, Staat und Wehrmacht sind daher angewiesen, dem Stabsführer der Einsatzstäbe des Reichsleiters Rosenberg, Reichshauptstellenleiter Pg. Utikal, und seinem Stellvertreter, DRK - Feldführer Pg. von B e h r , in Durchführung ihrer Aufträge jede nur denkbare Unterstützung und Hilfe angedeihen zu lassen. Die Obengenannten sind angewiesen, mir über die Arbeit, insbesondere aber über entstehende Schwierigkeiten zu berichten.

gez. Göring.

גערינגס באַפֿעל פֿון 1 מאַי 1941 וועגן רויב פֿון קולטור=גיטער דורך ראָזענבערגס איינזאַץ=שטאַב

היטלער אַליין באַצייכנט דעם כאַראַקטער פון דער פּראָפּאַגאַנדע. היטלער האָט אין זיין רעדע דעם 8=טן נאָוועמבער אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון אַזאַ מאָמענט. „כ'האָב תמיד געהאַלטן, אַז ס'וועט קומען די שעה, ווען דאָס דאָזיקע פאָלק וועט דערווייטערט ווערן פון אונדזערע רייען. נאָך היינט בין איך באַהערשט פון דער דאָזיקער אידעע“.[4] דעם 30=טן יאַנואַר 1941 האָט היטלער, אָנבייגנדיק צו זיינע דראָענדיקע אַרויסטרעטונגען פון מיט צוויי יאָר צוריק, דערקלערט: „אויב יידן וועלן טאַקע די אַנדערע וועלט[5] אַריינשטויסן אין אַן אַלגעמיינער מלחמה, וועט די ראָל פון די יידן אין אייראָפּע זיך ענדיקן. היינט קאָנען זיי דערפון נאָך לאַכן, פונקט ווי זיי האָבן אויסגעלאַכט מיינע דעמאָלטיקע פאָרויסזאָגונגען. די נאָענטסטע חדשים און יאָרן וועלן באַווייזן, אַז אויך אין דעם פּרט האָב איך ריכטיק פאָרויסגעזען“.[6]

היטלערס אַרויסזאָגונגען זענען געווען אַ קלאָרער אָנזאָג פון פעלקער־פאַרניכטונג; זיי האָבן גלייכצייטיק אָנגעדייט, אַז באַרופענע היטלערישע אָרגאַנען גרייטן שוין צו פּלענער פון יידן=פאַרניכטונג. אייכמאַנס שטאַב האָט זיך פאַרנומען מיט קאָנקרעטן באַאַרבעטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע און טעכנישע צוגרייטונגען צו דער ליקווידאַציע; דער „וויסנשאַפטלעכער“ אַפּאַראַט, וועלכער האָט ענג מיטגעאַרבעט מיט דער היטלעריסטישער פּאַרטיי און פּאָליציי=אָרגאַנען, האָט זיך גלייכצייטיק באַשעפטיקט מיט דער „טעאָרעטישער באַגרינדונג“ פון פעלקער=מאָרד.

מיט די רעזולטאַטן פון די „פאָרשונגען“ וועלן מיר זיך טיילווייז באַקענען אויפן סמך פונעם פאַרלויף פון דער קאָנפערענץ, וואָס איז גערופן געוואָרן אין פראַנקפורט אַם מיין אויפן 26=טן מערץ 1941 דורכן „אינסטיטוט צו פאָרשן די יידן=פראַגע“.

די רעפעראַטן פון די הויפּט=„טעאָרעטיקער“ האָבן דאָס מאָל אַנטהאַלטן גאַנץ אַנדערע, ווי ביז איצט, אַקצענטן. אויב פריער האָבן די היטלערישע „וויסנשאַפטלער“ באַגרינדעט די נידעריקייט פון די יידן און די נויטווענדיקייט צו איזאָלירן זיי דער עיקר צוליב זייער מזרח=אָריענטאַלישער ראַסן=סטרוקטור, האָבן זיי איצט שוין אַרויסגערוקט אַרגומענטן פון ריין פּאָליטישן כאַראַקטער. ד״ר ווילהעלם גראַו, איינער פון די לייטערס פונעם „רייכס=אינסטיטוט פאַר געשיכטע פון נייעם דייטשלאַנד“ אין בערלין, האָט אָנגעוויזן אין זיין רעפעראַט א.ד.ט. „די פרוון צו לייזן דאָס יידן=פּראָבלעם אין דער פאַרגאַנגענהייט“, אַז די ביזאיצטיקע פרוון האָבן נישט געגעבן די געוואונטשענע רעזולטאַטן. „די סיטואַציע אויפן פּאָליטישן און אויך אידעאָלאָגישן פראָנט שאַפן איצט די באַדינגונגען, אין וועלכע

[4] היטלערס רעדעס, ב. II, ז. 115—116.
[5] היטלער האָט דאָ פאַרשטאַנען די פּאַשיסטישע און סאָטעליטן=מלוכות.
[6] היטלערס רעדעס, ב. II, ז. 222.

מ׳קאָן אָננעמען וויכטיקע באַשלוסן אין דער יידן=פּראַגע".[7] דעריבער טאַקע — פירט אויס גראו — דאַרף מען אויסנוצן די גינסטיקע באַדינגונגען און „...אויף אייביק לעזן דאָס יידן=פּראָבלעם אין אייראָפּע. ס׳אונטערליגט נישט קיין ספק, דאָס צוואָנציקסטע יאָרהונדערט וועט שוין מער ישראל נישט זען, ווייל ס׳וועט פאַרשווונדן פון אייראָפּע".[8]

דער צווייטער רעפערענט, וואַלטער גראָס, דער ערן=פּראָפעסאָר פון בערליגער אוניווערסיטעט, דער שפּעטערדיקער לייטער פון פאָרשונגס=אַמט אין מיניסטעריום פאַר די מזרח=געביטן (פון ראָזענבערגן), האָט געגעבן קלאָר אָנצוהערן, אַז „די טויט=שעה פאַרן יידישן פאָלק איז אָנגעקומען".[9] די היטלערישע „וויסנשאַפטלער" האָבן אַרויסגעזאָגט זייערע קאָנצעפּציעס אין דער אָנוועזנהייט פון העכערע מיליטערישע פּאַרטיי=פירער און אויסלענדישע געסט פון די סאַטעליטן=לענדער: רומעניע, אונגאַרן, בולגאַריע, סלאָוואַקיע, איטאַליע, דענעמאַרק, האָלאַנד, נאָרוועגיע אאַ. אין פראַנקפורט איז דעריבער נישט פאָרגעקומען קיין טעאָרעטישע דיסקוסיע, נאָר מ׳האָט פשוט זיך באַמיט „וויסנשאַפטלעך צו באַגרינדן" די דעציזיע, וואָס איז שוין לאַנג אָנגענומען געוואָרן.

ס׳איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז נאָך פאַרן עפענען די מערץ=קאָנפערענץ אין פראַנקפורט האָט דער אָפיציעלער פּאַרטיי=אָרגאַן „פעלקישער בעאָבאַכטער" געשריבן: „קיין יידישער רענעסאַנס וועט שוין קיינמאָל נישט זיין... דער קאַמף איז געווען אַ שווערער, אַדאַנק אָבער די דורכגעפירטע עקספּערימענטן וועט מעגלעך זיין צו געפינען די פּאַסיקע מיטלען אָפּצורייניקן אייראָפּע פון דאָזיקן עלעמענט".

די זעלבע פעלקערמערדערישע אַקצענטן האָבן זיך אויך געהערט אין ראָזענבערגס רעדעס אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ. דער זין פון די רעדעס איז געווען דער, אַז די יידן=פּראַגע איז אַ וועלט=פּראָבלעם, און, אַז... „פאַר אייראָפּע וועט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם דעמלט זיין געלייזט, ווען דער לעצטער ייד וועט פאַרלאָזן דעם אייראָפּעישן קאָנטינענט".[10]

דער „אינסטיטוט פאַר דייטשישער מזרח=אַרבעט" אין קראָקע האָט אין דינסט פון היטלעריזם אויסגעפירט ענלעכע פונקציעס.[11] דער דירעקטאָר פון

---

7 „וועלט=קאַמף", ב. I, ז. 14.
8 דזשע"ו, ז. 15.
9 דזשע"ו: גראָס רעפעראַט: „די ראַסנפּאָליטישע פאָרהנחות צו לעזן די יידן=פּראַגע".
10 פג"ל ראָזענבערגס רעדע אין פראַנקפורט דעם 28 מערץ 1941 („פעלקישער בעאָבאַכטער" פון 29 מערץ 1941); „נאַצי קאָנספּיראַסי", ב. V, ז. 554, דאָקום. פּ.ס. — 2888. אַ פיליע פון פראַנקפורטער אינסטיטוט איז געגרינדעט געוואָרן אין לאָדזש, מערץ 1941.
11 דער אינסטיטוט איז געגרינדעט געוואָרן אויפן סמך פון גענ.=גוב. פראַנקס באַפעל פון 19 אַפּריל 1940 (פאַראָרדענונגס=בלאַט פון ג.־ג. 1940, ב. I, ז. 20).

אינסטיטוט ד"ר קאָבליין דערמאָנט אין זיין באַריכט, אַז די „פאַרשונגען איבער
דער יידן=פראַגע ווערן געפירט אין פאַרשטענדיקונג מיט די צענטראַלע פאַרטיי=
און מלוכה=אָרגאַנען אין זין פון פולשטענדיקן אויפקלערן דאָס יידן=פראָבלעם אין
אייראָפע".[12]

די דערמאָנטע פאַקטן באַווייזן, אַז די היטלערישע „וויסנשאַפט" איז געווען
אַ געווער אין דער אַגרעסיע=פאָליטיק און אין די פעלקערמערדערישע פּלענער.

דאָס, וואָס די דייטשישע וויסנשאַפט, וועלכע איז דעמלט געשטאַנען אין
דינסט פון היטלעריזם, האָט זיך צו יענער צייט דווקא פאַרנומען מיטן פאָרמו=
לירן דעם „ענד=ציל", איז לגמרי נישט געווען קיין צופאַל. ס'איז דאָך געווען אין
פעריאָד פון די לעצטע צוגרייטונגען צום אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד. שוין פרי=
ליגנ=צייט איז ראָזענבערג פון פאָרויס באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמיסאַר איבער
די ערשט שפעטער אָקופירטע ראַטנפאַרבאַנדישע געביטן. די באַדינגונגען פון
דער אָנגעשטרענגטער פאָליטישער סיטואַציע אין פרילינג 1941 זענען געווען
גינסטיקע אויף צו פאַרנעמען זיך נישט בלויז מיט טעאָרעטישע, נאָר אויך מיט
טעכנישע צוגרייטונגען צו דער מאַסן=ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקע=
רונג. די ווערמאַכט האָט זיך דערווייל געגרייט דורכצופירן די „מאַריטאַ"=אָפּע=
ראַציע". דעם 1=טן מערץ האָבן די דייטשישע באַוואָפנטע כוחות פאַרכאַפט בול=
גאַריע, און דעם 6=טן אַפריל זענען זיי אָנגעפאַלן אויף גריכנלאַנד און יוגאָסלאַ=
וויע. די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט איז דעמלט געווען געווענדעט צו די
באַלקאַנען. דאָס לאָזן אין גאַנג די אַנטי=יידישע פּראָפּאַגאַנדע מאַשין האָט דווקא
אין דעם דאָזיקן פעריאָד באַדאַרפט — צוליב דיווערסיע=טעמים — אָפּווענדן
די אויפמערקזאַמקייט פון דער עפנטלעכער מיינונג פון די היטלעריסטישע אַגרע=
סיע=אַקטן, ווי אויך די אויפמערקזאַמקייט פון די אונטעריאָכטע פעלקער פון די
פאַרברעכערישע פּלענער פון אָקופּאַנט לגבי זיי.

די היטלערישע מאַכט=אָרגאַנען — אומאָפּהענגיק פון זייער פּראָפּאַגאַנדע=
אַקציע — האָבן אַרויסגעגעבן אַ ריי פאַראָרדענונגען אויף צוצוגרייטן און אָרגאַ=
ניזירן טעכנישע איינריכטונגען צו דער פיזישער מאַסן=פאַרניכטונג פון דער באַ=
פעלקערונג. דער דיספּאָזיציע=פּונקט פאַר די פּלענער פון פעלקער=מאָרד איז גע=
ווען די רסה"א אָדער די צענטראַלע אַמטן פון עסעס, וואָס זענען שפּעטער גע=
וואָרן באַשטאַנדטיילן פון דערווירטשאַפטס=פאַרוואַלטונג הויפּט=אַמט (וו.פ.ה.א.).
שוין אָנהייב 1941 זענען אויף הימלערס באַפעל דורכגעפירט געוואָרן עקספּערי=
מענטן אויפן געביט פון סטעריליזאַציע מיט דער הילף פון רענטגען=שטראַלן.
דעם 28=טן מערץ 1941 האָט דער עסעס=אָבערפירער וויקטאָר בראַק, אַ העכע=
רער באַאַמטער פון דער פאַרטיי=קאַנצעלאַריע, איבערגעשיקט צו הימלערן אַ גע=

[12] ד. פרעל, דצ"ו, ז. 187.

נויעם באַריכט וועגן די רעזולטאַטן פון די דורכגעפירטע עקספּערימענטן,[13] אויפקלערנדיק דערביי, אַז מ׳קאָן די אָפּעראַציעס דורכפירן ביי דער פולשטענדיקער אומבאַוווסטזיניקייט פון די פּאַציענטן. יעדע אָפּעראַציע דויערט 2—3 מינוט, און ביים באַנוצן זיך מיט 20 אַפּאַראַטן וועט מען קאָנען סטעריליזירן 4000 מענטשן טעגלעך. בראַק בעט הימלערן וועגן ווייטערדיקע אינסטרוקציעס אויפן דאָזיקן געביט: „וואָס דאַרף מען אויפן דאָזיקן געביט טאָן פּראַקטיש און טעאָרעטיש?“.[14]

ווי מיר ווייסן פון אַנדערע געהיימע דייטשישע דאָקומענטן, האָט זיך הימלער שטאַרק אינטערעסירט מיט די דאָזיקע עקספּערימענטן, פּלאַנירנדיק צו באַנוצן זיך מיט סטעריליזאַציע אין מאַסן־מאַסשטאַב אַלס מיטל צו ביאָלאָגישער פעלקער־פאַרניכטונג. העס, דער קאָמענדאַנט פון לאַגער אין אָשוויענטשים, האָט אין די דערקלערונגען אויף זיין פּראָצעס אין וואַרשע דאָס זעלבע באַשטעטיקט. העס האָט דעמלט דערקלערט, אַז מיט די פאַרברעכערישע מעטאָדן פונעם פּראָפעסאָר קלובערג האָט מען זיך געזאָלט באַנוצן נישט אַזויפיל אין דער אקציע פון יידן־פאַרניכטונג, ווי פון די סלאַווישע פעלקער. „פון די געשפּרעכן מיט קלובערגן און מיט די פונקציאָנארן פון רסה״א, טאָמסאָנען און אייכמאַנען, ווייס איך, האָט העס דערקלערט, אַז הימלער האָט געפּלאַנט זיך צו באַנוצן מיט קלובערגס מעטאָדן צום ליקווידירן און ביאָלאָגיש אויסראָטן דאָס פּוילישע און טשעכישע פאָלק. ער איז געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז מ׳דאַרף ביידע פעלקער דערווייטערן פון די טעריטאָריעס, וואָס זיי פאַרנעמען, פון די טעריטאָריעס, וועלכע געהערן אָרגאַניש צום דייטשישן לעבנסרוים“.[15]

אין הסכם מיט דעם איז אויף דער קאָנפערענץ, וואָס איז גערופן געוואָרן דורך הימלערן דעם 27־טן מאַי 1941, באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פּראָפעסאָר קלובערג וועט זיינע עקספּערימענטן קאָנטינואירן אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין ראַווענסבריק.[16] מיט צוויי טעג שפּעטער האָט דער הויפּט־דאָקטאָר פון דער עסעס גראַוויץ מיטגעטיילט הימלערן, אַז ביים דורכפירן די דאָזיקע עקספּערימענטן טרעפט ער אָן אויף שוועריקייטן און גלייכצייטיק געבעטן צו באַזייטיקן זיי צוליב דער „וויכטיקער באַדייטונג פון די דאָזיקע האַנדלונגען אויף דער דעפּאָ־

[13] דאָקומ. נ.אָ. — 203 „באַריכט איבער די פּערזוכע בעטרעפענד רענטגענקאַסטראַציאָן“.

[14] דאָקומ. נ.אָ. — 203. בראַקס בריוו צו הימלערן.

[15] פּראָצעס פון העסן, ב. XXI, ז. 136.

[16] ראַפּאָרט פון רייכס־דאָקטאָר ס.ס. גראַוויץ פון 29 מאַי 1941 צו הימלערן, אַרכיוו פון ה.ק.פּ.ה.פּ., אַקט ד.צ. 213, דאָקומ. 551; וועגן עקספּערימענטן פון פּראָפ. קלאַובערג אויספירלעכער אין „ביולעטין“ פון ה.ק.פּ.ה.פּ., ב. I, ז. 110—113; פּראָצעס פון העסן, ב. XXI, ז. 135; „דער פּראָצעס“, ב. XXX, ז. 225.

פולאַציע=פּאָליטיק". דער פעלקערמערדערישער ציל פון די דערמאָנטע עקספּע=
רימענטן איז אויף אַזאַ אופן שוין באַשטימט געוואָרן. בערלין האָט וואַרשייגלעך
רעקאָמענדירט די אַמטן פון שופּאָ און פון ס.ד. אין די באַזונדערע פּראָווינצן,
מ'זאָל זיך באַנוצן מיט די דאָזיקע עקספּערימענטן, ווי מיט איינעם פון די אופנים
צו ליקווידירן די יידישע באַפעלקערונג. אויך דער דערמאָנטער העפּנער איז
אויף דער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּויזן דעם 16=טן יולי 1941,
אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּראָיעקט, „אַז מ'דאַרף אַלע יידישע פרויען, וועלכע קאָנען
געבוירן קינדער, סטעריליזירן, כדי דאָס יידן=פּראָבלעם זאָל פּאַקטיש ביים איצ=
טיקן דור געלעזט ווערן".[17]

די דאָזיקע ביאָלאָגישע אויסראָטונגס=מעטאָדן זענען אָבער נישט אָנגע=
ווענדעט געוואָרן לגבי דער יידישער באַפעלקערונג נישט אין וואַרטע=לאַנד און
נישט אויף די אַנדערע אָקופּירטע פּוילישע געביטן, ווייל די צענטראַלע היטלע=
רישע מאַכט=אָרגאַנען האָבן אויף די יידן שוין אַרויסגעגעבן אַן ענדגילטיקן טויט=
אורטייל. די דאָזיקע דערשיינונג איז אָבער שטאַרק כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּע=
ריאָד, ווען די היטלעריסטן האָבן געזוכט וואָס מער געהיימע און ווירקזאַמע מיט=
לען פון מאַסן=מאָרד.

אומאָפּהענגיק פון די אויבנדערמאָנטע עקספּערימענטן, זענען אין יענער
צייט אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ גאַנצע ריי פאַראָרדענונגען און דורכגעפירט געוואָרן
פאַרשידענע צוגרייטונגס=אַרבעטן. איינציייטיק מיטן צוגרייטן די ווערמאַכט צו די
קומענדיקע קריגס=אָפּעראַציעס, האָט די רסה"א זיך שטאַרק געגרייט אויסצופירן
די פעלקערמערדערישע פּלענער. די רסה"א, פאָרויסזעענדיק — אין הסכם מיט
די שוין פון פריער אויסגעאַרבעטע פּלענער — די מאַסן=דערשיסונגען פון דער
יידישער באַפעלקערונג אויף דער טעריטאָריע פון ראַטנפאַרבאַנד, האָט אָרגאַני=
זירט ספּעציעלע אָפּעראַציע=גרופּעס (איינזאַצגרופּן), וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט
דער דייטשישער אַרמיי און אין ענגער פאַרשטענדיקונג מיט איר אויסגעפירט
מאַסן=עקזעקוציעס. דעם 28=טן אַפּריל איז געשלאָסן געוואָרן אַ ספּעציעלער אָפּ=
מאַך צווישן היידריכן מיט דער אויבער=קאָמאַנדע פון דער ווערמאַכט וועגן דער
טעטיקייט פון די אָפּעראַציע=גרופּן.[18] אין שייכות מיט דעם זענען אין מאַי 1941,
ווי ס'דרינגט אַרויס פון שעלענבערגס און אָלענדאָרפס דערקלערונגען,[19] פאָרגע=

---

[17] אַקטן פון אַפּעלאַציע=געריכט אין פּויזן, אורטייל פון קרייז=געריכט אין ענין
העפּנער, ז. 24.

[18] „נירענבערגער פּראָצעס" נר. IX, ב. I, דאָקומ. נ.אָ. — 3422; וועגן דעם אָפּמאַך
דערמאָנט אַ געהיימער באַפעל פון אָ.ק.וו. פון 7 אָקטאָבער 1941.

[19] גבית=עדות פון שעלענבערג, שעף פון VI דעפּאַרטאַמענט אין ר.ס.ה.אָ. „נאַצי
קאָנספּיראַסי", ב. VI, ז. 23—420, דאָקומ. פּ.ס. — 3710; אָהלענדאָרפס גבית=עדות אין
„דער פּראָצעס", ב. XXXI, ז. 39—41, דאָקומ. פּ.ס. — 2620.

קומען ווייטערדיקע באַראַטונגען, אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליקט דער קוואַרטירמייסטער גענעראַל וואַגנער און אויך מיללער און שעלענבערג, די לייטערס פון די דעפּאַרטאַמענטן IV און VI פון רסה"א.

אַלענדאָרף האָט אויך אויפגעקלערט, אַז ס'זענען געשאַפן געוואָרן פיר אָפּעראַציע־גרופּן. די אָפּעראַציע־גרופּן האָבן זיך געטיילט אויף „איינזאַצקאָמאַנדעס", וועלכע זענען באַשטאַנען פון „זאָנדערקאָמאַנדעס" און פון קלענערע גרופּן, וואָס זענען צוגעטיילט געוואָרן צו פאַרשידענע דייטשישע אַרמייען און דיוויזיעס.

די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון די שופּאָ־אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט, אין הסכם מיט די געשלאָסענע אָפּמאַכן, מיט דער ווערמאַכט, איז געווען צו באַקעמפן די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, די מיטגלידער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, די ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, דאָס אויסמאָרדן די קאָמוניסטישע טוער, און אויך געוויסע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד. די לייטערס פון די אָפּעראַציע־גרופּן[20] האָבן שוין פיר וואָכן פאַר דער אַגרעסיע אויפן ראַטנפאַרבאַנד — לויט אַלענדאָרפן — דערהאַלטן קאָנקרעטע דירעקטיוון וועגן דער טעטיקייט פון זייערע גרופּן.

די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך גענוג לאַנג און זאָרגפעליק צוגעגרייט, באַנוצנדיק זיך אַפילו מיט „וויסנשאַפטלעכע" און אָרגאַניזאַציאָנעל־טעכנישע מיטלען, צו די פעלקערמערדערישע אָפּעראַציעס אויפן געביט פון ראַטנפאַרבאַנד.

---

[20] „דער פּראָצעס", ב. XXXI, ז. 40, אָהלענדאָרפס גבית־עדות וועגן דער אָנפירערשאַפט פון די באַזונדערע אָפּעראַציע־גרופּן און זייערע טעריטאָריעלע טעטיקייטס־געביטן.

אינהאַלט

זייט

אַריינפיר־וואָרט 5

קאַפּיטל איינס

פּלאַנירונג פון אַגרעסיע און פעלקער־מאָרד

1. די לאַגע אין דייטשלאַנד אין די יאָרן 1919—1933 . . 19
2. דער לאָזונג „לעבענסראַום“ פאַר דייטשן אַלס קלאַסן־קאָמפּלאַזש 30
3. די היטלעריסטישע ראַסן־„טעאָריע“ 37
4. אַנטי־יידישע עלעמענטן אין דער אידעאָלאָגיע פון דייטשישן פאַשיזם 44
5. די צוגרייטונגען פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד צו דער אַגרעסיווער מלחמה 49
6. די היטלעריסטישע אַנטי־יידישע פּאָליטיק נאָכן מינכענער אָפּמאַך . 60
7. די היטלעריסטישע אויסערן־פּאָליטיק ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה און די יידן־פראַגע 75

   א) דאָס פּראָבלעם פון עמיגראַציע פון יידישע פּליטים . . . 77

   ב) די היטלעריסטישע פּלענער צו דעפּאָרטירן די יידן אין די אַפריקאַנער קאָלאָניעס און די פאַרעטערישע פּאָליטיק פון די רעגירונגען פון ענגלאַנד און אַמעריקע 85

קאַפּיטל צוויי

די רעאַליזאַציע פון „בלוטלאָזן“ פּלאַן פון יידן־פאַרניכטונג (1939—1941)

1. די אַלגעמיינע ריכטליניעס פון דער פעלקערמערדערישער פּאָליטיק אין די אָקופּירטע פּוילישע געביטן 130
2. די ריכטליניעס פון דער היטלעריסטישער אַנטי־יידישער אויסראָטונגס־פּאָליטיק 137
3. די איבערזידלונג אַלס אינסטרומענט פון פעלקערמאָרד . . . 141
4. דער ציל פון די פּראָיעקטן וועגן אַ „רעזערוואַט“ אין לובלינער געגנט און אויף מאַדאַגאַסקאַר 150
5. די צוגרייטונגען צו דער אַגרעסיע אויפן ראַטנפאַרבאַנד . . . 164
6. די ווייטערדיקע קאָנצענטראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג . 167
7. די היטלעריסטישע אַנטי־יידישע געזעצגעבונג 174
8. די געטאָס 181
9. די פּאָליטיק פון שקלאַפישער אַרבעט 195
10. די יודענראַטן — אַ היטלעריסטישער אינסטרומענט פון יידן־אויסראָטונג 204
11. די פּסיידאָ־וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג פון פּלאַנירטן פעלקערמאָרד 215